ספר

# צאינה וראינה

עם

## נופת צופים

חלק שני

ווילנא

ЦЕЕНА УРЕЕНА,

Переводъ Пятикнижія на жаргонъ.

Съ прибавленіемъ „Науфетъ Цуфимъ“.

Съ Виленскаго изданія 1883 г.

Два тома въ трехъ частяхъ. Ч. II.

Дозволено цензурою 9 ноября 1888 года Вильна.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи С. І. Фина, А. Г. Розенкранца
и М. Шрифтзетцера.
На Лидскомъ переулкѣ домъ № 2598/12
1889.

ספר

# צאינה וראינה

על

## חמשה חומשי תורה

עם

## הפטרות וחמש מגילות ותרגום למגילות

בלשון אשכנז׳ עברי טייטש.

עשהו האלוף היקר החסיד כמהו׳ יעקב במהו׳ יצחק סק״ק יאנאווא

נם האבין מיר איצט גידרוקט נאך יעדער סדרה דעם היילגין ספר

## נופת צופים

וואס ער איז ארויש גיקליבין פון זוהר הקדוש מהתנא הקדוש רשב״י זלה״ה

אין דיזער הדפסה איז צו גיקומען זייער פיל נייש וואס ווערין אויס גירעכינט אין דער הקדמה אויף דעם צווייטן זייט.

## ווילנא

בדפוס של ר׳ ש״י פין. ור׳ א״צ ראזענקראנץ. ור׳ מ״מ שריפטזעטצער.

שנת תרמ״ט לפ״ק

# אקורצע הקדמה.

**דיזער ספר צאינה וראינה אדער טייטש חומש** איז זייער באוואוסט, אונ ער איז זייער פיל מאל גידרוקט געווארין, דאך איז אזא איין צאינה וראינה נאך ביז איצט ניט געוועזן, אין דיזען מאל איז פאר מערט אונ פאר בעסערט גיווארין מיט זייער פיל נייע זייער נייטיגע:

א) מיר האבין נאך יעדער סדרה גישטעלט דעם ספר **נופת צופים** וואס ביז דיא צייט זיינען זייא געוועזן צווייא באזונדערע ספרים, אין פערשידענע בענדער, אונ איצט האבין מיר גידרוקט אלץ צו זאמען אין איין באנד צו פאר בעסערין אונ פאר גרינגערין דעם נוץ.

ב) אלע פסוקים פון תנ"ך, אונ גמרות, אונ זוהר הקדוש, אונ ראש גלייכין אלע לשון הקודש ווערטער, וואס ווערין גיבראכט סייא אין טייטש חומש אונ סייא אין נופת צופים, האבין מיר אלץ גידרוקט מיט נקודות.

ג) גם האבין מיר ביי יעדין חודש גידרוקט איין לוח אויף פופציג יאהר, מען זאל וויסין ווען עס גיפאלט דער מולד, אונ וועלכער טאג איז ראש חודש, אונ ווען עס גיפאלט יום טוב, חנוכה, פורים, תעניתים, חמשה עשר, ל"ג בעומר, אונ ארבע פרשיות, גם וועלכע סדרות לייענט מען צוא זאמען, אונ ווען באזונדער, אונ אלס דייטליך אויף עברי טייטש.

ד) מיר האבין גידרוקט אלע ציורים, וואס זיינען גידרוקט געוועזן פון אלע מאל.

ה) גם דיא הדפסה בכלל איז זייער שיין, מיר האבין יעדער עמוד גידרוקט אין צווייא שפאלטין, אין שמאלע שורות, כדי עס זאל זיין לייכט צוא לייענען, אונ גוטין פאפיר. מיר האפין אז דער צאינה וראינה וועט אלעמען גיפעלין זיין.

**המדפיסים.**

אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל דָאשׁ זַיינֶן דִי שְׁטְרָאף רֵייד וָואשׁ מֹשֶׁה הָאט גֵירֶעט צוּ כָּל יִשְׂרָאֵל בַּיי דֶער זַייט פוּן דֶעם יַרְדֵן · עֶר הָאט זַיי פִיר גֵיצֵיילְט דִי עֲבֵירוֹת וָואשׁ זַיי הָאבְּן גִיטָאן · דָאשׁ עֶרְשְׁטֶע זַייא הָאבִּין בַּייז גִירֶעט אוּנ הָאבִּין גִיזָאגְט עֶשׁ וָואלְט בֶּעסֶער גִיוֶועזְן מִיר זָאלְן שְׁטַארְבְּן אִין דֶער מִדְבָּר · דָאשׁ אַנְדֶערֶע אִיר הָאט אַיין עֲבֵירָה גִיטָאן אִין פְּלַאץ פוּן עַרְבוֹת מוֹאָב אִין שִׁטִּים מִיט זְנוּת אוּנ מִיט דֶער אָפּ גָאט פְּעוֹר · אוּנ אִיר הָאט גִיזִינְדִיגְט בַּאלְד וִוי אִיר זַייט גִיקוּמֶן צוּם יַם אוּנ הָאט גִיזָאגְט אִיז דֶען נִיט דָא קֵיין קְבָרִים אִין מִצְרַיִם וָואשׁ דוּא הָאשְׁט אוּנְז אוֹיש גִיצוֹיגִין פוּן דָארְטִין צוּא טֵייטִין אוּנְז אִין דֶער מִדְבָּר · אוּנ דֶער נָאךְ הָאט אִיר בַּייז גִירֶעט אוֹיף דֶעם מַן וָואשׁ עֶר אִיז גִיוֶועזְן וַוייש אוּנ גוּט · אוּנ אִיר הָאט גִיזָאגְט עֶשׁ וֶועט אַייךְ דִי גִידֶערִים פוּן אִים גִישְׁוָואלִין וֶוערְן · אוּנ אִיר הָאט גִיזִינְדִיגְט בַּיי דִי מְרַגְּלִים אוּנ בַּיי קֹרַח אוּנ אִיר הָאט גִקְרִיגְט אוֹיף גָאט אוּנ אוֹיף מֹשֶׁה אוּנ אִיר הָאט דָאשׁ עֵגֶל גִימַאכְט דָאשׁ זַיינֶען זִיבִּין עֲבֵירוֹת · אוּנ אִין דֶער תּוֹכָחָה שְׁטֵייט וְיִסַּפְתִּי לְיַסְּרָה אֶתְכֶם שֶׁבַע עַל חַטֹּאתֵיכֶם אִיךְ וֶועל אַייךְ שְׁטְרָאפְן אוֹיף אִ׳יעֶרֶע זִיבִּין עֲבֵירוֹת · אוּנ דְרוּם הָאט זַייא מֹשֶׁה גִישְׁטְרָאפְט כְּדֵי זַייא זָאלְן חֲרָטָה הָאבְּן דְרוֹיף אוּנ זָאלִין וַוייטֶער קֵיין עֲבֵירוֹת נִיט טָאן · דֶען וֶוען דֶר רֹאשׁ הַקָּהָל אָדֶר דֶר רַב וֶוערְט נִיט דֶעם פָאלְק אַזוֹ שְׁטְרָאפְט אִים גָאט פַאר דֶעם פָאלְק · וְדִי זָהָב רַבִּי יַנַּאי זָאגְט מֹשֶׁה הָאט גִיזָאגְט צוּ גָאט וַוייל דוּ הָאשְׁט צוּ יִשְׂרָאֵל פִיל גָאלְד גִיגֶעבִּין דְרוּם הָאבִּין זַיי גִימַאכְט דָאשׁ עֵגֶל · רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ זָאגְט עֶשׁ אִיז אַיין מָשָׁל אַיין קוּא וָואשׁ דֶר בַּעַל הַבַּיִת גִיט אִיר עֶסִין פִיל הָאבֶּער אַזוֹ וֶוערְט זִיא פֶעט אוּנ שְׁלָאגְט דֶעם בַּעַל הַבַּיִת · אַזוֹ אוֹיךְ יִשְׂרָאֵל גָאט הָאט זַיי אַלְץ דָאשׁ גוּטְשׁ גִיטָאן אוּנ דוּרְךְ דֶעם הָאבְּן זַיי גִיזִינְדִיגְט אַנְטְקֶעגִין אִים · אַחַד עָשָׂר יוֹם מֵחוֹרֵב דֶּרֶךְ הַר שֵׂעִיר עַד קָדֵשׁ בַּרְנֵעַ מֹשֶׁה הָאט גִיזָאגְט זֶעהְט וִויא אִיר הָאט פַר זִינְדִיגְט דָאשׁ אִיר זַייט אַזוֹ לַאנְג גִגַאנְגְן אִין דֶר מִדְבָּר · דֶען נָאךְ פֶערְצִיג טָאג נָאךְ דֶעם אַרוֹישׁ גֵיין פוּן מִצְרַיִם זַייט אִיר גִיקוּמֶן קֵיין חוֹרֵב צוּם בַּארְג סִינַי · אוּנ פוּן חוֹרֵב אִיז עֶלְף טֶעג וַוייט קֵיין קָדֵשׁ בַּרְנֵעַ וָואשׁ דָאשׁ אִיז בַּיי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל · אוּנ אִיר זַייט דָאשׁ אַיין גִיגַאנְגֶן אִין דְרַיי טֶעג וַוייל גָאט הָאט גִיוָואלְט אִיר זָאלְט גִיךְ קוּמֶען קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל · אוּנ אִיר הָאט פוּן דָארְטִין גִישִׁיקְט דִיא מְרַגְּלִים אוּנ הָאט פַאר זִינְדִיגְט דָאשׁ אִיר זַייט אִיבֶּר גִיבְּלִיבְּן פֶערְצִיג יָאר אִין דֶר מִדְבָּר · אַחֲרֵי הַכּוֹתוֹ אֵת סִיחוֹן נָאךְ זַיין שְׁלָאגְן סִיחוֹן · מֹשֶׁה הָאט גִיוַוארְט צוּא שְׁטְרָאפִין יִשְׂרָאֵל בִּיז עֶר הָאט אַיין גִינוּמֶען דִיא צְוַויי שְׁטַארְקֶע מְלָכִים סִיחוֹן אוּנ עוֹג · אוּנ הָאט זַייעֶר לַאנְד גִיגֶעבְּן צוּ יִשְׂרָאֵל כְּדֵי דִי יִשְׂרָאֵל זָאלִין נִיט זָאגִין וָואשׁ הָאט אוּנְז מֹשֶׁה פַאר אַיין גוּטְשׁ גִיטָאן וָואשׁ עֶר שְׁטְרָאפְט אוּנְז · הוֹאִיל מֹשֶׁה בֵּאֵר אֶת הַתּוֹרָה מֹשֶׁה הָאט בַּאשַׁייד דִי תּוֹרָה צוּ יִשְׂרָאֵל אוֹיף שִׁבְעִים לָשׁוֹן חָאטְשֶׁע יִשְׂרָאֵל הָאבִּין אַלֵיין גִיהֶערְט דִי תּוֹרָה אוֹיף דֶעם בַּארְג סִינַי פוּן גָאט · דָאךְ הָאט מֹשֶׁה בַּאשַׁייד דִי תּוֹרָה צוּ דִי קִינְדֶר וָואשׁ זַיינֶען גִיבָּארִין גִיוָוארִין אִין דֶר מִדְבָּר · אוּנ חָאטְשֶׁע זַיי הָאבִּין גִיגְלוֹיבְּט וָואשׁ זַייעֶרֶע עֶלְטֶערִין הָאבְּן גִיזָאגְט דָאךְ הָאט מֹשֶׁה אַלֵיין גִיוָואלְט צוּ זַיי בַּאשַׁיידְן דִי תּוֹרָה אוּנ הָאט מִיט זַייא גִילֶערְנְט · אוּנ מֹשֶׁה הָאט גִיזָאגְט צוּא כָּל יִשְׂרָאֵל גָאט הָאט גִיזָאגְט אוֹיף דֶעם בַּארְג סִינַי אִיר זַייט שׁוֹין גִינוּג גִיזֶעסִין בַּייא דֶעם בַּארְג אִיר הָאט שׁוֹין דָא גִינוּג מִצְוֹת גִיטָאן · אִיר הָאט מְקַבֵּל גִיוֶועזְן דִיא תּוֹרָה אוּנ הָאט גִבּוֹיט דָאשׁ מִשְׁכָּן אוּנ הָאט גִיזֶעצְט סַנְהֶדְרִין דְרוּם צִיהְט וַוייטֶער · הַנָּהָר הַגָּדוֹל נְהַר פְּרָת דֶער טַייךְ פְּרָת אִיז דֶער קְלֶענְסְטֶער טַייךְ פוּן דִי פִיר טַייכִין וָואשׁ שְׁטֵייעֶן אִין בְּרֵאשִׁית נָאר וַוייל עֶר גֵייט בַּייא אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הֵייסְט עֶר גָדוֹל · דֶען דֶער וָואשׁ בַּאהֶעפְט זִיךְ צוּ אַיין חָשׁוּבְן מַאן וֶוערְט עֶר אוֹיךְ חָשׁוּב · דִיא

חכמים זאגין אין מדרש רבתי משה האט דרום אן גיהויבין אלה הדברים ווייל דיא תורה איז גלייך ווי איין בין דאש איר האניק איז זיס אונ איר גיפט שטעכט לייט • אזוא אויך איז דיא תורה איין סם חיים צוא די וואש האלטין זיא אונ איין סם המות צו דיא וואש האלטין זיא ניט דען הדברים איז טייטש בינגען להת להם ולזרעם אחריהם דער פסוק זאגט אונז דאש לאנד ארץ ישראל איז ווארין פריער גיגעבין צו די וואש זיינן ארויש גיגאנגן פון מצרים אונ דר נאך צו זייערע קינדר אונ דיר נאך צו די וואש זיינן ארויש גיגאנגן פון גלות בבל אונ דר נאך ווערט עש ווערן גיגעבין צו ישראל אין די טעג פון משיח • ככם אלף פעמים משה זאגט צוא ישראל איך גיב אייך איין ברכה וואש האט איין קצבה איר זאלט זיין טויזנט מאל אזו פיל וויא איר זייט • אבער גאט זאל אייך בענטשין אזו וויא ער האט גיזאגט דאש איר זאלט זיין אזו פיל ווי דאש שטויב פון דר ערד • איכה אשא לבדי טרחכם ומשאכם וריבכם משה זאגט די ישראל זיינן זייער שווער צו טראגן • דען ווען איינר ווערט אן דעם דין זאגט ער איך ווער אנדרע דיינים זעצין איך וועל נאך עדות ברייגגען • דרום האט משה גיזאגט איך קאן אליין אייך ניט משפטין • אונ ווען זיי האבן גיזעהען משה איז פריא ארויש גיגאנגן האבין זיי גיזאגט ער מוז זיין איין קרינגער אין דער היים • איז ער שפעט ארויש גיגאנגן האבין זיי גיזאגט איר מיינט משה טראכט אויף אייך נוטש ער איז גיזעסן א גאנצע נאכט אונ האט אויף אייך גיטראכט בייז • איין אב בית דין זאל צום הינטערשטין אריין גיין אין בית המדרש אדער אין שול כדי די לייט זאלין פר אים אויף שטיין • אונ זאל צום ערשטין ארויש גיין כדי מען זאל פאר אים אויף שטיין • אונ אטייל חכמים זאגין ער זאל דאש קהל ניט מטריח זיין צוא אויף שטיין פאר אים נייערט ער זאל צום ערשטין אריין גיין אין בית המדרש אונ זאל צום הינטערשטין ארויש גיין כדי קיינר זאל ניט זיין צו אויף שטיין פאר אים • ואצוה את שופטיכם בעת ההיא אונ איך האב גיבאטין צוא אייערע דיינים אין דר דאזיגר צייט דאש זיי זאלן ניט היילין דעם דין אויש צוא זאגין האטשע דר דין איז פיל מאל פר אים גיקומן פון דעסט וועגין זאל ער דאך טראכטין אין דעם דין צוא פסקנן אמת • ושפטתם צדק דאש איז טייטש דער דיין זאל איין פשרה מאכין דאש הייסט צדקה • לא תכירו פנים דר דיין זאל איינעם ניט ריידן גוטע רייד אונ דעם אנדרין בייזע רייד דען ער ווערט דורך דעם ניט קענן רעכט מענן • כקטן כגדול תשמעון דר דיין זאל צו הערין דעם משפט פון איין פרוטה גלייך ווי איין משפט פון הונדערט גילדין • לא תגורו מפני איש דער דיין זאל זיך ניט פארכטין פר קיין שום מענטש וואש שטייט פר אים צום דין • אונ ווייל משה האט פריער גיזאגט דער משפט איז צו גאט אונ דער נאך האט ער גיזאגט אלע הארבע זאכן זאלט איר ברייגגן צו מיר אונ האט זיך גלייך גימאכט צו גאט דרום איז ער גישטראפט גיווארין דאש ער האט פיל דינים פר געסן • ראה נתן יי אלהיך לפניך את הארץ עלה רש גאט זאגט צו משה זעה איך האב די שרים פון כנענים וואש אין הימל ארעפ גיווארפין פר ישראל דרום גייא אויף אונ ערב זייא • ויצא האמורי וירדפו אתכם כאשר תעשינה הדבורים די ישראל האבין ניט גיוואלט פאלגין צו משה אונ זיינען גיגאנגען מלחמה האלטין מיט אמורי • האבין דיא אמורים גישלאגין די ישראל אזו ווי די בינן בייסין • אונ אזו ווי די בין ווען זיא לאזט דעם גיפט אזו באלד פיגרת זיא • אזו אויך די אמורים זיינן אליין אויך גיטייט גיווארן אז זיי האבן איין ישראל גיהרגת אונ גאט האט גיזאגט עס איז גינוג צו אייך צו זיצין בייא דעם בארג סיני • גייט אונ רינגלט ארום דעם בארג שעיר אונ איר זאלט מיט אים קיין מלחמה ניט האלטין • דען שעיר איז איין ירושה צו

עשו ווייל ער האט ערלאך גיהאלטין זיין פאטער · דער מדרש רבתי שרייבט אין דר סדרה · דיא תלמידים פון רבי אליעזר האבן גיפרעגט צו רבי אליעזר זאג אונז וויא גרוייש איז דער שכר פון דעם וואש האלט ערלאך זיין פאטער אונ מוטער · האט ער צו זייא גיזאגט זעהט וואש איין נכרי האט גטאן אין אשקלון ער האט גיהיישין דמה בן נתינה דאש זיין מוטער איז משוגע גיוועזן אונ האט אים גישלאגין אין מארק פר אלע לייט · אונ ער האט גישוויגין אונ האט נאר גיזאגט גינוג מיין ליבע מוטער · איין מאל זיינגען די חכמים פון ישראל גיקומן צו דמה צו קויפן פון אים איין אבן טוב צום חושן דען ער האט גיהאט אזו איין אבן טוב · אונ זייא האבן צו אים גיזאגט זיי ווילין אים געבן טויזנט גילדין פר דעם אבן טוב · איז דמה גיקומען צום קאסטין איז זיין פאטער גישלאפן אויף דעם קאסטין האט ער אים ניט גיוואלט אויף וועקין · זיינן די חכמים אוועק גיגאנגן מיט נישט · אזו האבין די ישראל גימיינט ער וויל מער געלט האבין · האבין זייא צו אים גישיקט מיר ווילין דיר צעהען טויזנט גילדין געבין גיב אונז דעם אבן טוב · אונ אז דער פאטער איז אויף גישטאנען האט דמה גינומן דעם אבן טוב אונ האט אים גיבראכט צו ישראל · האבין די ישראל אים גיוואלט געבין צעהען טויזנט גילדין · האט דמה גיזאגט חס ושלום דאש איך זאל הנאה האבן ווייל איך האב מיין פאטער ערליך גיהאלטין איך וועל דעם שכר פון כיבוד אב ואם ניט פאר קויפין · איך וועל מער פון אייך ניט נעמען נאר אזו ווי איך האב פון אייך בגערט די טויזנט גילדין · אונ גאט האט אים זיין שכר בצאלט דאש אין דעם יאר איז אים גיבארין גיווארין איין פרה אדומה אין זיין שטאדע · אונ ער האט זיא פר קויפט מער ווי פר צעהען טויזנט גילדין · נוא זאל מען זעהען ווי גאט בצאלט דעם שכר פון כיבוד אב ואם · רבי שמעון בן גמליאל זאגט עס האט קיינר ניט ערלאך גיהאלטין זיין פאטר אזו ווי איך · אבר עשו האט נאך מער ערליך גיהאלטין פאטר אונ מוטר · דען איך באדין מיין פאטער אונ מוטער מיט באשמירטע קליידר · אונ אין מארק גייא איך מיט שיינע קליידר · אבער עשו האט די בעסטע קליידר אן גיטאן צו באדינן זיין פאטר · אזו ווי מיר גיפינען דאש רבקה האט צו יעקב אן גיטאן די שיינע קליידר פון עשו וואש ער האט אן גיטאן אז ער פלעגט גיין דעם פאטר באדינן כדי יצחק זאל מיינן דאש איז עשו אונ זאל אים בענטשין · אונ פון דעם כיבוד אב וועגן האט גאט גיזאגט מען זאל צו עשו גאר ניט טאן · עש שטייט אין ירושלמי רבי ישמעאל האט גלערינט אין בית המדרש אונ ווען ער איז גיקומען אהיים האט זיין מוטער אים גיוואשין דיא פיס אונ האט דאש וואסער גיטרונקען · אונ ווי רבי ישמעאל איז דאש גיוואר גיווארן האט ער זיך ניט גילאזט מער וואשין די פיס · איז די מוטער גיגאנגן אין בית המדרש אונ האט זיך גיקלאגט פאר די רבנים דאש רבי ישמעאל האלט זיא ניט ערלאך · זיינן זיי זייער דר שראקין גיווארין אונ זאגין צו רבי ישמעאל עס איז אונז איין גרוייש חידוש דאש דו זאלשט ניט ערלאך האלטן דיין מוטר · האט רבי ישמעאל גזאגט חס ושלום איך זאל ניט ערלאך האלטן מיין מוטער נאר זיא וויל טרינקן די וואסער פון מיינע פיס וואשין אונ איך וויל ניט · האבן די רבנן צוא אים גיזאגט ווען דאש איז איר ווילין מוזטו דאש טאן דען דאש איז אויך כיבוד אב ואם · כי יי אלהיך עמך לא חסרת דבר· דען גאט איז מיט דיר גיוועזן אונ דו בישט ניט וואורין גימינגערט קיין זאך · דען ווען איין גאסט קומט צו איין מענטשין · דעם ערשטין טאג גיט ער אים גישטאפטע קאם הינער · דעם אנדערין טאג גיט ער אים קעלבערנע פלייש · דעם דריטין טאג גיט ער

אים ארבעס · דעם פערטין טאג גיט ער אים נאך ווייניגר · אבער גאט האט גישפייזט די ישראל פערציג יאר אין דר מדבר אלע טאג גלייך דעם הינטערשטין טאג אזו וויא דעם ערשטין טאג · רב נחוניא זאגט עש איז ישראל מער ניט אפּ גיגאנגן אין דר מדבר נאר דאש ליידין מיט דעם מויל · דען וויא באלד ער האט עפעס גיוואלט האבין אזוא איז עש אים ווארין גיגעבין אונ וואש ער האט גיוואלט איז אים גיווארן פון דעם מן · האט ער גיוואלט קעלבערנע פלייש האט דר מן גהאט איין טעם פון קעלבערנע פלייש · האט ער גיוואלט הינער פלייש האט דר מן גיהאט איין טעם פון הינער פלייש · אונ אז ישראל האבין גיזעהן דאש גאט גיט זייא אלין דאש גוטש האבן זיי גאט גילויבט אונ האבין גזאגט יי רועי לא אחסר ווען גאט שפייזט מיך אזו בין איך ניט גימינערט קיין שום זאך · אל תצר את מואב דו זאלסט ניט באלעגערן מואב דען גאט באצאלט איטליכן זיין שכר · [illegible]ויי טעכטער פון לוט זיינן גילעגין ביי [illegible] פאטר אונ האבן גיוואונען קינדר פון [illegible] פאטר · אונ די עלצטע טאכטער האט ג[illegible] איר זון מואב דאש איז טייטש ער איז גיקומען פון מיין פאטער אזו האט זיא איר חרפה אויס גיזאגט · אבר די אינגשטע האט איר זון גירופין עמון דאש איז טייטש ער איז פון מיין פאלק אזו האט זיא בצניעות גרעט · דרום האט גאט גיזאגט צו משה מען זאל די קינדער פון עמון ניט דר שרעקין מיט קיין מלחמה · אבר די קינדר פון מואב האט גאט גיזאגט מען זאל מיט זייא קיין מלחמה ניט האלטין צו הרגנן זיי אבר מען מעג זיי דער שרעקין מיט מלחמה · אונ דרום האט גאט זייא ניט גיהייסין הרגנן ווייל משה ווערט באגראבין ווערן אין זייער לאנד · אויך וויל עש ווערט פון זיי ארויש קומן רות פון מואב אונ נעמה פון עמון וואש דאש מלכות ישראל ווערט פון זייא ארויש קומען · אויך האט גאט זיך איבער זייא דער בארימט ווייל זייער כוונה איז גיוועזן צוא גוטין דאש די וועלט זאל ווערין פון זייא גיבויט · דען אלע לייט פון סדום זיינען ווארין דער שלאגין · אזוא האבין די טעכטער פון לוט גימיינט דאש די גאנצע וועלט איז ווארין דר שלאגין אזו וויא ביי דעם מבול · דרום זיינען זיי גילעגין ביי זייער פאטר צו האבין קינדר דאש די וועלט זאל פון זיי גיבויט ווערין ·

תחת כל השמים גאט זאגט צו משה איך וועל דיין פארכט געבין אונטער גאר דעם הימיל דען אין דעם טאג וואש משה האט מלחמה גיהאלטין מיט עוג איז די זון גיבליבין שטיין אין הימיל אונ דר טאג איז לייגער גוועזן וויא אנדרע טעג אזו האט די גאנצע וועלט גיזעהן די וואונדר פון משה דאס ער האט גימאכט שטיין די זון · אונ אזו אויך איז די זון גיבליבן שטיין אין די טעג פון יהושע · אונ אויך צו נקדימון בן גוריון אזו וויא דיא גמרא זאגט אין תענית איין מאל זיינען ישראל גיגאנגן אויף יום טוב קיין ירושלים אונ האבין קיין וואסער ניט גיהאט צוא טרינקן איז נקדימון בן גוריון גיגאנגען צוא איין שר אונ האט בייא אים גיליען צוועלף ברונען וואסר אונ האט אים גישטעלט איין צייט צוא באצאלין אים · אונ אויב ער ווערט אין דער צייט ניט באצאלין קיין וואסר זאל ער אים געבין פאר איטליכין ברונים צעהען טויזנט גילדין · אונ אז עס איז דיא צייט גיקומען האט דר שר גישיקט צו נקדימון ער זאל אים באצאלין געלט · האט נקדימון גיענטפערט עס קען נאך היינט גיין רעגין · האט דר שר גישפעט אונ זאגט איין גאנץ יאר איז קיין רעגין ניט גיגאנגען אונ היינטיגין טאג ווערט גיין רעגין אונ דער שר איז פריילאך גיווארין אונ איז גיגאנגן אין מרחץ · אונ נקדימון איז גיגאנגן אין בית המקדש אונ תפלה גיטאן · אזו איז גיקומען איין גרוישער רעגין אונ האט אלע ברונים אן גפילט מיט וואסר מער וויא פריער

אזו האט נקדימון גישיקט צום שר גיב מיר
ארוים געלט איך האב דיר איבעריג וואסער
גיגעבין · ענטפערט דר שר די זון איז שוין
לאנג פאר נאנגען האסטו שוין עובר דעם
זמן גיוועזן · האט נקדימון ווידער תפלה
גיטאן איז גיווארין טאג אונ דיא זון האט
גישיינט · דער מדרש זאגט יהושע האט
גיזאגט צו דר זון שוויג שטיל · דען אז די
זון גייט זאגט זיא שירה צו גאט · אזו וויא
אין פסוק שטייט ממזרח שמש עד מבואו מהולל שם
ה׳ פון דעם אן הויב שיינען פון דער זון ביז
אין דעם פאר גיין טוט דיא זון לויבין גאט ·
דרום האט יהושע צוא איר גיזאגט שוויג
שטיל · האט די זון צו אים גיזאגט דו בישט
גאר קליין אנטקעגין מיר אונ וויא הייסטו
מיר שטיין · אונ נאך מער איך בין ווארין
בשאפין אום מיטוואך אונ דו בישט ווארין
בשאפין אום פרייטאג שפעטר פון מיר האט
יהושע גיזאגט איך בין אין בן חורין גליך
וויא אין זון ביי זיין פאטער אונ דוא ביסט
אין קנעכט · אונ ווען אפילו דער זון איז
קליין · שאפט ער מיט דעם קנעכט חאטשע
ער איז גרויש · אזו באלד האט זיך דיא זון
גישטעלט אין מיטין הימיל · רק הבהמה בזזנו לנו
ביא דער מלחמה פון סיחון האבין ישראל
אן גינומען גינוג קליידער אונ בהמות ·
אבער ביא דער מלחמה פון עוג שטייט
בזוט לנו דאש איז טייטש מיר האבין מבזה
גיוועזן צו נעמען קליידער אונ בהמות דען
עש איז אונז שוין נמאס גיווארין גאר זיי
האבין גאלד אונ זילבער גינומען כי הקשה ה׳
אלהיך את רוחו דען גאט האט הארט גימאכט
דאש הארץ פון סיחון ער זאל זיך ניט
לאזין גיין דורך זיין לאנד כדי ער זאל
ווערין פאר לארין דורך דיין האנט · דען
ווען דער רשע טוט ביז דריא פיר מאל
אונ טוט קיין תשובה ניט אזו מאכט גאט
הארט זיין הארץ ער זאל ווייטער אויך קיין
תשובה ניט טאן ער זאל פאר לארין ווערן ·

אונ אזו אויך האט גאט גיטאן צו פרעה ·
ויאמר ה׳ אלי אל תירא אותו גאט האט גיזאגט צו
מיר משה פארכט דיך ניט פאר עוג דען איך
האב אים שוין לאנג גיגעבין אין דיא הענט
פון ישראל נאך אין דיא טעג פון אברהם ·
דען אז אברהם האט מל גיוועזן זיין זון יצחק
האט ער גימאכט אין גרוישע סעודה · איז
גיוועזן אויף דר סעודה עוג אונ אנדרע שרים
האבין זיי גיזאגט צו עוג דוא האשט גיזאגט
אברהם ווערט קיין קינדער ניט האבין זעה
וויא גאט האט אים אין זון גיגעבין · האט
עוג גיענטפערט ווען איך וועל מיין קליינעם
פינגער אויף אים ארויף לייגין אזו ווערט ער
שטארבין · האט גאט גיזאגט דו רשע דוא
ביסט אים מבזה דוא ווערשט זעהען דאש
זיינע קינדר ווערין זיין פיל וויא זאמד אין
ים אונ דו ווערשט פאלין אין זיירע הענט ·
אונ אז די ישראל זיינען גיקומען אויף דעם
גרענעץ פון זייער לאנד איז משה מיט דיא
ישראל גיגאנגען גאנץ פריא פאר דר שטאט
אדרעי · האבין זיי גיזעהן דאש עוג זיצט
אויף דעם מויער גאנץ הויך אונ דיא [illegible]
גרייכין ביז דר ערד זיא זיינען לאנג גיוועזן
אכט אונ דרייסיג איילין · איז משה ווארין
דער שראקין · האט גאט צוא אים גיזאגט
פארכט דיך ניט פאר אים · אונ עוג האט
ארויש גיריסין אין גרוישין בארג אונ האט
גיוואלט ווארפין אויף ישראל · אזוא האט
משה גינומען אין שטיקיל ערד אונ האט
גיזאגט דרויף דעם שם המפורש אונ האט
עש אויף אים ארויף גיווארפין · אזו איז דר
בארג אויף גיהאלטין גיווארין אויף זיין קאפ
אונ דרום האבין אונזערע חכמים גיזאגט עש
וואלט ראוי גיוועזן צו זאגין שירה ביא דער
מלחמה פון סיחון אונ עוג אזו וויא ביי דעם
ארויש גיין פון מצרים · נאר דוד המלך איז
גיקומען אונ האט דרויף שירה גיזאגט · אזו
וויא אין פסוק שטייט לסיחון מלך האמורי כי לעולם
חסדו: ולעוג מלך הבשן כי לעולם חסדו:

חזון ישעיהו בן אמוץ דאש איז דיא נבואה פון
ישעיהו. וואש ער האט נביאות גיזאגט
אויף דעם לאנד יהודה אונ אויף ירושלים אונ
האט ישראל גישטראפט אויף זייערע עבירות
דאש זיא זאלין פרום זיין אונ ירושלים זאל
ניט חרוב ווערין אונ אזוא האט ישעיה גיזאגט
שמעו שמים הערט צוא איר הימלען אונ פאר
נעם דוא ערד מיינע רייד דאש איר זאלט זיין
עדות אין ישראל אויב זייא ווערין ניט האלטין
דיא תורה אונ אזוא האט ישעיהו גיזאגט צוא
ישראל פון גאטש וועגין זעהעט דיא הימלען
וואש איך האב באשאפין צוא באדינען אייך
אויב זייא האבין עפעש פאר ענדערט פון
זייער דינשט אויב די זון פאר פעלט צו שיינען
אדער צוא לייכטין אייך אונ דיא זון איז זיך
נאך משמח אין איר ארויש גיין צוא באדינען
אייך כדי צוא טאן מיין ווילין אזוא וויא אין
פסוק שטייט והוא כחתן יוצא מחופתו דיא זון איז
זיך משמח אזוא וויא איין חתן וואש גייט
ארויש פון זיין חופה אונ זעהעט אויף די ערד
אויב זיא האט פאר ענדערט פון צוא באדינען
אייך ווען איינער מאכט זייען קארין אדער
ווייץ מאכט זיא דען ניט וואקסין דאש וואש
מען פאר זייט · נוא וואלט איר ישראל זיך
גידארפט לערנען פון הימיל אונ ערד וואש
זייא טוען זייער דינשט וואש גאט האט זייא
גיבאטין חאטשע זייא ווערין קיין שכר ניט
האבין פאר זייער דינשט מכל שכן איר ישראל
וואש איר ווערט האבין שכר אז איר ווערט
טאן גאטש דינשט אונ אויב ניט ווערט איר
גישטראפט ווערין · גיהערט איר בוודאי צוא
האלטין גאטש דינשט · רבי בנאה זאגט ווען
איין מענטש טוט עפעם בייז קומען דיא עדים
אונ הויבין אים אן פריער שלאגין אזוא וויא
אין פסוק שטייט יד העדים תהיה בו בראשונה
אזוא אויך האט ישעיהו גיזאגט איר הימיל אונ
ערד איך נעם אייך צוא עדות ווען ישראל
ווערין זינדיגין זאלט איר זייא פריער שטראפין
דער הימיל זאל ניט געבין זיין טויא אונ רעגין ·
אונ דיא ערד זאל ניט מאכין וואקסין איר
פרוכט שמעו שמים והאזיני ארץ ישעיהו האט
גיזאגט הערט צוא הימלען אונ פאר נעם דוא
ערד מיינע רייד אונ משה רבינו האט גיזאגט
פאר נעמט איר הימלען אונ הער צוא דוא ערד

ווייל משה איז נאהענט גיוועזן צום הימיל דרום
האט ער גיזאגט פאר נעמט איר הימלען
מיינע רייד אונ פון דער ערד איז ער ווייט
גיוועזן דרום האט ער גיזאגט הער צו דוא ערד
אזו וויא מען שרייט צוא איינעם פון דער
ווייטין דאש ער זאל צוא הערין אבער ישעיה
איז ווייט גיוועזן פון דעם הימיל דרום האט ער
גיזאגט הערט צוא איר הימלען אונ פון דער
ערד איז ער נאהענט גיוועזן דרום האט ער
גיזאגט פאר נעם דוא ערד אונ דרום האט ער
גינומען הימיל אונ ערד פאר עדות דען עש
איז גלייך וויא איין מענטש שטראפט דעם
אנדערין פאר זיין קרוב אונ זאגט ווייל דיין
קרוב איז דער ביא דרום טוא איך דיר איין
התראה פאר אים דוא זאלשט דאש נארעשקייט
מער ניט טאן אזוא אויך דער מענטש
איז ווארין באשאפין דיא נשמה פון הימיל
אונ דער גוף פון דער ערד אזו זיינען הימיל אונ
ערד דעם מענטשינש קרובים דרום האט
משה אונ ישעיה גיזאגט מיר טוען אייך התראה
פאר אייערע קרובים דאש איר זאלט פרום
זיין אונ נאך איין פשט איז זייא האבין דרום
צוא עדות גינומען הימיל אונ ערד ווייל זייא
לעבין אייביג אבער מענטשין קענען שטארבין
אונ אויך דער מענטש קען פון דער ערד ניט
אנטלויפין אזוא קען אים דאש עדות אלע צייט
גיפינען אונ דיא הימלען שרייבין אן דיא
עבירות וואש דער מענטש טוט אזו וויא אין
פסוק שטייט יגלו שמים עונו די הימלען אנטפלעקן
זיינע עבירות אונ דיא ערד זאגט אן וואש
פאר איין עבירה דער מענטש האט גיטאן אזו
וויא אין פסוק שטייט וארץ מתקוממה לו דיא
ערד שטייט אויף צוא זאגין צום מענטשינש
זיינע עבירות · אונ נאך איין פשט איז די תורה
איז ווארין גיגעבין אויף דעם הימיל אונ אויף
דער ערד דען גאט האט אראפ גינידערט
דיא הימלען אויף דעם בארג סיני אונ האט די
תורה גיגעבין דרום האט משה אונ ישעיה
זיי פאר עדות גימאכט דאש ישראל זאלין ניט
עובר זיין דיא תורה נאך איין פשט איז עש
איז איין משל ראובן האט גיגעבין איין
פקדון באהאלטין צוא שמעון אונ ראובן איז
גישטארבין קומט דער זון פון ראובן צו שמעון
אין הויז אונ איז מכבד שמעון מיט זיין ווייב

האבן

האבין דיא לייט אים גיפרעגט ווארום בישטו מכבד דאש ווייב פון שמעון ענטפערט דער זון פון ראובן איך ווייש ניט בייא ווע֗מען מיין פקדון איז אויב בייא שמעון אדער בייא זיין ווייב דרום בין איך זייא ביידע מכבד כדי בייא וועמען מיין פקדון איז זאל ער אים רעכט היטין אזוא אויך זאגט משה אונ ישעיה איך וועל שטארבין אונ ווייש ניט וואו מיין נשמה וועט אהין קומען אויף דעם הימיל אדער אויף דער ערד דרום האבין זיי כבוד אן גיטאן צום הימיל אונ ערד אונ האבין זייא גימאכט פאר עדות כדי וואו הין זייער נשמה וועט קומן זאל זיא זיין גיהיט אבער נאט האט גיזאגט צוא משה דיין נשמה וועט זיין הינטער דעם כסא הכבוד די חכמים זאגין אין מסכת מגילה איין אשה וואש האלט זיך בצניעות איז זיא זוכה דאש עש קומען פון איר ארויש קינדער צדיקים אונ נביאים אזוא וויא מיר גיפינען ביי תמר דאש זיא האט זיך בצניעות גיהאלטין איז פון איר ארויש גיקומען דוד המלך אונ ישעיהו הנביא דען תמר איז זייער בצניעות גיוועזען זיא האט איר פנים ניט גיוויזין בייא איר שווער יהודה אין הויז אונ דרום האט זיא יהודה ניט דער קענט אויב זיא איז זיין שנור אונ איז בייא איר גיוועזען׳ איז פון איר ארויש גיקומען דוד המלך אונ ישעיה הנביא אונ נאך אנדערע נביאים בנים גדלתי ורוממתי גאט זאגט איך האב דיא ישראל דער צויגין מיט תורה אונ מעשים טובים אזו וויא מען דער ציהט איין קינד אונ האב זייא דער הויבט מיט מיין שכינה אונ זייא האבין מיין תורה פאר לאזט אונ האבין אין מיר ווידער גישפעניגט ידע שור קונהו איין אקס וואש האט קיין שכל ניט ווייסט דאך זיין הארין וואש האט אים גקויפט אונ איין איזיל וואש איז ניט אזו קלוג ווייסט ער דאך דיא קאריטע וואש זיין האר גיט אים אין איר עסין אונ ער קומט אלע מאל צוא זיין קאריטע אבער ישראל האבין שכל אונ איך האב זייא פיל גוטש גיטאן אונ זייא ווילין זיך ניט דער קענען דיא חכמים זאגין ווען מען האט איינעם מלקות גישלאגין האט מען גינומען איין רימען פון איין אקס אדער פון איין איזיל דען גאט זאגט לאז קומען דר אקס אדער דאש איזיל וואש האבין קיין שכל

ניט אונ דער קענען דאך זייערע הארין אונ לאזין גיצאלט ווערין פון ישראל וואש האבין שכל אונ דער קענען ניט זייער הארין׳ דער מדרש שרייבט גאט זאגט צוא ישראל איר דארפט אייך פון דיא בהמות אפ לערנען מיך צוא דינען דען עש איז גיוועזען איין מעשה בייא אליהו דאש דיא ישראל האבין עבודת כוכבים גידינט אונ עש איז גיוועזען פינף הונדערט פאלשע נביאים האט אליהו צוא זייא גיזאגט קלייבט אייך אויש צווייא אקסין וואש זיינען איין צווילונג אונ האבין זיך בייא אנאנדער גיפאסעט אונ זיינען וואריין דער צויגין בייא אנאנדער אונ ווארפט אויף זייא גורל איינער זאל זיין צוא גאט אונ דער אנדערער צוא דער אפ גאט בעל אונ מען זאל זיי מקריב זיין איך וועל מקריב זיין צוא גאט אונ איר צוא דער אפ גאט בעל אונ מען זאל קיין פייער ניט ברייננגען נאר איטליכער זאל בעטין צוא זיין גאט אונ וועלכער גאט עש וועט געבין פייער פון דעם הימל דעם גאט זאל מען דינען אזו האבין זייא גורל גיווארפין איז דער אקס וואש אויף אים איז גיפאלין דער גורל צוא גאט איז ער באלד גילאפין צוא אליהו אונ האט גיוואלט מען זאל אים מקריב זיין אונ דר אקס וואש אויף אים איז גיפאלין דר גורל צו דער עבודת כוכבים האט ער ניט גיוואלט גיין צו זיין איין קרבן צוא דער עבודת כוכבים האבין זיך איין גיזאמילט אלע פינף הונדערט פאלשע נביאים אונ האבין אים ניט גיקענט רירין איין פוס פון דער ערד האט אליהו אויף אים אן גישריען אונ האט גיזאגט גייא מיט זיי האט דער אקס גיענטפערט פאר אלע פאלשע נביאים אונ האט גיזאגט איך אונ מיין חבר דער אנדערער אקס זיינען מיר אין איין בויך גילעגין בייא אונזער מוטער אונ זיינען אין איינעם דער צויגין גיווארין אין איין שטאל זאל מיין חבר זיין איין קרבן צוא גאט אונ איך זאל זיין איין קרבן צוא דער אפ גאט צו דער צערענגען מיין באשעפער דרום וויל איך ניט גיין׳ האט אליהו גיזאגט צוא דעם אקס גייא דען דורך דיר וועט גיהייליגט ווערין גאטש נאמען דאש נאר דיא וועלט וועט זעהען דאש זייער אפ גאט האט קיין כח ניט צו געבין פייער פון דעם הימיל האט דער אקס גיזאגט איך

שווער

שווער דאש איך ווער ניט גיין אליין נאר דוא אליהו מוזט מיך איבער ענטפערין צו זיי· אזו זויא אין פסוק שטיט ויקחו את הפר אשר נתן להם אליהו זייא האבין גינומען דעם אקס וואש אליהו האט זייא גיגעבין דאש האט גאט גיזאגט איר האט זיך גידארפט לערנן פון דעם אקס· אונ אויך זאגט גאט ומסוף השמים יתכסו דאש איז טייטש די ישראל וואלטין זיך גידארפט לערנען פון דיא פויגיל וואש פליהען אונטער דעם הימיל דען אז אליהו איז אנטלאפין אין דער מדבר פאר אחאב מלך ישראל האבין אים די פויגיל וואש הייסין ראבין גיבראכט פלייש אונ ברויט פון דעם הויז פון יהושפט מלך יהודה אונ זייא האבין ניט גיבראכט פון דעם הויז פון אחאב ווייל מען האט דארטין גידינט עבודת כוכבים האבין זיי ניט גיוואלט דאש אליהו זאל הנאה האבין פון עובדי כוכבים· אונ מיר גיפינען אויך דאש עש איז גיוועהן איין מעשה בייא רבי פנחס בן יאיר דאש ער איז גיקומען מיט זיין אייזיל אויף איין הארבעריג האט מען דעם אייזיל גיגעבין עסין גערשטין האט ער ניט גיוואלט עסין ווייל מען האט דער פון קיין מעשר ניט אפ גישייד· דאש זאגט ישעיה איין אקס דער קענט זיין הארין אונ איין אייזיל דער קענט זיין עסין דאש עש איז ניט גימעשרת אונ איר ישראל ווילט גאט ניט קענען דרום ווערט אייער לאנד חרוב זיין אונ פרעמדע ווערין אויף עסין אייער גוטש אונ דיא שטאט ירושלים ווערט איבער בלייבין אזוא וויא איין בידיל אין ויין גארטין וואש עש בלייבט לידיג ווען דער שומר גייט דער פון ארויש נאך דעם אז מען רייסט אפ דיא וויין טרויבין אזוא ווערט די שטאט אויך לידיג בלייבין זאגט גאט ווען איר קומט אין בית המקדש צו ווערין גיזעהען מיט אייערע קרבנות ווער באגערט עש פון אייך דאש איר זאלט קומען אין מיין הויף תפלה צו טאן ווען אייער כוונה איז ניט גוט· דיא חכמים זאגין תפלה איז בעסער פון קרבנות מלאתי משפט דיא שטאט ירושלים איז גיוועזן פול מיט משפט רבי פנחס זאגט פיר הונדערט אונ איין אונ אכציג שולין איז גיוועזן אין ירושלים אונ אז אספיינוס קיסר איז גיקומען האט ער זייא אלע חרוב גימאכט צדק ילין בה גירעכטיקייט האט אין איר איבער גינעכטיגט רבי סימון זאגט עש האט קיין מענטש ניט איבער גינעכטיגט אין ירושלים מיט איין עבירה דען אויב ער האט גיטאן איין עבירה בייא טאג האט דער קרבן תמיד פון פאר נאכט מכפר גיוועזן האט ער איין עבירה גיטאן בייא נאכט האט דער קרבן תמיד פון אין דר פריא מכפר גיוועזן אבער איצונד זיינען אין דער שטאט פיל רוצחים· דיין זילבער איז פאלש אונ דיין גיטראנק איז צוא מישט מיט וואשער אונ דיא דיינים נעמען שוחד פאלש צוא פסקענען קיין יתום ווילין זייא קיין משפט ניט געבין אונ דיא אלמנה וויל שוין גאר ניט קומען פאר זייא מיט איר משפט רבי לוי זאגט איין מעשה איז גיוועזן איין אשה האט צום דיין גיבראכט איין זילבערנעם לייכטער אונ די אנדרע וואש האט מיט איר דעם משפט גיהאט האט גיבראכט צום דיין אגילדערנע כלי זאגט דיא אשה עש זאל לייכטין דער דין אזוא וויא דער זילבערנער לייכטער האט דער דיין גיזאגט דאש גאלד האט באדעקט אויף דעם זילבר· ווען איין יתום איז גיקומען צום דיין ער זאל געבין אים איין משפט האט דער דיין גיזאגט האק מיר האלץ אונ טראג מיר וואשער צווייא טעג ווער איך דיר איין משפט געבין· האט דער יתום דער ווייל זיין געלט אויף גיגעסין איידער ער האט איין משפט באקומען· אונ וויא ער איז אוועק גיגאנגען האט אים באגעגינט איין אלמנה האט זיא אים גיפרעגט וויא איז מיט דיר גיגאנגען האט דער יתום גיזאגט איך האב מיין געלט אויף גיגעסין אונ האב קיין דין ניט באקומען האט דיא אלמנה גיזאגט ווען ער איז איין מאנזביל אונ קען קיין דין ניט באקומען וואש זאל איך ארימע אלמנה טאן אזו גייט זיא אהיים אונ וויל שוין נאר פאר דעם דיין ניט גיין ציון במשפט תפדה די שטאט ציון ווערט ווערין אויש גילייזט ווען זיי ווערין רעכט משפטין אונ די ישראל ווערין זיך אום קערין אין איר דורך דער צדקה וואש זייא ווערין געבין· אמן כן יהי רצון:

אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל רבי יצחק מיט רבי יהודה זיינען גיגאנגען אין וועג זיינען זיי גיקומן צו אזו איין ארט וואש הייסט כפר סיכנין דארטין האט גוואונט רב המנונא סבא זיינן זיי איין גישטאנגן ביי אים אין שטוב ער איז אליין ניט גיוועזן ווארום ער איז שוין נפטר גיווארן איז דארטן אין שטוב גיוועזן זיינם אקליין קינד פון פינף יאר ער איז גיוועזן ביי זיין רבי אז ער איז אהיים גיקומען זאגט אים דיא מוטער זייא זיך מקרב צו די חכמים זיי זיינן חשובי לייט דו וועסט פון זיי גיבענטשט ווערין האט ער גיוואלט צו גיין צו זיי אונ איז צוריק גילאפין אונ זאגט צו דער מוטער איך וויל זיך צו זיי ניט מקרב זיין ווייל זיי האבין היינט ניט גילייענט קיין קריאת שמע אונ אזו האט מען מיט מיר גילערינט ווער עש לייענט ניט קיין קריאת שמע איז ער דעם טאג בנדוי וויא זיי האבין דאש דער הערט האבין זיי זיך זייער פר וואונדערט אונ האבן אויף גיהייבן זייערע הענט אונ האבין אים גיבענטשט אונ זאגין עס איז בוודאי אזו נייערט מיר האבין דעם טאג עוסק גיוועזן במצות חתן וכלה זיי האבין ניט גיהאט וואש זיי דארפין צו דער חתונה זיי זיינן גיוועזן זייער ארום האבין זייא דורך דעם ניט גיקאנט חתונה האבין אונ קיינר האט זיך ניט גוואלט מתעסק זיין מיט זיי האבן מיר גמוזט זיך מתעסק זיין אין דער מצוה דורך דעם האבין מיר קיין צייט ניט גיהאט לייענן קריאת שמע דען מיר האבן גלערינט ווער עס איז עוסק אין איין מצוה איז ער פטור פון דר אנדערר מצוה · זאגין זיי צו אים וויא אזו האסטו דאש גוואוסט אז מיר האבן היינט ניט גלייענט קיין קריאת שמע זאגט דאש קינד צו זיי איך האב דר קענט אין דעם ריח פון אייערע קליידער האבין זיי זיך זייער פר וואונדערט דר נאך האבן זיי זיך גוואשין צו דעם עסין אונ האבין גמאכט איין ברכה איבר דעם ברויט · אונ די הענט פון רבי יהודה זיינן גיוועזן פאר שמירט אונ האט איין ברכה גמאכט איידער ער האט זיך גיוואשין זאגט ער צו זיי איר וואלט גיוועזן די תלמידים פון רבי שמעיה חסיד וואלט איר ניט גדארפט מיט פר שמירטע הענט איין ברכה מאכין ווארום דרויף איז מען חייב מיתה הייבט אן דאש קינד צו זאגין עס שטייט בבואם אל אוהל מועד ירחצו מים ולא ימותו פון דעם פסוק לערנן מיר אפ ווער עש האט אויף זיך ניט חס אונ ווערט גיזעהן פאר דעם מלך ניט מיט קיין ריינע הענט איז ער חייב מיתה ווארום די פינגער פון דעם מענטשן זיינען כרמז אויף גרוישע זאכין ער זאגט ווייטער גרוישע סודות אונ דרום ווייל דיא פינגער זיינען מרמז אויף גרויסע סודות דרום מוז זיין אלע ברכות פון די כהנים דורך די פינגר אונ אז מען לויבט צו הקב"ה מוזין די פינגער ריין זיין אונ דורך דעם ווערט הקב"ה גבענטשט פון דעם היילגן פאלק אונ איר זייט אזעלכע גרויסע חכמים פר וואש גיט איר דרויף ניט אכטונג אונ איר האט ניט משמש גיוועזן צו רבי שמעיה חסיד דען ער האט גיזאגט אלע זאכין וואש זיינען ניט ריין נאר פאר שמירט מיט טינוף ולכלוך דאש איז מצד הטומאה דען דר צד הטומאה ווערט נאר גשפייזט פון אום ריינע זאכן אונ דרום איז איין חוב צו וואשין די הענט מיט מים אחרונים פר דעם בענטשין ווארום די קליפה הייסט חובה דרום איז די וואשער איין חוב וויא זיי הערין די רייד פאר וואונדערין זייא זיך אונ קענן ניט ריידין זאגט רבי יהודה צו אים מיין קינד ווער איז דיין פאטר אונ וויא אזו איז זיין נאמן האט דאש קינד אביסיל שטיל גישוויגין ער איז צו גיגאנגן צו דער מוטער אונ האט זיא גיקושט אונ זאגט צו איר די חכמים פרעגין מיך אויף מיין פאטער זאל איך זייא זאגין ווער ער איז זאגט זיא צו אים מיין קינד האסטו זייא בודק גיוועזן וואש זיי זיינען זאגט ער איך האב בודק גיוועזן אבער איך האב אין זיי גאר ניט גפונען וויא אזו עש דארף צו זיין האט אים דיא מוטער עפעס גיזאגט שטילער הייד דער נאך איז ער צו זיי גיגאנגען אונ זאגט איר פרעגט מיך אויף מיין פאטער ער איז שוין גישטארבין אונ אלע צייט אז די היילגע חסידים גייען אין וועג אריין גייט ער זייא נאך גלייך וויא ער איז איין סוחר איינער פון זיי אונ ווען איר וואלט זיין רעכטע לייט קדושים עליונים וויא אזו וואלט איר אים ניט גיפינען אויף דעם וועג בתחלה האב איך אין אייך גזעהן ניט קיין רעכטע זאכן אונ איצונד זעה איך נאך מער אין אייך דען מיין פאטער ווערט נאר גיזעהן צו דעם וואש ער האט אויף זיך דעם עול התורה אזו וויא איין חמור דאש הייסט ער איז איין חמור דאורייתא ווארום איין

תלמיד חכם הייסט חמור דאש מאכט תכם מופלג ורב בגן צו אזעלכע מענטשין באווייזט ער זיך נים צו איין אנדערין · אונ וויל איר האט ניט זוכה גיוועז ער זאל זיך צו אייך באווייזין דרום וועל איך אייך ניט זאגין ווער ער איז · זאגט רבי יהודה צו רבי יצחק מיר דאכט אז ער איז ניט קיין מענטש זיי האבן גיגעסן אונ דאס קינד זאגט דברי תורה אונ חידושי התורה · וויא זיי האבן אפ גיגעסן זאגין זיי צו אים גיב אונז איין כוס וועלין מיר בענטשין זאגט ער איר זאגט רעכט דען דר שם הקדוש ווערט ניט גבענטשט נייערט מיט הזמנה גלייך וויא מען גרייט אן איין ארט צו איין זאך אזו מוז מען פריער מאכין איין הזמנה דאש הייסט מען זאל זאגין מיר ווילן בענטשין ער הייבט אן צו זאגן עס שטייט אברכה את יי בכל עת וואס האט דוד המלך דר מיט גמיינט וואש ער האט גיזאגט אברכה נאר ער האט גיזעהן אז מען מוז האבין איין הזמנה דרום זאגט ער אברכה הייסט דאש הזמנה אזו זאגט איר אויך רעכט הב ונברך דען אז איין מענטש זיצט בייא דעם טיש רוט דארטין די שכינה אונ דר צד הקליפה שטייט אויך דארטין ווען דער מענטש גרייט זיך אן צו דעם בענטשין להקב"ה אזו ווערט דער צד הטומאה נדחה אונ אונטר טעניג פאר דער צד הקדושה ער איז ניט אין דעם כלל ווייל דער מענטש באגערט דעם צד הקדושה מיט דר הזמנה אבר אז דער מענטש גרייט זיך ניט אן צו בענטשין להקב"ה אזו איז זיך דער צד הטומאה משמח ער שפרינגט צו זיין בייא אים ער זאל האבין איין חלק אין דער ברכה אויב דו וועסט פרעגין פאר וואש בייא אנדרע ברכות דארף מען ניט האבן קיין הזמנה נאר בייא דעם בענטשין · קום אונ זעה עס איז בוודאי אזו ווען איין מענטש מאכט איין ברכה אויף איין פרי הייסט די פרי איין הזמנה אונ אז מען מאכט איבר איר איין ברכה אזו האט שוין דר צד הטומאה קיין חלק ניט אין דעם דען די פרי וואס זיא איז אין דעם רשות פון צד הטומאה מאכט מען דאך איבר איר ניט קיין ברכה דהיינו ווען זיא איז נאך ערלה איז זיא ברשות הטומאה וואש זיא הייסט ערלה דרום שטייט דר ביי לא יאכל מען זאל דרויף קיין ברכה ניט מאכן כדי דר צד הטומאה זאל ניט גבענטשט ווערן ווייל זיא איז נאך אין איר רשות אבער דער נאך אז זיא גייט ארויש פון איר רשות אזו ווערט זיא גיגעסן אונ מען מאכט איבר איר אברכה הייסט דאש די הזמנה אונ דער צד הטומאה האט שוין אין דעם קיין חלק ניט אויב דו וועסט פרעגין פאר וואש זאל דר כוס פון דעם בענטשין אויך ניט הייסין איין הזמנה מען זאל ניט דארפן זאגין הב ונברך נאר ווייל בתחלה אז ער האט גימאכט בורא פרי הגפן אויף דעם כוס אין מיטין עסין האט דאש גיהייסין איין הזמנה אונ הייגט ביי דעם אנדערין כוס צו דעם בענטשין דארף מען האבין איין אנדערע הזמנה ווייל דער כוס איז צו הקב"ה ניט אזו וויא דר ערשטר כוס וואש ער איז נאר גיוועז אויף צו טרינקען אונ דר כוס פון דעם ברכת המזון איז כדי מען זאל מיט אים ציהען הייליגע ברכות פון הקב"ה אונ דרום דארף מען האבין איין הזמנה מיט דעם מוחל האטשע די ווערטער נברך שאכלנו משלו הייסט איין הזמנה אונ איין ברכה אבר די הזמנה פון ברכת המזון דארף מען האבין דורך דעם זאל מען ציהען ברכות פון דעם עולם העליון וואס אלע ברכות קומען פון דארט ארויש וואש ער איז פאר בארגין דרום ביי די ברכות זאגט מען ברוך אתה גבענטשט בישט דו דאש זאגט מען לנוכח וויא מען שמועסט איינר אנטקעגין דעם אנדערין אבער דא זאגט מען נברך שאכלנו משלו גיבענטשט איז גאט וואש מיר האבין גיגעסין פון זיינע זאגט מען דאש ברוך נסתר פר בארגן אזו וויא מען שמועסט פון דעם אנדערין הינטר די אויגין דאש דארט איז מער ניט קיין הזמנה נייערט מיט דעם כוס של ברכת המזון דאש דורך דעם ציהט מען אראפ דיא ברכות דאש גיווענט זיך אלץ אין וועלכין עולם אונ וואש פר איין קדושה וואש הקב"ה איז זיך מתלבש זאגט רבי יהודה וואול צו אונזער חלק פון אייבג אן ביז היינטיגן טאג האבן מיר ניט גהערט אזעלכע גרויסע זאכין בוודאי איז אזו וויא איך האב גיזאגט אז דאש קינד איז גאר ניט קיין מענטש זאגט ער צו אים דו בן המלאך מיין ליב קינד אונ האט אים גיפרעגט איין קשיא אויף דעם סוד וואש ער האט פריער גזאגט · זאגט דאש קינד דאש איז אמת וואש מיר האבין אויבין גיזאגט אז דער מענטש ווערט דר קענט דורך זיין מזל ווער ער איז · נאר ווייל איר פאר שטייט ניט וועל איך אייך זאגין דעם סוד :

פתח ער האט אן גיהויבן צו זאגין עש שטייט החכם עיניו בראשו ביי דעם חכם זיינען זיינע אויגין אין זיין קאפ איז דאך די קשיא וואו האט דען איטליכר מענטש זיינע אויגין אין זיין גוף אדער אין די הענט ניט אין זיין קאפ וואס פאר איין חילוק מאכט דא שלמה צווישין איין חכם אונ צווישין אנדערע מענטשין אמער זיי זיינען מיט דער זאך ביידע גלייך נאר אזו מיינט דער פסוק דען מיר האבין גילערינט עש איז רעכט דער מענטש זאל ניט גיין די אמות בגילוי הראש ווארום די שכינה רוט אויף זיין קאפ אונ דער וואס עס איז איין חכם זעהט ער אלע מאל ווער עש איז אויף זיין קאפ דאש איז די שכינה אונ אז זיינע אויגין זיינן נאר צו זעהן די ליכט וואש לייכט אויף זיין קאפ אזו מוז ער האבין צו דער ליכט בזימיל דען דער גוף פון דעם מענטשין איז גיגליכין צו איין קנייטיל וואש דר פלאם ברענט דרויף דרום שרייט שלמה אונ זאגט וישמן על ראשך אל יחסר עס זאל זיך ניט אויש לאזין קיין בוימל פון דעם ליכט וואס אויף דיין קאפ ווארום די ליכט וועט אויש גיין דרום מוז דר מענטש האבין צו דער ליכט פון זיין קאפ בוימיל דאש איז מצות ומעשים טובים דען דורך דעם ברענט זיין ליכט אויף דעם קאפ דרום זאגט ער החכם דער וואש איז קלוג עיניו בראשו דער איז תמיד משגיח אויף זיין קאפ אז די ליכט זאל ברענען אונ דרום זאגט ער אויף זיין קאפ אונ ניט אויף קיין אנדער ארט ווייל די שכינה רועט אויף זיין קאפ אונ איר זייט דאך בוודאי חכמים אונ די שכינה רוט אויף אייער קאפ וויא האט איר ניט משגיח גיוועין אין דעם אונ זאגט זייא גרוישע סודות אזו קומען זייא אונ קושין אים רבי יהודה ווייגט אונ זאגט וואול צו דיר רבי שמעון וואול צו דיין חלק אונ וואול צו דיין דור אז אין דיין דור זיינען אפילו די קינדער גרוישע חכמים אזו קומט זיין מוטער אונ זאגט רבותי איך בעט אייך קוקט ניט אויף מיין זון נאר בעין יפה זאגין זיי צו איר וואול צו דיין חלק דו רעכטע ווערדיגע אשה כשירה ברורה אויש דער ווייילט איז דיין רגל מער פון אלע ווייבער פון דר וועלט זאגט דאש קינד איך פארכט מיך ניט פאר קיין עין הרע איך בין איין זון פון אגרוישין פיש אונ די פיש האבין קיין מורא גיט פאר קיין עין הרע עש שטייט וידגו לרוב בקרב הארץ וואש שטייט

לרוב נאר צו גרווישין זיי איבער דעם אויג אונ אזו וויא די פיש וואש די וואשער דעקין זיי צו האבין קיין מורא ניט פר קיין עין הרע אזו האב איך אויך קיין מורא ניט · זאגין זיי צו אים דו בן מלאך ה' עס איז חס ושלום ביי אונז קיין שלעכט אויג ניט דא אונ מיר קומען ניט מצד עין הרע אונ הקב"ה טוט דיך באדעקן מיט זיינע פליגיל · הייבט אן דאס קינד המלאך הגואל אותי וגו' אונ זאגט דרויף גרווישע סודות · זייא קושין אים אזו וויא פריער זיי זאגן מיר וועלן בענטשין זאגט ער איך וועל בענטשין דען אלין וואש איר האט ביז אהער גיהערט איז אלין פון מיר אזו וועל איך אין מיר מקיים זיין טוב עין הוא יבורך לייען ניט יבורך נייערט יברך ער זאל בענטשין כי נתן מלחמו לדל דרום ווייל ער האט גיגעבין זיין ברויט דאס איז די תורה וואש זיא הייסט לחם · אונ איר האט מיין ברויט גיגעסין דאש איז די אכילה ושתיה של תורה דרום גיהער איך צו בענטשין · זאגט רבי יהודה דו גיליבטע קינד פון הקב"ה מיר האבין דאך גילערינט בעל הבית בוצע ואורח מברך דער בעל הבית בדארף צו מאכין המוציא אונ דר אורח בדארף צו בענטשין ברכת המזון זאגט ער איך בין ניט קיין בעל הבית אונ איר זייט אויך ניט קיין אורחים איך וויל נאר מקיים זיין דעם פסוק וואש איך האב גיזאגט דען איך בין איין טוב עין ווייל איך האב ביז אהער גיזאגט תורה אונ איר האט דאש פון מיר ניט בגערט נאר עש איז גיוועין מחמת איך בין איין טוב עין האט איר מיין אכילה גיגעסין · דאס קינד נעמט דעם כוס של ברכה אונ בענטשט אונ די הענט ציטערין אים ער קען ניט האלטין דעם כוס אין זיינע הענט אונ אז ער איז גיקומען צו על הארץ ועל המזון האט ער גיזאגט כוס ישועות אשא ובשם ה' אקרא אזו איז גיבליבין דר כוס שטיין אין זיין רעכטער האנט · נאך דעם אז ער האט גיבענטשט האט ער גיזאגט יהי רצון עס זאל זיין דער ווילין פון הקב"ה אז צו איטליכין פון זיי זאל זיך ציהען חיים פון דעם מלך וואס אלע חיים הענגען אין אים · דר נאך האט ער פאר מאכט זיינע אויגן אויף איין רגע אונ דער נאך האט ער זיי גיעפינט אונ זאגט חבריא שלום עליכם פון דעם הערין וואס אלע שלום זיינן זיינע · זיי פר וואונדערין זיך אונ וויינען אונ בענטשין אים זיי האבין דארטין איבער גינעכטיגט דיא

דאזיגע

דארטיגע נאכט אונ האבין זיך גיפעדערט גאנץ פריא אונ זיינען אוועק גיגאנגען אונ זיינען גיקומען צו רבי שמעון אונ דער ציילין אים די גאנצע מעשה · ער פר וואונדערט זיך זייער אונ זאגט ער איז דר זון פון איין שטארקין פעלזין אונ ער איז ראוי דער צו אונ נאך מער דר פון ער איז דער זון פון רב המנונא סבא אזו ווערט רבי אלעזר דער ציטערט אונ זאגט איך נעם אויף מיר צו גיין זעהן דאס ליכט וואס דארטין ברענט זאגט רבי שמעון ער קען ניט לאנג לעבין אויף דער וועלט דען אין אים איז דברים עליונים אורות אונ גרוישע סודות וואס זיין פאטר האט אויף אים גיצויגין אונ האט אים דר לייכט אונ דר סוד האט זיך ניט מתפשט גיוועזן צווישן די חכמים · אונ ווי די חבריא מיט רבי אלעזר זיינן גיקומען צו אים וועסטו גיפינן אין פרשת מטות :

ואשימם בראשיכם רבי יוסי הייבט אן כה אמר יי קול ברמה נשמע וגו' אין דעם טאג וואס דאס בית המקדש איז חרוב גיווארין אונ דיא ישראל זיינען גיגאנגען אין גלות אונ האבין גיטראגן מיל שטיינר אויף זייערע העלזר אונ די הענט אהינטער גיבונדן אונ די כנסת ישראל האט אראפ גנידרט צו פר טריבין ווערן מיטאיי אונ בשעת זיא האט אראפ גינידרט האט זיא גזאגט איך וועל פריער גיין אונ וועל פריער וויינן אויף מיין וואונונג אונ אויף מיינע קינדר אונ אז זיא איז גיקומען אונ האט גיזעהען אז דאס היכל איז פר ברענט אונ כמה חסידים זיינען אום גיקומן האט זיא זייער שטארק גיוויינט אזו האבן דאס דער פילט דיא עליונים ותחתונים האט די וועלט גוואלט חרוב ווערין ביז עש זיינען גיקומן אנטקעגן איר כמה חיילות ואוכלוסין זייא מנחם זיין האט זיא ניט גיוואלט מקבל זיין קיין תנחומים אזו וויא דער פסוק זאגט מאנה להנחם דער נאך איז זיא ארויש גיגאנגן פון דעם בית המקדש אונ גיגאנגן ארום ארץ ישראל דר נאך איז זיא ארויש גיגאנגן אין דר מדבר אונ איז דארטין גיוועזן דריי טאג אונ האט גיפירט אירע מחנות וחיילות אונ האט גיליערנט איכה ישבה בדד העיר רבתי עם היתה כאלמנה רבי יוסי ורבי חייא וויינען אונ זאגין די ישראל זיינען ניט פאר טריבין גיווארין אונ דאס בית המקדש איז ניט חרוב גיווארן ביז אלע האבין גזינדיגט די ראשים האבן צום ערשטן גזינדיגט אונ דאס איבעריגע פאלק האבין גיקוקט אויף זיי אונ האבן אויך גזינדיגט אזו וויא עס שטייט אז די ראשי העם זינדיגן ציהט זיך נאך דאש גאנצע פאלק נאך זייא · זאגט רבי חייא עש שטייט ואם כל עדת ישראל ישגו וויא קומט עס אז כל ישראל זאלן זינדיגן זאגט ווייטר דר פסוק ונעלם מעיני העדה די ראשים וואש זיי הייסן עיני העדה אזו וויא דר גוף גייט נאך דיא אויגין אזו גייט דאש פאלק נאך די ראשים אז זייא זינדיגין ציהן זיך אלע נאך זיי · אזו אויך דא שטייט ואשמם אן איין יו"ד דען אז זיי שולדין דאש איז גורם בראשיכם מחמת די ראשים · אנאנדער פשט איז ואשימם בראשיכם דיא תורה ווייזט אונז אז דר צדיק ווערט גיחאפט מחמת די זינד פון דעם דור אז דאש פאלק זינדיגט נעמט הקב"ה צו דעם צדיק פר איין כפרה אויף דעם דור דרום זאגט ער ואשמם אייערע חטאים קומן בראשיכם אויף אייערע ראשים דאש זיינן די צדיקים די ראשי הדור זיי מוזין פון אייערט וועגן גשטראפט ווערין אויב דו וועסט פרעגין נעמט דען הקב"ה צו די צדיקים פון דער וועלט פר זייער צייט אז זיי זינדיגין ניט קום אונ זעה בשעת ירבעם איז נאך קליין גיוועזן אונ האט נאך ניט גיזינדיגט האט הקב"ה גיזאגט צום מלאך המות גייא אונ ברייננ מיר ירבעם בן נבט · באותו שעה האבן די מלאכי השרת גיזאגט יי אדונינו מה אדיר שמך בכל הארץ וואורום ווילסטו אים נעמען לאז אים · דיין נאמן ווערט דאך בשיינט דורך איין צדיק אונ אויך דורך זיין זכות בקומן מיר אויך שפע דען דורך דעם צדיק קומט איין ברכה אין אלע עולמות האט הקב"ה גיזאגט איך וועל אים לאזן לעבן אונ וועל טאן אייער ווילין · דר נאך אז ער איז ארויש גיגאנגן לתרבות רעה אונ האט גימאכט שני עגלי זהב אונ האט אליין גיזינדיגט אונ האט גמאכט זינדיגן די ישראל זאגט הקב"ה זעט דאס אלע שפע וברכות וואש ער האט איך גורם גיוועזן פריער מיט זיינע מעשים טובים היינט וועט אויף אייך זיין פיל טומאה וזוהמא פון אים עש וואלט בעסר גיוועזן אז איר וואלט מיך לאזין אים צו נעמן פון דר וועלט בל זמן ער איז נאך גיוועזן איין צדיק אזוא וואלט מיט אים דר מלאך מט"ט גילערינט בישיבה של רקיע · באותו שעה האבן אלע גזאגט צדיק אתה יי וישר משפטיך דרום גייט הקב"ה אין זיין גארטן ללקוט שושנים צו קלייבין אזעלכע רויזין וואש זיי

שמעקין

שמעקין נאך דרום ווייל ער ווייסט וועלכר עש וועט זינדיגין דר נאך נעמט ער אים תיכף צוא דרום שטייט לקוים דען ער ווייסט וועלכע אויס צוא קלייבין :

רבי שמעון הייבט אן אונ זאגט עש שטייט את הכל ראיתי בימי הבלי יש צדיק אובד בצדקו ויש רשע מאריך ברעתו איז דאך די קשיא אזו אגרויסר חכם וויא שלמה המלך עליו השלום איז גיוועזן וואס קען ער דר מיט מיינן דען מיר זעהן דאך אז דר וועג פון הקב"ה איז דאך ניט אזוא עש שטייט דאך לתת לאנוש כדרכיו וכפרי מעלליו השי"ת בצאלט איטליבין מענטשין וועדליג זיינע מעשים נאך וואש דען זאגט שלמה אז עס איז גאר פר קערט גאר שלמה המלך האט גימיינט צוויא ערלייא זאכין דען מיר האבין גילערנט ווען דיא דינים פון הקב"ה דר וועקין זיך מעיין ומשגיח זיין אויף דר וועלט אהא וויא עש שטייט עיני ה' משוטטות בכל הארץ דאש זיינען די מלאכים וואש זיי הייסן עיני ה' זייא גיבין אכטונג אויף דר וועלט וואש איטליכר מענטש טוט שלעכטע מעשים חלילה אונ אז זיי גיפינן רשעים ווערט דר צדיק פון דעם דור נתפס דורך זייערע זינד אונ צוא זייא איז הקב"ה מאריך אף מאמר וועלין זיי תשובה טאן דרום זאגט שלמה המלך עליו השלום יש צדיק אובד בצדקו ווייל ער איז איין צדיק ווערט ער פר לארין בעון הדור דרום האבין מיר גלערינט אייביג זאל איין מענטש ניט וואוינען אין איין ארט וואש די מענטשן זיינן רשעים נייערט ער זאל וואונן אויף אזו איין ארט וואש די מענטשן זיינן אנשי מעשה ווארום דר ויש וואונט צווישן רשעים ווערט ער נתפס דורך זייערע זינד אונ אז ער וואונט צווישן צדיקים בקומט ער גוטץ אין זייער זכות · דען רב הסרא האט פריער גיוואונט צווישין די אנשי קפוטקיא האט ער דארטין גיהאט גרויש דוחק אין דר פרנסה אונ פיל קראנקייט איז אויף אים גיקומען ווארום זיי זיינן גיוועזן ניט קיין ערלעכע לייט דער נאך אז ער האט זיך ארין גיצויגין צווישין דיא מארי תריסין פון צפורי דאש זיינן די תלמידי חכמים וואש הייסן בעלי תריסין ווייל זיי טראגן אויף זיך דעם יאך פון דר תורה אונ האלטן מלחמה אנטקעגין דעם שטן מיט זייער חברותא אז ער איז שוין גיקומן אויף דעם ארט האט ער שוין זוכה גיוועזן צו האבין פיל עשירות אונ נאך כמה טובות האט ער דארטן בקומען אונ פיל תורה דענסט מאל האט ער גיזאגט איך האב דאש אלץ זוכה גיוועזן ווייל איך בין היינט צווישין אזעלכע מענטשין וואש הקב"ה האט אויף זייא השגחה מען זאל זייא גוטץ טאן איז מיר אויך גוט צווישין זייא :

רבי אלעזר הייבט אן אונ זאגט עש שטייט יש הבל אשר נעשה על הארץ אשר יש צדיקים וגו' ויש רשעים שמגיע אליהם וגו' אמרתי שגם זה הבל שלמה המלך האט גימאכט דאש ספר פון קהלת אונ האט גשטעלט שבעה עמודי עולם דען דאש ווארט הבל איז ניט טייטש איין נארעשקייט נייערט אזוא וויא אויבן שטייט אין פרשת בראשית אשר נעשת על הארץ דר כח אונ דאש שטארקייט איז אלץ דורך די נשמות הצדיקים וואש זיי ווערן אויש גיקליבין פון דר וועלט אז זיי זיינן נאך צדיקים אונ איידר זייא זינדיגין אזוא נעמט זיי הקב"ה אוועק פון דר וועלט אזו וויא מיר גיפינן בייא חנוך שטייט ואיננו כי לקח אותו אלהים הקב"ה האט גיזאגט ווייל ער איז נאך איין צדיק וועל איך אים צו נעמן פון דר וועלט אונ וועל זיך מיט אים משתעשע זיין אונ אזו איז אויך בייא אנדערע צדיקים יסודי עולם דען מיר האבין גילערינט איבר צוויי זאכין ווערין צדיקים אפ גיטאן פון דר וועלט פר זייער צייט איינס איז אז דר דור איז זינדיג ווערין די צדיקים נתפס איבר זייערע זינד אונ שטארבין פר דר צייט דאש אנדערע ווען הקב"ה זעהט אונ עס איז פר אים גלוי וידוע אז דר צדיק וועט דר נאך זינדיגין דרום נעמט ער אים צו פאר דער צייט דרום זאגט שלמה המלך עליו השלום אשר יש צדיקים שמגיע אליהם כמעשה הרשעים וואש דר מדת הדין איז נוגע אין זיי גלייך וויא זיי וואלטין גיוועזן רשעים :

רבי יוסי בר יעקב א"ש כפר אונו בשעת אז רבי עקיבא מיט זיינע חבירים זייגען נהרג גיווארין במיתות משונות האט ער גיפרעגט צוא רבי מאיר וואו גיפינן מיר דאש אין דר גאנצר תורה אז זיי זאלין ליידן אזו איין מיתה זאגט רבי מאיר צו אים וואש איז דיר קשה דאש האט דאך שוין לאנג שלמה המלך עליו השלום גיזאגט אשר יש צדיקים שמגיע אליהם כמעשה הרשעים דאש דר מדת הדין איז אין זיי שולט גלייך וויא זייא וואלטין גיוועזן רשעים אונ עש איז פאר האנדין רשעים וואש זיי זיצין במנוחה והשקט בשלוה ובשלום

איך

אויף דר וועלט אונ קיין דין גרייכט צו זיי גאר ניט גלייך ווייא זיי וואלטן געווען גרויסע צדיקים אונ דרום איז דאש אזוא וועיל הקב״ה ווייסט מאול זייא ועלן תשובה טאן אין אצייט ארום אדר עש וועט פון זיי ארויש קומן גוטע קינדר זרע אמת אויף דר וועלט אזו וויא מיר געפינן בייא תרח דער פאטער פון אברהם אבינו איז געווען איין רשע האט אים הקב״ה געלאזט לעבן אויף דער וועלט כדי עס זאל פון אים ארויש קומן אברהם אבינו וואש ער איז געווען אגרוישר צדיק אויך פון אחז המלך איז ארויש געקומען חזקיה המלך וואש ער איז געוועזן אגרוישער צדיק דעסט גלייכן געפינען מיר בייא אנדערע רשעים אויף דער וועלט:

ד״א איין אנדער פשט איז אויף דעם פסוק יש הבל אשר נעשה על הארץ די ברכות וואס קומן אויף דר וועלט פון דעם הבל הקודש איז אלץ פון די מעשה הצדיקים וואש עס קומט זיי צוא דער האנט כמעשה הרשעים דהיינו ווען עש קומט צו זיי איין זונה אזו וויא מיר געפינען ביי יוסף הצדיק אדר וויא עש איז געוועזן ביי אנדערע צדיקים אדר עס קומט צו זיי דעסט גלייכן פון אנדערע מעשה הרשעים אונ זיי בייא שטייען אויף דעם נסיון וויא זיינען אין זייער קיום אונ האלטן איין דעם יצר הרע ניט צו זינדיגן מחמת זיי האבן מורא פאר הקב״ה ווילן זיי זיך ניט מטמא זיין אונ מכח דעם ווערט די ערד געשטארקט פון ברכות ויש רשעים שמגיע אליהם כמעשה הצדיקים מיינט מען אז עש קומט דעם רשע צו דיא האנט ער זאל טאן איין מצוה אונ ער איז אין איר זוכה ער זאל זיא מקיים זיין דאש הייסט כמעשה הצדיקים האט רבי עקיבא אויף זיי גזאגט דעם פסוק ויש רשעים שמגיע אליהם כמעשה הצדיקים אזוא אויך איז געוועזן איין רשע אין נאם פון רבי חייא האט ער אמאל ביי נאכט באגעגנט איין אשה וואש זיא איז געגאנגען געוואר וועררין צוא איר מאכטר האט ער זיך אויף איר געשטארקט האט זיא אים געזאגט איך בעט דיך זאלסט ניט דער צערנן דיין האר אונ זינדיג ניט האט ער זיא אפ געלאזין אונ האט ניט געזינדיגט פר פחד השי״ת דאש הייסט ויש רשעים וגו׳ אמרתי שגם זה הבל אזוא וויא עס ווערט געשטארקט די קדושה פון דעם הבל העליון דורך די צדיקים וואש קומט צו זיי איין מעשה פון רשעים אונ זיי זינדיגן ניט אזו

אויך ווערט געשטארקט דיא קדושה פון דיא רשעים וואש עש קומט זייא כמעשה הצדיקים אונ זיי טוען עש דען הקב״ה האט בשאפן אויף דער וועלט צדיקים מיט רשעים אזוא וויא זיין כבוד ווערט געגרייסט פון מעשה הצדיקים אזו ווערט ער גיגרייסט פון די רשעים אז זיי טוען גוטע מעשים אזו וויא די מעשה הצדיקים אזוא וויא עם שטייט את הכל עשה יפה בעתו ווייל צו די רשעים וואש טוען שלעכץ אונ שטארקין זיך מיט זייערע זינד וויא עש שטייט אוי לרשע רע יש צדיק אובד בצדקו שלמה המלך ע״ה האט אלץ געזעהען מיט זיין גרויסר חכמה וואש ער האט גיהאט פון הקב״ה אונ אזו מיינט ער דעם פשט פון דעם פסוק ווען די כנסת ישראל זיינן געוועזן אין גלות פרם אזו איז ניט געוועזן קיין שפע וברכה אויף דר וועלט פון אויבין אזו וויא עש שטייט הצדיק אבד דר צדיק ווערט פר לארין מצדקתו דאש הייסט פון די שכינה אין דר צייט איז בעולם הזה דער רשע מיינט מען דער ס״ם וואש ער הייסט רשע מאריך ברעתו דר לייננגרט אין זיין שלעכץ בהשקט ושלוה אונ ברעתו מיינט מען מיט זיין אשה רעה וואש זיא הייסט לילית אשת זנונים די נחש התזקה דען ווייל די קדושה איז געשלאפט געווארן איז ער געשטארקט מיט זיין שלעכט מחמת אונזרע עבירות דען קומט אויף אים השקט ושלוה ביז הקב״ה וועט די כנסת ישראל אויף ריכטן פון דר ערד אויף שטעלין די סוכת דוד הנופלת וועט אלץ רעכט ווערין:

וגם יד יי היתה בם להומם מקרב המחנה עד תומם ער זאגט יהי שם יי מבורך וגו׳ זיין נאמן זאל זיין געבענטשט דען דיא חכמה אונ די גבורה איז דאך נאר זיינע ניט פון אנאנדערין ער פאר ענדערט דיא צייטין אונ אלע זמנים זיינען אין זיין רשות ער האט ארויש גיצויגן זיין פאלק פון מצרים ווייל זייא זיינן דאש חלק פון יעקב זייער חלק איז אין דעם וואש ער האט אלץ בשאפין עס איז פאר האנדין איין הימל איבר אלע הימלען וואש ער איז גאר נסתר ונעלם אונ דארטין זיינען גרוישע פענצטער אונ איין פענצטער איז גאר פר הוילן ער איז שולט איבר אלע פענצטער ער הייסט חלון זהרא דארטן גייט ארוים איין שטערן די חכמים רופן אים אן יו״ד דאש מיט זיין כח געוועלטיגט יהודה אויף דר וועלט ער האט איין חלק אין דעם שטערן דען

ויא שבטי ישראל האבין זייער חלק נאר אין הקב"ה נייערט דר שבט יהודה איז שולט אויף דעם שטערין וואש הייסט י"ד אונ דר שטערן האט אויף אים קיין שליטה ניט · אונ בשעת שבט יהודה האבן אפ גקערט זייער וועג פון הקב"ה אונ האבן גיזינדיגט זייען זייא נאך גיגאנגען צוא וויסין דעם חלון מיט דעם כוכב אונ האבין גיזאגט ווייל דער כוכב י"ד איז מנצח וועלין מיר אים דינען דאש האט יעקב גימיינט וואש ער האט גיזאגט, יהודה אתה יודוך אחיך ידך בעורף אויביך מחמת דר כוכב טוט יאגן אונ שלאגין זיינע פיינט דרום זיינן זיי אים נאך גיגאנגען אונ האבין אים גימאכט פאר איין עבודת כוכבים דרום שטייט נ"ש יהודה הרע בעיני יי' אונ דרום הייסט דער כוכב י"ד ווייל אז ער גייט ארוים איז ער אזו וויא איין האנט מיט פינף פינגער אונ לייכט אונ פינקילט אין דעם חלון · אלע מכשפים אונ חרשים וואש טוען כישוף פארכטין זיך פר דעם שטערין דרום ווייל ווען דער כוכב איז שולט ווערין אלע כשפים אונ חרשים אונ קסמים מבולבל אונ עס איז ניט מצליח ביי זיי · אויב דו ועסט פרעגין אז דר רקיע איז אזו פר הוילן פון וואגן ווייסן זיי ווען דער כוכב איז שולט אלא זיי האבין איין סימן פון אנדערע שטערן וואס זיי ווייסן אין זיי ווען דר כוכב למעלה איז שולט · אונ דרום איז פר האנדן צייטן וואש די מכשפים קענן טאן זייער כישוף אונ אזעלכע צייטן וואס זיי קענן ניט אונ האבין קיין הצלחה ניט אונ דרום ווערין אלע מאל די מכשפים והחרשים וויניציגר פון דר וועלט ווייל זיי זעהן אז צו צייטין האט זייער כישוף קיין הצלחה ניט דרום האלטין זייא דר פון גיט אונ ווארפן עס אוועק · דר אנדערר חלון הייסט חלון טופ"ר דען טופר איז טייטש נעגיל ער האט איין גישטאלט וויא איין נאגיל אונ פון דארטין גייט ארויש איין כוכב וואש ער הייסט צפעין דען ער איז מושל ושליט מיט אגרוישין כח אונ האט איין ראש וזנב וויא אשלאנג וואש ער הייסט צפעון · פון דעם חלון גייען ארויש זעקס הונדערט טויזנט רבבות רוחות וואש זיינען שולט אויף די נעגיל פון מענטשין וואש מען ווארפט זיי אראפ אנטפלעקט דען דר מיט טוען די מכשפים כישוף בשעת דר שטערין איז שולט אונ דר מיט איז ער גורם מיתה צו דר גאנצר וועלט אונ דעם כישוף וואס מען טוט איז עולה ומצליח אין זייערע הענט · דער חלון השלישי הייסט חלון נוגה דארט איז איין כוכב ער הייסט נזרין אונ ווען דער כוכב איז שולט אויף דער וועלט איז דיא וועלט בדין מיט כמה גזירות ועונשין אונ אלע טאג ווערין מתחדש גזירות אויף דר וועלט איידר איינע לאזט זיך אוים איז שולט די אנדערע אונ דר כוכב האט נאך קיין רעכטע שליטה ניט גיהאט אויף דער וועלט נייערט נאהינט לימות המשיח וועט דר חלון מיט דעם כוכב שולט זיין וועט זיך מתחדש זיין מיני רעות איינע נאך דער אנדערע אונ ישראל וועלין זיין בצרה דער נאך וועט זיי הקב"ה דר לייכטן דעם אור היום דען וועט גיעפינט ווערין דער חלון השביעי אויף דער גאנצר וועלט אונ דר כוכב איז דר כוכב פון יעקב אונ דר כוכב וועט לייכטין פערציג טעג אונ פערציג נעכט אונ משיח וועט אנטפלעקט ווערין אונ צו אים וועלין זיך איין זאמלען אלע דען וועט מקוים ווערין דר פסוק שורש ישי עומד לנס עמים אליו גוים ידרושו והיתה מנוחתו כבוד :

## להפטרה

כי תבואו לראות פני מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי זאגט רבי שמעון ווער עש איז משתדל בתורה האלבע נאכט ביז טאג אז עש ווערט טאג איז מען אויף אים מושך איין חוט של חסד אונ ווען ער איז מסתכל אין הימיל רוט אויף אים דר אור השכלי אונ ער ווערט גיקריינט דרינן אונ אלע בריות פארכטין זיך פאר אים אזו ווערט דער מענטש גירופין איין בן צו הקב"ה ער איז בן היכל המלך אונ קיינר קען אים ניט ווערן אריין צו גיין בהיכל המלך אויף אים זאגט דר פסוק קרוב יי' לכל קוראיו לכל אשר יקראוהו באמת וואס שטייט באמת ווייל ער ווייסט וואול וויא אזו מיחד זיין דעם שם הקודש כראוי דר איז מקיים אויף דער וועלט מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ איין שם אחד אונ דרום וועלכר כהן וואס ווייסט ניט רעכט מיחד זיין דעם שם הקודש איז זיין עבודה קיין עבודה ניט דען אלע עבודת עליונים ותחתונים הייגגן אן אין דעם כהן דרום מוז ער זיין רצון הלב מכוון זיין דאש דורך זיין כוונה פון דר עבודה ווערן גבענטשט עליונים ותחתונים עש שטייט כי תבואו לראות פני מי בקש זאת מידכם

וואלט בדארפט שטיין לראות וויש שטיים לראות דאס איז טייטש צו ווערין געזעהן ווייל איטליכר מענטש וואס ער קומט מיחד זיין דעם שם הקודש אונ איז ניט רעכט מכוין מיט זיין לב ורצון ויראה אז די עליונים ותחתונים זאלין גבענטשט ווערין אזו ווארפט מען זיין תפלה ארויס אונ אלע רופן אויף אים לרעה דרום זאגט הקב״ה כי תבואו לראות פני אז איר וועט קומען צו ווערין געזעהן ווארום דאש פנים פון דעם מלך עליון קען מען ניט זעהען דען עס איז פאר בארגין אונ ארום איז חושך אזו וויא דער פסוק זאגט ישת חושך סתרו אונ ווער עש קען רעכט מכוין זיין אלע יחודים אזו ווערט דאש חושך געשפאלטין אונ דאש פני מלך ווערט געזעהן אונ גילויכטין צו אלע אזו ווערין גבענטשט די עליונים ותחתונים דען ווערט גיפונן ברכות בכל העולמות אבער אז מען איז ניט מכוין ברצון הלב שלם וביראה זאגט הקב״ה מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי ווער באגערט פון אייך איר זאלט טרעטין אין מיין מקום קדושה אריין אונ נאך וואש קומט איר צו מיר עש זיינן דאך ניט דא קיין ברכות אויף דער וועלט אונ ניט דאש אליין נאר אפילו די דינים זיינן זיך מתעורר אין אים ׃ רבי שמעון אז ער האט גיגרייכט צו דעם פסוק השיב אחור ימינו מפני אויב האט ער גיוויינט אונ גזאגט וויא איז דאש מיגליך אלא ווייל ער האט מקרים גיוועהן דעם מדת הדין צו נידערן אויף דר וועלט אונ האט דעם ימין איבר גילאזט אויף אנאנדר ארט דרום האט דער פיינט שולט גיוועהן אונ חרוב גימאכט דעם בית המקדש אונ די כנסת ישראל איז אין גלות אבר לעתיד לבא שטייט גילי מאוד בת ציון וגו׳ ׃ רבי חייא הויבט אן בבוקר זרע זרעך ולערב אל תנח ידך וגו׳ קום אונ זעה וויא א מענטש בדארף נזהר זיין פון זינד אונ גזהר זיין מיט זיינע מעשים פר הקב״ה דען עס זיינן כמה שלוחים אונ כמה ממונים אויף דר וועלט וואס זיי שוועבין אויף דר וועלט אונ זעהן די מעשה בני אדם אונ זאגן עדות אויף אים אונ עס ווערט אלץ אן גישריבן בספר ׃ אונ אלע עבירות וואס א מענטש איז זיך דר מיט מטמא בעולם הזה ובעולם הבא איז ניט אזו גרויס וויא מען פאר אום ריינקט דעם היילינגן צייכן אזו וויא דר פסוק זאגט כי לא אל חפץ רשע אתה לא יגורך רע אונ דרום קומט די נשמה ניט אין דעם פרגוד דאש איז די מחיצה למעלה וואש אלע נשמות קומן אהין אונ איז ניט זוכה צו זעהען די פני השכינה דרום שטייט ידיכם דמים מלאו וואול צו דעם מענטשן וואש ער פארכט זיך פאר זיין העררין אונ היט זיך פון דעם שלעכטין וועג אונ איז זיך מטהר משתדל צו זיין ביראת השי״ת ׃ קום אונ זעה עש שטייט בבוקר זרע זרעך אז דער מענטש איז נאך יונג אונ זיין כח איז נאך שטארק גיהער ער זיך משתדל זיין קינדר צו האבין מיט איין אשה הגונה וואש זיא איז צו אים ראוי דרום שטייט בבוקר זרע זרעך דענסט מאל איז די רעכטע צייט דער צו אזו וויא דר פסוק זאגט כחצים ביד גבור כן בני הנעורים ווייל די קינדר פון דיין יוגינט קענן לערנען רעכט די תורה אזו האט ער איין שכר טוב לעולם הבא אזו וויא דר פסוק זאגט אשרי הגבר אשר מלא את אשפתו מהם לא יבושו כי ידברו את אויבים בשער ער וועט ניט פאר שעמט ווערין לעולם הבא ווען די העררין פון מדת הדין וועלן קומען אויף אים מקטרג צו זיין דען עש איז ניט דא קיין גרעסרער שכר וויא אז מען לערינט זיין קינדר יראת הקב״ה אונ די דרכי התורה דרום שטייט ביי אברהם כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו לעשות צדקה ומשפט דרום שטייט אים דער זכות לעולם הבא אנטקעגין די שרי הדינים דרום זאגט דר פסוק בבוקר זרע זרעך ולערב אל תנח ידך דאש זיינן די ימי הזקנה דאש דער מענטש זאגט איך האב שוין מקיים גיוועהן די מצוה פון פריה ורביה אונ איך האב שוין אויך גיוואונען גינוג קינדער אדער איך האב שוין לאנג משתדל גיוועהן אונ איך האב ניט גקענט האבין אונ איצונד בין איך אלט באגער איך שוין ניט דרום זאגט דר פסוק ולערב אל תנח ידך ער זאל ווייטר משתדל זיין מוליד זיין בעולם הזה ווארום כי אינך יודע איזה יכשר דו ווייסט דאך ניט וועלכע עס וועלין גוט זיין די דאזיגע אדר די ׃ אז דו זאלשט דורך זיי האבין איין קיום לעולם הבא ׃ אונ אויף דעם שטייט הנה נחלת ה׳ בנים דאש איז דר צרור פון די נשמות לעולם הבא אונ ווער איז מזכה דעם מענטשין לעולם הבא צו דר נחלה וואס זיא הייסט נחלת ה׳ דאס זיינן די קינדער פון דעם מענטשין ׃ דרום וואול צו דעם מענטשן וואס ער איז זוכה צו האבין קינדר אונ לערינט זיא דעם וועג פון דער תורה אזו וויא הקב״ה האט גיהיישין׃

ואתחנן אל יי שלמה המלך האט געזאגט אין
משלי מלוה יי חונן דל וגמולו ישלם לו איז
טייטש דער וואש דער פארימט זיך איבער
דעם ארימאן איז גלייך וויא ער לייט גאט
געלט אונ גאט וועט אים ווידר בצאלין דען
דער עושר פאר לאזט זיך אויף זיין עשירות
אדער אויף זיינע גוטע פריינט אדער אויף
זיינע ליב האבער אונ נאר ווייניג אויף גאט
אבער דער עני האט ניט קיין געלט אונ ניט
קיין ליב האבער דען איין עני האבין אלע
פיינט דרום פאר לאזט זיך דער עני נאר
אויף גאט דאש זאגט שלמה ווייל דער עני
האט ווייניג פריינט דרום ווער עס טוט זיך
איבער אים דער בארעמען איז גלייך וויא ער
האט זיך איבער גאט דער בארימט אזו וועט
אים גאט בצאלין פיל שכר אונ וועט אים
לייט זעליגין דען דיא מדה פון גאט איז דאש
ער לייט זעליגט דיא לייט וואש דינגען אים
אפילו ווען זיי דינגען אים ניט גאנץ רעכט
גיט ער זיי מתנות אום זיסט דען ער איז איין
דער בארעמיגער גאט דרום הויבט זיך אן די
סדרה מיט ואתחנן דאש משה האט געבעטין
דאס גאט זאל אים איין אום זיסטע מתנה
שיינקען דען דיא צדיקים האטשע זיי האבין
מעשים טובים דאש גאט זאל זיי דער פאר
שכר געבין דאך בעטין זיי פון גאט נאר איין
מתנה אום זיסט אונ ווילין ניט בעטין פון
זייער פרומקייט וועגין אונ די תפלה פון משה
איז געוועזן דאש גאט זאל אים לאזין גיין קיין
ארץ ישראל דען משה האט גימיינט ווייל ער
האט איין גינומען די צוויא מלכים סיחון
אונ עוג איז שוין מותר גיווארין די שבועה
דאש ער זאל קומען קיין ארץ ישראל אזו
האט אים גאט גיזאגט גיין דו מוזט שטארבין
אין דר מדבר אונ גאט האט גיזאגט צו משה
רב לך אדם הראשון איז עלטער פון דיר ער
האט דעם טויט אויף דער וועלט געבראכט
דאש איטליכר מענטש מוז שטארבין האט
משה גיזאגט רבונו של עולם אדם הראשון
האט איין עבירה גיטאן האט גאט גיענטפערט
אברהם האט דאך אויך גימוזט שטארבין
וואש ער האט זיך גילאזט אין פייער ווארפין
פון גאט וועגין · זאגט משה פון אברהם איז
ארויש גיקומן ישמעאל זאגט גאט יצחק האט
דאך אויך גימוזט שטארבין וואש ער האט
זיין האלז גישטרעקט אויף דעם מזבח צוא
גיקוילעט ווערין פר איין קרבן צו מיר · זאגט
משה פון אים איז ארויש גיקומען עשו · זאגט
גאט יעקב האט גיהאט צוועלף קינדער
צדיקים אונ האט גימוזט שטארבין · זאגט
משה יעקב איז ניט גיגאנגען אויף דעם הימל
אזו וויא איך אונ האט ניט מקבל גיוועזן דיא
תורה אויך זאגט משה די ישראל זיינן ששים
רבוא אונ האבין פיל עבירות גיטאן אונ דו
האסט זיי מוחל גיוועזן אונ מיר ווילסטו ניט
מוחל זיין האט גאט צו אים גיזאגט מען טוט
מער פון איין רבים וועגין וויא פון איין יחיד
וועגין זאגט משה שטראף מיך מיט יסורים
אין מיין גוף אונ גיב מיך ניט אין דער האנט
פון דעם מלאך המות אזו וועל איך דר ציילין
דיין לויב אין דער גאנצר וועלט אזו וויא אין
פסוק שטייט לא אמות כי אחיה ואספר מעשי יה אז
איך וועל ניט שטארבין נאר לעבין וועל איך
דער ציילין די מעשים פון גאט האט גאט צו
אים גיזאגט זה השער ליי צדיקים יבואו בו דר טייטש
איז איין טויער דאש אלע צדיקים מוזין אין
אים גיין · אונ וויא משה האט גיזעהען דאש
זיין גיבעט העלפט ניט · איז ער גיגאנגען צו
הימיל אונ ערד אונ זאגט טוט פר מיר תפלה
האבין הימיל אונ ערד גיענטפערט מיר מוזין
פאר אונז תפלה טאן דען לסוף וועלין מיר
פאר לארין ווערין אזו וויא אין פסוק שטייט
שמים כעשן נמלחו והארץ כבגד תבלה די הימל וועלין
צו גיין אזו וויא איין רויך אונ די ערד וועט
פאר פוילט ווערין אזו וויא איין קלייד · איז
משה גיגאנגען צו די שטערין אונ צו דער זון
אונ צו דער לבנה אונ האט זיי גיבעטין טוט
פאר מיר תפלה האבין זיי גיענטפערט מיר

דארפין פאר זיך תפלה טאן איז ער גיגאנגען צוא אלע הויכע בערג האבין זיי אויך אזוא גיזאגט מיר דארפין פר אונז תפלה טאן איז ער גיקומען צום ים האט דער ים צוא אים גיזאגט משה וואס איז דיר גישעהן דו האסט מיך גישפאלטין אונ די שכינה איז אלע מאל ביי דיין רעכטע האנט גיוועזן אונ היינט וואס איז דיר. אונ וויא משה האט דער הערט דאש דער ים האט גיזאגט זייגע וואונדער וואש ער האט גיטאן אין דר יוגינט. אזו איז ער גילאפין צוא דעם העכשטין מלאך אונ האט פאר אים גיוויינט אונ גישריען אונ האט גיזאגט טוא פאר מיר תפלה האט דר מלאך גיזאגט איך האב גיהערט דאש דיא תפלה וועט ניט העלפין אזו באלד האט משה אן גיהויבין צו שרייען אונ צו וויינען האט גאט גיזאגט איך האב צווייא שבועות גישוואורין אדער די ישראל זאלין חס ושלום פר לארין ווערין אדער דוא זאלסט שטארבין ווילסטו לעבין אזו וועלין די ישראל פר לארין ווערין האט משה גיענטפערט חס ושלום איך אונ טויזינט אזעלכע וויא איך זאלין פאר לארין ווערין אונ איינר פון ישראל זאל ניט פאר לארין ווערין האט גאט צו אים גיזאגט דוא האסט מורא פאר דעם מלאך המות איך וועל דיר אים געבין אין דיין האנט זאגט משה וויא זאל מיין מוטר יוכבד ניט טרויערין דאש זיא האט שוין צווייא קינדר באגראבין אונ זאל דעם דריטין אויך באגראבין האט גאט גזאגט עס איז שוין אבער גיקומען דיא צייט דאש יהושע זאל זיין איין מלך איבר ישראל דרום מוזטו שטארבין האט משה גיזאגט אויב עס וועגט זיך דרינן וועל איך בעסר איין תלמיד זיין ביא יהושע אונ יהושע זאל זיין דער רב האט גאט גיזאגט אויב דו ווילסט אזו איז גוט אזו באלד איז משה גיגאנגען צו יהושע אין גיצעלט אריין אונ האט זיך גישטעלט ביי דר טיר אונ יהושע האט גיזאגט תורה צו ישראל אונ האט ניט גיזעהן וויא משה שטייט דען

משה האט זיך איין גיבויגין מען זאל אים ניט זעהען אונ האט זיך פאר שטעלט מיט זיין האנט מען זאל אים ניט דער קענען אונ כל ישראל זיינען גיקומען אין גיצעלט פון משה אונ האבין אים ניט גיפונען אונ וויא דיא ישראל האבין דר זעהען דאש משה שטייט אין גיצעלט ביי יהושע אונ יהושע זיצט האבין זיי גיזאגט צו יהושע וואש איז דאש דאש דו זיצט אונ דיין רבי משה שטייט אזו באלד וויא יהושע האט דער זעהען דאש משה שטייט האט ער צוא ריסין זיינע קליידר אונ האט גיוויינט אונ גיזאגט מיין רבי מיין הער וואש טוסטו דא. אונ כל ישראל האבין גיזאגט צו משה לערין אונז תורה. האט משה גענטפרט איך טאר ניט האבין זייא גיזאגט מיר וועלין דיך ניט לאזין איז ארויש גיגאנגען איין בת קול פון דעם הימל אונ האט גיזאגט לערינט תורה פון יהושע אזו האבין זייא גילערינט תורה פון יהושע אונ משה האט זיך גיזעצט פון זיין רעכטער האנט אונ אלעזר פון זיין לינקר האנט אונ יהושע האט גיזאגט תורה פר כל ישראל אונ אז די ישראל זיינען ארויש גיגאנגען פון דעם בית המדרש זיינען זייא גיקומן צוא משה אונ זאגין לערין אונז אונ באשייד אונז וואש יהושע האט גיזאגט האט משה גיזאגט איך קאן אליין ניט. אין דער שעה האט משה גיזאגט רבונו של עולם עש איז שוין די צייט דאש איך וויל שטארבין. אזו האט מען גיזאגט צו משה פון דעם הימל עש איז נאך איין שעה צו דיין מיתה האט ער אן גיהויבין בענטשין צו איטליכין שבט באזונדר. דר נאך האט ער גיזעהן דאש די צייט איז קורץ האט ער כל ישראל גיבענטשט אין איינעם. דר נאך האט מען צו משה גזאגט עש איז נאך איין האלבע שעה צו דיין מיתה. האט ער אן גיהויבין מחילה בעטין פון דיא ישראל אונ האט גיזאגט איך האב אייך פיל מאל מצער גיוועזן מיט תורה לערנן זייט מיר מוחל. אונ זיי זאגין אויך זיי אונז מוחל נאש

מיר האבן דיר פיל מאל דר צערינט · דער נאך האט מען גיזאגט צו משה עש איז נאך איין רגע צו דיין מיתה האט ער גיזאגט ברוך שמו חי וקים לעולם ועד גלויבט איז גאטש נאמען וואש ער לעבט אונ בלייבט צו איביג שטיין · אונ משה האט גיזאגט צו ישראל ווען איר ווערט קומען קיין ארץ ישראל זאלט איר מיך גידיינקען · האבן דיא ישראל גיזאגט וויא זאלין מיר דיך נית גידיינקען דאש דו האסט אונז אזו פיל טובות גיטאן · דער נאך האט מען צו משה גיזאגט עש איז נאך איין האלבע רגע צו דיין מיתה האט ער גילייגט זיינע הענט אויף זיין הארצין אונ זאגט צו די ישראל די הענט וואש האבן מקבל גיוועזן די תורה וועלין זיין באגראבין אין דער ערד · אזו באלד איז אים די נשמה אויש גיגאנגן · אונ קיין מענטש אונ נית קיין מלאך האט אים באגראבין נאר גאט אליין · אונ ער איז גישטארבין זיבין טאג אין אדר · אין דעם טאג וואש ער איז גיבארן גיווארין · דען גאט דר פילט די יארין פון די צדיקים פון טאג צו טאג לא תעבור את הירדן גאט האט גיזאגט צו משה דוא וועסט נית איבער פארין דעם ירדן אונ אפילו דיינע ביינר וועלין נית איבער פארין דעם ירדן · האט משה גיזאגט רבונו של עולם וואש בין איך ערגער פון יוסף הצדיק דאש מען טראגט זיינע ביינר קיין ארץ ישראל האט גאט צו אים גיזאגט דו האסט פר לייקנט דיין לאנד אז דו ביסט גיקומן צו יתרו האבן זיינע טעכטער גיזאגט איין מצרי האט אונז מציל גיוועזן פון דיא פאסטעכער · אונ דו האסט גיהערט וויא מען רופט דיך מצרי אונ דו האסט גישוויגין אונ האסט נית גיזאגט דאש דו ביסט איין יהודי דרום בישטו נית זוכה צו קומען קיין ארץ ישראל אבער יוסף האט גיזאגט צום שר המשקים איך בין ווארין גיגנבת פון דעם לאנד פון יהודים אונ האט זיין נאמען נית פר לייקנט דאש ער איז איין יהודי דרום האט ער זוכה גיוועזן צו באגראבין ווערין אין ארץ ישראל אונ גאט האט גיזאגט צו משה ווען דו וועסט באגראבן ווערן אין דר מדבר וועט דש דור וואש זיינן גישטארבין אין דר מדבר פון דיין זכות ווערין קומען קיין ארץ ישראל עש איז איין משל איין מענטש האט פאר לארין איין קופערנע מטבע אויף איין פינסטר ארט האט ער זיך גיטראכט ווען איך וועל די לייט זאגין זיי זאלין מיר לייכטין צו גיפינען דיא מטבע וועלין זיי מיך נית צו הערין אזו האט דר מענטש אויף דעם ארט איין גאלד גילדין גיווארפין אונ שרייט ביי מיר איז פאר לארין גיווארין איין גאלד גילדין אזו באלד זיינען גיקומען די לייט אונ האבין אים גילייכט אזו האט ער גיפונען דעם גאלד גילדין אונ דיא קופערנע מטבע אזו אויך האט גאט גיזאגט צו משה ווען דו וועשט באגראבין ווערין אין חוצה לארץ אזו וועסטו מיט נעמן כל ישראל קיין ארץ ישראל אין די צייט פון משיח אונ יעקב האט זוכה גיוועזן דאש מען האט אים גיטראגין אין גאנצין קיין ארץ ישראל מיט זיין פלייש אונ יוסף האט מען נאר גיטראגין די ביינער אבער דאש פלייש איז ווארין פאר פוילט אין חוצה לארץ אונ אין איין לאנגער צייט נאך זיין טויט האבין אים דיא ישראל גיטראגין קיין ארץ ישראל לשמור ולעשות למען תחיו צווא היטין די תורה אונ צו טאן · פון דאנען לערנען מיר אפ דאש נית דאס לערנן איז דר עיקר נאר צו טאן מעשים טובים איז דר עיקר אונ דאש איז דאס לעבין פון דעם מענטשין לא תוסיפו איר זאלט נית מערין אויף די מצות פון גאט צו מאכין פינף פרשיות אין תפילין אדער פינף ציצית אדער פינף מינים ביא דעם לולב אדער צו שלאפין דעם אכטין טאג סוכות אין סוכה דאש טאר מען נית דען דאס איז גיוועזן די עבירה וואש דיא ישראל האבין גיטאן אין ערבות מואב ביא דער עבודת כוכבים פעור זיי האבין גימיינט דאש זיי זיינען מבזה די עבודת כוכבים דר מיט וואש זיי דעקין אויף אנטקעגן איר דאש

היטער לייב אונ אין אמת איז דאס איר דינסט וואש מען דינט זיא דר מיט אונ דרום האט זיי גאט גיטייט חאטשע זייער כוונה איז גיט גיוועזן צו דינען זיא נייערט זיא האבין גימיינט זיי טוען איין מצוה דאש זיי זייגען זיא מבזה נאר מען טאר ניט מערין אויף די מצות פון גאט דען גאט האט די תורה פול אונ גאנץ גיגעבין אן איין חסרון דרום טאר מען ניט מערין אויף דר תורה • אבער צוא צייטין איין נדר צו טאן צו פאסטין אדר ניט צו עסין קיין פלייש אדער אנדערע תשובות כדי צו ברעכין דעם יצר הרע דער מיט דאש מעג מען טאן ואתם הדבקים בה׳ אונ איר זאלט אייך באהעפטין אין גאט • אונזרע חכמים זאגין וויא איז מיגליך צו באהעפטין זיך אין גאט נאר דר פסוק מיינט מען זאל טאן דיא מעשים פון גאט אזו וויא ער טוט חסד מיט לייט אזו זאל איינער דעם אנדערין אויך חסד טאן אדער ווער עש באהעפט זיך אין איין תלמיד חכם איז גלייך וויא ער באהעפט זיך אין גאט אונ ער ווערט ניצול ווערין פון אלעם בייזין פון זיין זכות וועגין אשר לו אלהים קרובים אליו כה׳ אלהינו וואו איז נאך אזוא איין פאלק דאש גאט זאל זיין צו אים נאהינט אזו וויא אונזער גאט איז צוא אונז נאהינט וען מיר רופין צו אים רבי חנניה אונ רבי יהושע זאגין וואו איז אזו איין פאלק וויא די ישראל דען ווען איינער גייט צום דין פאר דיינים אזוא זארגט ער דאש ער זאל דעם דין ניט פאר לירין אונ גייט אין שווארצע קליידער אונ לאזט זייגע האר וואקסין אבער דיא ישראל ווען עש קומט ראש השנה דאש גאט משפט די וועלט טוען זיך די ישראל אן אין ווייסע קליידער אונ שערין זיך אפ דיא האר אונ עסין גוטש אונ זייגען פריילך וויל זיי ווייסין גוואל דאש גאט וועט זייא מוחל זיין זייערע עבירות דען גאט איז נאהינט צוא ישראל צו הערין זייער תפלה אונ נאך איין פשט איז די סדר איז ווען איינר האט איין ביידין קרוב

זאגט ער דאש איז מיין קרוב • אבער ווען ער האט איין ארומע קרוב זאגט ער דאש איז גיט מיין קרוב אבער גאט איז ניט אזו • דיא ישראל זייגען גיוועזן ארום אונ נאקעט אין מצרים אונ גאט האט גיזאגט בני בכורי ישראל דאש ישראל איז מיין ערשטער זון את בצר במדבר די שטאט בצר וואש אין דר מדבר איז גיוועזן איין עיר מקלט דאש ווען איינר האט גיהרגת איין מענטשין בשוגג איז ער אהין אנטלאפין אונ מען האט אים דארטין ניט גיטארט טאן אונ די תורה האט נאהנט דר ביי אן גישריבין וזאת התורה צו ווייזין דאש די תורה איז איין עיר מקלט צום מענטשין דאש זיא איז מציל דעם מענטשין ווען ער לערינט זיא אזו וויא מיר גיפינען ביי רב חסדא אז עש איז גיקומן די צייט פון זיין טויט דאש דר מלאך המות האט אים ניט גיקאנט טאן ווייל זיין מויל האט גיט אויף גיהערט פון תורה לערנן אזו האט דר מלאך המות צו שפאלטין איין טענן בוים האט זיך רב חסדא דער שראקין אונ האט אויף גיהערט צו לערנען האט אים דר מלאך המות גיטייט • ריש לקיש זאגט דער מלאך המות וועט אין דער צייט פון משיח אנטלויפין קיין בצרה פאר איין עיר מקלט ווייל ער האט פיל פון ישראל גיהרגת אבער ער וועט זיך טועה זיין אין דריי זאכין דאש ערשטע דאש בצרה איז ניט קיין עיר מקלט נאר בצר • דאש אנדרע איין עיר מקלט נעמט נאר צו דעם וואש הרגת בשוגג אונ ער האט גיהרגת במזיד • דאש דריטע איז דער עיר מקלט נעמט נאר צו איין מענטשין ניט קיין מלאך • אנכי ה׳ אלהיך די עשרת הדברות זייגן גלייך וויא איין מלך וואש בוים איין נייע לאנד אונ זעצט דרינן אריין לייט אזו שרייבט דר מלך קיומים וואש דאש פאלק דארפין טאן צום מלך אונ וויא דאש פאלק זאלין זיך פירין איינר מיט דעם אנדערין אונ דרום האט גאט גיגעבין די עשרת הדברות אויף צוויי לוחות אויף איין לוח האט ער גישריבין וויא מען

זאל זיך פירין מיט גאט אונ אויף דעם אנדרן לוח האט ער גישריבן וויא אזו איין מענטש זאל זיך פירין מיט דעם אנדערין · דר ערשטר דבור איז אנכי יי אלהיך דאש איז טייטש זייא וויסין דאש איך בין דיין גאט וואש איך האב דיך אויש גיצויגין פון מצרים וואש דו ביסט דארטין גיוועזן איין קנעכט דרום האלט מיך פאר איין האר · אונ אויב דו וועסט זאגין דו וועשט מיך האלטין פאר איין האר נאר דו וועסט נאך איין האר נעמן דרום איז גיזאגט גיווארין דר אנדר דבור לא יהיה לך אלהים אחרים דו זאלסט קיין אנדערין גאט ניט האבן נאר מיך אליין אונ דר נאך זאגט דער מלך צום פאלק ווען איר וועט מיך אויף נעמן פאר איין האר זאלט איר מיך ערליך האלטן דרום האט גאט אן גישריבן דעם דריטין דבור לא תשא את שם יי אלהיך לשוא דו זאלסט ניט שווערין ביי גאטש נאמען צו פאלש דען ווען איר שווערט ביי גאטש נאמען פאלש האלט איר אים פאר גישט אונ דער נאך זאגט דר מלך צום פאלק מאכט אייך איין זכרון דאש איך האב אייך גיגעבן דאש לאנד דאש איר זאלט ניט פאר געסין צו ערליך האלטין מיך אונ רועט איין טאג אונ זייט פרייליך דרויף וואש איך האב אייך דאש לאנד גיגעבן דרום האט גאט גזאגט דעם פערטן דבור שמור את יום השבת לקדשו היט דעם טאג שבת צוא היליגין אים אונ זאלסט גידיינקען דאש איך האב דיך אויש גיצויגן פון מצרים אונ האב דיר גיגעבן ארץ ישראל אונ דער נאך זאגט דר מלך צום פאלק איר זייט מענטשין וואש איר וועט שטארבין אונ ווער וועט נאך אייער טויט ווערין דאש איך האב אייך גיגעבן דאש לאנד אונ אייערע קינדער וועלין איין אנדרין מלך אויף נעמן דרום גיביט איך אייך דאש איין זון זאל ערליך האלטין זיין פאטער אונ זאל האלטין וואש דר פאטער וועט אים זאגין אונ איר זאלט אייערע קינדער זאגין דאש איך האב אייך דאש לאנד גיגעבין אונ דרום

אויך האט גאט גיזאגט דעם פינפטין דבור כבד את אביך ואת אמך האלט ערליך דיין פאטר אונ מוטער אונ הער צו וואש זיי זאגין דיר דאש איך האב די וועלט באשאפין אונ האב אייך פון מצרים אויש גיצויגין · דיא פינף דבורים זיינען גיוועזן אויף איין לוח וויא אזו דר מענטש זאל זיך פירין מיט גאט אונ אויף דעם אנדרין לוח איז גישטאנן וויא אזו איין מענטש זאל זיך פירין מיט זיין חבר צום ערשטן האט ער גיזאגט דו זאלסט ניט הרגנן דיין חבר דאש איז לא תרצח דר נאך האט ער גיזאגט דוא זאלסט ניט אן רירין דיין חברש וייב דען דאש וייב איז גלייך וויא זיין גוף דאש איז דר אנדר דבור לא תנאף דאש איז טייטש דוא זאלסט ניט מזנה זיין מיט דיין חברש וייב אויב דו וועסט וועלין מיינען דו וועסט דיין חבר ניט טאן אין זיין גוף אבער אין זיין געלט מעגשטו אים טאן דרום האט גאט גיזאגט דעם דריטין דבור לא תגנב דוא זאלסט ניט גנבנן קיין געלט ביי דיין חבר אונ אויב דו וועסט וועלין מיינען איך טאר זיין געלט ניט נעמען אבר איך מעג אים שאדין טאן מיט פאלש עדות זאגין דרום האט גאט גיזאגט דעם פערטין דבור לא תענה ברעך עד שקר דו זאלסט אין דיין חבר קיין פאלש עדות ניט זאגין אונ אויב דו וועסט וועלין מיינען מיט דיין מויל טארסטו דיין חבר קיין שאדין ניט טאן אבער מיט דער מחשבה מעגסטו אים שאדן טאן דאש דו זאלסט אים איין עין הרע געבין דרום זאגט גאט דעם פינפטין דבור לא תחמוד דו זאלסט ניט גילוסטין עפעס פון דיין חבר אזו וויא זיין ווייב אדער זיין הויז אדר זיין אקס אדר זיין איזיל דען דורך דעם גילוסטין קאנסטו אים שאדין טאן מיט איין עין הרע מי יתן והיה לבבם זה להם ליראה אותי כל הימים ווער וואלט גיגעבין דאש דאש הארץ פון ישראל זאל אזו זיין צו פארכטין זיך פר מיר אלע צייט · פון דאנען לערנען מיר אז דאש אלדינג איז ביי גאט אין די הענט נאר

צו פארכטין זיך פאר גאט דאש איז בייא דעם מענטשין אין די הענט ער קען גוט אדר בייז זיין. שמע ישראל יי אלהינו יי אחד הער צו ישראל דאש גאט אונזער גאט איז איין גאט דער פסוק זאגט דרייא שמות (יי אלהינו יי) דער ערשטער יי ווייזט דאש גאט איז גיוועזן איין גאט איי די וועלט איז בשאפין גיווארין אונ אלהינו ווייזט דאש גאט איז איצונד אויך איין גאט אונ דר אנדרער יי ווייזט דאס גאט וועט זיין איין גאט אז די וועלט וועט חרוב ווערין אונ דאס ווארט אחד ווייזט דאס גאט איז איין גאט אין אלע צייטין אונ דר מענטש זאל זיין הארץ האבין דר בייא אונ זיין כוונה ווען ער זאגט אחד וואס אחד באטייט אונ זאל ניט לאזין זיין מויל גיין אן דער מחשבה דאס זאגט דר פסוק שמע הער צו וואס דוא זאגסט. משה האט גיזאגט צו ישראל איר האט אויף דעם בארג סיני גיזאגט נעשה ונשמע מיר וועלין טאן וואס גאט וועט אונז גיביטין אונ מיר וועלין הערין אונ אז איר האט דאס עגל גמאכט האט איר עובר גיוועזן אויף נעשה איר האט ניט גיטאן וואס גאט האט גיבאטין דרום האלט האטשע דאס ווארט נשמע צוא זאגין אלע טאג שמע ישראל. עס איז איין משל איין מלך האט מקדש גיוועזן איין אשה מיט צוויי אבנים טובות האט זיא איינעם פר לארין זאגט דר מלך צו איר היט שוין רעכט דעם אנדרין אונ די ישרא' האבין זוכה גיוועזן צו זאגין שמע ישראל פון יעקב אן דען אז ער האט גיזאלט שטארבין האט ער גיזאגט צו זיינע קינדער איך האב מורא אז איך וועל שטארבן וועט איר אן נעמן איין אנדרין גאט האבן די קינדר אלע מיט אנאנדר גיענטפרט שמע ישראל יי אלהינו יי אחד הער צו אונזר פאטר ישראל דעם גאט וואס מיר האלטין איצונד דר איז איין גאט מיר וועלין אים ניט פאר ביטן האט יעקב דרויף גאט גילויבט אונ האט גזאגט ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד גילויבט איז איין נאמן אונ דר כבוד פון זיין מלוכה אויף

אייביג דרום זאגן מיר אלע טאג שמע ישראל אונ ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד. נאך איין טעם איז אז משה איז ארויף גיגאנגן אויף דעם הימיל האט ער גיהערט וויא די מלאכים זאגין ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד. אונ אז ער איז אראפ גיקומען האט ער צו ישראל אויך גילערינט זיי זאלן זאגין ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד אונ האט גיהייסין מען זאל עש זאגין שטיל כדי די מלאכים זאלין זיך ניט מקנא זיין אין אונז וואש מען זאגט זייער לויב. עש איז איין משל איינער גנבת איין בעכער פון דעם מלך אונ גיט אים צו זיין ווייב אונ זאגט צו איר וויז אים ניט פאר לייט. אבר אום יום כפור זאגין מיר אין דר הויך ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד ווייל אום יום כפור זיינען מיר גליך צוא מלאכים דרום האבין מיר פאר זיי קיין מורא ניט אונ די ישראל לויבן גאט אונ גאט לויבט זיי. עש איז איין משל איין פרומר מאן האט איין פרום ווייב אזו לויבט ער זיין ווייב צווישן אלע מאנען. אונ זיין ווייב לויבט אים צווישן אלע ווייבער מיט זיין פרומקייט. אזוא אויך לויבין ישראל גאט דאש ער איז איין גאט אונ גאט לויבט ישראל פאר די מלאכים דאש עש איז קיין בעסר פאלק ניט דא וויא ישראל אזו וויא אין פסוק שטייט אחת היא יונתי גאט זאגט די ישראל איז איין אומה אונ די ישראל זאגין יי אחד גאט איז איין גאט. ואהבת את יי אלהיך דוא זאלשט ליב האבין גאט דיין גאט ווייל ער איז איינער אונ האט די וועלט בשאפן אונ דר וואש דינט גאט פון וועגין מורא דש ער האט מורא גאט זאל אים ניט שטראפין דר דינט ניט רעכט. נאר מען זאל גאט דינן פאר ליבשאפט אונ מען זאל האלטין זיינע מצות אונ מען זאל פריילך זיין ווען מען טוט איין מצוה. בכל לבבך ובכל נפשך דו זאלשט גאט ליב האבין מיט דיין גאנצין הארצין ווייל דאש הארץ איז ווארין צום ערשטין בשאפין אין דר מוטרש לייב. אונ אז דער מענטש שטארבט שטארבט דאס הארץ צום לעצטן

נאך אלע גלידר · דרום זאגט ער דוא זאלשט
גאט ליב האבן פון דעם מאל אן וואש דאש
הארץ ווערט באשאפן ביז עש שטארבט ·
ובכל מאודך דוא זאלשט גאט ליב האבין מיט
דיין געלט דאש דיין געלט זאל דיר ניט ליב
זיין אנטקעגין איין מצוה פון גאט · אזוא
וויא מיר גיפינען דאש רבן גמליאל האט
גיקויפט איין אתרוג פאר טויזנט גילדן כדי
צו האלטין דיא מצוה פון גאט · רבי זירא
זאגט ווען איין מענטש האט איין אתרוג צו
קויפן פאר פופצעהן גילדין אונ עש טרעפט
זיך איין שענירער אתרוג פאר צוואנציג גילדן
דארף ער בעסער דעם שיינעם אתרוג קויפן
פאר צוואנציג גילדין ער זאל די מצוה שיין
טאן · אזו וויא אין פסוק שטייט · זה אלי ואנוהו
דאש איז מיין גאט אונ איך וועל אים בשיינן
מיט שיינע מצות · אונ אטייל חכמים זאגין
ובכל מאודך איז טייטש דו זאלשט גאט אלע
צייט לויבין סייא עש גייט דיר וואול אדער
איביל זאלשטו אליך גאט לויבין אונ אטייל
חכמים זאגין בכל לבבך איז אנטקעגן אברהם
וואש ער האט גאט ליב גיהאט מיט זיין
גאנצין הארצין אונ האט גימאכט דאש פיל
לייט זאלין ליב האבין גאט · ובכל נפשך איז
אנטקעגין יצחק וואש ער האט זיין נשמה
איבער גיענטפערט צוא גאט אונ האט זיך
גיוואלט לאזין שעכטין אויף דעם מזבח פאר
איין קרבן צו גאט · ובכל מאודך איז אנטקעגן
יעקב וואש ער האט מעשר גיגעבין פון זיין
געלט אונ פון זיינע קינדר · אשר אנכי מצוך היום
די מצות זאלין זיין גיליבט אין דיינע אויגין
גלייך וויא איך האב דיר ערשט היינט גיבאטן
צו טאן מצות ניט וויא איין זאך וואש מען
איז דערינען גיוואונט וואש דאש איז שוין
ניט גיליבט · אונ אז דו לייענשט קריאת שמע
זאל בייא דיר גלייך זיין וויא דו לייענשט איין
בריב פון דעם מלך וואש ער האט ערשט
היינט דיר גישריבין וואש דאש איז ביי דיר
ליב · אונ דו הערשט דיך צו צו איטליכין

ווארט אזו זאלשטו דיך צו הערין צו איטליכן
ווארט אין קריאת שמע · ודברת בם דיין עיקר
ריידין זאל זיין אין דער תורה ניט אין דברים
בטלים אונ זאלשט דיא תורה ריידין מיט דיין
מויל הויך ניט זאלשט טראכטין אין הארצן
דען די תורה ווערט אנדערש ניט מקוים ביי
דעם מענטשין סיידין ער רעט מיט זיין מויל
אבר תפלה איז דר עיקר אין הארצין מען
זאל ניט הויך שרייען אין שמונה עשרה ·
לאות על ידך מען זאל תפילין לייגין אויף דער
לינקער האנט העכער פון דעם עלינבויגין
אויף דעם גראבן פלייש עש זאל זיין אנטקעגן
דעם הארצין · והיו לטוטפות בין עיניך די תפילין
של ראש זאלשטו לייגן אויף דעם מוח וכתבתם
על מזוזות ביתך ובשעריך דו זאלשט אן שרייבין
מזוזות אונ זאלשט זיי געבין אויף דעם ביי
שטידיל אויף דר רעכטר זייט פון דיין אריין
גיין אין הויז אריין · דען דר מענטש טרעט
פריער אריין מיט זיין רעכטין פוס אין הויז
אריין אונ מען זאל שרייבין דעם שם שדי
אוישין ווייניג אויף דער מזוזה · ווייל דיא
היידען זאגין ווען עש גייט איין מענטשין
וואול דאש איז דורך דיא מזלות דרום האט
גאט גיהייסין שרייבן דעם שם שדי צו ווייזן
דאש גאט קען קערין די מזלות וויא אזו ער
וויל · די חכמים זאגין דר מלך ארטבן האט
גישיקט צו רבי איין אבן טוב אונ זאגט לאז
בייא מיר עפעש בעשערש שיקין האט רבי
אים גישיקט איין מזוזה האט דר מלך גזאגט
איך האב אים גישיקט איין אבן טוב וואש
קיין מענטש קאן אים ניט באצאלין אונ ער
שיקט מיר איין מזוזה וואש מען קען זיא קויפן
פאר צוויי גראשין · האט רבי צו אים גזאגט
דוא האשט מיר גישיקט איין זאך וואש מען
קען דאש מיט פיל געלט בצאלין · אבר איך
האב דיר גישיקט איין זאך וואש האט קיין
שיעור ניט וויא פיל דאש איז ווערט · דען די
רייד פון דר תורה קען מען ניט שאצין מיט
אלע אבנים טובות פון דר וועלט · אונ אויך

די זאך וואש דו האשט מיר גשיקט מוז מען היטין פאר גנבים · אבער די זאך וואש איך שיק דיר דאש ווערט דיך היטין מיט דיין גאנצן הויז גיזינד · אזו וויא דר פסוק זאגט בשכבך תשמור עליך והקיצות היא תשיחך ווען דוא וועסט ליגין אונ שלאפין ווערט דיך די תורה היטין אז דו וועשט דיך אויף וואכין וועט די תורה פאר דיר ריידין · ובתים מלאים כל טוב גאט האט צו ישראל צו גיזאגט דאש זיי זאלין גיפינגען הייזר אין ארץ ישראל וואש די אומות האבן גיוואנט פול מיט אלעם גוטין · אונ אפילו דאש פלייש פון חזירים איז מותר גיוועז צוא ישראל ווען זיי האבין גיפונגן אין די הייזער אונ אויך אנדערע זאכין וואש די תורה האט פאר באטין צוא עסין האט דאש גאט אלין מתיר גיוועז אין די זיבין יאר וואש זיי האבן מלחמה גיהאלטין אין ארץ ישראל נאר פון עבודת כוכבים האבין זיי ניט גיטארט קיין הנאה האבין · אונ אזוא האט דער רמב"ן בפירוש גישריבן עס, איז דענשט מאל מותר גיוועזן צו ישראל צו עסין נבילות אונ טריפות אונ חזיר ווען איינער איז הונגריג גיוועזן אונ האט ניט גיהאט וואש צו עסין אונ אויך יין נסך איז מותר גיוועזן · השמר לך פן תשכח את הדברים אשר ראו עיניך זייא גיווארינט ניט צוא פאר געסין די זאכין וואש דיינע אויגין האבן גיזעהן · די תורה לערינט אונז ווען עס גייט איין מענטשין וואול זאל ער ניט פאר געסין וויא עס איז אים איביל גיגאנגען דאש ער איז ארום גיוועזן · דרום זאגט דר פסוק אז דו וועשט האבין אלין דאש גוטש זאלשטו ניט פאר געסין וויא עס איז דיר גיגאנגען אין מצרים · אונ זאלשט גידיינקען דאש גאט האט דיר דאש גוטש גיגעבין · ובשמו תשבע ווען דו ווילשט איין מצוה האלטין זאלשטו שווערין נאר ביי גאטש נאמען ניט ביי קיין אנדרין גאט · רבי יאשיה זאגט איין מענטש מעג שווערין אנטקעגין דעם יצר הרע דאש ער וועט אים ניט פאלגין · אזוא וויא מיר גיפינגען ביא אברהם דאש ער האט גיזאגט הרימותי ידי אל ה' איך האב אויף גיהויבין מיין האנט צו גאט אונ האב גישווארין איך זאל ניט נעמען קיין פרעמדעש · אונ אזו אויך גיפינגען מיר ביי בועז אז רות איז צו אים ביי נאכט גיקומען האט ער גיזאגט חי ה' איך שווער ביא גאט דאש איך זאל זיא ניט אן רירין · אונ אזו טוען אלע צדיקים · אבר די רשעים טוען פאר קערט זיי שווערין זיי זאלין דעם יצר הרע זיין ווילין טאן אונ האלטין ווארט · לא תנסו את ה' אלהיכם איר זאלט ניט פרובין גאט · איין מענטש זאל ניט זאגין איך וועל גאט דינען אונ וועל זעהען אויב ער וועט מיר מזל געבין דאש טאר מען ניט · נאר מען דארף גאט דינען מיט דעם גאנצין הארצין סייא ער גיט דיר מזל אדער ניט · לא מרובכם מכל העמים חשק ה' בכם ניט ווייל איר זייט מער פון אלע פעלקר האט גאט בגערט אין אייך דען איר זייט ווייניגער פון אלע פעלקער אונ דאך האט פאגערט גאט אין אייך צו זיין זיין פאלק · דרום איז רעכט איר זאלט אים דינען · די חכמים זאגין גאט זאגט צו ישראל ווייל איר האלט אייך נידעריג פון אלע פעלקער דרום באגער איך אין אייך צו זיין מיין פאלק · ומשלם לשונאיו אל פניו גאט בצאלט דעם רשע באלד זיין שכר צוא פאר לירין אים אונ זאמט ניט פון צו בצאלין אים אונ אמייל חכמים זאגין גאט בצאלט דעם רשע אליין זיין שכר ניט צו זיינע קינדער · אונ ווען דר רשע טוט עפעס גוטש בצאלט אים גאט באלד אויף דער וועלט כדי ער זאל קיין גוטש ניט האבין אויף יענער וועלט · איין משל איינער איז זייער קראנק ער וועט גיוויש שטארבין זאגט דר רופא גיט אים עסין אונ טרינקן וואש ער וויל דען ער וועט דאך שטארבין · אזו זאגט גאט דער רשע וועט דאך גיוויש אויף יענעם עולם צרות האבין דרום גיט ער אים זיין לוין אויף דער וועלט פאר דעם גוטש וואש ער האט גיטאן · דע

די וועלט איז קורץ זיא וועט זיך אים באלד
אויש לאזין אזוא וועט זיך זיין גוטש אויש
לאזין · אונ איך וועל אים שטראפין פאר
זיינע עבירות אויף יענער וועלט וואש זיא
איז אייביג אזו וועט זיין שטראף לאנג גיווערן
אבער דעם צדיק וועל איך שטראפין אויף
דר וועלט פאר זיינע ווייניג עבירות וואש ער
האט גיטאן · אזו וועט זיך די שטראף באלד
אויש לאזין אונ דעם שכר פאר זיינע מצות
וועל איך אים געבין אויף יענער וועלט וואש
זיא איז אייביג אונ אויך אויף דער וועלט
ווערט נאר גישטראפט דר גוף · אבער אויף
יענער וועלט ווערט גישטראפט דר גוף מיט
דר נשמה אז וועט דר רשע גרוישע צרות
האבין אויף יענער וועלט · די חכמים זאגין
פון דריי זאכין וועגין לאזט גאט דעם רשע
וואול גיין אויף דר וועלט · איינש איז כדי
ער זאל תשובה טאן · דאש אנדערע איז
ווייל ער האט איין מאל איין מצוה גטאן · דש
דריטע איז ווייל עס וועט פון אים ארויש
קומען איין זון איין צדיק · דרום ווארט אים
גאט אונ טייט אים ניט באלד · אשר אנכי מצוה
אתכם היום לעשותם וואש איך האב אייך גבאטין
היינט צוא טאן · די חכמים זאגין די וועלט
איז ווארין גיגעבין צו טאן מצות אונ יענע
וועלט איז ווארין גיגעבין צו נעמן שכר אבר
קיין מצות קען מען דארטין ניט טאן · דרום
זאל דער מענטש זעהען ווייל ער לעבט צוא
טאן מצות כדי ער זאל אויף יענער וועלט
נעמען שכר :

## הפטרת ואתחנן

נחמו נחמו עמי יאמר אלהיכם זאגט ישעיה צוא
ישראל אייער גאט טוט זאגין צוא דיא
נביאים זייט מנחם מיין פאלק ישראל דברו על
לב ירושלים רעט אויף דעם הארץ פון ירושלים
אונ זאגט צו איר נביאות דש עש איז ווארין דר
פילט איר צייט פון גלות דען אירע זינד זיינען
פר געבין גיווארין אונ זיא איז גישלאגן גווארין
צווייא מאל וויא פיל איר זינד איז · איין מאל
פאר אירע זינד אונ איין מאל פאר דיא זינד פון
אירע עלטערן קול קורא במדבר פנו דרך יי איין קול
פון נבואה טוט רופין אין דער מדבר אונ זאגט
ראמט אויש גאטש וועג כדי די פאר טריבענע
ישראל זאלין קענען גיין פון דעם גלות קיין
ירושלים מסלה לאלהינו מאכט איין גיטרעטענעם
וועג צוא גאטש פאלק כל גיא ינשא וכל הר וגבעה
ישפלו איטליכר טאל וועט דר הויבין ווערין אונ
איטליכר בארג וועט גינידערט ווערין כדי די
לייט זאלין ניט מיד ווערין אין זייער גיין ונגלה
כבוד יי אונ גאטש כבוד וועט אנפלעקט ווערין
אונ אלע מענטשין וועלין זעהען דאש גאטש
מויל האט די אלע נביאות גירעט ווייל זיי זיינן
מקוים גיווארין · זאגט ישעיה קול אומר קרא איין
קול פון גאט זאגט צו מיר רוף אונ זאג נביאות
האב איך גיזאגט וואש פר איין נבואה זאל איך
זאגין ענטפערט דאש קול זאג אלע מענטשין
זיינן גליך וויא גראז כלומר אלע רשעים פון די
עובדי כוכבים איז זייער גדולה פאר קערט
גיווארין אונ זיינען גיוועזן גליך וויא גראז אונ
נאר זייער חסד איז גיוועזן גליך וויא אשפראצונג
פון דעם פעלד דען דער חסד וואש די עובדי
כוכבים האבין גיטאן איז נאר זינד ווארום זיי
האבין גיגזלת ביי איינעם אונ האבין גיגעבין
צדקה דעם אנדערין אבר די רייד פון גאט האט
איין קיום אויף אייביג ווארום ער לעבט אייביג
אזו קען ער זיין הבטחה מקיים זיין וואש ער
זאגט צוא דרום על הר גבוה עלי לך מבשרת ציון
אויף איין הויכין בארג גייא אויף דוא וואש דו
זאגשט ציון איין בשורה דאש מיינט מען דיא
נביאים וואש זאגין צו ציון בשורות הרימי בכח
קולך מבשרת ירושלים הויב אויף מיט כח דיין קול
דו מבשרת פון ירושלים דאש מיינט מען דיא
נביאים וואש זאגין בשורות צו ירושלים · זאג
צו די שטעט פון יהודה דאש אייער גאט קומט
אן אויש צוא לייזין אייך דרום זאגט ער מבשרת
איין לשון נקבה · אונ ווייטר זאגט ער רגלי מבשר
איין לשון זכר צו ווייזין אז דיא ישראל וועלין
פרום זיין וועט די גאולה גיך קומען פאר דער
צייט אזו וויא אזכר איז גיך אונ ווען די ישראל
וועלין ניט פרום זיין וועט זיך דיא גאולה פאר
זאמען אזו וויא איין נקבה וואש איז ניט גיך
אונ גיאיילט · הנה אדני אלהים בחזק יבא נון גאט
דער האר וועט קומען מיט שטארקייט צוא

גיצאלט

גיצאלט ווערין פון דיא עובדי כוכבים אונ זיין ארום וועט גיוועלטיגין צו אים דען ער דארף גיט האבין קיין הילף פון קיין אנדערין הנה שכרו אתו נן זיין שכר וואש ער וועט געבין צו דיא צדיקים איז אן גיבריים מיט אים אונ דר שכר פון דער ארבעט וואש אויף אים איז צו געבין צו די צדיקים וויל זייא האבין אים גידינט איז פאר אים כרועה עדרו ירעה אזו וויא איין פאסטוך טוט פאסין זיין שטארע מיט זיין ארום טוט ער איין זאמלען דיא שעפשעלעך אונ טראגט זייא אין זיין שוים אונ די זייגענדיגע שאף טוט ער פאמעליך פירין אזו וועט גאט די ישראל פירין אז זייא וועלין זיך אום קערין פון דעם גלות מי מדד בשעלו מים ווער האט גימאסטין מיט זיין טריט די וואשר פר וואר גאט האט דאש גיטאן אונ דיא הימלען האט ער גימאסטין מיט איין שפאן אונ האט גימאסטין מיט איין שליש דעם שטויב פון דער ערד כלומר ער האט די וועלט אויף דריי חלקים גיטיילט איין שליש ישוב אונ איין שליש מדבר אונ איין שליש ים אונ האט גיוואוגין די בערג מיט איין וואג אונ די הויך האט ער גיוואוגין מיט איין וואג שאל כלומר ער האט גיזעהן וועלכר בארג עש איז שווערער האט ער אים גישטעלט אויף הארטערע ערד אונ איין גרינגען בארג האט ער גישטעלט אויף ווייכע ערד אונ אז גאט האט יכולת דאש אלין צו טאן מכל שכן דאש ער האט יכולת מקיים צו זיין זיינע הבטחות מי תכן את רוח ווער האט דען אן גיגרייט דעם רוח הקודש אין דעם טייל פון די נביאים ה' פר וואר גאט דרום איז ראוי מען זאל אין דרינען גלויבין ואיש עצתו יודיענו אונ צו זיין עצה מענטש דאש איז דער צדיק אים טוט גאט זיין רוח הקודש מודיע זיין את מי נועץ מיט וועמען פון די עובדי כוכבים טוט זיך גאט בעראטין אזו וויא ער בעראט זיך מיט די נביאי ישראל אזו וויא מיר גיפינן דאש גאט האט זיך בעראטין מיט אברהם אז ער האט גיוואלט איבר קערין סדום· ויבינהו וילמדהו בארח משפט ארער וועמען פון די עובדי כוכבים האט גאט גימאכט פאר שטיין אונ האט אים גילערינט צו גיין אין דעם וועג פון משפט אונ האט אים גילערינט שכל אונ האט אים מודיע גיוועזן דעם וועג פון פאר שטאנדיקייט אזו וויא ער האט גיטאן צו אברהם דאש ער האט אים גיגעבין שכל ער

זאל גאט דער קענען פון זיך אליין אונ זאל פר שטיין אין דער תורה· אונ זיינע גידרין האבין גיקוועלט חכמה הן גוים כמר מדלי נוא די עובדי כוכבים זיינן ביי גאט גיאכט וויא דר ביטערער טראפין פון דעם עמער וואש דער פון פוילט דר עמער· וכשחק מאזנים נחשבו אונ זיי זיינן גיאכט אזו וויא דאש אפ רייבונג פון די קופערנע וואג שאלין וואש ווערט אפ גיריבין פון דעם שיכטל· הן איים כדק יטול די עובדי כוכבים זיינן גיאכט פאר גאט אזו וויא דער שטויב וואש ווערט אוועק גיטראגין דורך דעם ווינט דען זיי זיינען נים חשוב ביי גאט דאש ער זאל פון זיי אויף שטעלין נביאים וואש ער זאל זיי מגלה זיין זיין סוד אזו וויא ער טוט צוא נביאי ישראל ולבנון אין די בער אונ דר וואלד איז נים גנוג צו ברענגן אויף גאטש מזבח וחיתו אין די עולה אונ די חיות פון דעם וואלד איז נים גינוג צוא אויף ברייגגן עולות צו מכפר זיין אויף דער זינד פון די עובדי כוכבים כל הגוים כאין נגדו אלע עובדי כוכבים זיינן וויא נישט אנטקעגין אים מאפס ותהו נחשבו לו נאך ווייניגער פון נישט אונ ליידיקייט זיינן זיי גיאכט ביי אים אונ צו וועמען טוט איר עובדי כוכבים גלייכין גאט אונ וואש פאר איין דמות טוט איר אן ריכטין צו אים הפסל נסך חרש דיא בילד טוט דער בעל מלאכה אויש גיסין פון קופער אונ דר נאך טוט אים דער גאלד שמיד מיט גילדערנע בלעך בארעקין· אונ ווען מען וויל מאכין איין בילד פון האלץ טוט מען אזו המסכן תרומה דער וואש איז גילערינט צו אויש קלייבין האלץ וואש קען איין קיום האבין עש זאל נים אזו גיך פאר פוילט ווערין עץ לא ירקב יבחר איין האלץ וואש ווערט נים גיך פר פוילט טוט ער אויש דער ווייליין אונ איין קלוגין בעל מלאכה טוט ער זוכין ער זאל אים אן ברייטין פון דעם האלץ איין שטארקע בילד וואש ויא זאל זיך נים אויש גליטשין אזו טוט איר עובדי כוכבים אבער איר האט דאש נים גיהערט צו טאן הלא תדעו הלא תשמעו דען איר ווישט דאך וואול אונ איר האט דאך גיהערט פון אנדערע מענטשין אונ עש איז דאך פון לאנג ווארין גזאגט צו איך הלא הבינותם מוסדות הארץ פאר וואר איר פאר שטייט דאך ווער עש האט גימאכט די אפ גרונטין פון דר ערד דאש האט דאך גאט גימאכט דרום וואלט איר גידארפט

אים

אים דינען נים קין בילדער היושב על חוג הארץ
דער גאט וואש זיצט אויף דעם צירקיל פון דר
ערד אונ אירע זיצער זיינן פר אים גיאכט אזו
וויא היישעריקן. הנוטה כדוק שמים דער גאט וואש
האט אויש גיצויגין דיא הימיל וויא איין הויט
אונ האט זיא פר שפרייט וויא איין גיצעלט מען
זאל זיצין אונטער זיי דעם גאט וואלט איר געהערט
צו דינן הנותן רוזנים לאין דער גאט וואש גיט די
ראט הארין צו נישט אונ די שופטים פון דער
ערד האט ער גימאכט אזו וויא לערקיים אף בל
נטעו אונ זייא זיינען ווארין אויש גירִיסִין גלייך
וויא זייא זיינען נאר ניט גיפלאנצט גיווארין
אונ גלייך וויא זייא זיינען גאר ניט גיזייט
גיווארין אונ גלייך וויא זייער ווארציל איז
גאר ניט איין גיווארצילט גיווארין אין דער
ערד עש זאל קענען ווידער וואקסין פון אים
וגם נשף בהם ויבשו אונ ער האט נאר איין ווייא
גיטאן אין זייא איין ווינט אזוא זיינען זייא
ווארין פר דארט אונ איין שטורעם ווינט האט
זייא אוועק גיטראגין אזוא וויא איין שטרויא
דעם גאט וואש טוט דיא זאכין וואלט איר
גיהערט דינען ניט די בילדער ואל מי תדמיוני
ואשוה אונ צוא וועמען ווילט איר עובדי
כוכבים מיר גלייכין אונ איך זאל גלייך זיין
יאמר קדוש אזוא זאגט דער היליגער גאט שאו
מרום עיניכם הויבט אויף צום הימיל אייערע
אויגין אונ זעהט ווער עש האט באשאפין
דיא אלע חיילות וואש ווערין אן גיזעהען
אין הימיל אונ ווער איז דער המוציא במספר
צבאם וואש טוט אלע טאג מיט דער צאל
אויש ציהען דיא חיילות פון דעם הימיל צוא
יטליכין באזונדער טוט ער רופין מיט זיין
נאמען פאר וואר דאש טוט אלץ גאט מרוב
אונים ואמיץ כח איש לא נעדר פון וועגין דיא פיל
קראפט וואש ער האט אונ איז גישטארקט
מיט כח ווערט קיינער פון דיא חיילות ניט
גימינערט ער זאל אים ניט רופין. מיט זיין
נאמען • מיר וועלין שרייבין וואש דער ספרי
שרייבט אויף דיא פסוקים כל גיא ינשא אזוא
וועלין דיא ישראל זאגין צוא גאט מיר שעמען
איך פאר אונזערע עדות דאש איז הימיל אונ
ערד וואש זייא זאגין עדות אויף אונזערע
עבירות אונ זייא שפעטין פון אונז וועט גאט
ענטפערין איך וועל זייא מאכין פאר לירין
אזוא וויא אין פסוק שטייט כי הנני בורא שמים
חדשים וארץ חדשה איך וועל באשאפין נאייע
הימלען אונ איין נאייע ערד • אזוא וועלין
דיא ישראל ווייטער זאגין צוא גאט אונזער
נאמען איז נאך דא אויף דער וועלט וואש
מיר האבין עבירות גיטאן וועט גאט ענטפערין
איך וועל דיין נאמען מאכין איבער פארין
אזוא וויא אין פסוק שטייט וקרא לך שם חדש
ער וועט דיך רופין מיט איין נייעם נאמען •
אזוא וועלין דיא ישראל זאגין צו גאט דער
נאמען פון דער עבודת כוכבים וואש מיר
האבין גידינט איז נאך דא אויף דער וועלט
וועט גאט ענטפערין איך וועל זייא מאכין
פאר לירין אזוא וויא אין פסוק שטייט
והכרתי שמות הבעלים איך וועל פאר שניידין
דיא נעמען פון דיא אפ געטער בעל •
דיא גמרא זאגט אין סנהדרין איין עובד
כוכבים האט גיפרעגט צוא רבי אבוהו אייער
גאט איז דאך איין כהן וויא אין פסוק
שטייט ויקחו לי תרומה איר זאלט מיר געבין
תרומה אונ אז ער האט באגראבין משה
וואו האט ער זיך גיטוביליט דען עש שטייט
באיי אים מי מדד בשעלו מים דאש אלע וואשערין
פון דער וועלט איז נאר דיא מאס פון זיין
איין טריט האט רבי אבוהו גיענטפערט ער
האט זיך טובל גיוועזן אין פייער אזו וויא אין
פסוק שטייט הנה יי באש יבא גאט וועט קומען
אין פייער • כל הגוים כאין נגדו דער תנחומא
שרייבט קום אונ זעה וויא איין גרויש
פאלק פרעה האט אויש גיצויגין פון מצרים
צוא נאך יאגין נאך ישראל אזו האבין זיך
דיא ישראל זייער דער שראקין אונ האבין
גיזאגט ווער קען באשטיין אנטקעגין אזוא
איין גרויש פאלק האט גאט גיזאגט פארכט
אייך ניט זייא זיינען גלייך וויא איין פערד
איך וועל זייא באלד פר לירין אזו וויא אין
פסוק שטייט כי בא סוס פרעה אז עש איז גיקומען
דאש פערד פון פרעה אונ אזוא אויך וועלין
דיא ישראל שירה זאגין ווען דאש פאלק פון
גוג ומגוג וועלין פאר לארין ווערין אזו וועט
גיהייליגט ווערין דער נאמען פון גאט פאר
אלע אומות :

ואתחנן אל יי בעת ההיא לאמר וגו' רבי יוסי הייבט אן ויסב חזקיהו פניו אל הקיר ויתפלל אל יי קום אונ זעה וויא שטארק איז דר כח פון דר תורה אונ וויא זיא איז שטארקר פון אלין דינג דען איטליכר וואש איז עוסק בתורה פארכט ער זיך ניט מן העליונים ומן התחתונים אונ פאר אלע מיני שלעכץ פון דר וועלט ווייל ער איז בגריפן אין דעם עץ החיים אונ די תורה לערינט אים איין עצה תשובה צו טאן פר זיין הערין מבטל צו זיין פון אים איין גזירה רעה אפילו עס איז נגזר גיווארין אויף אים ער זאל שטארבן ווערט דאש אלין בטל אונ אפ גיטאן פון אים דען די עצה פון דעם מענטשן בעולם הזה איז נאר ער זאל עוסק זיין בתורה יום ולילה אונ זאל זיך ניט אפ טאן פון איר אזו וויא עס שטייט והגית בו יומם ולילה אונ אז ער שייד זיך אפ פון איר איז גלייך וויא ער שייד זיך אפ פון דעם עץ החיים קום אונ זעה די עצה פון דעם מענטשין איז אז ער גייט צוא בעט בייא נאכט שלאפין מוז ער מקבל זיין אויף זיך דעם עול מלכות שמים בלב שלם אונ זאל זיך מקדים זיין צו מוסר זיין זיין נפש פר איין פקדון צו הקב"ה דען אין דר צייט פילט די גאנצע וועלט איין טעם מיתה ווייל דר אילן המות איז שולט אין דר צייט אונ אז מען גיט די נשמה בתורת פקדון קומט זיא ווידר צוריק אין גוף אריין דרום זאגט מען בידך אפקיד רוחי פדית אותי יי אל אמת אין האלבע נאכט אז עס דער וועקט זיך דער רוח צפון אזו גייט הקב"ה אין גן עדן אריין ער זאל זיך משעשע זיין מיט די נשמות הצדיקים דען זיינן זיך מתכוין כל בני השכינה אונ אלע בני היכלא צו לויבן צו דעם מלך הקדוש דענשט מאל ווערין אלע רוחות ווידער אום גיקערט אין זייערע גופים אונ דאם רוב וועלט האפין זיך אויף די שעה • אונ די וואש זיינן בני היכלא זיינן עוסק בתורה ביז טאג אונ זיינן זיך משתתף מיט דער כנסת ישראל אונ די וואש הייסין בנים למקום די שטייען אויף אין דר פריא אונ מאכין ריין זייער גוף מען זאל מיט אים עוסק זיין צו זאגין שירות ותשבחות צום מלך אליין אונ אין שול אריין צו גיין אונ מטהר צו זיין זיך פריער מיט די קרבנות אונ דר נאך מיט שירות ותשבחות וואש דוד האט גיזאגט אונ ער טוט אן תפילין אויף זיין קאפ אונ ציצית אין זיין קלייד דאש איז דער

טלית גדול אונ זאגט תהלה לדוד אונ איז מתפלל שמונה עשרה אין שמונה עשרה גיהער מען צו שטיין אזו וויא די מלאכים שטייען אזו איז ער זיך מחבר צו זייא וואש זיי הייסין עומדים אזו וויא דער פסוק זאגט ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה אונ זאל זיין רצון מכוין זיין פר זיין הערין אונ זאל בעטין זיין בקשה • קום אונ זעה בשעת דער מענטש שטייט אויף האלבע נאכט עוסק זיין אין דער תורה רופט אויש איין כרוז הנה ברכו את יי כל עבדי יי העומדים בבית יי בלילות אונ איצונד אז ער איז מתפלל פר זיין הערין רופט אוים דר אייגענר כרוז ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה דער נאך אז ער האט שוין אויש גלאזט זיין שמונה עשרה גיהער ער זיך מוסר נפש זיין בשעת ער פאלט תחנון גלייך וויא ער איז שוין גישטארבין ובשעת אז ער איז מתפלל אזו די אלע רייד וואש גייען ארויש פון זיין מויל אין דר תפלה זיינן אלע עולה למעלה אונ שפאלטין די הימלען אונ גרייכין וואו אהין זיי בדארפין קומען אונ דער פון ווערט איין עטרה בראש של מלך אזו וויא די רבנן האבן עס שוין מפורש גיווען • די תפלה פון דעם מענטשין גהער צו זיין בתחנונים מיר לערנען עש אפ פון משה עש שטייט ואתחנן אל יי קום אונ זעה ווער עס איז מתפלל בדארף ער מכוין זיין בידע פים אין איינם אונ צו דעקין זיין קאפ אונ זיינע אויגין ער זאל ניט זעהן די שכינה וואש זיא שטייט פאר אים אונ צו שטיין באימה וביראה גלייך וויא פאר איין מלך אונ אין ספר פון רב המנונא סבא שטייט ווער עש עפינט זיינע אויגין בשעת תפלה אדר ער נידערט זיי ניט אראפ אויף דר ערד אזו איז ער אויף זיך מקדים דעם מלאך המות אונ אז זיין נשמה בדארף ארויש גיין בשעת טויט קען ער ניט זעהן דעם אור השכינה אונ שטארבט ניט בנשיקה ווייל ער איז מזלזל אין דר שכינה דר פאר איז זיא ווידער אין אים מזלזל בשעת ער בדארף צו איר אזו וויא עס שטייט כי מכבדי אכבד ובוזי יקלו אויב דו וועסט פרעגין וויא אזו קען ער זעהן די שכינה בשעת תפלה אלא ער זאל ווישין אז די שכינה שטייט בוודאי אנטקעגין אים דרום האטשע ער זעהט זיא ניט גיהער ער שטיין באימה וביראה אונ ניט צו עפענן די אויגין גלייך וויא ער וואלט גיזעהן אז זיא שטייט פר אים אזו וויא דר פסוק

זאגט

זאגט בייא חזקיהו ויסב חזקיהו פניו אל הקיר ויתפלל ווייל דארטין איז די שכינה דרום בדארף קיין צווישין שייד גיט זיין צווישין אים אונ צווישין דר וואנט אונ ווער עש שטייט בתפלה געהער ער זיך פריער מסדר זיין דעם שבח פון זיין האר אונ דר נאך צו בעטין זיין בקשה דען אזו אויך האט משה גיטאן פריער האט ער גיזאגט דעם שבח פון הקב"ה אתה החילות להראות את עבדך את גדלך וגו' אונ דער נאך האט ער גיבעטין אעברה נא ואראה את הארץ דא איז ערשט גיוועזן זיין שאלה ובקשה פון הקב"ה:

ואתם הדבקים ביי אלהיכם רבי יוסי זאגט אשרי העם שככה לו וואול צו דעם פאלק וואס הקב"ה האט זיי אויש דר ווילט אונ האט זיי גיבענשט מיט זיין ברכה כברכת שמו אזו וויא דער פסוק זאגט כי הם זרע ברך יי' ברך ממש קום אונ זעה דיא ישראל האט ער בגריפין צו זיין גורל אונ האט זיי גיגעבין די תורה הקדושה כדיי זיי זאלן זיין בגריפין אין זיין נאמן דרום זאגט ער ואתם הדבקים ביי' אונ ניט אין איין ממונה וויא מען האט שוין מפורש גיוועזן אין כמה ערטער. וידבר יי' אליכם מתוך האש זאגט רבי אלעזר דרויף גרויסע סודות אונ זיין עלטר פאטער רבי פנחס הערט דאש אזו קושט ער אים אונ ווינט מחמת שמחה אונ לאכט אונ זאגט דו גור אריה עש קען קיינר ניט בשטיין אנטקעגין דיר מיט דיין פאטר רבי שמעון וואול צו דעם חלק פון דיא צדיקים אונ זכאה איז מיין חלק בעולם הזה ובעולם הבא וואש איך האב דר צוא זוכה גיוועזן צו זעהען אזו איין איידים מיט אזו איין איניקל אונ דרויף שטייט יראו צדיקים וישמחו רבי אלעזר הייבט אן קרב אתה ושמע את כל אשר יאמר יי' אלהינו ואת תדבר אלינו קום אונ זעה בשעת הקב"ה האט גיגעבין די תורה צו די ישראל האבן זיי גיהערט. דאש קול פון דר גרעשטר מדריגה דאש אלע קולות זיינן נכלל דרינן אונ מחמת גרויש מורא האבן זיך די ישראל דר ווייטרט דער פון אונ האבין גיזאגט צוא משה ואת תדבר אלינו מיר ווילין ניט הערין פון דעם אויבערשטין שטארקייט פון דר העכשטער מדריגה נייערט פון אזו איין ארט וואש עש איז ניט אזוא שטארק אונ איז שלאף אין דר מדריגה אזו וויא אנקבה דרום האבן זיי גיזאגט ואת תדבר דאש איז לשון נקבה אונ עש שטייט ניט ואתה דען זיי האבין שלאף גימאכט דעם כח של מעלה כביכול דען ווען זיי וואלטין גיבליבין ביי דער ערשטער מדריגה וואלט דיא וועלט ניט גיקענט חרוב ווערן אונ זייא וואלטין גהאט איין קיום לדורי דורות דרום האט הקב"ה גיזאגט איך האב אייך גיוואלט מקיים זיין במקום עליון אונ אייך מדבק זיין בחיים אונ איר האט ניט גיוואלט דרום לך אמור להם שובו לכם לאהליכם זיי זאלין זיך איטליכר ווידר קערין צוא זייערע נקבות אונ זאלין זיך צו זיי בהעפטן אונ זיי זאלין שוין ניט האבין דיא מדריגה וויא עש האט גיזאלט פריער זיין אונ ווייל דיא ישראל האבין עש גאר גיטאן מחמת מורא דרום איז אויף זיי גיזאגט גיווארין מי יתן והיה לבבם זה להם ליראה אותי כל הימים פון דאנען לערנן מיר אפ אז איינר טוט אזאך אונ זיין הארץ אונ זיין מחשבה איז ניט לצד הרע חאטשע די זאך אליין איז ניט גוט ווייל זיין כוונה איז ניט גיוועזן צו קיין שלעכץ איז אים הקב"ה ניט דן אונ קיין עונש איז ניט שורה אויף אים אבר משה איז גיבליבן ביי זיין מדריגה אזו וויא עש שטייט ואתה פה עמוד עמדי פון דאנען לערינט מען אפ אז משה האט זיך גאר פורש גיוועזן פון זיין ווייב אונ איז אויף גיגאנגן צו איין גרוישר מדריגה וואול צו דעם חלק פון משה נביא הנאמן דאש ער האט זוכה גוועזן וואש קיין שום מענטש האט דר צוא ניט זוכה גיוועזן צוא אזו איין גרוישער מדריגה עליונה דרום שטייט כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא ער האט זיך בהעפט אין דער שכינה. רבי יהודה זאגט איטליכער מענטש בדארף זיין מיט אלע זיינע מעשים צו הקב"ה אונ ער גייט נאך זיין טעם ער האט גיזאגט ווער עש גייט אין וועג זאל ער זיך מכוין זיין צו דריי ערליי זאכן צו תפלה אונ צו דורן אונ צו מלחמה אונ חאטשע תפלה איז גרעשר פון אלעמען פון דעסט וועגין איז נאך גרעשר אז צווייא חברים אדר דריי וואש גייען אין וועג אונ ריידין דברי תורה דיא פארכטין זיך ניט פר קיין שום זאך ווייל די שכינה איז בשותפות אזו וויא די מעשה רבי אלעזר ורבי חייא זיינן אמאל גיגאנגן אין וועג זאגט רבי אלעזר עש שטייט ויעש יי' לאדם ולאשתו כתנות עור וילבישם האבין זייא דען פריער ניט גיהאט אויף זייער לייב קיין הויט זאגט ער יוא עש איז גוועזן איין גוט קלייד דען פר זייער חטא זיינן

די גיווען בדמות עליון ניט אין גישטאלט פון
די תחתונים דען דאש אור עליון האט זיי ארום
גירינגילט אזוא וויא היינט רינגילט ארום
איין הויט אזוא איז גיווען איין כתנות אור מיט
איין א׳ דאש איז טייטש ליכטיקייט אונ אז זיי
האבן גזינדיגט האט מען ביי זיי צו גינומן דעם
כתנות אור אונ זיינן אן גיקלייד גיווארין מיט איין
כתנות עור אין איין הויט אונ אין איין גישטאלט
פון דיא תחתונים דער נאך שטייט ותפקחנה עיני
שניהם זייערע אויגין זיינען ווארין גיעפינט צוא
זעהען דיא זאכן אין דעם ציור דפוס פון דער
וועלט פון דיא הנהגות התחתונים וואש זייא
האבין פריער גאר ניט משגיח גוועען עם שטייט
והולכתי עורים בדרך לא ידעו הקב״ה איז אן גיברייט
צו עפענן די אויגין וואס זיינן ניט קלוג גיווען
זייא זאלין מסתכל זיין בחכמה עליונה אונ זייא
וועלין זיך בהעפטין אין דעם וואש זיינען ניט
גיווען בהעפטט אויף דער וועלט כדי זייא זאלין
רעכט דר קענען זייער הערן ׳ זכאין זיינן דיא
צדיקים וואש זיינן זוכה צו דר דאזיגער חכמה
דען אזוא איין חכמה וויא דיא דאזיגע איז ניט
דא אונ אזו איין ידיעה ודביקות וויא די דאזיגע
ידיעה ודביקות עם וועט מער חכמה וידיעה
ודביקות זיין מער וויא פריער אזו וויא זיי גייען
אזו זיינן נאך גיגאנגן נאך זיי גזלנים זיי בגזלן ׳
האט רבי אלעזר אויף זייא אקוק גיטאן איז
גיקומען צווייא ווילדע שלאנגן אונ האבין זייא
גיהרגת זאגט רבי אלעזר גילויבט איז הקב״ה
דר רחמן וואש ער האט אונז מציל גיווען ער
לייענט דרויף דעם פסוק בלכתך לא יצר צעדך ואם
תרוץ לא תכשל איז דיין גיין וועט ניט אייננג זיין
דיין טריט אונ אפילו אז דו וועסט לויפן וועסטו
ניט גשטרויכלט ווערן וויא עש שטייט כי מלאכיו
יצוה לך לשמרך בכל דרכיך ׳ כי בי חשק ואפלטהו :

שמע ישראל יי אלהינו יי אחד די מצוה איז מייחד
צוא זיין דעם נאמן פון הקב״ה אלע טאג
דען אזו וויא מען איז אים מייחד למטה אזוא
איז מען אים מייחד למעלה דרום ווערט גיפונן
הקב״ה איז איין יחיד למעלה ולמטה דר וואש
איז מייחד צו הקב״ה דר בדארף טאן זיין לב
ורצון צוא דעם יחוד אונ זאל מחבר זיין אלע
זיינע גלידער מיט זיין מחשבה מיט זיין גאנצין
הארצין וגוף צו ריידן דאס אלין זאל זיין בחבור
אחד אין דעם יחוד דען עש זיינן רמ״ח ווערטער
אין קריאת שמע אנטקעגין דיא רמ״ח אברים
פון דעם מענטשין למטה אזו אויך למעלה איז
אנטקעגן דעם רמ״ח אורות רמ״ח מלאכים אונ
דר מיט וואש ער מאכט איין חיבור למטה אזו
ווערט למעלה אויך איין יחוד אין דיא רמ״ח
אורות של מעלה אזו איז ער מחבר אלע אין
איינם ביחוד אחד דען בשעת אז ער קומט מייחד
זיין דעם יחוד פון שמע ישראל וגו׳ אזוא שטייען
אלע חיילות השמים שורות שורות צו ווערן אן
גיברייט מיט דעם יחוד צוא זיין בסוד אחד ביחוד
אחד אזו ווערן אלע מתוקן אין זייער תיקון אזו
וויא עש גיהער צוא זיין באותו שעה שטייט
איין ממונה וואש ער איז ממונה אויף צווייא
הונדרט אכט אונ פערציג עולמות אונ אלע הייסן
אברים ער שטייט אונ האפט אויף דעם יחוד
אזו איז ער ממונה ללקוט שושנים ער קלייבט צו
אנאנדר אונ זיי ווערן איין יחוד אונ איין חיבור
אזו ווערין די עליונים ותחתונים אלץ איין יחוד
דען איז יי אחד ושמו אחד מען קען דאס אזו פיל
ניט ארויש שרייבין מחמת דיא גרויסע סודות
נאר מיר שרייבן עש בדרך כלל מען זאל וויסן
וויא דר יחוד פון קריאת שמע איז אזו חשוב
די רמ״ח ווערטר איז אנטקעגן די רמ״ח עולמות
אונ דער מלאך איז ממונה צו מאכן איין יחוד
פון אלע אונ איין חיבור אזו וויא דר מענטש
איז נכלל רמ״ח אברים אין גוף נמצא אז ער
היפט איבר איין ווארט איז ער מחריב העולם
דר מיט דרום האבן אונזרע חכמים אן גיזאגט
מען זאל מדקדק זיין אין קריאת שמע אונ דער
פר טוט מען אים קילין דעם גיהנם ׳ זאגט רבי
שמעון מיין קינד אלע מצות האבן איין אחיזה
אין דיא אורות הקדושים למעלה אונ ווער עש
טוט עש לשם יחוד הקב״ה ושכינתיה איז אים הקב״ה
מזווג מיט זיין בת זוג לעולם הבא אזו אויך ביי
אקרבן בדארף זיין לשם היחוד אונ ווער עם מאכט
צו הקב״ה אין בית המקדש רועען דרינן מאכט
אים הקב״ה איין בית לעולם הבא וואש איז
קודש קדשים אונ ווער עש מאכט אים אויף
דר וועלט איין סוכה אזו בדעקט אים הקב״ה
לעולם הבא אונ איז מגין אויף אים אז ער גייט
אוועק פון דר וועלט איז ער אויף אים מגין פון
מלאכי חבלה ווער עש בענטשט צו הקב״ה אונ
איז אים מקדש אין זיין תפלה אויף דר וועלט
בענטשט אים הקב״ה אויף יענער וועלט אונ איז

אים מקדש אונ אזוא וויא דא מאר מען ניט
זאגין איין דבר שבקדושה ווייניגר פון צעהען
מענטשין אזו מאכט אים הקב"ה צעהען רפואות
אין גן עדן אונ די קדושה פר הקב"ה איז אויך
צעהן דריי מאל קדוש אונ צוויי ברכות פאר
קריאת שמע אין דער פריא אונ איינע נאך
קריאת שמע אונ אויף דר נאכט צוויי ברכות
פר קריאת שמע אונ צוויי דר נאך · וואול צו
דעם מענטשין וואש ער טוט רעכט דעם ווילן
פון הקב"ה דאס קיין מויל קען גאר ניט ארויס
ריידן דעם שכר וואש ער האט אויף יענר וועלט
דאש איז לדורי דורות דער מענטש טוט דעם
ווילן פון הקב"ה אויף דר וועלט לפי שעה אונ
בויט אים דער מיט איין בנין דר פר בויט אים
הקב"ה אויף יענר וועלט לדורי דורות אונ ווייל
די אברים פון דעם מענטשין זיינן אלץ ווי פיל
מצות רמ"ח אברים אנטקעגן רמ"ח מצות עשה
אונ שס"ה גידין אנטקעגן שס"ה מצות לא תעשה
דרום איז וואול צו דעם מענטשן וואש ער האלט
זיינע אברים בטהרה אונ איז מקיים די מצות
וואש זיי זיינן אנטקעגן די אברים דר פאר רוט
הקב"ה אויף אים אונ איז אים מליך אויף
איטליכן אבר דאש עש איז ניט פר האנדן קיין
שום אבר וואש דיא קדושה זאל אויף אים ניט
רוען אבר ווען איינש איז חסר אזו רוט דארטין
ניט הקב"ה אונ איבער דעם אבר מוז ער נאך
איין מאל מגולגל ווערין ביז ער ווערט משלם
אין גאנצן מיט זיינע אברים דען אזו הייסט ער
צלם אלהים אבר אז אפילו איין אבר גייט אים אפ
הייסט ער ניט בצלם הקב"ה · אין זוהר הדרש
פרשה לך לך שטייט ווען די נשמה וואש זיא
הייסט אברם דארף אראפ גיין אויף דר וועלט
איז זי פריער אין איין מקום קדושה אין גשטאלט
פון דיא אורות פון דעם גן עדן העליון ובצורת
הקדושה פון דעם עולם התחתון ווען עש קומט
די צייט זיא זאל אראפ גיין אין גוף אריין גייען
מיט איר צוויי מלאכים דר יצר טוב מיט דעם
יצר הרע אונ זאגן צו איר לך לך מארצך גיי ארויס
פון דעם גן עדן התחתון ומבית אביך אונ פון דעם
גן עדן העליון אל הארץ אשר אראך דאס הייסט די
נידעריגע וועלט אזו ווייזט מען איר דעם גאנצן
גן עדן אונ אלע חדרים מיט די היכלות עליונים
אונ אויך איטליכן חלק פון אלע צדיקים וואש
איטליכר האט פר זיך זעלברט אונ נאך צווייא

אונ פערציג היכלות וואש זיי זיינן פון אלערליי
אורות צו די וואש לייענן רעכט קריאת שמע
וויא עש בדארף צו זיין דען עש איז פר האנדן
צוויי אונ פערציג ווערטר אין דר ערשטר פרשה
זיי ווייזן אויף פיל סודות אונ שמות הקדושים
אונ ווידר צוויי אונ זיבעציג שמות אנטקעגן די
צוויי אונ זיבעציג ווערטר פון והיה ביז ושמתם
אונ ווידר פופציג היכלות פון דר איבריגע פרשה
אונ ווידער ע"ב היכלות אנטקעגין די כוונה פון
פרשת ציצית · דען פרעגט די נשמה פר וואש
איז מען זוכה דער צו · זאגן די מלאכים וואש
גייען מיט איר דאש איז בזכות נעשה מיר וועלן
טאן מעשים טובים ונשמע אונ מיר וועלן הערין
צו לערנען תורה דען פירין זיי זיא ארויש אונ
גייען מיט איר אין גיהנם אריין אונ ווייזן איר
אלע חדרים אונ דעם להט החרב המתהפכת אונ די
משחיתים וואש הייסן כלבים עזי נפש לא ידעו שבעה
פרעגט זיא זיי ווער זיינן די דאזיגע זאגן זיי צו
איר דאש זיינן מ"ב היכלות וואש זיינן חושך אונ
אין דרינן זיינן פר האנדן פיל מענטשן מיט קייטן
אויף זייער האלז זיינן גיבונדין די הענט מיט די
פיס אונ שרייען אלץ וויי וויי · וויי צו אונז וואס
מיר זיינן נאך הבלי עולם גגאנגן מיר האבן ניט
גילייענט קיין קריאת שמע בכוונה מיט מ"ב
שמות הקדושים וואש מיר האבן דאס ניט
גילערינט וויא צו אונז ווי צו אונזר נפש אונ
דארטין איז אבר זיי איין ממונה דר נאך פירט
מען זיא אויך אין אנדרע ע"ב פענצטר וואש
דארטין איז פיל לעבר אונ די פיס פון די רשעים
שטעקין אין די לעבר אונ שרייען וויא ווי צו
אונזערע פיס וואש זיינען נאך גיגאנגען בהבלי
עולם אונ זיינן ניט גיגאנגן אין שול אריין אונ
האבן ניט בגערט צו וויסן די כוונה פון קריאת
שמע וואש די פופציג ווערטר זיינן מרמז אויף
די פופציג שמות הקדושים · דר נאך פירט מען
זיא ווידר אין ע"ב חדרים וואש דארטין זיינען
גיבונדין זייערע הענט אין די לעבר פון די בהמ
שטידלן אונ שרייען ווי צו אונז ווי צו אונזרע
הענט וואש האבין ניט גילייגט קיין תפילין אונ
מען ווייזט איר אויש אלע חדרים פון דעם גיהנם
אונ מען זאגט איר אז אלע מענטשין פון דער
גאנצר וועלט מוזין אהער אריין גיין אפילו דער
וואש ער איז גאר פריי פון איין עונש אזוא וויא
עש שטייט קטן וגדול שם הוא ועבד חפשי מאדוניו נאר

וועלכר

וועלכר מענטש וואש ווייסט מכוון זיין קריאת שמע מיט די ווערטר וועדלג די שמות הקדושים אויף אים זאגט דר פסוק אשגבהו כי ידע שמי יקראני ואענהו דר ווערט פטור פון דעם גיהנם קום אונ צרה וועלכר מענטש וואש האט מעשים טובים ווען ער טוט איין מצוה גייט זיא ארויף אונ שטעלט זיך פר השי"ת אונ זאגט איך בין פון דעם מענטשין ער האט מיך בשאפין אזו גיט אים הקב"ה איין מלאך ער זאל אים העלפין פון דעם חושך של גיהנם אזוא אויך פאר איטליכין ווארט וואש ער לערינט אין דר תורה גיט מען אים איין מלאך וואש ער העלפט אים דרום שטייט והגית בו יומם ולילה למען תשמור וגו' אז תצליח את דרכיך ווען דו וועסט לערנן תורה יומם ולילה אונ וועסט מקיים זיין וואש דארטין שטייט אז דו וועשט שטארבין וועסטו דיך ניט פארכטין פר דעם גיהנם ווארום הקדוש ברוך הוא וועט זיין מיט דיר אונ וועט דיך בשיצין זאלסט קענן דורך גיין די אלע ערטר אונ זאלסט פר קיינעם קיין מורא ניט האבין אבר חלילה אז דו וועסט ניט לערנען תורה אונ וועסט ניט היטין דיא מצות וועט זיך הקב"ה אפ טאן פון דיר אונ דיא מלאכים וועלין דיך ניט היטין אזוא וויא עש שטייט ואם תלכו עמי קרי וגו' נאך דעם אז מען ווייזט איר דיא אלע זאכן זאגט צו איר דער מלאך הטוב השי"ת האט מיר גיהיישן מיט דיר גיין אויף דר וועלט אונ דעם יצר הרע האט ער אויך גיהיישן מיט דיר גיין דרום שווער מיר אז דו וועשט מקיים זיין כל התורה כולה ללמוד וללמד לשמור ולעשות אזו שווערט אים דיא נשמה אז זיא וועט דאש אלץ מקיים זיין דער נאך זאגט ער צוא איר לך לך מארצך גיי אריין אין דעם גוף השפל אריין אונ אז דאש קינד דארף גיבארן ווערין שטארקט זיך דער מלאך אין זיין האלז אונ פאר געסט ער דיא גאנצע תורה אונ מאכט אים איין צייכין אויף זיין מויל ער זאל ניט פאר געסין די שבועה וואש ער האט אים באשווארין. אונ דרום אז ער איז מקיים זיין שבועה טוט מען אים אזו וויא ער האט גיזעהן אויב ער טוט נאך מער גיט מען אים נאך איין גרעשערין שכר אונ עש רוט אויף אים דיר שם הקודש אונ אויב ניט חס ושלום אזו איז זיך דר שם הקודש מסלק פון אים אונ זאגט אים ערום יצאת מבטן אמך וערום תשוב שמה דאש הייסט נוויל

דער שם הקודש קען זיך אין אים ניט מתלבש זיין איז ער גאר נאקעט דרום זאגט הקב"ה ראה נתתי לפניך היום את החיים וגו' החיים איז דער שם הקודש ואת המות ואת הרע דאש זיינען צוויא מקטרגים רשעים טמאים מצד הנחש:

פתח ינוקא דאש קינד הייבט אן צוא זאגין עש שטייט עמי מה עשיתי לך איך האב זייא גיהיישן גיין אין שול אריין אונ זאלין אויף מיר עדות זאגין אז איך בין אחד שמע ישראל וגו' דאש איר זאלט אויף מיר מעיד זיין אויף מיין אחדות די מ"ב ווערטר וואש זיינן אין קריאת שמע אין דער ערשטער פרשה אונ ע"ב אין דער פרשה והיה אם שמוע ביז ושמתם אונ ווידער פופציג ווערטער ביז צוא דעם סוף אונ ווידר ע"ב פון ויאמר דאס זיינען מיט דיא צוועלף ווערטער פון שמע וברוך שם סך הכל זיינען זיי רמ"ח תיבות אנטקעגין דיא רמ"ח אברים פון דעם מענטשין אונ וועלכער מענטש וואש לייענט רעכט קריאת שמע וויא עש דארף צוא זיין איז איטליכש ווארט משפיע אונ דער לייבט אורות אונ גיט כח אין איטליכין אבר וואש עש איז אנטקעגין די ווערטר אונ שמות. אבר אז מען לייענט ניט קיין קריאת שמע ביי טאג אונ ביי נאכט דען ווערט איטליכש אבר דר פילט פון דעם רוח רעה אונ פון אלע חולאים פון דער וועלט:

פקודא די מצוה איז צו מאכין איין מזוזה אויף דר טיר דאש דר מענטש זאל זיין גיהיט פון הקב"ה ווען ער גייט אריין אונ ארויש פון דר שטוב אזו וויא עש שטייט ה' ישמר צאתך ובואך מעתה ועד עולם דען דער מענטש הערט ניט גיהיט דורך קיין שום זאך נאר דורך הקב"ה דר מענטש זיצט ביי זיך אין שטוב אונ הקב"ה היט אים פון דרויסין. נאך איין טעם איז אויף דר מצוה פון מזוזה כדי דר מענטש זאל ניט פר געסן אונ זאל גידיינקן אין הקב"ה תמיד אזוא וויא עס שטייט ביי מצות ציצית וראיתם אותו וזכרתם וגו' אז דער מענטש זעהט אויף זיך די ציצית דר מאנט ער זיך אין אלע תרי"ג מצות אזו וויא דיא צאל פון ציצית בטרעפט מיט די אכט פעדים אונ דיא פינף קניפין וואש עס איז פר האנדין ביי דיא ציצית טרעפט דאס אן תרי"ג זעקס הונדערט מיט דרייצעהן. אין דעם ספר פון שלמה המלך האבן מיר גיפונן אז עס איז פר האנדין איין שד וואש ער רוט ביי דר לינקר זייט פון דר טיר ער האט

רשות דעם מענטשן מזיק זיין אונ בשעת דער
מענש וויל אריין גיין אין שטוב אריין אונ זעהט
דעם שם הקודש פון דר מזוזה אונ פאר געסט
אים ניט אזו קען ער אים קיין שלעכץ ניט טאן
אויב דו וועסט אבר פרעגין אז דר מענטש גייט
ארויש פון זיין שטוב קומט דאך אויש דר שד
אין דר רעכטר זייט אונ די מזוזה אין דר לינקר
זייט וויא אזוא ווערט ער גיהיט נאר אלע זאכן
זיינן אלץ ווערליג הקב"ה האט זיי גימאכט דאס
אלע זאכין גייט איטליכש מין נאך זיין מין דען
הקב"ה האט ביי דעם מענטשן גישטעלט צוויי
מלאכים דעם יצר טוב פון דר רעכטר זייט אונ
דר יצר הרע פון דר לינקר זייט דרום בשעת דר
מענטש גייט ארויש פון דר טיר הייבט דר שד
אויף זיינע אויגין אונ זעהט אויף דר לינקער זייט
דעם יצר הרע גייט ער צו אים אונ דארטין איז
דאך דער שם הקודש קען ער שוין אויף אים
ניט מקטרג זיין אונ קען אים ניט טאן קיין
שלעכץ דרום גיהער דר מענטש נזהר זיין אז
עש זאל ניט זיין קיין שום מינוף אדער מיסט
לעבן דר טיר אויך זאל ער דארטן ניט שטעלין
קיין כלי מיט אום ריינע וואשר אין טעם איז
ער איז מבזה דעם שם הקודש אונ ווידר כדי
דר מזיק זאל קיין רשות ניט האבין אים מזיק צו
זיין דרום דארף מען אין דעם נזהר זיין ווען דר
שם הקודש ניט פר מיטן ווערן פון דר טיר
ווען דר מענטש מאכט איין מזוזה ביי דר טיר
בשעת דר מענטש גייט אריין מזן דר שד מיט
דעם יצר הרע מיט גיוואלד אים היטן אונ זאגין
זה השער לה' וגו' אבר ווען דר מענטש האט ניט
קיין מזוזה ביי דר טיר זיינן די צוויי אן גבריט
וויא הויבין אויף זייערע הענט אויף זיין קאפ
בשעת ער גייט אריין אונ זאגן ווי צוא דעם
מענטשין וואס ער איז ארויש פון זיין הארינש
רשות ער האט ניט ווער עס זאל אים היטין
רחמנא ליצלן השי"ת זאל אונז מציל זיין פון זיי:
רבי שמעון זאגט בשעת דער מענטש איז זיך
מקדים אין דער פריא אונ לייגט תפילין
אויף זיין קאפ אונ אויף זיינע הענט מיט דעם
קשר תפילין של יד אונ תקילט זיך איין אין
דעם טלית מיט ציצית אונ אז ער וויל ארויש
גיין פון דער שטוב בגעגינט ער נאך ביא דער
טיר די מזוזה וואש איז גיצייכינט מיט דעם שם
הקודש בהעקטין זיך מיט אים פיר מלאכים

הקדושים אונ גייען מיט אים פון דער טיר ביז
אין דר שול אריין אונ רופין אויש פאר אים תנו
כבוד לצורתו של מלך גיט אפ כבוד צו דעם גשטאלט
פון דעם מלך גיט אפ כבוד צו דעם בן מלך דר
חשובר פרצוף פון דעם מלך אונ דר רוח הקודש
רועט אויף אים אונ רופט אויף אים אוים ישראל
אשר בך אתפאר דען גייט ארויף דר רוח הקודש
אונ זאגט אויף אים עדות פר הקב"ה אזו הייסט
דער המלך הקדוש ב"ה אלע דיא בני היכלא
וואש ווערין פאר אים דער קענט אויף שרייבן
דאס אזו וויא עש שטייט ויכתב ספר זכרון לפניו
ליראי ה' ולחושבי שמו ולחושבי איז טייטש לשון
מלאכה די וואש טוען איין מלאכה צו זיין נאמן
מיט אלע זאכין איין מלאכה פון די תפילין אונ
די בתים מיט די רצועות די מלאכה פון ציצית
מיט אירע פעדים אונ מיט דעם פאדים פון
תכלת די מלאכה פון מזוזה אויף דער טיר די
הייסין ולחושבי שמו ווי מאכין זיין נאמן אונ ניט
דאש אליין נאר הקב"ה איז זיך מיט אים מתפאר
אונ רופט אויש אין אלע עולמות זעהט וואש
פר איין בריה איך האב בשאפין אין מיין וועלט·
אבער דר וואש גייט ארויש פון דר שטוב אין
דער פריא אונ האט ניט קיין תפילין אויף זיין
קאפ אונ ציצית אין זיין קלייד אונ קומט אין
שול אריין אונ זאגט והשתחוה אל היכל קדשך ביראתך
אזו זאגט הקב"ה וואו איז מיין מורא ער זאגט
נאר פאלש עדות קום אונ זעה וויא דר מענטש
דארף נזהר זיין צו היטין דעם ווענג אונ צו טאן
די עבודה פון זיין האר כדי ער זאל האבן זיין
לחיי עלמא דען עס איז פאר האנדין יתות בבא
פון דעם המלך הקדוש ... אונ בייא
דעם ארט איז מקשר דער כוד פון דר מזוזה
ניצול צו ווערין פון די אלע בעלי דינים וואש
זיינען אן גיברייט צו דר ווערין זיך אויף דעם
מענטשן בעולם הבא· אויך אין דעם גשטאלט
וויא עש איז דער סדר פון מזוזה למעלה אזו
אויך האט הקב"ה גיגעבן צו די ישראל די מצוה
אין דער תורה כדי ווי זאלין אין דעם עוסק זיין
אונ דורך דעם זאלין זיי ניצול ווערין בעולם הזה
פון כמה דינים ומקטריגים וואש זיא זיינן אן
גבריט מקטרג זיין אויף דעם מענטשן אלע טאג·
זאגט רבי חייא ווען דר מענטש וואש וויל זיך
רעכט היטין אין זיינע ווענגין זאל ער ניט טרעטן
...ף אום ריינע וואשר וואש מען גיסט אויש

פאר דר טיר דען דארטן רועט איין שד צווישן די צוויי זייטן פון דער טיר אונ זיין פנים איז אנטקעגן דר טיר ער זעהט אלץ וואש מען טוט אין שטוב דרום דארף דר מענטש נזהר זיין ניט גיסין וואשר צווישן צוויי טירין זאגט רבי יצחק אבער לויטערע וואשר מעג מען אויש גיסין פר דער טיר נאר ער זאל זיי ניט גיסין דרך בזיון דען ער האט רשות מזיק זיין אז ער טוט נאר אקוק אויף דער שטוב ווערט זיא גיפלוכט ער האט אונטר זיך שס"ה משרתים אנטקעגין די שס"ה טעג פון דעם יאר אלע טאג האט ער אנאנדר משרת וואש ער האט דעם טאג איין שליטה אונ אלע גייען ארוים מיט דעם מענטשין בשעת ער עפינט די טיר ארויש גיין פון דער שטוב · זאגט רבי אלעזר הקב"ה האט מתקן גיוועזן דעם שם הקודש למעלה דאש איז דיא תורה וואש אין איר איז פאר האנדין פיל שמות הקדושים אונ ווער עס איז עוסק בתורה איז ער עוסק בשמות הקדושים אונ ווערט גיהיט פון אלע שס"ה משרתים וואש אויבין שטייען קום אונ זעה איין מענטש מוז אויף צייכענן אויף דר טיר דעם שם הקודש דאש איז דר שם אמונה וסוד היחוד פון אלע זאכן דען אין דעם ארט וואו דער שם הקודש איז דארטין האבן די קליפות ומקטריגים קיין שליטה ניט מקטרג זיין אויף דעם מענטשין אזו וויא עש שטייט לא תאונה אליך רעה וגו׳ דען עש איז אלץ אין גישטאלט וויא עס איז למעלה דר שומר הפתח פון דר קדושה הייסט מזוזה דארטין איז דר עבד נאמן מט"ט וואס פאר אים אנטלויפין אלע מיני קליפות זיי קענן ניט גינעהן צו דר קדושה אזו אויך דר שם שד"י איז בחוץ אונ הוי"ה בפנים דען דר וואש איז נזהר אין מצות מזוזה קענן די אלע בעלי מקטריגים ניט גיפונען ווערין דארטן :

רבי אבא איז גיגאנגן צו זעהן רבי שמעון האט אים באגעגינט רבי יצחק זאגט ער צו אים פון וואנען קומט דער הער צו גיין זאגט ער צו אים מיר האבין גילערינט אז עס איז איין חיוב אויף דעם מענטשין ער זאל מקבל זיין פני השכינה אלע ראש חודש ושבת דאש מיינט מען דאש פנים פון זיין רבי ומכל שכן פון רבי שמעון בן יוחאי דאש הייליגע ליכט · זאגט רבי יצחק איך וועל מיך מיט דיר אום קערן אונ וועל מקבל זיין פני השכינה צו פאר זוכין פון

די דברים עליונים וואש דו פאר זוכשט פון אים הייבט אן רבי אבא צו זאגין עש שטייט שיר המעלות אליך נשאתי את עיני היושבי בשמים דעם שיר האט דער רוח הקודש גיזאגט אויף די ישראל בגלות בבל מושך זיין ברכות ממקור עמוק וואש פון דארטין קומן ארויש די ברכות הנה כעיני עבדים אל יד אדוניהם דאש זיינען די שרים של מעלה וואש זיי ווערין נאר גישפייזט פון דעם איבר בלייבונג כעיני שפחה אל יד גבירתה דאם איז די שפחה וואס הקב"ה האט אויש גיהרגת איר חיל אין מצרים אזו וויא עס שטייט מבכור השפחה זיא האט ניט קיין אנדער שפייז נאר פון איר הארינטע דאש איז ארץ ישראל אונ פון דר שפחה גייען ארויש כמה מקטריגים אויף די ישראל אונ הקב"ה האט זיי גימאכט איין שמירה אזו וויא איין פאטער מאכט צו זיין קינד ער זאל אים אפ היטין פון שלעכץ אזו זאגט הקב"ה צו די ישראל עש איז פאר האנדין כמה מקטריגים אנטקעגן אייך איז די עצה איר זאלט עוסק זיין בתורה אונ עבודה מיך צו דינען וועל איך אייך היטין פון דרויסין אונ איר וועט זיך זיצין אין אייערע הייזר אונ וועט שלאפין אויף אייער בעט · קום אונ זעה בשעת די קליפות גינעהן צו דר טיר פון דעם מענטשן הייבן זיי אויף זייער קאפ אונ דר זעהן דעם שם שד"י איז גיצייכנט אין דרויסן וואש דר שם איז שולט אויף אלע · פארכטין זיי זיך פר אים אונ לויפין אוועק אונ קענן ניט גינעהן צו דר טיר פון דעם מענטשין זאגט רבי יצחק לאז מען נאר שרייבין דעם שם אליין נאך וואס שרייבט מען די גאנצע פרשה זאגט רבי אבא דער שם ווערט ניט גיקריינט נייערט מיט די אותיות פון דער פרשה דען ווערט דער שם גקריינט אונ דר מלך גייט ארויש מיט גאר זיין חיל דען פארכטן זיך אלע קליפות אונ אנטלויפן פאר אים קום אונ זעה יהו"ה איז דר צירוף פון דעם שם הקודש דרום איז דר שם פון דרויסן אנטקעגן דעם ווארט והיה אינווייניג דאש דר מענטש זאל גיהיט ווערין מכל צד פון אינווייניג אונ פון דרויסין זאגט רבי אבא וויפיל תהלות קדושים זיינען אן גבריית בשעת דער מענטש מאכט איין מזוזה רופין אלע אויס אונ זאגין זה השער לי׳ צדיקים וגו׳ וואול איז דער חלק פון די צדיקים דען עס ווערט דר קענט אז זיי דינן למלך הקדוש די ישראל זיינן גיצייכנט פון אים אין

זייער גוף זיינען זיי געצייכנט מיט דר מילה אונ אן די קליידר מיט ציצית אין קאפ מיט תפילין אפילו אין זייערע שיך זיינען זיי געצייכנט מיט מצות חליצה אין פעלד מיט דר זריעה אין שטוב מיט דר מזוזה זיי זיינען גצייכנט אויף אלע זייטן · זאגט רבי אבא וואש מיינט דר פסוק אותי עזבו מקור מים חיים לחצוב להם בארות וגו׳ אותי עזבו מיינט מען דער וואש לייקנט אין דעם הייליגן צייכן צו מאכין טונקיל דעם באר מים חיים לויטרע וואשער וואש גייען ארוים פון דעם לבנון פון דארטין ווערין געשפייזט עליונים ותחתונים אונ ווער עס איז משקר אין דעם הייליגן צייכן איז ער פוגם אין דעם באר מים חיים אונ אויף אים ווערט געלייענט דר פסוק כי הוציא שם רע על בתולת ישראל אזו וויא רבי שמעון האט געזאגט אז מען איז מוציא שם רע אויף זיין ערשטע ווייב איז גלייך וויא ער וואלט מוציא שם רע געוועזן אויף די כנסת ישראל דרום שטייט סתם כי הוציא וגו׳ על בתולת ישראל ער זאגט ווייטר גרויסע סודות אונ לסוף איז ער זיך מזהיר אויף מצות מזוזה דען עס איז פאר האנדין שס״ה שדים וואש איטליכר איז שולט אין זיין טאג זיינען זיי מקטרג אויף דעם מענטשן למעלה ולמטה ביי טאג זיינען זיי מקטרג ביי נאכט זיינען זיי אים מצער אין חלום גייט ער ארויש זיינען זיי מקטרג גייט ער אריין לייגין זיי זייערע הענט אויף זיין אקסיל אונ זאגן ווי איז צו דעם מענטשין וואש ער איז ארויש גיגאנגען פון זיין הארינש רשות ווי איז אים בעולם הזה ובעולם הבא דרום גהערן די צדיקים זיין גיהיט מיט אלשדינג מיט דעם צייכין פון זייער הער דען ווערן אלע שדים דר שראקין פר זיי אונ ווערין גיהיט בעולם הזה ובעולם הבא וואול צו דעם חלק פון די צדיקים אויף זייא שטייט ועמך כולם צדיקים וגו׳ :

ואהבת את יי׳ אלהיך רבי יוסי הויבט אן עס שטייט ועתה מה לי פה וגו׳ כי לקח עמי חנם וגו׳ קום אונ זעה דאש ליבשאפט פון הקב״ה צו די ישראל חאטשע די רשעים האבין גורם גיוועזן מיט זייערע חטאים אז ער זאל ווערין אפ גינומען פון זיי פון דעקסט ווענין נעמט ער זיך אן פאר זיי · קום אונ זעה בשעת די ישראל זיינען גיוועזן אין זייער לאנד זיינען זיי גיוועזן נאהענט צו הקב״ה אונ ער האט זיך מיט זיי משתעשע גיוועזן אונ בריכט הייגט אז זיי האבין גיזינדיגט איז זיך שוין הקב״ה מיט זייא ניט משתעשע אונ שרייט נאך ועתה מה לי פה וואש האב איך דא איצונד צו טאן פון דר צייט וואש דאש בהמ״ק איז חרוב גיווארן איז ניט פר האנדן קיין שמחה פאר הקב״ה אזו וויא עס שטייט אלביש שמים קדרות ושק אשים כסותם דאש איז אלין מחמת ליבשאפט וואש ער האט ליב צו די ישראל אזו וויא עס שטייט אהבתי אתכם אמר יי׳ דרום זאגט דר פסוק ואהבת את יי׳ אלהיך דו זאלשט ליב האבן צו הקב״ה אונ זאלשט זיך מקשר זיין אים דינען בעבודת עליון דען עס איז ניט פאר האנדין קיין גרעסרע עבודה וויא זיא ווען זיא איז פון רעכטר אהבה · בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך דרום שטייט ביי אלע בכל ווארום דער מענטש האט צווייא הערצר לב טוב ולב רע אזו אויך מיינט ער בכל נפשך אויף די צוויי נפש הבהמיות ונפש השכליות אויך מיינט ער בכל מאדך אויף צווייערליי געלטן עש איז פר האנדן אזו איין געלט וואש ער פר דינט דאש מיט זיין יגיע כפו אונ מיט גרויש טרחא אונ ווידר איז פר האנדין געלט וואס ער לייגט דר צו גאר ניט קיין טרחא דהיינו עס פאלט אים ירושה אונ דערגט גלייכן וואש אן טרחא דרום שטייט בייא איטליכן בכל צו ווייזן אז מיט אלשדינג זאל מען ליב האבן צו הקב״ה אונ ווער עס האט ליב צו הקב״ה ווערט ער גקריינט מיט חסד אזו וויא אברהם אבינו ע״ה האט ניט קיין חס גיהאט אויף זיין געלט מיט דעם גוף אונ ניט אויף זיין ווייב אונ קינדר אלין פון הקב״ה וועגן מחמת ליבשאפט ער איז גשטאנען אויף די וועגן נאך זוכין אורחים זיי אריין ברענגן אין שטוב אריין צו געבן זיי עסן אונ טרינקען דרום איז ער גקריינט גווארין מיט גרויש חסד פון הקב״ה אזו וויא עש שטייט חסד לאברהם אונ ניט דאש אליין נאר אלע עולמות זיינען גבענטשט גווארין אין זיין זכות אזו שטייט ונברכו בך ונברכה מאכט דאש ונברכו כ״ה די ברכה פון הקב״ה וואש זייא היישט כ״ה אזו וויא עש שטייט ביי די כהנים כה תברכו וואס פון דארטן ווערין אלע געבענטשט דאש איז אלין גיוועזן ווייל ער האט ליב גיהאט צו הקב״ה האט ער גקריינט דעם דאזיגין חסד איין מאל איז רבי יוסי שלאף גיוועזן זיינען צו אים גיגאנגען רבי אבא מיט רבי יהודה ורבי יצחק מבקר חולה זיין האבין די גיזעהן וויא ער איז גיפאלן אויף זיין פנים אונ שלאפט אז ער האט זיך

אויף

אויף גהאפט ווען זי וויא דיין פנים איז דייער פרייליך זאגט רבי אבא צו אים דו האסט געוויס געזעהן עפעס אנייע זאך דרום איז דיין פנים פריילך זאגט רבי יוסי צו אים עס איז בוודאי אזו דען איצונד איז מיין נפש ארויף גיגאנגן למעלה האב איך גיזעהן דעם כבוד פון דיא וואס זיינען זיך מוסר נפש פון קידוש השם וועגן מען ברייננגט זיי אריין אין דרייצעהן טייכן פון ריינעם אפרסמון וואש זיינען גרוישע סודות דארט איז זיך הקב"ה מיט זיי משתעשע אונ בשעת איך האב דר זעהן דעם גרויסן כבוד האב איך גיפרעגט צו וועמן איז דאש אזו איין כבוד האט מען מיר גזאגט דאש איז צו די וואש זיי האבין ליב גיהאט צו הקב"ה אויף דער וועלט אונ מחמת איך האב דאס גיזעהן איז מיר דר לויכטן גווארין מיין לב ונפש דרום האב איך איין פרייליך פנים זאגט רבי אבא צו אים וואול איז דיין חלק די תורה זאגט אויף זיי עדות אז זיי האבין גרוישן שכר עש שטייט עין לא ראתה אלהים זולתך יעשה למחכה לו וואול איז דער חלק פון די וואש האבן ליב צו דייער האר זייער שכר האט ניט קיין שיעור:

רבי אחא מיט רבי אלעזר האבן איין מאל בנאנד גנעכטיגט עס איז גיקומן נאך האלבע נאכט זיינען זיי אויף גישטאנן לערנן האט רבי אלעזר אן גיהויבין צו זאגין עס שטייט כי היא חייך ואורך ימיך קום אונ זעה אלע תנאים וואס הקב"ה האט גיהאט מיט די ישראל בשעת אז זיי זיינען אריין גיגאנגען קיין ארץ ישראל איז אלץ גיוועזן פון וועגן דר תורה דען די שכינה רוט נאר אויף דער וועלט מחמת דר תורה אזו וויא די תורה שבכתב ווערט ניט דר קענט נאר דורך דר תורה שבבעל פה אזו אויך ווערט די שכינה ניט דר קענט זיא זאל זיין מיושב למעלה ולמטה נאר דורך דער תורה דאש מיינט דר פסוק כי היא חייך ואורך ימיך לשבת על האדמה אונ דרום אז די ישראל האבן פר לאזין די תורה זיינען זיי פר לארן גווארן אזו וויא עס שטייט על מה אבדה הארץ על אשר עזבו את תורתי דאש מיינט מען שארה כסותה ועונתה לא יגרע דען די שפייז אונ דר מלבוש אונ דאש בהעפטונג פון דר תורה איז נאר אין די ישראל ואם שלש אלה לא יעשה לה אז ער וועט איר ניט טאן די דריי זאכן שטייט ווייטר ויצאה חנם אין כסף גייט זיא אום זוסט אין גלות אריין האבן זיי עוסק גיוועזן בתורה ביז טאג אונ זיינען גיגאנגן ווייטר דר ווייל האבן זיי דער זעהן אין מענטש וואש דר קאפ איז אים גיוועזן פול מיט וואונדן האבן זיי צו אים גנעהנט אונ זעהן אז ער שאקילט מיט די לעפצין זאגט רבי אלעזר ער מוז זיך בראטן מיט זיין האר דאס הייסט ער איז מתפלל האבין זייא זיך אויף גשטעלט מתפלל זיין אונ דר מענטש איז אלץ גישטאנן אין זיין שטאנד אויף איין ארט נאך זייער מתפלל זיין זיינען זיי אוועק גיגאנגן ווייטר אונ דר מענטש איז פון זיי אנטלאפן גווארן זאגט רבי אלעזר אדר דר מענטש איז איין שוטה אדר זיינע וועגן זיינען ניט רעכט אן גבריים צו גוטין זאגט רבי אלעזר מיר דארפן עוסק זיין בתורה הויבט ער אן צו זאגן עס שטייט כבוד חכמים ינחלו וכסילים מרים קלון הואול צו דעם וואש ער איז עוסק בתורה איידר ער הויבט אן ווייטר עפעס צוריידן האט דר מענטש גינעהנט צו זיי זאגט רבי אלעזר מיר טארין ניט מפסיק זיין מדברי תורה דען איטליכער מענטש וואש ער איז עוסק בתורה איז ער זוכה צו ירשנן די ירושה עליונה אונ דעם כבוד פון מלך הקדוש אונ דר כבוד דער הויכט אים בעוה"ז אונ למעלה איז אויף אים פאר האנדין כמה מליצי יושר וואש זיינען אויף אים מלמד זכות אבער אז דר מענש איז חלילה ניט עוסק בתורה אונ גייט ניט אין דעם וועג פון זיין האר אזו שוועבט דר מקטרג אין דר לופטן אונווארט טאמר וועט ער תשובה טאן אונ אז ער זעהט אז דר מענטש טוט ניט קיין תשובה גייט ער ארוף אונ איז אויף אים מלמד חוב דרום זאגט דער פסוק וכסילים מרים קלון זיינען זיי אריין גיגאנגען אין איין מערה דר מענטש איז זיי נאך גיגאנגן אונ הויבט זיי אן צו זאגין גרוישע סודות עס שטייט ושננתם לבניך דער מענטש דארף שארפן זיין קינד מיט דער תורה ער זאל ניט זיין קיין טפש ודברת בם ער זאל זיך רעכט פירן אין דעם גוטן וועג אונ זאל ניט אפ קערין לימין ושמאל בשבתך בביתך מען זאל זיך רעכט פירן אין דער היים מיט זיין הויז גיזינד זיי זאלן זיך פון אים אפ לערנן אלע זיינע מעשים זאלן זיין בדרך התקון ער זאל זייא רעכט פירן אונ זאל אויף זייא ניט ווארפן קיין גרוישע מורא ובלכתך בדרך ער זאל זיין וועג אן ריכטין מיט דברי תורה אונ זאל זיך אן ברייטן צו דריי זאכין אזו וויא יעקב אבינו עליו השלום האט זיך אן גיגרייט לדורון ולתפלה ולמלחמה אונ דאש



העכשטע

העכשטע פון דיא אלע איז דברי תורה ובשכבך בשעה ער לייגט זיך שלאפין זאל ער זיך נוהג זיין במורא פר זיין האר ער זאל אנטקעגן אים נים זיין קיין חצוף אונ זאל ווישן אז מלא כל הארץ כבודו דער כבוד פון הקב"ה איז פול אויף דער גאנצער וועלט ווען ער לייגט זיך אונ איז זיך נים נוהג בקדושה נאר מים חוצפה אזו טוט ער דאך דאס פר זיין האר ווארום דיא שכינה איז אויף אלע ערטר ובקומך אונ אז ער שטייט אויף פון דעם שלאף דארף ער צו לויבן צו הקב"ה וואש ער האט אים ווידר גיקערט דיא נשמה האמשע ער האט פר אים גיזינדיגט האט ער אים פארט ווידר גיקערט די נשמה אין זיין גוף בשעת זיי זיינען גיקומן פר רבי שמעון וויא ער האט זיי דר זעהן זאגט ער צו זיי די שכינה איז פר האנדין בייא אונז דרום דארפין מיר מחזיק טובה זיין צו דר שכינה אונ הויבט אן צו זאגין עס שטייט הן עוד היום גדול לא עת האסף המקנה השקו הצאן ולכו רעו דעם פסוק האבין דיא רבנן מפורש גיוועזן אויף די ישראל דאש הקב"ה האט אויף זיי גזהר גיוועזן זייא זאלין זיין נאר איין טאג אין גלות אזו וויא עס שטייט נתנני שוממה כל היום דוה נאר דער איינר טאג פון הקב"ה דויערט טויזינט יאר אונ ווען די ישראל וועלן תשובה טאן פאר הקב"ה וועלן זייא קומן קיין ארץ ישראל בזכות התורה והתשובה אונ אז זיי וועלן קיין תשובה נים טאן זאגט הקב"ה הן עוד היום גדול דער טאג וועט נאך זיין גרויש לא עת האסף המקנה עס איז נאך קיין צייט נים איין צו זאמלן די ישראל אן זכות אונ אן מעשים טובים אבער איין רפואה איז צו זיי השקו הצאן ולכו רעו זייט משתדל במים של תורה אונ טרינקט אייך אן מיט דר תורה דענשט מאל וועל איך אייך ברייננגען למקום המנוחה אל ארץ חמדה צו אייער ירושה ער זאגט גרוישע סודות פון קץ של משיח וואול צו די לייט וואש וועלן זוכה זיין צו זעהן די גאולה אונ זכאה איז דר חלק וואש וועט נים זעהען דען די צדיקים וועלן קענן ליידן דיא חבלי של משיח אונ וועלן בלייבן ביי דר אמונה אבר די שלעכטע וועלן נים קענן דער ליידין די צרות דרום איז פאר זיי בעסער אז זיי זאלין גאר נים זעהן דיא צייט עש שטייט ושב יי אלהיך את שבותך ונוי ומשלם לשונאיו אל פניו להאבידו רבי חייא הייבט אן לבן אנשי לבב שמעו לי חלילה לאל מרשע כי פועל אדם

ישלם לו קום אונ זעה אז הקב"ה האט בשאפן די וועלט האט ער זיא בשאפן מיט דין אונ אויף דין שטייט די וועלט אונ אלע מעשים איז אלין בדין נאר הקב"ה האט גיוואלט די וועלט זאל האבין איין קיום האט ער פר שפרייט איבר דעם דין זיין רחמים דאס די רחמים האלטין דעם דין כדי די וועלט זאל נים פר דארבן ווערן אויב דו וועשט זאגן אז הקב"ה טוט אמאל אזאך אן דין דען איין צדיק האט צרות אויף דר וועלט דאס איז נאר מחמת אהבה הקב"ה האט ליב דעם צדיק אונ וויל אים מקרב זיין צו זיך אזו שלאגט ער אים זיין גוף אונ צו ברעכט אים דען איז שוין די נשמה שולט אונ דר מיט איז ער אים מקרב באהבה אבר אז דער גוף איז שטארק איז די נשמה שלאף אזו איז ער דר שונא פון הקב"ה דם ער באגערט נים אין אים איז ער מצליח אין אין אלע זיינע וועגן כדי ער זאל אים בצאלין זיינע טובות אונ צדקה אויף דער וועלט כדי ער זאל שוין נים האבן קיין שכר אויף יענער וועלט אזו וויא דר פסוק זאגט ומשלם לשונאיו אל פניו להאבידו ער בצאלט זיינע פיינט אויף דר וועלט כדי ער זאל אים מאכן פר לירן פון יענר וועלט דרום וועלכר צדיק עש איז אים צו ברעכן זיין הארץ דר איז דער אוהב פון הקב"ה נאר בתנאי אז ער האט גאר קיין שום חטא נים אז ער זאל בדארפין גענעש ווערן היינט בדארף מען רעכט פר שטיין די זאך מיר גיפינן דאך אז די שכינה רועט נים אויף אמענטשן נאר אז ער איז פריילעך אבער דארטין וואו עס איז נים דא קיין שמחה רוט זיא נים אונ אויך כל זמן יעקב איז טרויעריג גיוועזן אויף יוסף האט די שכינה אויף אים נים גרוט אונ דר צדיק איז דאך תמיד זיין הארץ צו בראכן אונ מיט גרוים ווייטאג וויא אזו קען דיא שכינה אויף אים רוען עש איז דאך ביי אים גאר נים דא קיין חדוה ושמחה אונ ווידר מיר זעהען דאך כמה צדיקים וואס זיינען גיוועזן ליב האבר פון הקב"ה אונ זיינען נים גיוועזן בצער ווארום זאלן נים זיין גלייך די צדיקים וויא דיא אויב דו וועשט זאגין דר צדיק וואש איז בצער איז איין צדיק בן רשע אונ דר וואש איז בשלוה איז איין צדיק בן צדיק אמר מיר זעהן דאך כמה צדיקים וואש זיינן גוועזן בן צדיקים אונ זיי האבין פארט גיהאט יסורים אלא דאס איז אגרויסר סוד דאס מעשי הקב"ה זיינען באמת כי פועל אדם ישלם לו :

והיה עקב תשמעון די חכמים זאגין דער פסוק לערינט אונז דאש די מצות וואש מען טוט מיט דיא פים דאש מען גייט אין שול אריין אדר צו איין דרשה אדר מבקר חולה זיין אדער מלוה זיין איין מת אדער צוא מנחם אבל זיין אדר איין שמחת מצוה · פר די מצות האט מען איין גרוישין שכר · אונ אפילו אום שבת וואש מען טאר קיין גרוישן טריט ניט טאן · אבער אין שול אריין מעג מען לויפין · אונ ווער עש האלט ניט דיא מצות טוען זיי נאך זיין טויט קלאגין אויף אים · אזו וויא אין פסוק שטייט עון עקבי יסובני די עבירות פון מיינע טריט טוען מיך ארום רינגלען · אונ ווער עש האט נאוה מיט זיינע טריט אדר ער לויפט צו איין עבירה דר ווערט גישטראפט · אזו וויא מיר גיפינען ביי דער טאכטער פון רבי חנינא בן תרדיון ווייל זיא האט נאוה גיהאט מיט אירע טריט אזו איז זיא גישטראפט גיווארין דאש מען האט זיא מיט גוואלד אין איין שלעבט הויז גינומען · אונ זיא אליין האט גיזאגט דאש האב איך פאר זינדיגט וואש איך האב נאוה גיהאט מיט מיינע טריט דען גאט איז מדקדק אויף די טריט פון די לייט · דאש זאגט דר פסוק והיה עקב תשמעון אז איר ווערט האלטין די מצות וואש מען טוט מיט די טריט פון דער פוס אזוא ווערט אייך גאט געבין דאש לאנד אונ אלין וואש ער האט אייך צו גיזאגט · אונ נאך איין פשט איז דר שכר פון דיא מצות ווערט צום סוף בצאלט אויף יענער וועלט · אבר דר שכר פון דעם רשע וואש ער האט אויף זיין ווייניג ביסיל מצות באצאלט אים גאט אויף דר וועלט · דאש זאגט דר פסוק והיה עקב תשמעון ווען איר ווערט מצות טאן ווערט אייך גאט צום סוף בצאלין שכר אויף יענער וועלט · דען עקב איז טייטש סוף אזו וויא די טריט איז דר סוף פון דעם גוף · אונ נאך איין פשט איז דער פסוק ווייזט אונז דאש אפילו דיא מצות וואש איין מענטש האלט זיי פר גישט אזו וויא אזאך וואש מען האלט פאר גישט אונ מען טרעט זיי מיט די פים פון דעסט וועגין זאל ער דאך דיא מצות האלטין · אונ מען זאל ניט וועגין די מצות צו זאגין דאש איז איין גרויסע מצוה וועל איך זיא טאן אונ דאש איז איין קליינע מצוה וועל איך זיא ניט טאן · רבי אחא זאגט אין מדרש תנחומא איין משל איין מלך האט גינומען פועלים זיי זאלין אים פלאנצן איין גארטין מיט אלערליי בוימער אונ זאגט זיי ניט וואש דר שכר ווערט זיין · דען ווען ער וואלט זיי זאגין דעם שכר וואלט איטליכר גיוואלט ארבעטין ביי די גוטע בוימער כדי ער זאל איין גוטן שכר נעמן · אונ עש וואלט קיינער ניט גוואלט ארבעטן ביי די שלעכטע בוימער · אזו וואלט דר גארטין ניט רעכט גימאכט גיווארין · אזו אויך האט גאט ניט גיזאגט דעם שכר פון דיא מצות כדי דער מענטש זאל ניט אויש קלייבין וועלכע מצות ער זאל טאן · נאר וואש פאר איין מצוה עש קומט אים צוא די הענט זאל ער טאן · רבי שמעון בן יוחאי זאגט גאט האט גישטעלט דעם שכר פון צווייא מצות פון איין גאנץ גרינגע מצוה אונ פון דר הארבשטר מצוה · דאש איז ווען איינער קומט צוא איין נעסט פון פויגלאך אונ וויל פון זיי נעמען מוז ער פריער אוועק שיקין די מוטער אונ דר נאך זאל ער נעמן די קינדר · אונ גאט האט גזאגט ווען דר מענטש ווערט אזו טאן ווערט זיין שכר זיין דאש ער ווערט לאנג לעבין · אונ דיא הארבסטע מצוה איז דאש מען זאל ערלאך האלטין פאטר אונ מוטער · אונ גאט האט אויך דר ביא גיזאגט דאש דורך דעם ווערט מען לאנג לעבין · אזו האט גאט גיגליכין די גרינגע מצוה צו דר הארבער מצוה צו געבן אויף זיי גליך שכר · אונ אזו וויא דר שכר איז גרויש פון כבוד אב ואם אזוא איז דער עונש גרויש ווען מען האלט ניט ערלאך פאטר אונ מוטר · אזו וויא אין פסוק שטייט

דר וואש האלט ניט ערלאך פאטר אונ מוטר
וועלין אים די ראבין אויש פיקין די אויגין
אונ די אדלערש וועלין זיין פלייש אויף עסין
דען גאט בצאלט מדה כנגד מדה · דר ראב
איז אום דר בארימיג אויף זיינע קינדר וויל
זיי ווערין גיבארין ווייש אונ די ראבין זיינען
שווארץ · דרום זאגט דר זכר צו דער נקבה
דו האשט מזנה גוועזן מיט איין אנדרין פויגל
דרום זיינן דיינע קינדר ווייש · אזו לאזין זיי
די קינדער שטיין אונ שפייזין זיי ניט · מאכט
גאט דאש פון זייער צואה ווערט גיבארין
פליגין אונ זיי עסין די פליגין ביז זיי ווערין
גרויש אונ דר נאך ווערין זיי שווארץ · דרום
שיקט גאט דעם ראב וואש ער איז אום דער
בארימיג אויף זיינע קינדר צו אויש פיקין
די אויגן פון דעם וואש איז אום דר בארימיג
אויף זיין פאטער אונ מוטער אונ זיין פלייש
עסין זיי ניט אויף אונ גאט שיקט ווידר איין
אדלער וואש ער איז דר בארימיג אויף זיינע
קינדר צו אויף עסין דאש פלייש פון דעם
מענטשן · דען דר אדלר טראגט זיינע קינדר
אויף די פליגיל ווייל ער פארכט זיך מען ווערט
שיסין מיט איין פייל · דרום זאגט ער לאז
בעסער דיא פייל אריין גיין אין מיר אונ ניט
אין מיינע קינדר · ווען ער קומט צו זיין נעסט
קלאפט ער פריער מיט די פליגיל ער זאל ניט
קומן פלוצלונג דאש ער זאל ניט דר שרעקן
זיינע קינדער · ושמר יי׳ אלהיך די אלע טובות
וואש גאט האט צו גיזאגט צו געבין אויף
דר וועלט דאש איז אלץ פון די ברכות וואש
בלעם האט גיבענטשט צו ישראל · אבר די
ברכות וואש אונזערע עלטערין האבן אונז
גיבענטשט אברהם יצחק ויעקב דיא ברכות
וועלין צום סוף מקוים ווערין אויף יענער
וועלט · דאש זאגט דר פסוק ושמר דאש איז
טייטש ווארטין דאש גאט ווערט ווארטן אונ
ווערט בהאלטין דעם שכר אויף יענר וועלט ·
והסיר יי׳ ממך כל חולי גאט ווערט פון דיר אפ טאן
אלע קראנקייט · רב זאגט דער פסוק מיינט
איין עין הרע · דען רב איז גיגאנגען אויף
דעם בית הקברות איז ער גיוואר גיווארין
דאש פון הונדרט מענטשן שטארבט איינר
מיט אגיוואנגליכין טויט אונ ווייטר שטארבן
אלע דורך איין עין הרע · כל המצוה דאש
לערינט אונז ווען איין מענטש הייבט אן
איין מצוה טאן זאל ער זיא אין גאנצן טאן ·
דען מיר גיפינען דאש משה רבינו האט איין
מצוה גיטאן אונ האט די ביינער פון יוסף
אויף גיבראכט פון מצרים צו פירין זיי קיין
ארץ ישראל · אונ וויל ער האט דיא מצוה
ניט אויס גילאזט אונ האט דיא ביינער ניט
גיבראכט קיין ארץ ישראל · אונ די ישראל
האבין די ביינער גיבראכט קיין ארץ ישראל
דרום האט די תורה אן גישריבין די מצוה
אויף די ישראל ואת עצמות יוסף אשר העלו בני
ישראל ממצרים קברו בשכם גלייך וויא די ישראל
האבין די מצוה גאר אליין גיטאן ניט משה ·
ויענך ויאכילך את המן דר פסוק ווייזט אונז דאש
דר מן האט ישראל קלות גימאכט אונ זייא
האבין דורך אים איין לויטערין שכל באקומן
דרום זאגט דר פסוק גאט האט דיך הונגעריג
גימאכט דאש דוא זאלשט פאר דייען דאש
פראסטע עסין וואש פון דר ערד · אונ דער
נאך האט ער דיר גיגעבין מן צוא עסין פון
דעם הימיל וואש דורך דעם האט איר שכל
באקומען צו באהעפטין זיך אין דר שכינה ·
שמלתך לא בלתה די קליידער פון ישראל זיינען
ניט ווארן פאר פוילט אויף ישראל די גאנצע
פערציג יאר וואש זיי זיינען גיוועזן אין דער
מדבר · אונ דאש איז גיוועזן איין גרוישר נס
צוא גיין אין איין העמד פערציג יאר · אונ
היינט אז מען גייט דרייסיג טעג אין איין
העמד לייד מען פיל צרות · נאר גאט האט
גילאזט אויף זייא ווייען איין גוטין ווינט אונ
ער האט גימאכט די קליידער נייא אונ קיין
שוויים איז אין זיי ניט גיקומן · רבי אליעזר
האט גיפרעגט פון רבי שמעון מיט וואש
האט גאט די ישראל גיקלייד אין דר מדבר ·

האט

האט רבי שמעון אים גיזאגט מיט זיידענע
קליידר האבן די מלאכים צו ישראל גיקלייד
אונ פון קליינר הייד אן האט דאש קלייד מיט
דעם קינד גוואקסן · אונ קיין שוויים האט
ביי זיי ניט גישמעקט · דען ביא דעם באר
האט גיוואקסן גוטע קרייטער וואש האבן
גישמעקט פון איין עק וועלט ביז אין אנדרין
עק וועלט · אונ די ישראל האבן זיך גירויכרט
מיט די קרייטער דרום האט ביא זיא קיין
שוויים ניט גישמעקט · אזו וויא אין פסוק
שטייט בנאות דשא ירביצני ביי שיינע קרייטער
האט ער מיך גימאכט רוען · אונ אין שיר
השירים שטייט אויך וריח שלמותיך כריח לבנון
דר ריח פון דיינע קליידר שמעקט וויא דיא
גוטע בשמים · ורגלך לא בצקה אונ דיינע פיס
זיינען ניט גישוואלין גיווארין · אטייל פון
אונזערע חכמים זאגין דאש איז גימיינט די
לוים האבין דעם ארון גיטראגין אין דער
מדבר בארפוס אן שיך · אונ זייערע פיס זיינן
ניט גישוואלין גיווארין · אונ אטייל חכמים
זאגין כל ישראל זיינען בארפוס גיגאנגן · דען
עש איז פאר פוילט גיווארין דר רימען פון
זייערע שיך אונ דאך איז זייערע פיס ניט
ווארין גישוואלין · כי יי אלהיך מיסרך. דען גאט
טוט דיך שטראפין · כלומר מיט דעם וואש
גאט האט דיך גיפייניגט אונ האט דיר ניט
גיגעבין ברויט מיט איין מאל · אונ דו האשט
אלע טאג גמוזט האפין עש וועט דיר פאלין
מן פון דעם הימיל · דר מיט האט דיך גאט
גיוואונט דו זאלשט אלין אבטחון האבן אויף
גאט · רבי אמי ורבי אסי קריגין איינר זאגט
עש איז ניט גלייך דר וואש האט זיין ברויט
וואש ער דארף אין איין מאל אדר ווער עש
האט ניט · דען דר וואש האט ניט אין איין
מאל דר קען ניט ניך זאט ווערין · אונ דער
אנדערער זאגט עש איז ניט גלייך דר וואש
זעהט וואש ער עסט צו איין בלינדין וואש
זעהט ניט וואש ער עסט דען איין בלינדער
קען ניט ניך זאט ווערין · אביי זאגט ווער

עס האט נאר איין סעודה צווא עסין זאל ער
זיא עסין ביא טאג ניט ביי נאכט אזו וועט
ער זאט ווערן · ארץ אשר לא במסכנות תאכל בה לחם
ארץ ישראל איז אזו איין לאנד וואש דו
וועשט דרינן גינוג ברויט האבין · די חכמים
זאגין דר פסוק ווייזט מיר דאש די מענטשין
פון ארץ ישראל האבין איין לויטערין שכל
מער וויא די מענטשין פון אנדערע לענדער
דען דר אויר פון ארץ ישראל איז לויטער
אונ מאכט קלוג די לייט וואש וואוגן דרינן ·
דאש זאגט דר פסוק דו וועשט דרינען גינוג
ברויט האבין דאש מיינט מען די תורה וואש
זיא איז גיגליכן צו ברויט · דען אזו וויא מען
קאן ניט לעבין אן ברויט אזו קאן מען ניט
לעבין אן דר תורה · דר נאך לויבט די תורה
ארץ ישראל דאש דו וועסט דרינן גינוג איין
אונ קופער האבן וואש מען דארף דאס גייטג
האבין צו אלע כלים · אבר גאלד אונ זילבר
דארף מען ניט אזו גייטיג · דרום לויבט די
תורה דר מיט ניט ארץ ישראל · וברכת את יי
אלהיך דו זאלשט לויבין גאט דאש מיינט מען
ווען דו האשט עפעש הנאה פון דער וועלט
מיט עסין אדר טרינקען זאלשטו פריער איין
ברכה מאכין · אונ מיט דר ברכה ווייזט מען
דאש גאט האט דאס שפייז גיגעבין צום
מענטשין דאש דרום לויבט ער אים · אבער
ווער עס עסט אדער טרינקט אן איין ברכה
איז גלייך וויא ער גזלת גאט אונ ברייגנט
הונגער אויף דר וועלט · ורם לבבך ושכחת את יי
אלהיך דער פסוק ווייזט אונז דאס ווען דר
מענטש איז רייך אונ האט אלין דאש גוטש
ווערט זיין הארץ דער הויבין אונ ער האט
גאוה אונ פאר געסט אין גאט אונ זאגט איך
בין דורך מיין שכל רייך גיווארן אונ מיין מזל
אין הימיל האט דאש גימאכט · וזכרת את יי
אלהיך דוא זאלשט גידיינקען דאש דיין גאט
האט דיר דאש גיגעבין ניט דיין חכמה אדר
דיין מזל · ויהי מקץ ארבעים יום אונ עש איז
גיוועזן אין סוף פערציג טעג האב איך מקבל

גיוועןדי לוחות · פון דאנען לערנען מיר אפ דאש אין דעם טאג וואש די ישראל האבין מקבל גיוועןדי לוחות דעם טאג האבין זייא דאש עגל גמאכט · אונ וויא באלד משה האט דר זעהען זיי האבין דאש עגל גמאכט האט ער צו בראכן די לוחות · דען ער האט גזאגט עש איז בעסער די לוחות זאלין צו בראכין ווערין · אזו ווערט גאט די ישראל ניט זייער שטראפין דרויף וואש זיי האבין דאש עגל גימאכט ווייל זיי האבין ניט קיין תורה אונ קיין לוחות איז די עבירה ניט אזוא גרויש · אונ אז משה האט דר זעהען דאש עגל איז ער אנטלאפין מיט די לוחות · אונ די זקנים זיינן אים נאך גילאפין אונ האבן אן גיהויבן אויש צו רייסין די לוחות פון משה · אבער משה איז שטארקער גיוועןפון אלע זקנים אונ די לוחות זיינן אין זיינע הענט גיבליבין · אונ משה האט גיזעהן דאש דר כתב פון די לוחות איז ארויש גיפלויגין צום הימעל · אזו זיינען די לוחות זייער שווער גיווארין אויף זיינע הענט אונ ער האט זיי ניט גיקאנט דר האלטין פאר שווערקייט · האט זייא משה גילאזט אראפ פאלין פון זיינע הענט אונ זיי זיינען צוא בראכין גיווארין · אונ גאט האט אים גיוויזין אונטר דעם כסא הכבוד דאס ער זאל פון דארטין אויש האקין צווייא אנדערע לוחות פון אבנים טובות אונ איך וועל אויף זיי אן שרייבין דיא עשרת הדברות · ובאהרן התאנף יי׳ אונ אין אהרן האט גאט גיצערינט אונ האט אים גיוואלט טייטין זיינע פיר קינדר ווייל ער האט גימאכט דאס עגל נאר משה האט תפלה גיטאן האט דאס גיהאלפין דאס עס זיינען נאר צווייא קינדר גישטארבין אונ האטשע די כוונה פון אהרן איז ניט גוועןצום עגל נאר ער האט גיוואלט שטילין איין רגע די ישראל פון דעסט וועגין איז דאש גיוועןאיין חילול השם צו מאכין איין אפ גאט אונ ער האט גימאכט זינדיגין כל ישראל דען גאט שטראפט דעם צדיק אפילו אויף איין

קליינע עבירה · שם מת אהרן דיא תורה האט גישטעלט די מיתה פון אהרן ביא דעם צוא בראכין די לוחות צו ווייזין דאש עש איז אזו ניט ליב ביי גאט די מיתה פון צדיקים אזוא וויא עס איז ניט ליב גיוועןצו גאט דאס צו בראכין פון די לוחות · בעת ההיא הבדיל יי׳ את שבט הלוי אונ ווייל די לוים האבין ניט גידינט דאש עגל דרום האט גאט זיי אפ גישייד צו אלע היילינע זאכין צוא טראגין דעם ארון מיט די לוחות אונ דינען אין בית המקדש · ועתה ישראל מה יי׳ אלהיך שואל מעמך כי אם ליראה את יי׳ דר פסוק לערינט אונז דאש גאט איז גערין מוחל זיין דעם מענטשן נאר ער זאל תשובה טאן אויף זיינע עבירות דאס זאגט דער פסוק חאטשע איר האט גידינט עבודת כוכבים פון דעסט וועגין ווען איר וועט תשובה טאן אונ וועט זיך פארכטין פאר גאט אזו וועט גאט אייך מוחל זיין אייערע עבירות · אויך ווייזט אונז דער פסוק דאס אליין איז אין גאטש האנט נאר דאש דער מענטש זאל זיך פארכטין פאר גאט איז ניט ביא גאט אין די הענט נאר ביי דעם מענטשין אין דר האנט דרום זאל זיך דער מענטש אליין באטראכטין פרום צו זיין אונ פארכטין זיך פאר גאט אונ צדקה צו געבין איז די גרעסטע מצוה· די חכמים זאגין איין משל איין מענטש וואש מען האט אים גינומן צום משפט פאר איין מלך אונ דער מענטש האט גיהאט דריי גוטע פריינט וואס פלעגין אים אלע מאל העלפין אונ אז מען האט אים גינומען צום משפט איז ער גיקומן צום בעשטין פריינט אונ בעט אים ער זאל מיט אים גיין פאר דעם מלך האט ער גיענטפערט איך וועל מיט דיר ניט גיין אפילו איין טריט איז ער גיקומען צום אנדערין פריינט האט ער גיענטפערט איך וועל מיט דיר גיין ביז אין דער טיר פון דעם מלך איז ער גיקומען צום דריטין פריינט האט ער גיענטפערט איך וועל מיט דיר גיין אין שטוב אריין צום מלך

נאר

נאר איך וועל פאר דיר ניט ריידין האט זיך
דר מענטש דר מאנט אין איין פריינט וואס
ער האט פון אים קיין מאל ניט פיל גיהאלטין
איז ער צוא אים גיקומען אונ זאגט צו אים
גייא מיט מיר פאר דעם מלך האט דר פריינט
צו אים גיזאגט חאטשע דו האסט מיך תמיד
פאר גישט גיהאלטין דאך וועל איך מיט דיר
גיין פאר דעם מלך אונ וועל פאר דיר ריידין
בייא דעם מלך אונ וועל דיך מציל זיין פון
דעם טויט אונ אזו איז גיוועזן דאש ער האט
אים גיהאלפן אזו אויך ווען דער מענטש וויל
שטארבן אזו זיין בעסטר פריינט וואש ער
האט אים צום בעסטין ליב דאש איז געלט
דאש גייט מיט אים ניט אפילו איין טריט
דר אנדערער פריינט איז זיינע קרובים אונ
ווייב אונ קינדר דיא גייען מיט אים ביז אין
קבר אונ דיא תכריכים זיינען דער דריטער
פריינט די גייען מיט אים פאר דעם מלך אבר
זיי ריידין ניט פאר אים אונ קענען אים ניט
העלפין אבער דר פריינט וואש דער מענטש
האט דר פון ניט פיל גיהאלטין דאש איז די
צדקה אונ מעשים טובים די גייען מיט אים
פאר גאט צום משפט אונ זיינען אים מציל
פון דעם גיהנם אזוא וויא אין פסוק שטייט
וצדקה תציל ממות דיא צדקה איז מציל פון דעם
טויט · די חכמים זאגין עש איז גיוועזן איין
גרויסער עושר נבל פון כרמל אונ האט קיין
עני קיין מאל ניט גיוואלט לייען דרום האט
גאט אויף אים איין מיתה משונה גישיקט ·
די חכמים לערנען אפ פון דעם פסוק מה יי׳
אלהיך שואל מעמך דאש דר מענטש זאל אלע
טאג הונדערט ברכות מאכין דען דוד המלך
האט אלע טאג גימאכט הונדערט ברכות
ווייל עש איז אלע טאג הונדערט מענטשין
גישטארבין פון ישראל · אשר לא ישא פנים גאט
חנפת ניט אפילו דעם גרעסטן צדיק שטראפט
ער אויף זיין קלענסטע עבירה וואס ער טוט
אונ ער נעמט ניט קיין שוחד די טויזנט מצות
וואס דער צדיק האט גיטאן אנטקעגין איין
עבירה וואש ער האט גיטאן נייערט ער
שטראפט אים אויף דר עבירה אונ גיט אים
שכר אויף די מצות אונ ער טוט דעם משפט
פון איין יתום אונ פון איין אלמנה חאטשע
גאט איז הויך אונ חשוב ולעבדו בכל לבבכם איר
זאלט גאט דינען מיט אייער גאנצן הארצין
דאס מיינט מען די תפלה דאס זאל זיין דר
עיקר מיט דעם הארצין אונ מיט גוטע
מחשבות צו גאט דו זאלסט וויסין דאס תפלה
איז מבטל גזירות רעות חאטשע דאש מזל
אין הימיל ווייזט אויף דעם מענטשין דאש
ער וועט קיין קינדר ניט האבין קען ער דאש
מזל דורך תפלה איבער מאכין אזו וויא מיר
גיפינן ביי יצחק דאש ער האט תפלה גיטאן
אזו האט זיין ווייב רבקה קינדער גיוואונען
חאטשע איר מזל האט ניט אזו אויש גיוויזן
דען די חכמים האבין די תפלה מסדר גיוועזן
אונ האבין קיין איבעריג ווארט דרינען ניט
גישטעלט אונ מען זאל שטיל תפלה טאן
אזו וויא מיר גיפינען ביי חנה דאס זיא האט
אין בית המקדש שטיל תפלה גיטאן זיא
האט נאר גירירט מיט אירע לעפצן אזו האט
דר כהן גדול גמיינט זיא איז שיכור אונ האט
צו איר גיזאגט וואס טוסטו דא דוא שיכורה
אשה · האט זיא אים גיענטפערט דו ביסט
קיין רעכטער נביא ניט איך טוא תפלה אזו
האט דער כהן גדול גיזאגט דוא זאלסט זיין
גיבענטשט דו וועסט דאס יאר גיווינען איין
זון דען גאט האט דיין תפלה אן גינומען ·
פון דאנען זאל מען אפ לערנען מען זאל ניט
שרייען אין דר תפלה ובפרט די ווייבר דארפן
בוודאי זיך אפ היטין ניט צו שרייען דען זיי
זיינען מבטל מיט זייער גישרייא דאס דער
אנדרער קאן ניט רעכט תפלה טאן אונ נאך
איין עבירה האבין דיא ווייבער דורך זייער
שרייען דאש די מאנען הערין זייער קול אונ
האבין בייזע מחשבות · אונ דר מענטש זאל
מיט מורא תפלה טאן ער זאל זיך איין משל
נעמן ווען ער זאל שטיין פאר איין מלך בשר

ודם אזוא וואלט ער מיט ציטרגש אונ מיט
מורא גישטאנן מכל שכן ווען ער שטייט פאר
דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא
אונ וויא באלד דר מענטש שטייט אויף פון
זיין שלאף זאל ער גאט לויבן וואש ער האט
אים זיין נשמה אום גיקערט דען ביי נאכט
אז דר מענטש שלאפט גייט זיין נשמה ארויף
אין הימיל אונ ווען דער מענטש חאפט זיך
אויף קערט זיך די נשמה ווידר צו אים אום
אונ ווען דר מענטש חאפט זיך אויף אין דר
פריא פריילעך זאל ער וויסן דאס זיין נשמה
איז ריין גיוועזן די נאכט פאר גאט אונ אז ער
שטייט אויף טרויעריג אונ ווייסט ניט וואס
אים איז אזו זאל ער וויסן דאש זיין נשמה
איז ניט ריין גיוועזן פאר גאט די נאכט · אונ
ווייל מיר האלטין פון תפלה וועלין מיר
אטייל דינים שרייבין פון תפלה · דר מענטש
זאל וויסן דאש ער זאל זיך ניט אלע מאל
בוקין נאר אז ער הויבט אן שמונה עשרה
אונ צו מגן אברהם אונ צוא מודים אונ צוא
הטוב שמך ולך נאה להודות אונ אז ער גייט אוים
שמונה עשרה אונ ער זאל מיט דר לינקר פוס
פריער אויש גיין אונ זאל דריי טריט אהינטר
גיין אונ דר נאך זאל ער זיך בוקין דריי מאל
איין מאל אטקעגין זיין לינקע האנט אונ
נאך איין מאל אנטקעגין זיין רעכטע האנט
אונ איין מאל גלייך אנטקעגין אונ ער זאל
גווארינט זיין ער זאל זיך ניט מער בוקין וויא
דא שטייט · ונתתי מטר ארצכם בעתו איך וועל
געבין דעם רעגין אין זיין צייט ווען מען
באדארף אים ניט צו פיל אונ ניט צו ווייניג
ואספת דגנך ותירושך ויצהרך אונ דוא וועסט איין
זאמלען דיין קארין אונ דיין וויין אונ דיין
בוים אייל דיא חכמים זאגין חאטשע גאט
האט גיזאגט דו זאלסט טאג אונ נאכט תורה
לערנען זאלסטו דאך האנדלן אויך דען עס
איז גוט תורה מיט סחורה ונתתי עשב בשדך
אונ איך גאט וועל מאכין וואקסין דיין גראז
אונ דיין תבואה ניט וויא דיא נארעשע
מענטשין זאגין דאש דאס גראז אונ תבואה
וואקסט דורך דיא מזלות דרום זאגט גאט
ונתתי איך וועל געבין דאס גראז אונ עס
שטייט פריער ונתתי עשב בשדך לבהמתך איך וועל
געבין דאש גראז אין דיין פעלד צוא דיינע
בהמות אונ דר נאך שטייט ואכלת דו זאלסט
עסין צו ווייזין מען זאל פריער געבין דער
בהמה עסין אונ דר נאך זאל מען אליין עסין
השמרו לכם פן יפתה לבבכם זייט גיווארינט דאש
אייער הארץ זאל ניט איבער גירעט ווערין
צוא ביינין · דיא חכמים זאגין ווען איין
מענטש איז רייך אזוא איז זיין הארץ
האפערדיג אונ הויך אונ דרום קומט דאש
ער טוט ביין אונ דרום אויך וחרה אף יי בכם
ועצר את השמים ולא יהיה מטר וועט גאט אויף
אייך צארענען אונ עש וועט קיין רעגין ניט
גיין אין מסכת תענית קריגין רבי אליעזר
מיט רבי יהושע רבי אליעזר זאגט די רעגין
קומען פון דעם ים אוקינוס דאס די וואלקין
טרינקען זיך אן אין ים אונ צו טראגין דאס
וואסער איבער דר גאנצער וועלט אזוא וויא
אין פסוק שטייט ואד יעלה מן הארץ והשקה את הגן
איין וואלקין גייט אויף פון דר ערד אונ האט
אן גיטרונקען די ערד אונ רבי יהושע זאגט
די רעגין קומען פון דעם וואשער וואש אויף
דעם הימיל איז פון ששת ימי בראשית · אמת
דער בחיי זאגט די ביידע רבנים זאגין אמת
אמאל גייט רעגין פון דעם הימיל אונ אמאל
גייט רעגין פון דעם ים אוקינוס דער רעגין
וואש גייט פון דעם ים הייסט גשם אונ דער
רעגין וואש גייט פון דער וואשער פון דעם
הימיל דר הייסט מטר דר רעגין וואש קומט
פון דעם ים מאכט די ערד טראגין אזו וויא
איין אלמנה ווערט טראגין פון איין פרעמדין
מאן דרום איז דיא ברכה ניט גאנץ גוט פון
דעם רעגין וואס קומט פון דעם ים אבער דר
רעגין וואס קומט פון דעם וואשער פון דעם
הימיל איז גלייך וויא איין אשה ווערט טראגין
פון איר מאן אונ דיא ברכה פון דעם רעגין

איז

איז גוט אזוא וויא אין פסוק שטייט יפתח יי לך את אוצרו הטוב את השמים גאט ווערט דיר עפענן זיין גוטין אוצר פון דעם הימיל ושמתם את דברי אלה על לבבכם די חכמים זאגין האטשע ישראל זיינען אין גלות זאלין זיי דאך זיין גיצייכינט מיט מצות תפילין אונ מיט מזוזה אונ מיט ציצית אונ מילה ולמדתם אותם את בניכם אונ איר זאלט מאכין לערנען אייערע קינדר ווען דאש קינד הייבט אן צו ריידין זאל דר פאטער אים לערנען צו זאגין תורה צוה לנו משה מורשה אונ שמע ישראל לתת להם כימי השמים על הארץ דר פסוק לערינט אונז דאש ארץ ישראל איז ווארין גיגעבין אויף אייביג צו ישראל אזו לאנג וויא דר הימיל ווערט זיין אויף דר וועלט אונ האטשע זייא זיינען אין גלות דאך ווערין זיי זיך ווידער אום קערין קיין ארץ ישראל כי אם שמור תשמרון ווען איר ווערט היטין נאטש מצות ווערט אייך גאט היטין פון אייערע פיינט אזו איין גלייכענעש וויא דר פסוק זאגט והיה אם שמוע תשמעו איז גימיינט ווען איר ווערט הערין די גיבאט פון דיא מצות ווערט גאט צוא הערין אייער תפלה לא יתיצב איש בפניכם קיין מענטש ווערט זיך אנטקעגין אייך ניט שטעלן פחדכם ומוראכם יתן יי אלהיכם על פני כל הארץ דער פסוק ווייזט אונז דאש דר מענטש זאל זיך פאר לאזין אויף גאט אונ זאל זיך ניט פארכטין פאר קיין שום מענטשין נאר פאר גאט דען דער וואש פאר זיכערט זיך אין גאט דער ווערט ניצול פון אלע צרות אזוא וויא אין פסוק שטייט ובוטח ביי ישוגב דער וואש פאר זיכערט זיך אין גאט דר ווערט גישטארקט אונ דר וואס האלט די מצות אונ גייט אבינט אונ מארגין אין שול דר לעבט לאנג אזוא וויא מיר גיפינן אין ספר ילמדנו איין מעשה מיט איין אשה וואש זיא איז זייער אלט גיוועז איז זיא גיקומען פאר רבי יוסי בן חלפתא אונ זאגט איך בין זייער אלט איך קען ניט עסין אונ טרינקען אונ ניט שלאפין עס איז שוין מיר מיאוס דאש לעבין איך וואלט גערין שטארבין האט רבי יוסי צוא איר גיזאגט וואש פאר איין מצוה ביסטו גיוואונט צו טאן אלע דיינע טעג זאגט די אשה איך בין צום ערשטן אין שול גיגאנגן אבינט אונ מארגין האט רבי יוסי צו איר גיזאגט גייא דרייא טעג ניט אין שול אריין האט די אשה אזו גיטאן אזו איז זיא אין דעם דריטין טאג קראנק גיווארין אונ איז גישטארבין דאש האט שלמה המלך גיזאגט וואול דעם מענטשין וואש גייט אלע טאג אין שול אריין ער ווערט גיפינען לאנג לעבין :

## הפטרת עקב

ותאמר ציון עזבני יי די שטאט ציון טוט זיך טרכטן גאט האט מיך פאר לאזט אונ האט מיך פר געסין אבער עש איז ניט אזוא התשכח אשה עולה פר געסט דען איין אשה איר יונג קינד מרחם בן בטנה פון צו דר בארימן זיך איבער דעם קינד וואס גייט ארויש פון איר בויך דאס קען דאך ניט זיין זיא זאל דאס פר געסן אזו פר געם איך גאט דיך אויך ניט אונ ווען אפילו אמאל ווערין די זאכן יוא פר געסן אבער איך גאט פר געם דיך ניט הן על כפים חקותיך איך גידיינק דיך גלייך וויא איך האב דיך אויש גיקריצט אויף מיינע הענט אונ דיינע מויערין פון דעם בית המקדש זיינען תמיד אנטקעגין מיר איך זאל מיך דר מאנן צו בויען זיי מהרו בניך לאזן דיינע קינדר איילן תשובה צו טאן אזו ווערן פון דיר ארויס גיין דיא וואש האבין דיך חרוב גימאכט זיי ווערן דיך מער ניט חרוב מאכין שאי סביב עיניך וראי הויב אויף ארום אונ ארום דיינע אויגן אונ זעה דאש אלע דיינע קינדר זיינן גיווארן איין גיזאמילט אונ זיינן גיקומן צו דיר חי אני נאום יי דאס שווער איך אז וויא איך לעב אזוא זאגט גאט דאש מיט אלע דיינע קינדער ווערסטו דיך אן קליידין אזו וויא מיט איין צירונג אונ דוא ווערסט די קינדער אן קניפין אן דיר אזו וויא מען קניפט אן צירונג ביי איין כלה כי חרבותיך ושוממותיך דען דיינע חורבות אונ דיינע וויסטע ערטר אונ דיין צו פירט לאנד ווערט היינט איינג זיין צוא בויען דרויף הייזער צו זיצין דרינן פון וועגין פיל זיצר וואס ווערין

קרעַן וויצן אין דיין לאנד אונ אלע דיינע פאר
דארבר וועלן דער ווייטערט ווערין פון דיר עוד
יאמרו באזניך זיי וועלן נאך זאגין אין דיינע אויערן
די קינדר וואס דו ביסט גיוועזן פר ווארפין פון
ווי עש איז מיר איינג דאש ארט צו זיצן דרינן
פון וועגן פיל פאלק אונ איינר וועט זאגין צוא
זיין חבר גינעהען פון מיינט וועגן אונ רוק זיך
אוועק אויף אנאנדער ארט אונ איך וועל מיך
זעצין אויף דיין ארט ואמרת בלבבך אזו וועסטו צו
זיך טראכטין אין דיין הארצין ווער האט מיר
אויף גיצויגין די דאזיגע קינדר איך בין דאך
גיוועזן פר ווארפן פון זיי אונ בין גיוועזן אליין
כה אמר אדני יהוה אזו זאגט גאט דר האר איך
וועל אויף הויבן צו די פעלקר מיין האנט אונ
צו די עובדי כוכבים וועל איך אויף הויבן מיין
פענדיל פר איין סימן זייא זאלן ברייגנען קיין
ציון דיא פר טריבענע ישראל אונ זייא וועלין
ברייגנן דיינע קינדר אין די עקין פון זייערע
קליידער אונ דיינע טעכטר וועלין אויף דיא
אקסלען גיטראגין ווערין צוא דיר ׃ אונ אלע
מענטשין וועלין דענשט מאל וויסן דאש איך
גאט בין דיין העלפער אונ דיין אויס לייזער
איז דער שטארקר גאט פון יעקב כה אמר יי אזו
זאגט גאט וואו איז דער גט וואש איך האב
אייער מוטער דיא כנסת ישראל מיט אים
אוועק גשיקט אונ ווער איז פון מיינע אנטלייער
וואש איך האב ביי אים געלט גיליען דאש
איך האב אייך פאר קויפט צו אים פאר זיין
חוב איר זייט נאר פאר קויפט גיווארין איבר
אייערע עבירות אונ איבער אייערע זינד איז
גיווארן אוועק געשיקט אייער מוטר פון מיר
אונ אז איר וועט תשובה טאן וועט דאש
זיין דאש געלט פון אייער אויש לייזונג ׃
מדוע באתי ואין איש ווארום בין איך גאט גיקומן
צו גינעהענען אייך צו מיר אונ קיין מענטש
קערט זיך ניט צו מיר מיט תשובה איך האב
גירופין איר זאלט צוא מיר קומן אונ קיינער
ענטפערט מיר נאר ניט איז דען ווארן גיקרצט
מיין האנט צו אויש לייזן אייך אדר האב איך
דען קיין כח צו מציל זיין אייך הן בגערתי אחריב
ים נגן מיט מיין גישרייא האב איך גימאכט
טרוקן דעם ים אונ האב גימאכט טרוקן דיא
טייכין אזו וויא מדבר אונ עש איז פר שטונקן
גיווארין זייערע פיש ווייל עש איז קיין וואסער

ניט גיוועזן אונ זיי זיינען גישטארבין פון וועגן
דארשט אלביש שמים קדרות ושק אשים כסותם איך מו
אן קליידן דיא הימלען מיט שווארצקייט אז
איך קום גיצאלט ווערין פון איין אומה אונ
איין זאק טוא איך זייערע קליידער אדני יהוה
נתן לי לשון למודים זאגט ישעיה גאט דער האר
האט מיר גיגעבין איין ריין לשון איך זאל
קענען דער מיט לערנען לייט דאש איך זאל
מאכין וויסין צו דעם וואש גילוסט צו הערין
גאטש רייד זאל איך אים מאכין וויסן גאטש
רייד גאט דר וועקט מיך אלע מארגין פריא
צוא זיין נביאות זאגן אונ דער וועקט מיינע
אויערין מיט רוח הקודש צו הערן דעם אמת
אונ דאש רעכט פארטיקייט אזוא וויא דער
סדר איז פון די לערנונג גוי נתתי למכים מיין רוקין
האב איך גיגעבין צו דיא שלעגער אונ מיינע
קין באקין האב איך גיגעבין צוא דיא אויש
פליקער וואש ווילין מיין בארד אויש רייסן
מיין פנים האב איך ניט פר בארגין פון שאנד
אונ שפייעכץ כלומר איך האב מיך ניט פאר
מיטין פון צו זיין נביאות זאגין איבר די זאכין
ווארום איך בין בטוח גיוועזן ואדני יהוה יעזר לי
דאש גאט דר האר וועט מיר העלפין אז זייא
וועלין אויף שטיין אויף מיר דרום בין איך
ניט פר שעמט גיווארין אונ דרום האב איך
גיטאן מיין פנים אזו וויא איין שטארקן שטיין
ווייל איך ווייש דאש איך וועל ניט פר שעמט
ווערין ׃ קרוב מצדיקי מיין גאט איז נאהענט צוא
גירעכט מאכין מיך דרום ווער עש וויל זיך
מיט מיר קריגין לאמיר זיך מיט אנאנדער
שטעלין אונ ווער עש וויל איין משפט מיט
מיר האבין זאל ער גינעהענען צו מיר הן אדני
יהוה יעזר לי נון גאט דר האר וועט מיר העלפן
דרום ווער וועט מיך קענן אום גירעכט מאכן
דיא אלע וואש וועלין אויף שטיין אויף מיר
וועלן ווערן פאר פוילט אזוא וויא איין קלייד ׃
דר ווארעם וואש עסט אויף קליידר דר וועט
זיי אויך אויף עסין מי בכם ירא יי ווער איז צווישן
אייך וואש פארכט זיך פאר גאט וואש ער
הערט צוא אין דעם קול פון גאטש קנעכט
דאש איז דער נביא אויב ער איז גיגאנגען
אין דער פינצטער אונ עש איז אים ניט
ליכטיג דאש איין צרה איז גיקומען אויף אים
אזו זאל ער זיך פר זיכערין אין גאטש נאמן

ראש איין הילף וועט קומען צוא אים אונ זאל זיך אן לעהענען אין גאטש אוים לייזונג ראש גאט וועט אים מציל זיין פון דר צרה הן כולכם קודחי אש אבער איר אלע וואש איר הערט ניט צוא דעם קול פון די נביאים טוט איר אויף אייך אן צינדין דאש פייער פון גאטש צארין אונ איר שטארקט אויף אייך דיא פונקען פון דעם פייער גייט אין דער ליכט פון אייער פייער אונ אין דיא פונקען וואש איר האט אן גיצונדין כלומר נאך אייערע מעשים נאך וועט איר גשטראפט ווערין · פון מיין האנט וועט דאש זיין צוא אייך דאס איר וועט גישטראפט ווערין איר זאלט שטארבין מיט טרויערקייט · זאגט ישעיה שמעו אלי רודפי צדק הערט צוא מיר דיא וואש יאגין נאך גירעכטיקייט אונ בגערין צוא הערין דיא רייד פון גאט קוקט צוא אברהם אייער עלטער פאטער אונ צו שרה וואש האט אייך גיוואונגען ער איז גיוועזן איינער אין לאנד כנען דאש איך גאט האב אים פאר טריבין פון זיין לאנד אונ פון זיין גיבירט אונ האב אים חשוב גימאכט אונ האב אים גיבענטשט אונ גימערט אזוא וועל איך אייך אויך גרויסין אונ מערין דען איר זייט אויך איין איינציגע פאלק כי נחם יי ציון דען גאט האט גיטרייסט די שטאט ציון ער האט גיטרייסט אלע אירע חורבות אונ האט גיטאן איר מדבר אזו וויא דר עדן אונ אירע וויסטע ערטר וואש זיינען פריער ניט באזעצט גיוועזן האט ער גימאכט אזוא וויא גאטש גארטין פרייד אונ שמחה וועט ווערין גיפונען אין איר איין קול פון לויב אונ איין קול פון גיזאנג וועט ווערין גיפונען אין דער שטאט ציון די גמרא זאגט אין ברכות רבי יוחנן זאגט ווען גאט קומט אין שול אונ גיפינט ניט קיין מענטשין ווערט ער ברוגז אונ זאגט מדוע באתי ואין איש ווארום בין איך גיקומען אונ עש איז קיין מענטש ניט דא · רבי אבין בר רב אדא זאגט פון וועגין רב חסדא ווען איין מענטש איז גיוואנט צוא גיין אלע טאג אין שול אריין אונ איז איין טאג ניט גיקומען זאגט גאט מי בכם ירא יי וואו איז דער צדיק וואש פלעגט אלע טאג צוא גיין אין שול איז ער גיגאנגען איין מצוה טאן זאל אים זיין ליכטיג איז ער אבער גיגאנגען פון זיינט וועגין זאל אים פינצטער זיין דען ער האט זיך גידארפט פאר לאזין אויף גאט גוואש העלפט איטליכין מענטשין ׃

# לוח המולדות וראשי חדשים לחודש אלול*).

| אין יאהר | איז דער מולד פון ראש חודש אלול | ראש חודש | ערב ר״ה |
|---|---|---|---|
| תרל״ז | דאנערשטיג אין דער פריא עלף חלקים אויף צוועלף ׃ | דאנערשטיג פרייטיג | פרייטיג |
| תרל״ח | מיטוואך פריא 33 מינוט מיט זעקס חלקים אויף נאיין ׃ | דאנערשטיג פרייטיג | פרייטיג |
| תרל״ט | זונטיג פאר נאכט צוויי אונ צוואנציג מינוט אויף זעקס ׃ | דינסטיג מיטוואך | מיטוואך |
| תר״מ | פרייטיג פאר טאג 10 מינוט מיט 12 חלקים אויף דריי ׃ | שבת זונטיג | זונטיג |
| תרמ״א | מיטוואך אבינט 43 מינוט מיט זיבין חלקים אויף צוועלף ׃ | דאנערשטיג פרייטיג | פרייטיג |
| תרמ״ב | מאנטיג אין דר פריא 32 מינוט מיט איין חלק אויף ניין ׃ | דינסטיג מיטוואך | מיטוואך |
| תרמ״ג | זונטיג פריא פיר מינוט מיט פערצין חלקים אויף זיבין ׃ | זונטיג מאנטיג | מאנטיג |
| תרמ״ד | דאנערשטיג ביי טאג 53 מינוט מיט אכט חלקים אויף 3 ׃ | דאנערשטיג פרייטיג | פרייטיג |
| תרמ״ה | מאנטיג אבינט 42 מינוט מיט צוויי חלקים אויף צוועלף ׃ | דינסטיג מיטוואך | מיטוואך |
| תרמ״ו | זונטיג אבינט 14 מינוט מיט פופצין חלקים אויף צעהן ׃ | דינסטיג מיטוואך | מיטוואך |
| תרמ״ז | פרייטיג פריא דריי מינוט מיט ניין חלקים אויף זיבין ׃ | שבת זונטיג | זונטיג |
| תרמ״ח | דינסטיג ביי טאג 52 מינוט מיט דריי חלקים אויף דריי ׃ | דינסטיג מיטוואך | מיטוואך |
| תרמ״ט | מאנטיג ביי טאג 24 מינוט מיט 16 חלקים אויף איינס ׃ | דינסטיג מיטוואך | מיטוואך |

*) אין אנדערע יאהרין בענטשט מען ראש חודש אין שבת פרשה ראה

# חודש אלול.

| אִין יָאהר | אִיז דֶער מוֹלָד פוּן ראֹש חוֹדֶש אֱלוּל | ראֹש חוֹדֶש | עֶרֶב ר"ה |
|---|---|---|---|
| תר"נ | פְרַייטִיג צוּ נַאכְט 13 מִינוּט מִיט 10 חֲלָקִים אוֹיף צֶעהֶן : | שַׁבָּת זוּנְטִיג | זוּנְטִיג |
| תרנ"א | דָאנֶערְשְׁטִיג פַר נַאכְט 46 מִינוּט מִיט 5 חֲלָקִים אוֹיף 7 : | דָאנֶערְשְׁטִיג פְרַייטִיג | פְרַייטִיג |
| תרנ"ב | דִינְסְטִיג פַאר טָאג 34 מִינוּט מִיט 17 חֲלָקִים אוֹיף פִיר : | דִינְסְטִיג מִיטְוואָך | מִיטְוואָך |
| תרנ"ג | שַׁבָּת בַּייא טָאג 23 מִינוּט מִיט עֶלְף חֲלָקִים אוֹיף אֵיינְס : | שַׁבָּת זוּנְטִיג | זוּנְטִיג |
| תרנ"ד | פְרַייטִיג פְרִיא 56 מִינוּט מִיט זֶעקְס חֲלָקִים אוֹיף צֶעהֶן : | שַׁבָּת זוּנְטִיג | זוּנְטִיג |
| תרנ"ה | דִינְסְטִיג אָבִינְט פִינְף אוּנ פֶערְצִיג מִינוּט אוֹיף זִיבִּין : | דִינְסְטִיג מִיטְוואָך | מִיטְוואָך |
| תרנ"ו | זוּנְטִיג פַאר טָאג 33 מִינוּט מִיט 12 חֲלָקִים אוֹיף פִיר : | זוּנְטִיג מָאנְטִיג | מָאנְטִיג |
| תרנ"ז | שַׁבָּת פַאר נַאכְט זֶעקְס מִינוּט מִיט זִיבִּן חֲלָקִים אוֹיף צְווַיי : | שַׁבָּת זוּנְטִיג | זוּנְטִיג |
| תרנ"ח | מִיטְוואָך פְרִיא 55 מִינוּט מִיט אֵיין חֵלֶק אוֹיף צֶעהֶען : | דָאנֶערְשְׁטִיג פְרַייטִיג | פְרַייטִיג |
| תרנ"ט | זוּנְטִיג אָבִינְט 43 מִינוּט מִיט דְרַייצֶען חֲלָקִים אוֹיף זִיבִּין : | זוּנְטִיג מָאנְטִיג | מָאנְטִיג |
| תר"ס | שַׁבָּת פַאר נַאכְט 16 מִינוּט מִיט אַכְט חֲלָקִים אוֹיף פִינְף : | שַׁבָּת זוּנְטִיג | זוּנְטִיג |
| תרס"א | דָאנֶערְשְׁטִיג פַאר טָאג פִינְף מִינוּט מִיט 2 חֲלָקִים אוֹיף 2 : | דָאנֶערְשְׁטִיג פְרַייטִיג | פְרַייטִיג |
| תרס"ב | דִינְסְטִיג אָבִינְט 37 מִינוּט מִיט 15 חֲלָקִים אוֹיף עֶלְף : | דִינְסְטִיג מִיטְוואָך | מִיטְוואָך |
| תרס"ג | זוּנְטִיג אִין דֶר פְרִי 26 מִינוּט מִיט נַיין חֲלָקִים אוֹיף אַכְט : | זוּנְטִיג מָאנְטִיג | מָאנְטִיג |
| תרס"ד | דָאנֶערְשְׁטִיג בַּיי טָאג 15 מִינוּט מִיט 3 חֲלָקִים אוֹיף 5 : | דָאנֶערְשְׁטִיג פְרַייטִיג | פְרַייטִיג |
| תרס"ה | מִיטְוואָך בַּיי טָאג 47 מִינוּט מִיט 16 חֲלָקִים אוֹיף צְווַיי : | דָאנֶערְשְׁטִיג פְרַייטִיג | פְרַייטִיג |
| תרס"ו | זוּנְטִיג אָבִינְט 36 מִינוּט מִיט צֶעהֶן חֲלָקִים אוֹיף עֶלְף : | דִינְסְטִיג מִיטְוואָך | מִיטְוואָך |
| תרס"ז | פְרַייטִיג אִין דֶר פְרִי 25 מִינוּט מִיט פִיר חֲלָקִים אוֹיף אַכְט : | שַׁבָּת זוּנְטִיג | זוּנְטִיג |
| תרס"ח | דָאנֶערְשְׁטִיג פְרִיא 57 מִינוּט מִיט 17 חֲלָקִים אוֹיף פִינְף : | דָאנֶערְשְׁטִיג פְרַייטִיג | פְרַייטִיג |
| תרס"ט | מָאנְטִיג בַּיי טָאג 46 מִינוּט מִיט עֶלְף חֲלָקִים אוֹיף צְווַיי : | דִינְסְטִיג מִיטְוואָך | מִיטְוואָך |
| תר"ע | זוּנְטִיג בַּיי טָאג 19 מִינוּט מִיט זֶעקְס חֲלָקִים אוֹיף צְווֶעלְף : | זוּנְטִיג מָאנְטִיג | מָאנְטִיג |
| תרע"א | דָאנֶערְשְׁטִיג אָבִינְט אַכְט מִינוּט אוֹיף נַאיין : | דָאנֶערְשְׁטִיג פְרַייטִיג | פְרַייטִיג |
| תרע"ב | דִינְסְטִיג פְרִיא 56 מִינוּט מִיט צְווֶעלְף חֲלָקִים אוֹיף פִינְף : | דִינְסְטִיג מִיטְוואָך | מִיטְוואָך |
| תרע"ג | מָאנְטִיג פַאר טָאג 29 מִינוּט מִיט זִיבִּין חֲלָקִים אוֹיף 3 : | דִינְסְטִיג מִיטְוואָך | מִיטְוואָך |
| תרע"ד | פְרַייטִיג בַּיי טָאג 18 מִינוּט מִיט אֵיין חֵלֶק אוֹיף צְווֶעלְף : | שַׁבָּת זוּנְטִיג | זוּנְטִיג |
| תרע"ה | דִינְסְטִיג אָבִינְט זֶעקְס מִינוּט מִיט 13 חֲלָקִים אוֹיף נַיין : | דִינְסְטִיג מִיטְוואָך | מִיטְוואָך |
| תרע"ו | מָאנְטִיג פַאר נַאכְט 39 מִינוּט מִיט 8 חֲלָקִים אוֹיף זֶעקְס : | דִינְסְטִיג מִיטְוואָך | מִיטְוואָך |
| תרע"ז | שַׁבָּת אִין דֶר פְרִי 28 מִינוּט מִיט צְווַיי חֲלָקִים אוֹיף דְרַיי : | שַׁבָּת זוּנְטִיג | זוּנְטִיג |
| תרע"ח | מִיטְוואָך פְרִיא 16 מִינוּט מִיט 14 חֲלָקִים אוֹיף צְווֶעלְף : | דָאנֶערְשְׁטִיג פְרַייטִיג | פְרַייטִיג |
| תרע"ט | דִינְסְטִיג אִין דֶר פְרִי 49 מִינוּט מִיט נַיין חֲלָקִים אוֹיף נַיין : | דִינְסְטִיג מִיטְוואָך | מִיטְוואָך |
| תר"פ | שַׁבָּת פַאר נַאכְט 38 מִינוּט מִיט דְרַיי חֲלָקִים אוֹיף זֶעקְס : | שַׁבָּת זוּנְטִיג | זוּנְטִיג |
| תרפ"א | פְרַייטִיג בַּיי טָאג צֶעהֶן מִינוּט מִיט 16 חֲלָקִים אוֹיף פִיר : | שַׁבָּת זוּנְטִיג | זוּנְטִיג |
| תרפ"ב | דִינְסְטִיג הַאלְבֶּע נַאכְט 59 מִי' מִיט 10 חֲלָקִים אוֹיף 12 : | דָאנֶערְשְׁטִיג פְרַייטִיג | פְרַייטִיג |
| תרפ"ג | זוּנְטִיג בַּייא טָאג 48 מִינוּט מִיט פִיר חֲלָקִים אוֹיף נַיין : | זוּנְטִיג מָאנְטִיג | מָאנְטִיג |
| תרפ"ד | שַׁבָּת פְרִיא 20 מִינוּט מִיט זִיבֶּעצֶעהֶן חֲלָקִים אוֹיף זִיבִּין : | שַׁבָּת זוּנְטִיג | זוּנְטִיג |
| תרפ"ה | מִיטְוואָך בַּיי טָאג נַיין מִינוּט מִיט עֶלְף חֲלָקִים אוֹיף פִיר : | דָאנֶערְשְׁטִיג פְרַייטִיג | פְרַייטִיג |
| תרפ"ו | זוּנְטִיג אָבִינְט 58 מִינוּט מִיט פִינְף חֲלָקִים אוֹיף צְווֶעלְף : | דִינְסְטִיג מִיטְוואָך | מִיטְוואָך |

והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה וגו' אין פרשת
עקב שטייט כי הארץ אשר אתה בא שמה
לרשתה לא כארץ מצרים היא עס שטייט אויך ואם
משפחת מצרים לא תעלה ולא באה ולא עליהם תהיה המגפת
ווארום איז מצרים מער פון אלע אומות דען עס
שטייט דאך אויך אויף אלע ולא עליהם יהיה הגשם
אז זיי וועלן ניט קומען אויף חג הסוכות וועלין
זיי ניט האבין קיין רעגין אלא די מצרים וועלן
האבין די מגפה אבער דר רעגין איז ביי זיי קיין
קללה ניט ווייל זיי בדארפן ניט קיין רעגן דרום
זיינן זיי ניט אין דעם כלל פון דעם רעגן אזו וויא
עס שטייט כי הארץ אשר אתה בא שמה לרשתה לא
כארץ מצרים היא דען אין מצרים גייט אויף דער
נילוס אונ טרינקט אן די פעלדר אבר ארץ ישראל
ווערט אן גטרונקן פון מטר השמים אזו וויא עס
בדארף צו זיין אונ אז די ישראל האבין דארטן
עוסק גווען אין דר תורה האבן זיי גהאט רעגן
אונ ווער עס פר מייד זיך פון דר תורה איז גלייך
וויא ער פר מייד זיך פון אלע גוטץ פונדר וועלט
רבי אלעזר מיט רבי יוסי זיינן גישטאנען איין טאג
אונ האבן עוסק גיוועןאין דר תורה זאגט רבי
אלעזר עס שטייט ארץ אשר לא במסכנות תאכל בה
לחם לא תחסר כל בה ווארום שטייט צוויי מאל בה
אלא השי"ת האט צו טיילט די גאנצע וועלט צו
ממונים אונ שלוחים זיי זאלין דריבר זיין אבער
ארץ ישראל האט השי"ת צו זיך גינומן אונ האט
עס ניט איבר גיענטפערט צו קיין שום שליח
ומושל אונ ארץ ישראל עסט מיט רייכקייט דרום
שטייט תאכל בה אין ארץ ישראל איז ניט אזו וויא
ביי אלע בה אין איר רוט די אמונה שלימה בה
אין איר רוט די ברכה עליונה אונ ניט אין איין
אנדר ארט קום אונ זעה עס שטייט כגן ה' כארץ
מצרים דאס איז ארץ מצרים אונ ארץ סדום אזו
וויא אין גן עדן התחתון דארף מען ניט אן
טרינקן דען ער האט זיין בגוגונג אזו אויך סדום
אונ מצרים דען דר נילוס טרינקט אן מצרים
אונ מען בדארף ניט קיין רעגין אונ אזו אויך
סדום אזו וויא דער פסוק זאגט כי כולה משקה :
ואכלת ושבעת וברכת את ה' אלהיך וגו' די מצוה איז
צו בענטשן צו הקב"ה אויף אלעמן וואס
ער האט גיגעסן אדר הנאה גהאט פון דר וועלט
אונ אז ער בענטשט ניט אזו הייסט ער איין גזלן
צו הקב"ה אזו וויא דר פסוק זאגט גוזל אביו ואמו
ער גזילת צו הקב"ה אונ צו די כנסת ישראל
וואש זיי הייסין אביו ואמו אזו וויא די חכמים
האבין עס מפורש גיוועהן אין דר גמרא דען די
ברכות וואש דר מענטש מאכט ציהען זיי חיים
פון דעם מקור החיים פון דעם אילן החיים דען
ווערן אלע עולמות גבענטשט אונ אלע מדריגות
דרום גיהער דר מענטש טאן זיין רצון אין די
ברכות וויא עס בדארף צו זיין אונ אז ער מאכט
די ברכה נעמט ער זיין חלק צום ערשטן פר
אלע עולמות למטה אונ דר שם הקודש ווערט
גבענטשט אונ ער רוט אויף זיין חלק צום ערשטן
אזו וויא דר פסוק זאגט בכל המקום אשר אזכיר את
שמי אבוא אליך וברכתיך אונ אז די ברכות גייען
ארויף דורך אים איז ניט דא קיין פתח אונ קיין
ממונה למעלה וואס עס זאל זיך ניט עפענן אונ
זאל ניט אויש שרייען אין אלע הימלן דאס איז
די מתנה פון דעם מלך וואס דר מענטש שיקט
אים דאש איז די מתנה פון זיין קיום אזו וויא
עס בדארף צו זיין אונ וואש איז דיא רעכטע
ברכה מיט דעם קיום אז מען ענטפערט דרויף
אמן דאש איז דער קיום פון דר ברכה אונ אז
די ברכה גייט ארויף אזו זיינן אן גיברייט די
מדריגות עליונים צו דר לייכטין די אורות וואס
זיי האבין ביז אהער ניט גלייכט אזו וויא עש
בדארף צו זיין דען דורך די ברכות ווערין זייא
רעכט דר לייכט ומכל שכן אז עס איז איין ברכה
פון איין רבים די זיינן מברך ומעטר מיט הייליגע
קרוינן מיט דעם ענטפרן אמן · אמן איז דר גאנצר
קשר פון דעם יחוד וקדושה פון זיין הערן אונ
מען קריינט די ברכות בעטרות עליונים וויא
עש בדארף צו זיין אונ הקב"ה בגערט אין די
וואש זיי בענטשין צו הקב"ה אויף זיי שטייט
כי מכבדי אכבד דאש איז די וואש בענטשין צו
הקב"ה ובוזי יקלו די וואס בענטשן ניט צו הקב"ה
אונ פר מיידן די ברכות פון זייער מויל די וועלן
פאר שעמט ווערין אין דעם קומט צו אים דר
סבא אונ זאגט דו רועה נאמן זאיי מתקן דעם
טי"ש פון דיין הערין אין זיין קדושה פון אלערליי
זענעפטיקייט מקריב זיין צו אים אזו וויא עש
שטייט זה השלחן אשר לפני ה' דען ביז איצונד זיינן
זיך אלע מתענג פון דעם שלחן המלך אזו וויא
עס שטייט לכו לחמו בלחמי ושתו ביין מסכתי לחם
הייסט תורה שבכתב אונ יין איז תורה שבעל
פה אונ דארטן זיינן כמה טעמי תורה וואס זיינן
זיסר מכל מאכלי מלך דער ווייל שטייט אויף

דער

דער רועה נאמן משה רבינו: פתח ער הויבט אן צו זאגן עס שטייט ועשית שולחן עצי שטים קום און זעה וואס פאר איין מנהג טוב ויפה וואס האבין זיך נוהג געוועזן די בעלי סעודה פון דעם מלך צו ווייזן אז זיי זיינן מבני שולחן המלך דר ערשטער תיקון איז אז מען זעצט דעם גרעשטין פון די לייט צום ערשטין דעם אנדערין לעבין אים און דעם דריטן לעבין דעם אנדערין זיי זיינן מרומז אנטקעגין די דריי אבות און אנטקעגין די כהנים לוים וישראלים און ווייטער האט שוין ניט קיין סדר נאר דער וואס זעצט זיך פריער איז ער זוכה אין דעם ארט דר אנדערער תיקון איז אז דער בעל הבית זאל מאכין המוציא בעין יפה און אז ער איז גומר די ברכה זאל ער ערשט צו ברעכין דאס ברויט די רבנן האבין געזאגט די מענטשין וואס זיצין ביי דעם טיש טארין ניט עסין איידער דר בעל הבית עסט זיין המוציא צום ערשטין · און דער בעל הבית טאר ניט עסין ביז אלע זאלין ענטפערין אמן און דאס בענטשין געהער צוא דעם אורח כדי ער זאל בענטשין דעם בעל הבית דר ווייל קומט ארין דר בוצינא קדישא דאס הייסט רבי שמעון בן יוחאי וואס ער איז איין הייליגע ליכט און זאגט רעיא מהימנא איין מאל בין איך געגאנגען מיט דר חברייא אין וועג זיינען מיר געקומן אויף איין הארבעריג איז דארטין געוועזן איין קליין קינד האט ער אונז אן געגרייט איין טיש מיט איין מנורה ער איז געוועזן אן געריכט מכל מיני מאכל ומשתה דאס הייסט פון אלערליי סורטות גלייך ווי ער וואלט שוין אלט געוועזן צוואנציג יאר און ער איז נאר אלט געוועזן פינף יאר און דר ציילט אים די גאנצע מעשה ווי ער האט געזאגט ער וועט מלחמה האלטן מיט איין שווערד אזו ווי אויבין שטייט די גאנצע זאך באריכות דר נאך האט ער מפורש געוועזן די צעהן זאכין וואס זיי דארפן זיין בסעודה של שבת איינס איז נטילת ידים דאס אנדערע ער זאל האבין לחם משנה צוויי חלות צו דער המוציא דאס דריטע ער דארף עסין דרייא סעודות און זאל מוסיף זיין מחול על הקודש דאס פערטע ער זאל אן צינדין ליכט ביי דעם טיש אזו ווי די חכמים זאגין שלחן בצפון ומנורה בדרום און ביי שבת איז דר מענטש מחויב ביי אלדינג מוסיף זיין מחול על הקודש הן באכילה ושתיה

הן במלבושים והן בהסיבה ווארום פר צייטין איז געוועזן איין מנהג מען זאל עסין אן געלעהנט אויך זאל ער זיך אן טאן טייערע קליידער אזו וויא מען גרייט זיך אן גיין אנטקעגין איין כלה בשעת זיא גייט צו דר חופה אזו שבת הייסט אויך כלה זיא איז שבת מלכתא דרום פלעגין די רבנן פרייטיג פאר נאכט ארויש גיין פון דר שטאט אנטקעגין שבת און האבין געזאגט בואי כלה בואי כלה און מען דארף אויף דעם טיש זאגן שירות ותשבחות מקבל זיין דיא שכינה און קדושת שבת בשמחה וטוב לבב און דער מיט מאכט מען איין גרויסין תיקון צוא דער שכינה און דיא שפחה לילית בלייבט זיצין אין דער פינצטער ורעב ובכי והספד אין שווארצע קליידר אזו וויא איין אלמנה דען אז מיר דער הייכין די קדושה ווערט זיא געדעריג און בליל שבת איז שולט דאס מזל שבתאי און דר וואס איז חלילה אויף זיך מושך דעם כח פון דער טומאה דארף ער זיין ביגון ואנחה ניט געניסין קיין פלייש און וויין ווארום דאס מאכט דעם מענטשין פריילך און דארף זיך אן טאן אין שווארצע קליידר אזו בלייבט ער אין דר טומאה אבר די קדושה איז פר קערט מיר דארפן ווייזין אז מיר זיינן ניט אונטער קיין מזל נייערט תחת רשות הקב"ה בעצמו דרום איז דיא מצוה פון שבת דווקא זיך צו פרייען מיט אלע זאכין און ווער עס איז חלילה אום שבת טרויעריג גיט ער איין כח צו דר לילית און איז מחלל שבת ער איז עובר אויף דעם פסוק לא תבערו אש ביום השבת דאס אש מיינט מען אש זרה דיא לילית דען שבת איז מצד השכינה ויצר טוב און דר וואס רועט אום שבת ווערט ער געקריינט מיט זיבין שמות הקדושים מיט פיל חיילות פון דיא חיות הקודש און דר מלך הקדוש גייט אים אנטקעגין מיט כמה חיילות דען בלייבט דר יצר הרע און דיא שפחה רעה וויא איין אלמנה פאר פינצטערט אן איין מאן און פאר צייטין אז זיי האבין געדינט עבודת כוכבים שטייט ביא זייא מזבחים ומקטרים למלכת השמים אשר לא צויתי די עבודה איז געוועזן צו דער שפחה רעה וואס זיא איז שולט בליל רביעית ובלילי שבתות זיי פלעגין שבת ביי נאכט אן טאן אויף זיך שווארצע קליידער און האבין גענומען איטלעכר אין די העמד שווארצע ליכט און מאכין איין הספד אין דער פינצטער כדי זיי

זאלין

ואלין זיך משתתף זיין מיט דר שפחה רעה דארטן וואו זיא רוט כי גם את זה לעמת זה עשה האלהים אונ מיט דעם וואס זיי האבין צו איר גידינט האבין זיי גורם גיוועזן חורבן בית המקדש בעונותינו הרבים דען איז גיזאגט גיווארין אויף דר שכינה איכה ישבה בדד היתה כאלמנה אונ דרום טאר מען ניט אום תשעה באב אן צינדין פיל ליכט מען זאל מאכין איין הספד אונ זיצין אזוא וויא איין אבל זיך משתתף זיין מיט דיא כנסת ישראל אין גלות דען מיר האבין בעונותינו הרבים איר גורם גיוועזן דעם צער דר פינפטער תיקון הסעודה איז מען זאל זאגין איבר דעם כוס ויכולו השמים דר זעקסטער תיקון איז מען זאל ביי דעם טיש זאגין דברי תורה דאש זיבעטע מען זאל ניט גיך אוועק גיין פון דעם טיש כדי דער וויל וועלין קומען ארומע לייט וועט ער זייא מחיה זיין · דש אכטע מען זאל זיך וואשן מיט מים אחרונים דאש נייַנטע איז איין כוס פון דעם בענטשין · דאש צעהנטע איז דאש בענטשין אליין אונ דאש דארף מען אלץ מתקן זיין לכבוד השכינה אין פנחס שטייט דער תיקון פון שבת איינש איז נטילת ידים ווארום מיט אום ריינע הענט טאר מען ניט מאכין קיין ברכה אונ אז זיי זיינען אבער ריין זיינען זייא ראוי מושך זיין די ברכה דען דיא ברכה רועט נאר אויף איין מקום טהרה דר כהן איז איין איש חסד הייסט דאש טהרה דרום רוט אויף אים דיא ברכה אונ ביי אים שטייט כה תברכו את בני ישראל האבין די חכמים מפורש גיטען וועלכר כהן וואש בענטשט די ישראל ווערט ער אליין אויך גבענטשט אונ ווען ער בענטשט ניט ווערט ער ניט גבענטשט אונ די חכמי המשניות זאגן אז מען זאגט איין ברכה אונ מען דער מאנט ניט קיין שם ומלכות דאס הייסט מען זאל זאגין יי אלהינו מלך העולם הייסט דיא ניט קיין ברכה אויך דאש וואשין די הענט דארף צו זיין אויף אלע פערציג גלידר פון די הענט דאש בטייט אויף גרוישע סודות דרום דארף מען רעכט נזהר זיין אין נטילת ידים דען די שכינה רוט אויף אים ניט ביז ער טוט פון זיך אפ די זוהמא בישא די שפחה רעה וואש רוט אויף אום ריינע הענט דרום טאר מען קיין ברכה ניט מאכן ביז מען וואשט זיי אונ מען איז זיי מטהר עש זאל אויף זיי רוען די קדושה דען די עמי הארצים דרום העלפט זיי ניט קיין טבילה

ווארום זיי טובלין זיך אונ האלטן אין די הענט איין שרץ דאס איז די שפחה רעה אונ זייערע הענט זיינען פול מיט גזל זיי גזלנן צו הקב״ה אונ עסין אן איין ברכה זיי ווישן ניט וויא אזו איין ברכה צו מאכין אונ ווישן ניט אויף וואש די ברכות זיינען מרמז אונ וואס די זוהמא איז דאס האט אלץ גזאגט משה דר רעיא מהימנא · בשעת די חכמים מיט מיר האבין דר הערט די אלע סודות האבין מיר זיך ניט גיקענט אויף האלטן אונ ווארטן ער זאל אויס זאגין אלע צעהן זאכין פון דר ברכה אונ מיר האבין זיך פאר אים פר שפרייט אונ מיר האבין גזאגט בוודאי דאש איז ניט קיין מענטש ווער עש זאגט אזעלכע זאכין נייערט דו ביסט גלייך וויא די פיר מחיצות פון דעם גן עדן דען דער מענטש וואש איז זוכה צו גיין אין די מחיצות פון די קינדר ווערט ער איין תינוק אונ אז ער גייט אין דר מחיצה פון די נערים ווערט ער איין נער ובמחיצות בחורים ווערט ער איין בחור ובמחיצות הזקנים ווערט ער איין זקן דרום איז אויף דיר גזאגט גיווארן ממכון שבתו השגיח וגו׳ דאש איז ר״ת משה אונ אויף דיר איז גזאגט גווארין בשגם הוא בשר בשג״ם בטרעפט די צאל פון משה דו ביסט גוועזן בדור המבול אויך בישטו אין איטליכין דור וויא איין ראד וואש דרייט זיך איבר דו ביסט גיוועזן וויא פיל מאל אין פיל גישטאלט אונ ביסט ניט אנטפלעקט גווארין ביז אין דור פון מתן תורה דאם דורך דיר איז די תורה גיגעבן גיווארן דו ביסט גלייך צו דר זון אז עס קומט ביי נאכט אונ זיא ווערט איין גיטאן אזו לייכט די לבנה מיט די ששים רבוא שטערן אזו ביסטו אויך איין גיטאן גיווארין פון דר וועלט לייכשטו אין די ששים רבוא ישראל פון דר וועלט וואש אין איטליכן דור דאש האט קהלת גמיינט דור הולך ודור בא אזו וויא די רבנן האבן גיזאגט עס איז ניט פר האנדין אדור וויניציגר פון ששים רבוא אויך האבן זיי גמיינט דור שהולך דאש דור וואס איז אוועק גינאנגן פון דר וועלט הוא דור שבא דאס איז דר דור וואש קומט מקיים צו זיין מה שהיה הוא שיהיה היינט דוא רעיא מהימנא זאג אונז ווייטר סודות אונ זיי משלים די צעהן זאכין פון דעם טיש זאגט דר רועה נאמן משה רבינו דו היליגע ליכט רבי שמעון וואול צו דיין חלק וואש הקב״ה האט צו דיר מגלה גיוועזן אזעלכע

סודות וואש עס איז ניט אנטפלעקט געווארין צו קיין נביא וחוזה:

תניינא דר אנדרר תיקון פון שבת איז מען זאל מאכין המוציא איבר צוויי חלות דאש הייסט לחם משנה וואש זיי זיינן מרמז אויף די צוויי לחות התורה וואס זיינען געגעבין געווארין בשבת זוגות דען אום דינסטאג וואס עס שטייט צוויי מאל כי טוב איז די תורה געבאטין געווארין אונ אום שבת האט זיא אראפ גינידערט אונ חאטשע זיי האבן גזאגט אז די שדים זיינן ממונה אויף זוגות דאש הייסט מאן טאר ניט עסן אדר טרינקן איין פאר צווייא עפיל צווייא ניס צווייא בוסות דאס איז אלץ איין סכנה עס איז אבער הלכה למשה מסיני אז שלוחי מצוה ווערן ניט נזוק דרום האט הקב"ה גיזאגט פסל לך שני לוחות אבנים כראשונים דרום זאל מען מאכין צוויי חלות אום שבת דען אום שבת נידערין אראפ אלע רוחות ונשמות ונפשות אונ קיין שום שטן ומזיק איז ניט שולט אום שבת אפילו דער גיהנם ברענט ניט אום שבת דרום שטייט לא תבערו אש בכל מושבותיכם ביום השבת דאס איז אש גברי אבר איש של קדושה דהיינו קרבנות האט מען יוא גברענט: תליתאה דר דריטר תיקון איז צו עסין דריי סעודות אום שבת דען די דרייא סעודות זיינן משלים צו די זיבן ברכות פון שבת נוערט צעהן דען איז ער משלים אלע מדריגות הקדושה אונ דר עונג וואס ער האט אום שבת איז ער דער פאר זוכה צוא נה"ר עד"ן ג"ן אונ וועלבר עש קען מקיים זיין אונ איז ניט מקיים ווערט פון דעם ענ"ג נג"ע אונ הקב"ה האט גזאגט לוו עלי ואני פורע אנטלייט אויף מיר אונ איך וועל באצאלין אז תתענג על יי: רביעאה איז צוא דער לייכטין דעם טיש מיט אמנורה מיט ליכט דען דער טיש פון הקב"ה מוז אזו זיין · חמישאה איין כוס מיט דעם יין מלא פון דער תורה אונ מיט ויכולו השמים איז ער מעיד אויף מעשה בראשית · שתיתאה מען זאל זאגין דברי תורה אויף דעם טיש פון שבת דרום מוז א תלמיד חכם אן ברייטין צוא זיך נאך איין תלמיד חכם ער זאל מיט אים עוסק זיין בתורה · שביעאה ער זאל מאריך זיין מיט זיין עסין פון וועגין עניים דרום ווער עש איז מאריך ביי זיין טיש איז מען אים מאריך זיינע יארין אונ טעג דען צדקה איז מציל פון דעם טויט נוויל איין עני איז חשוב וויא איין מת אונ ער איז אים מחיה אזו איז הקב"ה אים אויך מחיה אונ אונזרע חכמים האבן גיזאגט אז הקב"ה האט ניט גיפונען קיין בעסרע מדה צו די ישראל פון עניות · האבן זיי גיפרעגט אמער עש איז דאך פר האנדן תתקי"ג מיני מיתות אויף דר וועלט אזו וויא די צאל פון תוצאו"ת אונ דאס ערגשטע איז עניות פר וואש האט הקב"ה אויש גיקליבין צוא דיא ישראל אורימקייט אטייל ענטפערין דען אלע פאר צייטיגע היידן אז עש פלעגט זייא גיין שלעכט פלעגין זיי שילטין זייערע אפ גאט אבער דיא ישראל אפילו אז עס איז זיי שלעכט לויבין זיי אויך השי"ת אונ דרום מיט דר מדה וועלן זייא דר לעבין משיח אזו וויא דר פסוק זאגט ואת גם עני תושיע אונ אפילו אז איינער איז איין עושר נאר ער האט צער ויסורים הייסט ער איין עני אונ מכל שכן ווער עס איז איין עני ממש אדער ער איז איין עני אין שכל · רבי חייא איז גיגאנגן צו רבי שמעון קיין טבריא אונ מיט אים איז גיוועזן רבי יעקב בר אידי אונ רבי ייסא וויא זייא גייען זאגט רבי ייסא זאג מיר דעם פסוק ולבני ברזלי הגלעדי תעשה חסד והיו באוכלי שולחנך איז דען דאס דער גאנצר תענוג אז ער וועט עסין ביי זיין טיש אונ מער ניט אונ ווידר עס איז דאך ניט קיין כבוד פר דעם מלך אז אנאנדר זאל עסן מיט אים נאר דר מלך בדארף אליין עסן אונ די שרים עסין בזונדר אראפ זאגט רבי חייא איך האב דרויף גאר ניט גיהערט אונ וויל אליין אויך ניט זאגין זאגט ער צו רבי יעקב טאמר האשטו עפיש גהערט דרויף זאגט רבי יעקב איר זייגט אלע טאג פון דעם ראש שמן העליון אונ דוא האשט ניט גיהערט ומכל שכן איך כלומר איר לערינט אלע טאג תורה פון רבי שמעון אונ איך ניט זאגט ער צוא רבי יוסי אונ דו האסט דרויף עפעס ניט גיהערט זאגט ער חאטשע איך בין יונג אונ בין ערשט צו איך גיקומען אונ פריער האב איך ניט זוכה גיוועזן קומן צו אייך פון דעסט וועגין האב איך גהערט דר פון · ער הייבט אן נותן לחם לכל בשר כי לעולם חסדו וואש האט דוד געזעהן וואש ער האט דעם הלל הגדול אוים גילאזין מיט דעם פסוק ער זאגט דרויף גרויסע סודות ובדרך כלל זאגט ער דוד האט גיגעסין אין דר צייט וואש דר מלך עסט נאר בזונדר אונ די קנעכט עסן

נאך דעם מלך דאס איז אגרויסר סוד וואש מען טאר עס ניט שרייבן׳ אזו קומט רבי חייא אונ קושט אים אויף זיין קאפ אונ זאגט צו אים דו בישט נאך יונג אונ עס איז שוין אין דיין הארץ די חכמה עליונה דר ווייל האבין זיי דר זעהן רבי חזקיה גייט זאגט רבי חייא וודאי אין דער חברותא וועט זיך הקב״ה מחבר זיין מיט אונז דען דא וועלן זיך מתחדש זיין דברים וחדושים פון דר תורה ווי זעצן זיך עסן זאגין זיי איטליכר זאל זאגין דברי תורה אויף דער סעודה זאגט רבי יוסי עס איז אפילו איין סעודת ארעי נאר פון דעסט וועגין הייסט דאש איין סעודה אונ ניט דאש אליין וואש דאש הייסט איין סעודה נאר הקב״ה האט נאך הנאה דר פון דרום שטייט זה השולחן אשר לפני ה׳ דען דיא דברי תורה וועלין ארום רינגלען דאש ארט:

פתח רבי חייא הייבט אן עס שטייט ואכלת ושבעת וברכת את ה׳ אלהיך בדארף דען דער מענטש נאר בענטשן גאט אז ער עסט זיך אן אונ פילט אן זיין בויך אונ פריער ניט אלא אז דר מענטש עסט אפילו נאר איין כזית נאר ער האט בדיעה צו מאכין דאס פאר איין עיקר אכילה מוז ער שוין בענטשין אונ עש הייסט שוין ושבעת אזוא וויא דער פסוק זאגט פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון ווארום שטייט ניט לכל חי אכילה אלא עש גיווענט זיך דר עיקר אין זיין רצון אז ער האט במחשבה צו מאכין דאש פר איין עיקר אכילה הייסט עש שוין שביעה אונ דארף שוין בענטשין דרויף צו הקב״ה צו מאכן חדוה וששון למעלה רבי חזקיה הייבט אן דעם פסוק נאך אים ואכלת ושבעת פון דאנן איז גידרונגן אז צו איין שיכור איז מותר צו בענטשין ברכת המזון דען ביי תפלה איז דר דין אז איין שיכור איז אסור צו דאווגן דען די תפלה איז עולה למעלה במקום עולם הבא דארטין איז ניט פר האנדין קיין אכילה ושתיה נאר דיא צדיקים זיצין אונ הנויען זייגען אויף זייערע קעפ אבער דאש בענטשין דר וועקט אזו איין מדריגה וואס פון דער מדריגה קומט אראפ אויף דר וועלט מזון ושפע דרום דארף מען דארטין ווייזן וועטיקייט אונ שמחה כדי מען זאל דר וועקין די מדריגה דרום שטייט ואכלת דאש הייסט עסין ושבעת הייסט טרינקען דאש איז אלץ על הארץ הטובה דאש מיינט מען דיא קדושה וואס זיא הייסט



ארץ חפץ דארטין דארף מען ווייזן שמחה אונ וועטיקייט דרום הייסט עס ארץ טובה אזו ווי עס שטייט ונשבע לחם ונהיה טובים:

פתח רבי יוסי הייבט אן צוא זאגין עש שטייט ועשית שולחן עצי שטים זאלשט מאכן איין טיש פון עצי שיטים דר טיש איז גישטאנן אינעווייג אין בית המקדש אונ ווייל פון דעם טיש איז ארויש גיגאנגן שפייז צו דר גאנצר וועלט דרום האט דר טיש ניט גטארט זיין ליידיג אפילו איין רגע עש האט אויף אים גימוזט ליגין דר לחם הפנים תמיד כדי דיא ברכות זאלין פון אים גיצויגין ווערן אויף אלע טישין פון דער וועלט אונ דרום אויך בשעת דער מענטש בענטשט דארף ער עפעס איבער לאזין אויף דעם טיש כדי ער זאל ניט זיין ליידיג דען די ברכה של מעלה רועט ניט אויף איין ליידיג ארט אזו וויא עש שטייט הגידי לי מה יש לך בבית אלישע האט גיפרעגט די שונמית אויב זיא האט עפעס אין שטוב עס זאל אויף דעם שורה זיין דיא ברכה אזו וויא מיר האבן דאש לאנג מפורש גוועזן אונ אזו איין טיש וואס אויף אים ווערט ניט גיזאגט קיין דברי תורה זאגט אויף אים דר פסוק כי כל שולחנות מלאו קיא צואה בלי מקום מען טאר ניט אויף אזו איין טיש בענטשן דען עש איז פר האנדין צווייא ערליי טישין איינער איז אין דר קדושה וואש ער איז צו הקב״ה ער שטייט תמיד מען זאל אויף אים לערנן תורה אונ אויף דעם טיש ווערן נשלם דיא אותיות התורה מיט דר תורה וואש מען זאגט אויף אים ווערט ער נשלם מיט דעם רעכטן תיקון דרויף שטייט אין פסוק זה השולחן אשר לפני ה׳ אונ ווידר איז פר האנדין איין טיש וואש האט קיין חלק ניט אין דר תורה אונ ניט אין דער קדושה דער טיש הייסט קיא צואה ווארום ער איז בלי מקום ווייל ער האט ניט קיין חלק אין דר קדושה וואס זיא הייסט מקום דאש איז די שכינה וואש אויף איר שטייט ביפני במקום אבער אז מען לערינט דברי תורה אויף דעם טיש נעמט אים הקב״ה צוא זיין חלק אונ ניט דאש אליין נאר עש איז פר האנדן איין מלאך הממונה הגדול סור״י ער נעמט אלע דברי תורה וואש עס ווערט גיזאגט אויף דעם טיש אונ מאכט איין גישטאלט אזו וויא דר טיש איז אונ די אלע דברי תורה וואש מען האט גזאגט אויף דעם טיש גייען אונ ווערן פר שפרייט פר הקב״ה

דער מלך הקדוש דרום שטייט זה השולחן אשר לפני ה' דאש ער ווערט פר אים גיקריינט אונ דר טיש שטייט ער זאל מטהר זיין די מענטשין פון זייערע עבירות וואול איז צו דעם מענטשן וואס אויף זיין טיש ווערן גטאן צוויי ערליי זאכן מען האט אויף אים גזאגט דברי תורה אונ מען האט פון דר סעודה גיגעבן צו ארעמע לייט זאלין זיך אויך אן זעטין · אזוא זיינען אן גיברייט צווייא מלאכים קדושים איינר פון דר רעכטער האנט אונ איינר פון דר לינקר האנט איינר זאגט דאס איז דר טיש פון דעם מלך הקדוש וואש דער מענטש האט פר אים מסדר גיוועזן עש זאל זיין דר ווילן פון השי"ת אז דר טיש זאל תמיד זיין מיט ברכות עליונים אונ הקב"ה זאל דרויף לאזן רוען זיין שמן משחת קודש דאש זיינען סודות עליונים · אונ דר אנדרר זאגט דאש איז דר טיש פון דעם מלך הקדוש וואש דער מענטש האט פר אים מסדר גיוועזן דאש איז דר טיש וואס די עליונים ותחתונים וועלין פון אים גיבענטשט ווערן עש זאל זיין דר ווילן פר השי"ת אז דר טיש זאל זיין מסודר פר הקב"ה בעולם הזה ובעולם הבא · רבי אבא האט גיזאגט דען פר צייטן איז גיוועזן איין מנהג אז צוא דעם עסין האט מען גבראכט קליינע טישלעך איטליכן איין בזונדרן טישיל אונ בשעת מען פלעגט אים ברייננען דאש טישל האט דר מענטש עש צוא גידעקט אונ האט גיזאגט ברייננט אויף דאס טישיל בצניעות עש זאל ניט זיין בחרפה פר די שלוחי של מלך ווארום דער טיש פון דעם מענטשין איז אים מזכה בעולם הבא אונ דורך אים איז ער זוכה צוא מגין זיין אויף דער וועלט אונ איז זוכה צו ווערן דר קענט פר הקב"ה לטובה אונ עש ווערט אים גימערט כח וגדולה צוא אלין דינג וואש ער דארף וואול איז זיין חלק בעולם הזה ובעולם הבא :

רבי יעקב הייבט אן עם שטייט ויהי כל יודעו מאתמול שלשום וגו' הנם שאול בנביאים וואס איז דאס זיי גיוועזן אזו אגרויסר חידוש אז שאול האט נביאות גזאגט ער איז דאך נאך פריער גיוועזן אוים דר גווילט פון אלע ישראל אזו וויא עם שטייט הראיתם אשר בחר בו ה' בחר איז דאך דר טייטש ער איז שוין לאנג אוים דר וויילט גווארן פר וואס האבן זיי אצונד אזו זיך פר וואונדרט · נאר בשעת אז הקב"ה האט אים אויש דר וויילט איז דאס נאר גיוועזן פר איין מלך ניט פר קיין נביא דען צו די ביידע מעלות האט קיין שום מענטש ניט זוכה גיוועזן נאר משה רבינו נאמן עליון האט אליין דר צו זוכה גיוועזן ניט קיין אנדרער מענטש דרום האבין זיי זיך פר וואונדערט אויף אים ער זאל זוכה זיין צו די ביידע מעלות · אונ אויב דו וועשט פרעגין שמואל הנביא האט דאך אויך זוכה גוועזן צו די ביידע מעלות זאג איך דיר עס איז ניט אזו שמואל איז נאר גיוועזן איין נביא נאמן אבר קיין מלך איז ער ניט גיוועזן אזו וויא עם שטייט וידע כל ישראל מדן ועד באר שבע כי נאמן שמואל לנביא ער האט נאר גימשפט די ישראל אזו וויא עם שטייט וישפט את ישראל דרום אז שאול המלך האט גזאגט נביאות האבין זיי זיך אויף אים זייער פר וואונדרט נאר די קשיא איז דאך וויא קומט דאס באמת ער זאל זוכה זיין צו די ביידע ער איז דאך שוין אין דר צייט גוועזן איין מלך וויא אזו האט ער גקענט זאגן נביאות זאג איך דיר ער האט דאך ניט גיהאט ביידע אין איינם נייערט ווייל הקב"ה האט אים גיגעבן די מלוכה אונ האט אויף אים גמאכט רוען דעם רוח הקודש אז דורך דעם זאל דאש מלכות זיין מיושב האט ער דורך דעם גיהאט אשכל פון התעוררות ותבונה ער זאל אמת משפטין דאס דארף איין מלך צו האבין נאר ווייל ער איז בשעת מעשה גיוועזן צווישן די נביאים האט אויף אים אויך גירוט די נבואה אונ אז ער האט זיך פון זיי אפ גשייד איז ער שוין ניט גוועזן קיין נביא · זאגט רבי יעקב ווער האט מיר גיגעבין איין התעוררות פון איין רוח הקודש אז איך זאל זיין צווישן די נביאים נאמנים די תלמידים פון רבי שמעון בן יוחאי וואש דיא עליונים ותחתונים ציטערן פר אים ומכל שכן איך זאל זיין צווישן איך ער הייבט אן צו זאגן עם שטייט ועשית שולחן אויף דעם שולחן האט מען ארויף גלייגט דעם לחם הפנים מיר דארפן פר שטיין וועלכש איז בעסר צו דר טיש צו דאש ברויט איז דר עיקר אויב דו וועשט זאגן זיי זיינען ביידע אלץ איינס · קען אזו ניט זיין ווארום דר שולחן איז אויף זיך מקבל דאש לחם עם זאל אויף אים ליגן איז דאך דר שולחן למטה אונ דאס לחם איז למעלה · נאר פון דעסט וועגין איז פארט דר שולחן דר עיקר ווארום ער איז מקבל ברכות ומזון פון אויבין אונ פון דעם שורש השולחן קומט דיא

פרנסה אויף דר גאנצר וועלט אונ דר לחם איז
גלייך גוועזן וויא איין פרי וואס זיא וואקסט אויף
איין בוים איז דאך דר בוים דר עיקר ווארום
ווען ניט דר בוים וואלט דאך די פרי ניט גהאט
קיין שורש עפעס צו וואקסן אזו אויך דר שלחן
האט אויש גיצויגן מזונות אויף דר גאנצר וועלט
אונ דרום האט מען דעם לחם הפנים אויף גיגעסן
משבת לשבת צו ווייזן אז דר מזון עליון קומט
ארויס פון דעם טיש אונ מיט דעם וואס די כהנים
האבין אראפ גינומן דעם לחם הפנים אלע שבת
זיינן גבענטשט גיווארן אלע מזונות וואש מען
האט גיגעסן אונ גטרונקן דאס דר יצר הרע האט
שוין ניט גקענט מקטרג זיין דען דורך אכילה
ושתיה איז דאך שכיח דר יצר הרע ביי דעם
מענטשין אונ איז אויף אים מקטרג אבר דורך
דעם וואש די כהנים האבין אויף גיגעסין אלע
שבת דעם לחם הפנים איז זייער עסן גבענטשט
גווארן דאס דר צד הרע האט ניט גקענט מקטרג
זיין פון צו דינן להקב"ה בלב שלם אונ די כהנים
האבן זיך גדארפט אפ היטין אז זייער טיש זאל
זיין מיט איין ריינם גוף מער פון דר גאנצר וועלט·
דרום גיהער זיך דר מענטש צום ערשטן ריין
מאכין זיין גוף פר דעם עסין כדי אז דאש עסין
וואס עס איז פון דעם שולחן הטהור זאל חלילה
ניט אן גירופין ווערין קיא צואה וואש דאש איז
מצד הקליפות ווארום דיא טומאה דארף ניט
האבן קיין חלק פון דעם שלחן אשר לפני יי ערשט
נאך דעם עסין דארף מען געבין אחלק דעם
תמצית לצד הקליפות דאש מיינט מען מים
אחרונים די זוהמא דעם שווים פון די הענט
דר חלק איז ראוי צו איר אונ דרום זיינן די מים
אחרונים חובה מען מאכט איבר זיי קיין ברכה
ניט ווארום בצד הקליפות איז ניט פר האנדין
קיין ברכה דרום זאל דר מענטש נזהר זיין ער
זאל חלילה ניט געבן פון זיין עסין וואש דאש
קומט ארויש פון דעם שולחן הטהור צו דעם
קיא צואה לצד הטומאה דאש הייסט ער זאל
פריער ריינגין זיין גוף ווען זיא שוין קיין חלק
ניט האבין אין דעם עסין ומכל שכן עס איז
נאך זייער גיזונט צו דעם גוף אז ער זאל האבן
נקיות פאר דעם עסין:

רבי יוסי מיט רבי חייא זיינען גיגאנגן אין וועג
אונ איין סוחר איז זיי נאך גגאנגן זאגט רבי
יוסי צו רבי חייא מיר דארפין עוסק זיין בדברי
תורה דען הקב"ה גייט פר אונז דרום איז די צייט
אים צו מאכין איין תקון פתח רבי חייא הויבט
אן צו זאגין עס שטייט עת לעשות ליי הפרו תורתך
דעם פסוק האבין שוין די רבנן מפורש גיוועזן
אונ איך זאג עת לעשות ליי איז דר טייטש כל זמן
די תורה האט איין קיום אויף דר וועלט אונ די
מענטשין זיינן אין איר עוסק כביכול איז הקב"ה
משגיח אויף זייניגע מעשה ידיו אונ איז זיך משמח
מיט אלע עולמות אויך דר הימיל מיט דר ערד
זיינן אין זייער שטאנד אונ ניט דאש אליין נאר
הקב"ה זאמילט איין די גאנצע היילגע פמליא
של מעלה אונ זאגט צו זיי זעהט וויא איך האב
א היילגע פאלק דאש די תורה ווערט גיקריינקט
פון זייערט וועגין זעט מיין מעשה ידי איר האט
גיזאגט מה אנוש כי תזכרנו דער מענטש זאל ניט
בשאפן ווערין אונ בשעה דש ישראל זיינן מבטל
פון תורה מאכין זיא שלאף זיין כח דרום שטייט
עת לעשות ליי די בני עולם די צדיקים ואלין זיך
מתאמץ זיין צו טאן מעשים טובים אונ זיך מיען
אין דר תורה כדי כביכול הקב"ה מיט זיין פמליא
זאלין גישטארקט ווערין דורך די צדיקים דען
הפרו תורתך זיי האבין פאר שטערט דיין תורה
אונ האבן זיא ניט גילערינט וויא עס געהער צו
זיין · זאגט דער סוחר. וואס ער איז היינטן נאך
גיגאנגן איך בעט אייך איך האב איין שאלה צו
פרעגן זאגט רבי יוסי פרעג דיין שאלה זאגט ער
וועדליג דוא זאגשט בדארף אזו צו שטיין יש
לעשות אדר נעשה וואס שטייט עת זאגט רבי יוסי
אין פיל זאכן איז דר וועג פאר אונז אן גברייט
איינש ביז אהער זיינן מיר גוועזן צוויי אונ היינט
זיינן מיר דריי אונ די שכינה איז נכלל אין אונז
אונ ווידער איך האב גמיינט דו בישט איין עץ
יבש היינט זעה איך אז דו בישט איין צוויג
האפטיגר אייל בירט דו האשט רעכט גפרעגט
נאר ווייל דו האשט אן גיהויבן זאג דו פתח ער
הייבט אן עת לעשות ליי עס איז איין עת איין
מדריגה אין דר קדושה דאש מען זאל ליב האבן
עת לאהוב אונ ווידר איז איין עת אין דר טומאת
דאש איז עת לשנוא מען זאל זיא פיינט האבן אין
דר קדושה איז איין עת רצון דאס הייסט עת
לאהוב אזו וויא עס שטייט ואהבת את יי אלהיך אונ
אין דר טומאה איז איין עת דאש איז לילית זיא
בטרעפט אזו וויא די צאל פון ע"ת דרום שטייט
דבר אל אהרן אחיך ואל יבא בכל עת אל הקודש מבית

אלע עת זאל ער זיך מקרב זיין צו דר קדושה אונ אז די ישראל זיינן עוסק אין דר תורה איז דר עת פון דר קדושה מתוקן אין רעכטן תיקון וויא דר עת בדארף צו זיין אבר אז די ישראל זיינן ניט עוסק אין דר תורה איז כביכול דער עת ניט מתוקן אזו וויא עש בדארף צו זיין אונ ניט בשלימות אין איר אור דרום שטייט עת לעשות לה׳ וויל מיר האבין מפיר ומבטל גיוועזן דיין תורה דרום איז עת לעשות דאש איז טייטש לשון פאר ריכטין אזו וויא עס שטייט אשר ברא אלהים לעשות ער האט גוואלט בשאפין די שדים אין גוף אונ זייא גומר זיין אזו דא לעשות מיינט מען אויך מתקן צו זיין אויף דעם שלימות די קדושה צו הקב״ה אזו קומן רבי יוסי ורבי חייא אונ קושין אים אויף זיין קאפ זאגט רבי יוסי עס איז ניט רעכט אז דו זאלשט אונז נאך גיין · זכאה איז דר וועג אז מיר האבין זוכה גוועזן צו הערין אזעלכש זכאה איז דער דור וואש רבי שמעון איז דרינען דאש אפילו צווישן די בערג ווערט אויך גפונען חכמה פון זיינט וועגן רבי חייא אונ רבי יוסי נידערין אראפ פון זייערע אייזלן אונ גייען אלע דריי אין איינעם פתח דר סוחר הויבט אן ואני תפלתי לה׳ עת רצון ער זאגט דרויף גרוישע סודות דר נאך זאגט ער אויב דו ווילסט פרעגן פר וואש האט מען מתקן גיוועזן דעם פסוק צו זאגין שבת צו מנחה פאר וואש ניט אין וואכנדיגע מנחה ווייל די מנחה פון שבת איז ניט גלייך צו דר מנחה פון וואך ווארום אין דר וואכין בשעת מנחה איז דר דין שולט אויף דר וועלט אבר אום שבת אז עס קומט דר זמן מנחה אונ די כוחות הדינים ווילין שולט זיין אזו קומט איין אור גדול פון אויבן אונ טרייבט זיי אוועק אונ זיי ווערן בטל דרום איז דענשט מאל איין עת רצון אונ איין שמחה אין אלע עולמות · משה רבינו איז נפטר גיווארין פון דער וועלט בשעת מנחה פון שבת בשעת דר עת רצון איז גיוועזן למעלה אונ למטה איז גיוועזן איין צער עש איז צו גישלאסן גיווארן אלע טירין פון דעם בית המדרש כדי מען זאל גידיינקען אין משה רועה נאמן דאש די תורה איז בטל גווארן פון דיינט וועגן דען באותו זמן איז בטל גיווארן דר בית המדרש פון משה אונ מכל שכן די איבריגע דען דר וואש האט גיזעהן אז דר בית המדרש פון משה איז פאר מאכט האבין שוין אלע פר מאכט זייערע בתי מדרשים דרום מוזין אלע מצדיק הדין זיין די צייט בדרך שבח אין דער תפלה דרום זאגט מען צדקתך דריי זיינן גשטארבן שבת צו מנחה אונ אלע דריי זיינען נכלל אין משה · איינר איז משה נביא נאמן עליון אונ דר אנדערר איז יוסף הצדיק אונ דר דריטר איז דוד המלך דרום זאגט מען דרייא מאל צדקתך דאש איז גלייך וויא דרייא צידוק הדין איינש איז אנטקעגן יוסף הצדיק ער איז גיוועזן פריער פון אלע דרום זאגט מען צדקתך כהררי אל ער איז אליין גוועזן אזו וויא די הויכע בערג אונ אויף משה נביא הנאמן זאגט מען וצדקתך אלהים עד מרום אשר עשית גדולות אונ אויף דוד זאגט מען צדקתך צדק לעולם ותורתך אמת ווייל עס איז איין גיטאן גווארן דיא תורה שבכתב דורך משה אונ די תורה שבעל פה דורך דוד דרום זיינן די צייט פאר שלאסן גווארן אלע ספרי תורות אונ אלע שערים פון דר גאנצר וועלט · בשעת יוסף איז נפטר גווארן איז פר טריקנט גיווארן די מעינות ומקורות החכמה פון די מים העליונים אונ אלע שבטים זיינן גיפאלין בגלות האבין די עליונים גזאגט צדקתך כהררי אל משפטיך תהום רבה אונ בשעת משה איז נפטר גיווארן איז פאר פינצטערט גיווארן דיא שמש בצהרים אונ די תורה שבכתב האט פר שלאסין איר ליכט דאש הייסט דיא אספקלריא המאירה אונ בשעת דוד איז נפטר גיווארן האט די לבנה איין גטאן איר ליכט אונ פון דר צייט אן איז פר בארגן גיווארן די ליכט פון דר תורה שבעל פה אונ עש האט זיך גימערט מחלוקת אין די משניות אונ די חכמים זיינן מחולק אין די דינים דען פריער איז אלין מפורש גוועזן אזו וויא עס בדארף צו זיין אונ פון דער צייט זיינן אלע שטארקע הערצר פר מישט גיווארין דרום איז גיווארן די חומרא פון דעם תענית וואש דיא חכמים האבין גימאכט תענית צדיקים ווען די צדיקים זיינן גשטארבן אזו אויך האבן זיי גוזר גוועזן אויף דעם וואש איז איין גיטאן גווארן די תורה שבכתב ושבעל פה · דרום איז שוין אבל שבין אז מען גהער צו שליסן די טירן פון די בתי מדרשים פון דר תורה דרום זאגט מען די דריי פסוקים אויף דעם ארט פון צידוק הדין · רבי יוסי מיט רבי חייא פרייען זיך זייער אונ זאגן זכאה איז אונזר חלק אין דעם וועג וואש מיר האבין גיהערט אזעלכע חידושים · דער סוחר

הויבט

רויבט ווידר אן החכמה תעוז לחכם מעשרה שליטים אשר היו בעיר דאס איז משה בשעת ער איז ארויף גיגאנגן אויף דעם בארג סיני מקבל צו זיין די תורה זיינן דר ציטערט געווארין אלע הימלן אונ אלע היילות עליונים זיי האבן גזאגט רבונו של עולם אלע אונזרע שמחות איז נאר אין דר תורה אונ דו ווילשט זיא אראפ נידערן אויף דר ערד האבין די זיך איין גיזאמילט אויף משה צו פר ברענן אים מיט זייער פייער אזו האט זיך משה גשטארקט אונ האט זיי גיענטפערט איין תשובה וואס שטייט דען אין די עשרת הדברות אשר הוצאתיך מארץ מצרים זייט איר דען גיוועזן אין מצרים אדר גשיקט זיך דען ביי איך כבד ולא תרצח ולא תנאף אונ די איבעריגע אזו האט ער זיך גשטארקט מעשרה שליטים פון די צעהן דברות וואס זיי היישן עשרה שליטים אונ ער האט זייא דר מיט מנצח גיוועזן אזו אויך החכמה תעוז לחכם ווער עס איז עוסק אין דר תורה איז זיא מגין אויף אים אונ שטארקט אים בשעת ער בדארף· אונ פון וואסער איין ארט קומט אים דאש שטארקייט זאגט דר פסוק מעשרה שליטים דאש זיינן די צעהן דברות וואש זיי שטייען אין דר תורה דאש זיינען מושלים עליונים דאש איין מענטש ווערט גשטארקט דריגען בעולם הזה גבעולם הבא אלע רזין פון דר וועלט אונ אלע מצות אונ אלע חכמות של מעלה ושל מטה איז אלץ אין דר תורה וואול איז צו די וואש זיינען עוסק אין דר תורה צו זיין גשטארקט אין איר לעולם הבא· זייא פרייען זיך זייער אויף זיינע רייד אז זיי זיינן גיקומן צו איין בארג זאגט רבי חייא צו דעם מוהר וויא אזו איז דיין נאמן זאגט ער חנן זאגט רבי חייא יחנך הקב"ה וישפע קולך אז דו ווערשט צו אים בדארפין זאל ער דיך לייט זעלינין אונ דיין קול מקבל זיין זאגט רבי יוסי דיא זון איז שוין נידעריג עס ווערט שפעט אונ אונטער דעם בארג איז פר האנדין איין דארף עש הייסט כפר חנן ווילין מיר דארטין נעכטיגן פון דיין כבוד וועגין וואש דו הייסט אויך חנן זיינן זייא גיקומען אין דעם דארף אריין אויף איין הארבריג· האט מען זיי דארטן גריכט צו דעם טיש מיט אלע מיני מאכלים זאגט רבי חייא דר טיש איז בהדיא בדמות עליון של עולם הבא דרום דארף מען אים קריינן מיט דברי תורה הויבט אן רבי יוסי צו זאגן עס שטייט ואכלת ושבעת וברכת וגו' על הארץ הטובה אשר נתן לך פון דעם פסוק איז דאך משמע אז נאר אין ארץ ישראל דארף מען בענטשין נאך דעם עסין אבער אין חוץ לארץ איז מען פטור פון צו בענטשין נאר דר פשט איז אזו בשעת אז הקב"ה האט די וועלט בשאפין האט ער זיא צו טיילט אויף איין זייט ישוב אונ אויף דר אנדרער זייט מדבר אונ דעם ישוב אליין האט ער אויך גיטיילט אונ האט אים גימאכט רינגלען ארום דר נקודה האמצעי דאש איז ארץ ישראל וואש זיא איז אין מיטין ישוב פון דער וועלט אונ דער מיטין ארץ ישראל איז ירושלים אונ דער מיטין ירושלים איז דאס בית קדשי הקדשים אונ דורך דעם ארט נידערין אראפ מלמעלה אלע טובות אונ אלע פרנסות ושפע פון דעם גאנצין ישוב· די מדבר האט ער אויך גיטיילט אונ האט ניט גיפונען קיין גרעשער וויסטינעש וויא דאס חלק מדבר וואס די ישראל זיינן דארטן דורך גיגאנגן אזו וויא עש שטייט המוליכך במדבר הגדול והנורא אין דר מדבר האבן די קליפות איין שליטה וואס זיי הייסן נחש שרף ועקרב וצמאון די ישראל האבין גימוזט דארטין דורך גיין פערציג יאר כדי זיי זאלין צו ברעכן דעם כח פון די קליפות· אונ וואלטן די ישראל גוועזן צדיקים אין דר גאנצר צייט וואס זיי זיינן גיגאנגן אין דר מדבר· וואלט צו בראכן גווארן דר גאנצר כח פון די קליפות אונ וואלטן זיי מעביר גיוועזן נאר ווייל זיי האבן גזינדיגט האט זיך גשטארקט די צד הקליפות אונ די ישראל זיינן בעולם הזה גפאלין אונטר זייער רשות· אויב דו ווערסט פרעגן משה רבינו איז דאך גוועזן גרעסר פון דר גאנצר וועלט פר וואש איז ער אויך גפאלן אין דר מדבר· נאר דר אמת איז אז משה רבינו איז חס ושלום ניט גוועזן אונטר דעם רשות פון דר מדבר· ער ליגט נאר אויף דעם הר העברים איז טייטש לשון קריג די מושלים עליונים האבין זיך איבר אים גקריגט אונ דער בארג איז ניט איבער גיענטפערט גיווארין אין זייערע הענט ביז משה רבינו איז גקומען האט אים הקב"ה איבר גענטפערט אין זיינע הענט וואש ער איז גוועזן מצד הקדושה האט ער אויף אים שולט גוועזן אונ איז דארטן בגראבן גווארן· אונ מיט זיין קבורה האט זיך קיינר ניט מתעסק גיוועזן נאר הקב"ה כביכול אליין אזו שטייט ויקבור אותו בגי אונ שטייט ניט ווער עס האט אים

דארט

דארטין, בגראבן דעסט גלייכין שטייט ויקרא אל משה שטייט אויך ניט ווער עס האט אים גרופן נאר אזו וויא דארטן איז דאך ידוע צו די חכמים ווער עש האט אים גרופן אזו דא אויך ביי דר קבורה פון משה האט זיך נאר הקב"ה כביכול בעצמו מיט אים עוסק גוועזן דרום האט קיינר קיין שליטה ניט גהאט אין דעם בארג נאר משה רבינו אליין וואס ער ליגט דארטן אונ דרום איז דארטן גוועזן זיין קבורה כדי די וועלט זאל ווישין אז די מתי מדבר וועלן אויף שטיין תחיית המתים ווארום דורך אים וועלן אלע זיין אין התעוררות פון עולם הבא · אויב דוא וועשט פרעגן אז אין דר מדבר איז אזוא איין גרוישע טומאה פאר וואש האט הקב"ה גיהייסן דעם שעיר המשתלח שיקן צו דעם בארג וואש הייסט עזאזל ווארום האט ער אים ניט גיהייסן אוועק שיקן אין דיא בערג פון דר מדבר נאר ווייל די ישראל זיינען דארטן גוועזן פערציג יאר איז צו בראכן גווארין דר כח פון דר טומאה פון דארטין אונ איז נדחה גיווארן עס זאל גישטארקט ווערן איר כח אויף אזו איין ארט וואש קיין שום מענטש איז דארט קיין מאל ניט גיוועזן אונ דער בארג עזאזל איז איין הויכר בארג אונ אונטר דיא טיפעניש פון דעם בארג וואש קיין שום מענטש איז דארטין נאך ניט גיוועזן אונ אויף אזוא איין ארט האט ער מער שליטה צוא עסין זיין שפייז וואש מען האט אים דארטן גיבראכט דאש דר מיט האט ער שוין ניט גיקאנט מקטרג זיין אויף זיי אבער אין דעם ישוב דארטן וואו מענטשן וואוינן ווערט די גאנצע וועלט גישפייזט אונ גיבענטשט אלץ פון דער מיטילסטער נקודה דאס הייסט קודש קדשים פון דעם בית המקדש · חאטשע היינט איז דאך דר בית המקדש חרוב דאך האט זיך זיין זכות ניט אויש גילאזן אונ פון דארטן ווערן דיא ישראל גישפייזט דרום חאטשע די ישראל זיינן אין חוץ לארץ פון דעסט וועגן איז זייער שפייז נאר בזכות ארץ ישראל אונ דרום שטייט על הארץ הטובה אשר נתן לך דאש מיינט מען דיא טובה קומט פון דארטן ארויס ווער עס זיצט ביי זיין טיש אונ איז זיך מתענג בתענוגים גיהער ער צו גידיינקן אונ זיך צו זארגן אויף דר קדושה פון דער ארץ הקדושה אונ אויף דעם היכל המלך וואש עש איז איצונד בעונותינו הרבים חרוב גווארן אונ בשעת ער מאכט איין שמחה

אונ דר מאנט זיך אונ איז טרויעריג אויף חורבן בית המקדש איז דאש אן גינומן פר הקב"ה אונ עש ווערט אים גירעכינט גלייך וויא ער האט אן גבריים אונ האט גיבויט דאש בית המקדש מיט אלע חורבות פון דעם בהמ"ק וואול איז

צוא זיין חלק :

רבי חייא מיט רבי אבא זיינען גיוועזן אויף איין הארבעריג אז עס איז גיקומן האלבע נאכט זיינן זיי אויף גישטאנען לערנן תורה איז דעם בעל הבית טאכטר אויך אויף גישטאנן אונ האט זיי אן גיצונדן איין ליכט אונ האט זיך גשטעלט הינטר זיי צו הערן דברי תורה הייבט רבי אבא אן צוא זאגן עס שטייט כי נר מצוה ותורה אור · נר מצוה מיינט מען ווער עס איז עוסק אונ טוט מצות התורה אויף דר וועלט אזו גיט מען אים פר איטליכר מצוה איין ליכט לעולם הבא ותורת אור מיינט מען אזו ווער עס לערינט די תורה אליין איז ער זוכה צו דעם אור וואש די ליכט ווערט פון אים אן גיצונדן דען דאש ליכט אן דעם אור איז גאר ניט ווערט אויך קען ניט זיין קיין ליכט אן איין אור אייניש דארף האבן צו דעם אנדערן דרום דארף מען מתקן זיין במעשה דאש נר מען זאל עוסק זיין בתורה צו דער לייכטן דאש אור אויף דעם ליכט · וואול צו דעם מענטשין וואש ער איז עוסק בתורה ובמצות צוא באהעפטין אור ונר ווייטר שטייט ודרך חיים תוכחת מוסר דען מיט וואש דר מענטש איז אויף זיך מקבל אפ צו קערן פון דעם שלעכטן וועג צוא גיין בדרך הטוב דאש ברייננגט אים לעולם הבא ודרך חיים דער וואש שטראפט זיין חבר ער זאל גיין אין דעם וועג פון הקב"ה איז צו אים איין דרך חיים לעולם הבא דבר אחר נאך איין פשט איז כי נר מצוה נר מצוה מיינט מען די תורה שבעל פה וואש מען דארף זיא תמיד מתקן זיין זיא זאל ווערן דר לייכט מיט דר תורה שבכתב דען די תורה שבעל פה האט ניט קיין אנדערער תיקון אונ קיין אור נאר דורך דער תורה שבכתב אזו וויא די לבנה האט ניט מער קיין ליכט נאר וואס זיא איז מקבל פון דר זון דר ווייל האט רבי אבא אכטונג גיגעבין הינטר זיך האט ער דר זעהן וויא דעם בעל הבית טאכטר שטייט הינטר אים זאגט ער נר מצוה מיינט מען דיא מצוה וואס די ווייבר האבין אין דעט זוכה גיוועזן דאס זיינן די ליכט פון שבת חאטשע די

הייבר זיינן ניט זוכה צו דר תורה זיינען דאך זייערע מאנן זוכה לתורה אונ דר לייכטין דאש ליכט פון זייערע נשים וואש זיי זיינן מתקן דיא מצוה פון דעם נר אונ די מאנזבילין דר לייכטין דאס ליכט מיט זייער אור פון דר תורה וויא די אשה האט דאס דר הערט האט זיא אן גיהויבן צו וויינן · דר ווייל איז איר פאטר דר בעל הבית אויף גישטאנן אונ גייט צו זיי דר זעהט ער וויא זיין טאכטער שטייט אונ וויינט פרעגט ער זיא וואש וויינשטו דער ציילט אים רבי אבא דיא גאנצע מעשה אזו האט דר פאטר אויך אן גיהויבן צו וויינן זאגט רבי אבא עש ווייזט אויס דיין איידים איר מאן איז ניט קיין למדן ער האט ניט זוכה גיוועזן צו דר תורה זאגט דר בעל הבית צו זיי בוודאי איז אזו אונ אויף דעם וויין איך מיט מיין טאכטער תמיד נאר וויא קומט דאש ער זאל זיין מיין איידים ווייל איך האב אים איין מאל גיזעהען וויא ער איז ארא גישפרונגן פון דעם בוידים ער זאל הערן קדושה מיט דעם קהל דרום איז מיר גיפעלן אים צוא געבין מיין טאכטער איך האב מיך פון דעם משער גיוועזן אז ער געהער זיין איין אדם גדול בתורה חאטשע ער איז נאך איין יונגר מאן אונ איך האב אים פריער ניט גיקענט · אונ איצונד זעה איך אז ער קען אפילו ניט בענטשן קיין ברכת המזון זאגט רבי אבא צו דעם בעל הבית פר בייט אים אויף אאנדערין לאז ער גט געבין אונ גיב איר איין אנדער מאן איין למדן אדר אפשר וועט ער מיט איר האבין איין קינד וואש ער וועט זיין איין תלמיד חכם · דר ווייל האט זיך איר מאן אויף גחאפט אונ שפרינגט ארין צווישן זיי אונ האט זיך אנידר גיזעצט האט רבי אבא אויף אים אכטונג גיגעבין אונ זאגט איך זעה אז פון אים אדר פון זיין קינד וועט ארויש גיין איין אור תורה האט דער יונג אן גיהויבן צו לאכן אונ זאגט רבותי איך וועל פאר אייך זאגן איין זאך פון דר תורה הייבט ער אן צו זאגין עש שטייט צעיר אני לימים ואתם ישישים על כן זחלתי ואירא מחות דעי אתכם אין דעם פסוק האבין זיך דער וועקט די עמודי עולם אבר מיר דארפן דאך פר שטיין דען אליהוא בן ברכאל הבוזי איז דאך גיוועזן ממשפחת רם אונזרע חכמים זאגן ער איז גיוועזן מזרע אברהם אונ עס איז רעכט אזו אבער ער איז גיוועזן איין כהן ממשפחת יחזקאל בן בוזי הכהן ווארום דא שטייט אליהו בן ברכאל הבוזי אונ דארטן שטייט יחזקאל בן בוזי הכהן אויב דו וועשט זאגן ממשפחת הבוזי איז טייטש איין מבוזה משפחה דרום שטייט ממשפחת רם ער איז גיוועזן פון אהויכע משפחה פון אלע פר וואש האט ער גיהייסן הבוזי ווייל ער האט זיך מבזה גיוועזן פאר דעם וואש איז בעסר פון אים דרום הייסט ער בשם אדם דאש ער איז מושל אויף אלע דאש קיין אנדר מענטש ווערט אזוא ניט גירופן צעיר אני לימים עש וואלט בארארפט שטיין מימים נאר אזוא מיינט ער צעיר אני איך האב מיך קליין גימאכט לימים פר אזעלכן וואס ער איז עלטר פון מיר איך האב מיר גיטראכט ימים ידברו ורוב שנים יודיעו חכמה דיא אלטע לייט זאלן ריידן אונ מודיע זיין חכמה אונ ווייל איך בין יונג בדארף איך שווייגין אונ ניט ריידן קיין חכמה אין דער תורה על כן זחלתי ואירא מחות דעי אתכם איך האב מיך גיפארכטין צוא ווייזן מיין דעה אכן רוח היא באנוש ונשמת שדי תבינם דען ווייל איך בין יונג האב איך גיוואלט שווייגין ביז היינט אונ היינט איז שוין אויש גיגאנגן צוויא חדשים אז איך בין דא דרום וועל איך שוין אן הייבין בתורה · פתח ער הייבט אן כי נר מצוה ותורה אור אונ זאגט דרויף גרוישע סודות אונ הייבט אן צוא לאכין אונ זאגט רזין עליונים אונ זאגט ביז אהער איז מתוקן גיווארן דר אור מיט נר אין איינם אונ איצונד רבותי איך בין פון בבל איך בין דער זון פון רבי ספרא אונ איך האב ניט זוכה גיוועזן אים צו דר קענען אונ בין אזו פר טריבין גיווארין ביז אהער אזו האב איך מיך גיפארכטין ווייל די מענטשין פון דאגן זיינן לייבין אין דר תורה האב איך אויף מיר גינומן אז איך זאל ניט ריידן קיין דברי תורה פר קיין מענטשן ביז צוויי חדשים אונ היינט זיינן זיי שוין אויש גיגאנגן וואול צו מיין חלק וואס איך האב מיך היינט צוא אייך מחבר גיוועזן הייבט רבי יוסי אויף זיין קול אונ וויינט · זיי שטייען אלע אויף אונ קושין אים אויף זיין קאפ זאגט רבי יוסי וואול צו אונזר חלק וואש מיר האבין זוכה גיוועזן דאש צו הערן · ער זאגט רבותי איך האב גיזעהן דעם צער פון מיין שווער מיט זיין טאכטער ווען זיי האבן זיך מצער גיוועזן וואש איך קען ניט קיין ברכת המזון האב איך גיזאגט איידר איך וועל קענן ברכת המזון וועל איך

מיך ניט מחבר זיין מיט מיין ווייב קאטשע איך וואלט דאש גיקענט טאן אן איין חטא האב איך אבר ניט גיוואלט עובר זיין אויף זייער דעה ווייל איך האב קיין דברי תורה ניט גטארט ריידן די צווייא חדשים זיי זיינן זיך זייער משמח רבי יוסי ורבי חייא ורבי אבא אונ דער שווער מיט זיין טאכטר אונ זיי ווינן פר גרויש שמחה זאגט רבי יוסי צו אים ווייל דו האסט אן גיהויבן דר לייכט אונז דעם טאג וואול צו אונזר חלק אין דעם וועג • פתח ער הייבט אן בברכת המזון איין פסוק זאגט ואכלת לפני יי אלהיך אונ איין פסוק זאגט ושמחת לפני יי אלהיך די פסוקים זיינן רעכט ווען דיא ישראל זיינען גיוועזן לפני יי אבר היינט וואו איז דאש מקום צוא עסין לפני יי אונ זיך פרייען פר גאט אלא עש איז אזו בתחלה אזדר מענטש זעצט זיך עסין אזו מאכט ער ברכת המוציא איבר דעם ברויט אונ זאגט המוציא מיט איין ה' דאש איז די שכינה אז דר מענטש מאכט די ברכה קומט דיא שכינה פאר אים אונ דאש וואש שטייט ואכלת לפני יי אלהיך מיינט מען ער זאל זאגן ביי דעם טיש דברי תורה ווייל הקב"ה קומט פר אים דרום שטייט זה השלחן אשר לפני יי אונ דארטין זאגט ער ואכלת לפני יי אלהיך מיט דער תורה איז ער מיחד יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה דרום שטייט לפני יי אונ ווייל דר מענטש שטייט פר זיין הערין אזו מוז ער געבין דעם ארימאן אונ אז ער גיט אים צו עסין איז גלייך וויא ער עסט פאר דעם מלך הקדוש אונ דער וואש עסט פר דעם מלך הקדוש בדארף ניט זיין קיין בלען דאש הייסט איין פרעסער אזו ווי עש שטייט ביי עשו הלעיטני נא גיהער ניט צו זיין אזו וויא עש שטייט ובטן רשעים תחסר דרום שטייט ואכלת לפני יי אלהיך דו זאלסט עסין פר הקב"ה ניט פר דעם צד הטומאה אויך בדארף מען נזהר זיין פון דברים בטלים ביי דעם טיש אונ ער מוז עוסק בדברי תורה זיין באיי דעם טיש אונ דורך דר תורה גיט ער כח כביכול צו זיין הערן ושמחת לפני יי אלהיך דאש איז דר כוס של ברכה ווען דער מענטש בענטשט אויף דעם כוס של ברכה בדארף ער זיך פרייען אונ מוז ווייזין שמחה וטוב לב אונ ניט קיין טרויערקייט אז ער נעמט דעם כוס של ברכה צוא בענטשין שטייט ביי אים הקב"ה אזו גיהער זיך דר מענטש מתעטף זיין זיין קאפ בשמחה פר הקב"ה אונ

צו בענטשן איבר דעם כוס מיט דריי מענטשן אונ צו זאגן נברך שאכלנו משלו ובטובו חיינו אונ זאל ניט זאגין ומטובו דער נאך זאל ער זאגן הזן את העולם כולו בטובו וגו' דש ער שפייזט צדיקים אונ רשעים מצד החסד דרום זאגט ער הזן את הכל ווייל דאש איז אלץ מצד הימין דרום טאר מען ניט אן רירן מיט דר לינקר האנט אין דעם כוס צוא העלפן אים ארויף נעמן אויף דר רעכטער האנט אונ בייא ברכת הארץ מוז ער זאגן ברית ותורה על בריתך שחתמת בבשרנו ועל תורתך שלמדתנו דרום זיינן די ווייבר פטור פון ברכת המזון ווייל זיי האבן ניט קיין ברית ותורה אונ ווער עש בענשט נעמט ער די ברכה פר אלע אונ ווערט גיבענטשט אין דעם כלל פון ברכת המזון אונ ער האט אריכות ימים אונ ווער עש נעמט איין כוס ברכת המזון אונ בענטשט אויף אים שטייט כוס ישועות אשא ובשם יי אקרא ער ווערט גבענטשט פון דעם יד ימין וואש ער הייסט ישועות הושיעה ימינך ועני ער ווערט גהאלפן פון אלע מקטריגים פון דר וועלט דר חייל איז גיווארן טאג שטייען זיי אלע אויף אונ בענטשן אים זאגט רבי יוסי בוודאי איז היינט ערשט דר חתונה טאג מיר וועלין ניט אוועק גיין פון דאנן ביז ער וועט ערשט איין רעכטע חתונה מאכן אויף דר גאנצר שטאט דיא חתונה וואש הקב"ה בגערט זייא בענטשן. זיין ווייב מיט כמה ברכות אונ דער פאטר האט גירופין אלע שטאט לייט צוא זיך אויף דר שמחה אונ זיי האבין גירופן דיא חתן וכלה אונ האבן זיך מיט זייא גיפרייט אגאנצין טאג אונ ער איז זיך משמח מיט זיי בדברי תורה ער הייבט אן ועשית את הקרשים למשכן עצי שטים עומדים ער זאגט דרויף גרוישע סודות אונ דעם סוד פון שבע ברכות וואש מען מאכט ביי איין חתן וכלה • וואול צו די צדיקים וואש זיי זייגען אין אלע זאכן איין דוגמא וואש עש איז למעלה זיי זיינן זיך משמח אגאנצין טאג בדברי תורה אונ די גאנצע שטאט האבן אים גימאכט פאר איין ראש איבר זיי דעם אנדערין טאג שטייען אויף רבי יוסי ורבי חייא ורבי אבא אונ בענטשן זיי אונ זיינען אוועק גיגאנגן זייער וועג אז זייא זיינען גיקומען פר רבי שמעון הייבט ער אויף זיינע אויגן אונ טוט אויף זיי איין קוק זאגט ער איך זעה אויף אייך אז איר זייט גוועזן צוויי טאג מיט איין נאכט אין דעם משכן פון איין נער

אונ

אונ דר נער האט אייך גלערינט רזין עליונים אין דר תורה וואול צוא אייער חלק מיינע קינדער ווי דר ציילן אים די גאנצע מעשה זאגט ער וואול צו אייער חלק אונ צו מיין חלק דען איך גדיינק אז אמאל איז מיט מיר גגאנגען אין וועג רבי ספרא זיין פאטר האב איך אים גיבענטשט אז ער זאל האבין איין זון אז ער זאל זיין איין לייב אין דער תורה נאר איך האב אים ניט גיבענטשט אז ער זאל זוכה זיין פאר זיין לעבן וואול צו אייער חלק וכל בניך למודי ה׳ ׃ דבר אחר וכל בניך למודי ה׳ ויינען דען אלע קינדר פון ישראל גילערינט פון הקב״ה די תורה יוא עס איז אזו דען בשעת די קינדר מיען זיך אין דר תורה אזו קומט די שכינה אונ גיט צו זיי כח צוא לערנען אין דר תורה דען וואלט ניט גוועזן די סייע פון הקב״ה וואלטין די קינדר עש ניט גיקענט סובל זיין ׃ רבי שמעון איז גיוועזן שכיח אויף דעם טויער פון לוד אונ רבי חייא איז אויך גוועזן מיט אים בגעגינט זיי איין קינד זאגט דאס קינד איך ווייש אז דעם היינטיגן טאג הויבט זיך אן דאש התעוררות זאגט רבי חייא פון וואנען ווייסטו דם קינד זאגט רבי שמעון עש קומט צו צייטן איין נבואה צוא איין קינד וואס עס ווערט ניט אנפלעקט צוא קיין נביא זאגט דאש קינד איז דען איין תמיה אז אקינד זאל נביאות זאגין עש איז דאך דא איין פסוק וכל בניך למודי ה׳ אונ דיא נבואה הייסט למודי ה׳ דרום איז די נבואה בייא דיא קינדר דאש ביי זיי שטייט וכל בניך למודי ה׳ דרום קומט פון זיי די נבואה קומט רבי שמעון אונ קושט אים אונ זאגט איך האב נאך אין מיינע טעג דאש ניט גיהערט ראו כי ה׳ נתן לכם השבת וגו׳ זאגט רבי יהודה אלע וואכן טעג ווערן גיבענטשט פון דעם זיבטין טאג אונ איטליכער טאג גיט ברכות וואש ער האט מקבל גיוועזן דרום זאגט משה ביי דעם מן איש אל יותר ממנו עד בוקר כדי ער זאל ניט געבין אונ מוסיף זיין פון איין טאג אויף דעם אנדרן טאג דען איטליכר טאג איז אליין שולט איז זיין טאג אונ ניט אין דעם אנדרן טאג אלע פינף טעג זיינן נאר שולט אויף דעם וואש זיי האבן מקבל גוועזן איטליכר אויף זיין טאג אונ דר זעקסטר טאג ווערט אין אים מער גיפונען דרום שטייט יום הששי מיט דעם ה״א וואש עש שטייט ניט ביי אלע טעג צו ווייזן אז ער איז גרעשר פון אלע פינף טעג

דען אין דעם זעקסטין טאג גרייט ער אן איין טיש לשם יחוד וגו׳ אויף שבת דרום איז אין דעם זעקסטן טאג צווייא חלקים מען זאל קלייבן דעם מן אויף שבת אויך דרום זאל מען פרייטיג פר נאכט צוא גרייטן דעם טיש כדי עש זאל אויף אים שורה זיין דיא ברכה אונ קיין ברכה איז ניט שורה אויף איין לידיג ארט ראו כי ה׳ נתן לכם השבת שבת איז דר טייטש עס איז אזו איין טאג וואס אין אים רוען אלע וועקם טעג רבי יצחק זאגט עש שטייט ויברך אלהים את יום השביעי אויך ביי דעם מן שטייט ששת ימים תלקטוהו וביום השביעי שבת לא יהיה בו איז דאך קשה ווען עש גיפינט זיך ניט קיין מן אום שבת וואש הייסט דאש פר איין ברכה נאר מיר האבן אזו גלערינט אלע ברכות של מעלה ושל מטה הייגן אלע אין דעם זיבעטן טאג דרום איז קיין מן ניט גיגאנגען אום שבת דען פון דעם טאג ווערין גיבענטשט אלע וואכן טעג אונ איטליכר טאג גיט זיין שפייז למטה איטליכער אין זיין טאג אלין פון דר ברכה וואש זייא ווערין גיבענטשט פון שבת דרום ווער עש איז אין דער מדריגה פון אמונה דארף ער אן ריכטן דעם טיש פרייטיג צוא נאכט כדי אלע וואכן טעג זאל זיין טיש גיבענטשט ווערין ווארום בליל שבת קומט די ברכה וואס פון איר ווערין גיבענטשט אלע וואכן טעג פון דר וואך אונ די ברכה קען ניט רוען אויף איין לידיגן טיש דרום גיהער מען גרייטן דעם טיש בליל שבת מיט לחם ומזון זאגט רבי יצחק אפילו שבת אין דר פרי גיהער מען אויך גרייטן דעם טיש מיט די אלע זאכין רבי יהודה זאגט מען דארף זיך מענג זיין אין דעם טאג מען זאל עסין דרייא סעודות כדי עס זאל גיפונן ווערן זעטקייט אויף דר וועלט אונ ווער עס מינערט איין סעודה פון די דרייא סעודות ווייזט ער דר מיט אז עס איז חלילה איין פגם למעלה אונ זיין עונש איז פר דעם גאנץ גרויש דרום דארף מען גרייטן דעם טיש דרייא מאל כדי דר טיש זאל ניט זיין לידיג אונ דיא ברכה זאל אויף אים רוען צו אלע וואכן טעג ווארום אין דר זאך היינגט אן די גאנצע אמונה של מעלה זאגט רבי שמעון ווער עש איז משלים די דרייא סעודות אום שבת אזו גייט ארויס איין קול אונ רופט אויש אויף אים דעם פסוק אז תתענג על ה׳ דאש איז די ערשטע ברכה והרכבתיך

ער

על כפתי ארץ דאש איז די אנדרע ברכה והאכלתיך
נחלת יעקב אביך דאש איז דיא דריטע ברכה אונ
מען דארף זיך מתענג זיין אונ משמח זיין אין
די אלע דריי סעודות דען דאש איז דיא גאנצע
שלימות היחוד והאמונה דרום איז שבת גרעשר
פון אלע חגים וזמנים אונ דרום ווייל עש ווערט
אלץ גיפונן אום שבת דרום שטייט אין ויכולו
דרייא מאל יום השביעי · ויכל אלהים ביום השביעי ·
וישבות ביום השביעי · ויברך אלהים את יום השביעי קום
אונ זעה מיט די דריי סעודות פון שבת ווערן
די ישראל דר קענט אז זייא זיינן בני האמונה
אונ ווער עש מינערט איין סעודה פון די דרייא
סעודות דער ווייזט חלילה איין חסרון קמעלה
אונ ווייזט אז ער איז ניט מבני היכלו של מלך
אונ מען שטראפט אים מיט דר חומרא פון דריי
מיני דיני גיהנם · קום אונ זעה אז עש קומען
אנדרע ימים טובים טאר זיך דר מענטש אליין
ניט פרייען נאר ער זאל די ארימע לייט אויך דר
פרייען מיט עסן אונ טרינקן אונ אז ער איז זיך
אליין משמח אונ דעם עני האט ער ניט משמח
גיוועזן איז זייער גרויש זיין עונש אונ אויף אים
שטייט דער פסוק וזריתי פרש על פניכם פרש חגיכם
אבר ביי דר שמחה פון שבת האטשע ער האט
זיך אליין משמח גיוועזן אונ ניט צו קיין אנדרין
איז זיין עונש ניט זייער גרויש אזו ווי ביי אלע
ימים טובים דרום שטייט וזריתי פרש חגיכם אונ
עש שטייט ניט פרש שבתכם אויך שטייט חדשיכם
ומועדיכם שנאה נפשי אבער דר נאמען פון שבת
שטייט ניט דר מאנט אין פסוק אונ דרום שטייט
ביי שבת ביני ובין בני ישראל דרום ווייל די גאנצע
אמונה גיווענט זיך נאר אום שבת אונ דרום
אז עש קומט דער טאג פון שבת בקומט דער
מענטש איין נשמה יתירה דאס הייסט איין
נשמה עליונה וואס אין איר זיינן אלע שלימות
וויי צו דעם מענטשן וואש ער איז ניט משלים
די שמחה פון דעם מלך הקדוש אונ וואס איז
זיין שמחה אין די דריי סעודות דאש די סעודות
פון אברהם יצחק יעקב זיינן גכלל דרינען אין
דעם טאג ווערן די אבות גיקריינט וואס דאס
גלייכן איז ניט פאר האנדרין אין אנדרע ימים
טובים אין דעם טאג האבן די רשעים מנוחה
פון דעם גיהנם אין דעם טאג זיינן אלע דינים
אונטער טעניג אונ קענען זיך ניט דר וועקן אין
דעם טאג ווערט די תורה גקריינט מיט עטרות

שלימות עס ווערט גהערט איין שמחה אין צווי
הונדרט אונ פופציג וועלטן · קום אונ זעה אלע
וועקס טעג פון דר וואך אז עם קומט די צייט
פון מנחה דאוונן האט דער שטארקר דין איין
שליטה אונ אלע דינים דר וועקן זיך · אונ אז
עם קומט שבת פר נאכט דיא צייט פון מנחה
ווערט גיפונען איין רצון פון אלע רצונות אונ
הקב"ה אנטפלעקט זיין רצון דרום ווערן אלע
דינים אונטר טעניג אזו ווערט גיפונן איין רצון
מיט איין חדוה ושמחה אין אלע עולמות אונ
משה רבינו דר נביא נאמן הקודש איז נסתלק
גיווארן פון דער וועלט אין דער צייט פון דעם
רצון צוא ווייזן אז ער איז ניט בדין אפ גיטאן
גיווארן · אונ זיין נשמה איז אים אויש גיגאנגן
אין דעם רצון פון הקב"ה אונ איז אין אים פאר
בארגן גווארן דרום שטייט ולא ידע איש את קבורתו
אזו וויא דער רצון פון הקב"ה איז פר בארגין
פון אלע פר בארגענש אונ די עליונים ותחתונים
ווייזן אים ניט וואו ער איז אזו אויך די נשמה
פון משה איז פר בארגן גיווארן אין דער צייט
פון דעם רצון וואש ער ווערט אנטפלעקט בשעת
עם קומט דיא צייט פון מנחה של שבת · אונ
דאס מיינט אויך דר פסוק ולא ידע איש את קבורתו
ער איז פר בארגן מכל טמירי דעלמא פון אלע פר
בארגענש פון דר וועלט אונ קיין דין איז אין
אים ניט שולט וואול איז דער חלק פון משה
רבינו עליו השלום :

תנא מיר האבין גילערינט אז עם קומט דער
טאג פון שבת ווערט די תורה גקריינט מיט
אלערלייא מצות אונ מיט אלע גזירות וועונשין
מיט די זיבעציג פנים של אור וואס זיי לייכטן
אין דר תורה פון אלע זייטן אונ די שערים ווערן
גיעפינט פון אלע זייטין · אונ אלע ווערין דער
לויכטן פון דעם אויבערשטן אור וואש עם קומט
אויס דעם עדן העליון וואס לאזט זיך ניט אויס
אונ איין כרוז רופט אויש אונ זאגט וואכט אייך
אויף איר קדושים עליונים וואכט אייך אויף איר
ישראל טוט אייך דר וועקן מיט שמחה אנטקעגן
אייער האר דר וועקט אייך מיט איין גאנצר
שמחה זייט אן גיברייט מיט דריי שמחות מיט
די דריי אבות ברייט אייך אן אנטקעגן דר אמונה
וואש זיא איז גרעשר פון אלע שמחות וואול
איז דר חלק פון די ישראל בעולם הזה ובעולם
הבא אויף דעם שטייט כי אות היא ביני ובין בני

ישראל דאס איז איין צייכן צווישן מיר אונ צווישן אייך ישראל מיר האבין גילערינט אז אין דעם טאג זיינען זיך אלע נשמות הצדיקים מתענג בתענוגים פון דעם גרויסן פר הויליגע ליכט פון אויבן אונ איין ריח עליון פאר שפרייט זיך אין אלע וועלטין אונ צו אלע וואש היטן די מצות התורה אונ רוען בשבת מיט אררעכטער מנוחה אונ עש ווערט פאר געסן פון אלע די שווערע דינים אונ דיא שווערע ארבעט אזו וויא עס שטייט ביום הניח יי לך מעצבך ומרגזך ומן העבודה הקשה דרום איז שבת גלייך אין איין וואג אנטקעגן דר תורה אונ ווער עש היט רעכט שבת איז גלייך וויא ער וואלט גיהיט דיא גאנצע תורה אויך שטייט שומר שבת מחללו ושומר ידו מעשות כל רע דר וואש היט רעכט שבת איז גלייך וויא ער וואלט גיהיט די גאנצע תורה ער האט ניט גטאן קיין שום שלעכץ · רבי יהודה איז אמאל גוועזן מיט רבי שמעון אין וועג האט ער אים גפרעגט וואס מיינט דער פסוק וואש עש שטייט כה אמר יי לסריסים אשר ישמרו את שבתותי וגו' ונתתי להם בביתי ובחומותי יד וגו' זאגט רבי שמעון די רבנן האבין דאס ניט רעכט מפורש גוועזן אונ איך וועל דיר זאגן דעם פסוק כה אמר יי לסריסים אשר ישמרו את שבתותי דרש גייט אויף די תלמידי חכמים ווש זיי האלטן זיך אויף אגאנצע וואך זיי זאלין זיך ניט מזווג זיין מיט קיין אשה נייערט פון איין שבת צו דעם אנדערין דרום ציהן זיי ארונטער הייליגע נשמות צו זייערע קינדר מיחוד קדושה עליונה ווייל אין דר צייט איז דר רעכטער יחוד אונ ווען דער דין איז שולט אויף דער וועלט אזו זעהט הקב"ה אין זיי אונ איז זיך מרחם אויף דר וועלט אויף דעם שטייט כולה זרע אמת דאס איז דר חותם הקודש השלם אזו וויא דר פסוק זאגט תתן אמת ליעקב אונ הקב"ה הייסט אמת · אונ וויא רבי שמעון זאגט דאש צו רבי יהודה אזו האט רבי יהודה דרויף זייער גיוויינט אונ זאגט וויא צו דר וועלט וואש זייער דרך אונ זייערע מעשים איז אזו וויא די בהמות אונ וויסן ניט אונ זיינן ניט משתדל אין דר תורה אונ אין די סודות עס איז בעסר אז זיי זאלין גאר ניט בשאפן ווערן וויי צו דר וועלט אז דר הער וועט שטארבן ווער וועט מגלה זיין סודות אונ ווער וועט אזו וויסן אונ מסתכל זיין אין דר תורה · זאגט רבי שמעון צו אים דא שווער איך ביי דיין לעבן אז דיא גאנצע וועלט איז נישט נייערט די חכמים וואס זיי זיינן משתדל אין דר תורה אונ ווישן דיא סודות פון דר תורה עש איז בוודאי רעכט וואס די חכמים האבן גוזר גוועזן אויף די עמי הארצים וואס זיי פר דארבין זייער וועג אונ וויסן ניט בין ימין לשמאל זיינן זיי אזו וויא די בהמות ׃ בזוהר חדש איז ער מאריך אין די סודות פון

שבת איידר שבת קומט אן גייט ארויס איין קול שופר אויבן אונ דאס קול איז דר חלק פון די בני אמונה דען די קדושה פון שבת איז ניט ביז דאס קול רופט אוים אז עס איז שבת באותו שעה דר וועקן זיך צוויי רוחות הקדושים עליונים איינר מצד ימין איז מיכאל ומצד שמאל איז גבריאל אונ זיי זיינן שולט איבר ששים רבוא חיילות וואש זיי זיינן אן גברייט צו אימליכן איינר מימין אונ איינר משמאל ווייטר שטייט גרויסע סודות וויא אזו דר טיש בדארף זיין שיין אן גריכט דר פון האבן הנאה די עליונים דרום גיהער זיך דער מענטש משמח זיין אום שבת אונ רעכט אן ריכטן זיין טיש משמח צו זיין די עליונים והתחתונים אונ אז דער מענטש קומט בליל שבת פון דר שול זיינען מיט אים צוויי מלאכים איינר מימין אונ איינר משמאל אונ די שכינה רוט איבר אלע אזו וויא איין מוטר איבר די קינדר באותו שעה ווערט מקוים יפול מצדך אלף ורבבה מימינך אליך לא יגש דאש איז אלץ ווען דר מענטש קומט אהיים בשמחה אונ איז מקבל די מלאכים בשמחה באותו שעה זאגט די שכינה דר איז איין ישראל אשר בך אתפאר מיט דיר טוא איך מיך בארימן אונ אויב ניט גייען די מלאכים מיט דר שכינה פון אים אוועק אונ דר יצר הרע קומט מיט זיינע חיילות אונ זיינן זיך מחבר מיט אים אונ זאגט דער איז מיינער אונ פון מיינע חיילות מיד תיכף רוט ער אויף אים אונ איז אים מטמא · אונ ביי אימליכן מאן אונ ווייב איז דר שם י"ה אין זייער נאמן ער הייסט אי"ש אונ זיא הייסט אש"ה אזו גייט דר שם י"ה אוועק פון זיי בלייבט איבר א"ש א"ש אונ זייער מאכל איז טמא אויף אים איז גזאגט ואל תתאו למטעמותיו מען זאל קיין הנאה ניט האבן פון דעם רע עין אונ אויף זיין טיש איז גזאגט גווארן כי כל שולחנות מלאו קיא צואה זייער טיש איז פול מיט צואה דאס איז דר יצר הרע וואש ער איז טמא דרום ווער עש קומט זיך מטהר זיין העלפט מען אים וויל ער

זיך מטמא זיין עפינט מען אים אלע טומאות · קום אונ זעה עס גייען מיט דעם מענטשן מלאכים קדושים אונ מלאכים טמאים וואו ער גייט זיינען זיי מיט אים איז ער פרום זיינען מיט אים די מלאכים קדושים אונ היטין אים אזו ; ויא דער פסוק זאגט כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך אונ אויב ניט טוען זיי זיך אפ פון אים אונ די מלאכים טמאים פירין אים אין גיהנם אונ באותו שעה אז ער רופט צו הקב"ה ענטפערט מען אים ניט אונ עש איז אויף אים שולט חלאים רעים אונ דר רוח הטומאה אונ זיין תפלה איז פאר אום ווירדיקט · רבי יוסי הויבט אן ויאכל בועז וישת וייטב לבו וואש מיינט מען וייטב לבו ער האט געבענטשט אויף זיין עסין דען דר וואס בענשט אויף זיין עסין איז ער מטיב מיט זיין הארץ דאס אויף אים איז גזאגט לך אמר לבי אונ עש שטייט צור לבבי וחלקי דאס הארץ קריגט ברכות למעלה דורך דעם ברכת המזון אונ דער ברכת המזון איז ניחא פר הקב"ה ווער עס איז מברך צו הקב"ה אויף זיין זעטיקייט אזו מוז ער מכוין זיין זיין הארץ ברצון ובשמחה אונ טאר ניט זיין טרויעריג אונ אזו וויא ער גיט די ברכה בשמחה ועין טוב אזו גיט מען אים אויך בעין טוב דרום טאר ער ניט זיין מיט טרויערקייט נאר בשמחה ובדברי תורה אונ זאל טאן זיין הארץ מיט דעם ברכת המזון צו געבן די ברכות וואו מען בדארף דען די ארבע המרכבות וואש זיי זיינן שולט בארבע רוחות די ווערן גשפייזט פון דעם ברכת המזון אונ ווערן גיקריינט אונ זיינן נהנה דר פון דרום שטייט טוב עין הוא יבורך דרום זאל ער בענטשן בשמחה דען פון דר ברכה ושמחה נתן מלחמו לדל איז ער מושך ברכות צו אלע צדדים וואש ער בדארף · קום אונ זעה בועז איז גוועזן איין טוב עין דרום שטייט ויבא לשכב בקצה הערמה דאס ווייזט אגרויסע זאך דאס דר וואס בענשט ברכת המזון וויא עש גיהער צו זיין בשמחה ובטוב לב אזו אז ער גייט אוועק פון דר וועלט איז אים אן גיברייט איין מקום חשוב וטוב למעלה בגן עדן אין די היכלות הקדושים דרום שטייט דא בקצה הערמה אונ דארטן שטייט בטנך ערמת חטים דאס ווייזט אויף די היכלות הקדושים וואס זיינן קודש קדשים דרום שטייט וייל ער האט געבענטשט ויבא לשכב דעריבר נאך זיין שכיבה דאש הייסט זיין פטירה קומט ער בקצה הערמה · זכאה איז דר מענטש וואש היט די מצות פון זיין הערן אונ היט שבת דען עס איז ניט דא קיין שום מצוה אין דר תורה וואס עס זאל ווערין ניט הייגען רזין וסודות עליונים אונ אורות עליונים אונ די מענטשן ווייסן גאר ניט אונ זיינן ניט משגיח אויף דעם כבוד פון זייער הערין · זכאין זיינן די צדיקים וואס זיינן משתדל אין דר תורה · זכאין זיינן זיי בעולם הזה ובעולם הבא : ותאמר ציון עזבני יי׳ ויי׳ שכחני התשכח אשה עולה וגו׳

רבי יצחק איז גגאנגן אין וועג האט ער בגעגינט צו רבי חייא זאגט רבי חייא עס שטייט התשכח אשה עולה מרחם בן בטנה וגו׳ וואס מיינט דר פסוק זאגט רבי יצחק קום אונ זעה אזו האט רבי אלעזר גזאגט פון וועגין זיין פאטער רבי שמעון די ישראל זאגן פר הקב"ה פון דעם טאג וואס מיר זיינן גפאלן אין גלות בבל אריין האט אונז הקב"ה פר געסן דרום זאגט דר פסוק ותאמר ציון עזבני יי׳ ויי׳ שכחני זאגט די שכינה התשכח אשה עולה פר געסט דען איין אשה אין איר קינד אונ די ישראל זיינן דאך גוועזן מיינע קינדר אזו וויא דער פסוק זאגט בנים אתם ליי׳ אלהיכם וועט פאר געסט זיין זרע מרחם בן בטנה וועל איך דען מיין זרע אמת פר געסן אזו וויא דר פסוק זאגט ואנכי נטעתיך שורק כלה זרע אמת · גם אלה תשכחנה האטשע איר וועט פאר געסן דעם אלה דאס איז אלה תולדות השמים והארץ אבל ואנכי לא אשכחך וועל איך דיך פארט ניט פר געסן פון דאנען לערנן מיר אפ אז הקב"ה פר געסט ניט אין די ישראל ער האט נאך מער גזאגט התשכח אשה עולה הקב"ה זאגט אז די ישראל זיינן בגריפין אין זיין נאמן אונ אזו וויא ער פר געסט ניט אין זיין נאמן אזו אויך פר געסט ער ניט אין די ישראל אונ ער זאגט דרויף אגרויסין סוד אזו ווערט רבי חייא דר ציטערט אונ זאגט וודאי איז אזו · געבענטשט איז הקב"ה וואש איך האב דיך בגעגינט אונ נ[illegible]ים די זאך ווער עס האט דאש גזאגט זאגט רבי יצחק איך בין גגאנגן אין דר מערה וואס רבי אלעזר האט דארט גרוט אונ ער האט עס מיר גיזאגט האט רבי חייא אויף אים גילייענט אז יבקע כשחר אורך וארוכתך מהרה תצמח :

ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה זעה איך
טוא געבן פאר אייך איין ברכה אונ איין
קללה · שלמה המלך האט גיזאגט וויא זייער
שלעכט איז ווען דער מענטש איז איין עצל
דען ער קומט דורך דעם צו פיל שאדין דען
דר וואש איז איין עצל אין זיין הויז ווען איין
באלקין ברעכט זיך איין אונ ער פאר ריכט
אים ניט באלד אזו ווערט דאש הויז איינציג
ווייש איין פאלין · אונ ווען ער איז איין עצל
אין זיין גוף דאש ער גרייט זיך ניט אן קיין
שפייז אין דר צייט ווען עס איז וואלוויל אזו
מוז ער דר נאך טאפיל צאלין אונ צו צייטין
קען ער שוין נאר ניט גיפינן אונ מוז שטארבן
פאר הונגער · אונ ווען ער איז איין עצל אין
זיין נשמה אונ טוט קיין מצות ניט אזו קומט
ער אין גיהנם · אונ די נשמה איז גיגליכן צו
איין פעלד צו צייטין גיפינט מען איין פעלד
וואש איז גרינג צו אקערין אונ עש וואקסט
באלד דרויף אונ צו צייטן טרעפט איין פעלד
וואס איז שווער צו אקערן אונ עס וואקסט ניט
באלד דרויף אונ פון דעסט ווענן אקערט מען
עס וויא ווייט מען קאן כדי מען זאל דרויף
תבואה מאכין וואקסין אזו איז אויך בייא
מענטשן עס גיפינט זיך אמייל מענטשן דאש
זייער נשמה גילוסט צוא פיל וואול טאג אונ
נעמט ניט קיין שטראף אונ וויל קיין תורה ניט
לערנען אבר פון דעסט וועגן ווען דר מענטש
ווערט זיך ניימן אונ ווערט זיך גיוואנן צו לערנן
תורה ווערט ער קענן אונ ווערט פרום זיין אבר
דר וואס גוואונט זיך ניט אין תורה אונ אין
מצות קען ער שוין אויף יענר וועלט ניט טאן
קיין תורה אונ מצות אונ דר מענטש האט
ביי זיך אין דר האנט צו זיין גוט אדר בייז דרום
זאגט די פרשה ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה
וקללה זעה איך גיב פאר דיר דעם גוטן וועג
אונ דעם בייזן וועג דו קענסט גיין אין וואס
פאר איין וועג דו ווילסט אבר איך זאג דיר
דו זאלסט גיין אין גוטן וועג אזו וויא אין פסוק
שטייט ובחרת בחיים דוא זאלסט גיין אין גוטין
וועג אזו ווערסטו דורך דעם אויש דר ווילין
דאש לעבין דען ווען נאט וואלט גיגעבן דאש
דר מענטש מוז פרום זיין וואלט דר מענטש
קיין שכר דר פר ניט גיהאט ווייל ער איז גינייט
צוא זיין פרום אונ אויך ווען ער זאל מוזין
שלעכט זיין וואלט ער קיין עבירה ניט גיהאט
ווייל ער איז גינייט דר צו דרום האט גאט אפ
גיגעבין דעם מענטשין אין די הענט צו זיין
גוט אדר בייז אונ אז ער איז מיט זיין גוטין
ווילין פרום האט ער שכר אדר ווען ער טוט
מיט זיין ווילין עבירות שטראפט אים גאט ·
כי אם אל המקום אשר יבחר יי אלהיכם גאט זאגט איר
טארט קיין קרבן ניט ברייננגען נאר אין דעם
ארט וואש גאט ווערט אויש דר ווילין אונ פון
דריי זאכין וועגין האט גאט ניט גיזאגט באלד
אז דאש ארט ווערט זיין דר הר המוריה אין
ירושלים דען ווען די עובדי כוכבים וואלטין
וויסין דאש ארט וואלטין זיי זיך מיט אנגדר
גישלאגין פאר דעם ארט ווייל עס איז הייליג
אונ וואלטין זיך גיטייט · דאש אנדרע איז די
עובדי כוכבים וואלטן דעם ארט וויסטגימאכט
ווען זיי וואלטן גיוואוסט דש די ישראל ווערן
דארטן מקריב זיין קרבנות · דאש דריטע איז
ווען די ישראל וואלטן גוואוסט דש ארט וואלטן
זיי זיך גיקריגט מיט אנאנדר איטליכר וואלט
גיוואלט דאש הייליגע ארט האבן אזו וויא זיי
האבן זיך גקריגט ביי קרח פר דר כהונה דרום
האבן אפילו די ישראל ניט גוואוסט וואו דאש
ארט ווערט זיין צו מקריב זיין קרבנות · כי ירחיב
יי אלהיך את גבולך רבי אבוהו זאגט עש שטייט
גישריבן זייא גיווארינט דו זאלסט ניט פאר
לאזין דעם לוי צו געבן אים עסין אונ וואש ער
דארף אזו ווערט דיר גאט דר ברייטערין דיין
גבול אונ ווערט דיך רייך מאכן דאש זאגט דר
פסוק מתן אדם ירחיב לו די גאב פון איין מענטשן
מאכט דאש גאט דר ברייטערט אים זיין גבול
עס איז גיוועזן איין מעשה דאש רבי אליעזר
אונ רבי יהושע אונ רבי עקיבא זיינן גיקומען
צו איין מענטשין וואש ער איז זייער פרום

טען אונ איז ארום גיווארין אונ אז ער האט גיזעהען די רבנים קומען אין זיין הויז אונ ער האט זיי ניט מיט עפעש צו מכבד זיין איז ער זייער טרויעריג גיווארין האט אים זיין ווייב גיפרעגט וואש ביסטו אזו טרויעריג זאגט ער וויא זאל איך ניט טרויעריג זיין דש איך האב ניט מיט עפעש די רבנים מכבד צו זיין זאגט דאש ווייב צו אים עס איז אונז נאך איבער גיבליבן איין פעלד פאר קויף איין האלב פעלד אונ זיי מכבד די רבנים האט ער פאר קויפט איין האלב פעלד אונ האט די רבנים גיגעבן עסין אונ טרינקן אז זיי האבן אפ גיגעסן האבן זיי אים גבענטשט גאט זאל דיר אפ געבן כפל כפלים אונ די רבנים זיינן אהיים גיגאנגן אונ דר מענטש איז גיגאנגן אקערן אין דעם האלבן פעלד · האט זיך די ערד געעפינט אונטר זיינע אקסן אונ איין אקס איז אין דר גרוב מיט איין פוס אריין גיפאלן אונ האט זיך צו בראכן די פוס האט ער גוואלט דעם אקס ארויס ציהען אזו האט אים גאט גיוויזן איין אוצר פון גאלד אונ זילבר אין דר לאך · האט ער דאש גאלד אונ זילבר ארויש גינומן אונ איז זייער רייך גיווארן אונ די רבנים זיינן ווידר אמאל גיקומן צו אים האבן זייא אים גפרעגט וויא גייט עס דיר האט ער גזאגט אייער ברכה איז מקוים גיווארן אין מיר · אונ די רבנים האבן אים כבוד אפ גיגעבן · דער בחיי שרייבט עס איז איין משל איין מענטש זאגט צו זיין חבר לייא מיר איין גילדן ענטפערט דער חבר איך קען דיך ניט זאגט דר מענטש פרוב מיך איין מאל אזו גיט ער אים איין גילדן אונ אז ער בצאלט אים באלד זאגט דר חבר נעם דיר וויא פיל דו ווילסט צוואנציג אדר דרייסיג גילדן אזו אויך פרובט גאט דעם מענטשן אונ מאכט אים רייך האלט ער ווארט אונ בצאלט באלד דאש ער גיט דעם ארום מאן עסין אונ טרינקן פון דעם וואש גאט האט אים גיגעבן אזו גיט אים גאט כפל כפלים דען גאט זאגט איך גיב דרום דעם מענטשן געלט כדי ער זאל געבן דעם ארומאן דען דר עושר איז גלייך וויא איין גבאי צדקה דאש ער זאל ארום טיילן צו עניים וואש גאט האט אים גיגעבן אונ זאל זיך טראכטן דאש געלט איז גאט דר האר דריבר אונ האט דאש צו לייטן אויף איין ראנע גיגעבן אונ דרום זאל ער זיך ניט באריםן מיט זיין עשירות אזו וויא אין פסוק שטייט אל יתהלל עשיר בעשרו איין עושר זאל זיך ניט בארימן מיט זיין עשירות · כי ירחיב די תורה לערינט אונז דאש איין מענטש זאל ניט גילושטן קיין פלייש צו עסין נאר ווען עס גייט אים וואול אונ ער איז רייך · רבי אלעזר בן עזריה זאגט ווען איין מענטש האט איין גילדן זאל ער עסין ירקות · האט ער הונדרט גילדן מעג ער עסין אלע טאג פלייש אבר לכבוד שבת זאל ער עסין פלייש האטשע ער פאר מאגט ניט רב זאגט איין מענטש זאל גווארינט זיין ניט צו עסין פלייש זאגט רבי יוחנן אונזר דור איז שלאף דרום ווען איינער האט נאר איין גילדן זאל ער פאר אים פלייש קויפן צו עסין · אונ רב נחמן זאגט אונזר דור איז נאך שלאפר דרום זאל דר מענטש לייען געלט אונ זאל עסין פלייש כדי ער זאל שטארק זיין אין גאטש דינסט רק חזק לבלתי אכול את הדם דו זאלסט דיך שטארקן ניט צו עסן קיין בלוט · למען ייטב לך ולבניך אחריך כדי גאט זאל דיר גוטש טאן אונ צו דיינע קינדר נאך דיר · דיא חכמים לערנן פון דאנן אפ ווען גאט האט אזו איין שכר צו גזאגט ווען מען ווערט קיין בלוט ניט עסין וואש דר מענטש גלוסט דר צו ניט ווייל עס איז מיאוס מכל שכן ווען איין מענטש היט זיך אפ פון זנות אדער פון גזילה וואש דער מענטש גלוסט דר צו ווערט אים גאט בוודאי געבן איין גוטין שכר · ופן תדרוש לאלהיהם לאמר איכה יעבדו הגוים האלה דיא תורה לערינט אונז דאש די ישראל זאלן ניט זאגן מיר וועלן גאט דינען מיט דעם וואש די אומות דינען זייער עבודת כוכבים דאש טאר מען ניט דען דיא ערשטע אומות האבן גינומן צו דר עבודת

כוכבים

כוכבים אלץ וואש גאט האט פיינט · אזו וויא אין פסוק שטייט כי החליק אליו בעיניו למצוא עונו לשנוא די רשעים טוען אלץ וואש גאט האט פיינט אונ ווילן אלץ גאט דר צארענן · דאש זאגט דר פסוק די אומות קענן ניט ערגער טאן אנטקעגין גאט וויא זיי נעמען זייערע קינדר אונ פאר ברענן זיי צו דר עבודת כוכבים אונ וויא קען מען מער דר צארענן גאט וויא צו פאר ברענען איין מענטשן · עס שטייט אין תהלים אחרית רשעים נכרתה דר סוף פון די רשעים איז דש זיי ווערן פר שניטן · אונ עס שטייט דר בי ותשועת צדיקים מה׳ אונ די הילף פון צדיקים איז פון גאט דרום זאל דר מענטש גידיינקן די טובות וואש גאט האט אים גיטאן · אונ זאל טראכטן תשובה טאן אונ זאל פרום זיין · כי יקום בקרבך נביא אז עש ווערט צווישן דיר אויף שטיין איין נביא · אונ ווערט זאגן ער איז איין נביא אונ האט מיט גאט גרעט אונ ווערט דיר ווייזן איין צייכן אויף דעם הימל אדר אויף דר ערד · אונ ווערט דיך אפ ריידן פון גאטש דינסט צו דינען איין מזל אדר איין אנדרע עבודת כוכבים זאלסטו אים ניט פאלגין חאטשע ער האט דיר גרויסע וואונדר גיוויזן דען ער האט דאש גטאן מיט כישוף · אבר ווער עש איז לאנג אן גינומן פאר איין נביא אמת אונ זאגט לפי שעה דאש גאט וויל האבן מען זאל עובר זיין אויף איין מצוה מעג מען אים פאלגין · אונ איך האב קיין מורא ניט טאמער איז ער היינט שלעכט גיווארין · דען מיר שטעלין איטליכן מענטשן אויף זיין חזקה אזו וויא ער איז פריער גיווען איין נביא אמת אזו איז ער איצונד אויך · אזו וויא מיר גיפינען ביא אליהו דאש ער האט מקריב גוועזן איין קרבן חוץ לירושלים חאטשע גאט האט פאר באטן צו ברייגען קרבנות נאר אין ירושלים · אונ דיא ישראל האבין אליהו גיפאלגט וויל זיין כוונה איז גוועזן צו ווייזן דאש גאט איז איין גאט · אונ די עבודת כוכבים איז נישט · אונ איך גיפינן מיר דאש יהושע האט איין גנומן

דיא שטאט יריחו אום שבת אונ כל ישראל האבן מחלל שבת גיווען אונ האבין גיפאלגט יהושע וויל ער האט דאש גיטאן לפי שעה אונ זיין כוונה איז ניט גווען חס ושלום מחלל שבת צו זיין אונ דרום האבן די ישראל הקדש גמאכט וואש זיי האבן גיפונן אין יריחו · אונ האבין קיין הנאה ניט גיוואלט האבן פון דר שטאט וויל זיא איז אום שבת איין גינומען גיווארן · אונ דש איז אלין אז דר נביא זאגט גאט האט אזו גהייסן טאן נאר דאס מאל אונ ווייטר זאלט איר גיהיט זיין ניט צו טאן אזו מעג מען אים גלויבן · אונ ווען איין בת קול קומט פון דעם הימיל אונ זאגט מען זאל די מצוה ניט טאן זאל מען דאש גישרייא ניט פאלגן אזו וויא מיר גיפינן אין דר גמרא איין קול איז גקומן פון דעם הימל אונ האט גזאגט די הלכה איז אזו וויא רבי אליעזר האט רבי יהושע גזאגט מען הערט ניט קיין בת קול דען גאט האט אונז די תורה גיגעבין אונ דא איין מאל גיזאגט מען זאל נאך גיין נאך דעם רוב אזו וויא מעהר חכמים זאגן אזו זאל די הלכה בלייבן · אונ ווען איין נביא זאגט עס ווערט קומן פיל ביז אויף דער וועלט אונ עש ווערט ניט זיין אזו וויא ער זאגט זאלט איר אים ניט האלטן פאר קיין פאלשן נביא דען ער האט גהערט פון גאט דאש עס ווערט ביז קומן נאר גאט איז איין דר בארעמיגר אונ דר בארימט זיך ווען די מענטשן טוען תשובה אונ ברייגנט דאש ביז ניט אזו וויא מיר גיפינן ביא יונה הנביא דאש ער האט גיזאגט די שטאט נינוה ווערט איבר גקערט ווערן נאך פערציג טעג אבר וויל זיי האבין תשובה גיטאן איז די שטאט ניט איבר גיקערט גיווארן כי יסיתך אחיך בן אמך ווען עס ווערט דיך אן ריידן דיין ברודער פון מוטער האלב דאש דו זאלסט דינען עבודת כוכבים זאלסטו אים ניט פאלגין דער פסוק ווייזט דאש אפילו דיין ברודר פון מוטר האלב וואש ער ווערט מיט דיר ניט ירשנען זאלסטו אים דאך ניט פאלגן מכל שכן דיין ברודר פון

פאטר האלב וואש ער הט דיך פיינט פון וועגן
דר ירושה זאלסטו אים בוודאי ניט פאלגין ·
אשר לא ידעת אתה ואבותיך דר רשע רעט אן זיין
חבר צו דינן די עבודת כוכבים וואש ער מיט
זיין פאטר האבן זיי ניט גיקענט אונ עס איז
גיוואוסט דאש די וואש גלויבן אין גאט זיינן
גטיילט אויף צוויי חלקים · איין חלק איז דש
דר מענטש גלויבט אין גאט וויא זיין פאטער
האט אים פיר גזאגט דאש גאט איז איין גאט
דאש גלויבין איז גוט נאר עש איז ניט קיין
גאנץ רעכט גלויבין עש איז איין משל פיל
בלינדע גייען מיט אנאנדר אונ איינר האלט
זיך אן אין דעם אנדרין אונ איין זעהעדיגער
פירט זיי אזו גייען זיי גיוויש אין דעם רעכטן
וועג ווייל דר זעהעדיגער פירט זיי אבר ווען
זיי גייען אליין אזו פאלן זיי אויף שטיינר אונ
גריבער אזו אויך דר וואש גלויבט וואש ער
האט גיהערט פון זיינע עלטערן וואש זיי האבן
מקבל גיוועזן ביז משה רבינו אונ גלויבט אן
חכמה אזו וועלן די רשעים אים באלד קענען
אפ ריידן אזו וויא די בלינדע וואש גייען אליין
אזו ווערין זיי באלד גישטרויכילט אונ פאלין
אבר ווער עש גלויבט מיט שכל דעם קען מען
ניט באלד אפ ריידן דען ער קאן איטליכן רשע
אפ ענטפערן דרום זאל איטליכר מענטש זיך
ניט פר לאזן דרויף וואש זיינע עלטערן האבן
אים גזאגט דאש גאט איז איין גאט · נאר ער
זאל אויך מיט שכל לערנן צו וויסן מיט שכל
דאש גאט איז איין גאט · די חכמים זאגן דו
זאלשט לערנן תורה כדי דו זאלסט וויסן וואש
צו ענטפערן צו איין אפיקורס דאש זאגט דר
פסוק אשר לא ידעת אתה ואבותיך דער רשע וועט
דיך אן ריידן צו דינן אזו איין עבודת כוכבים
וואש דו קענסט זיא ניט מיט דיין שכל אונ
האסט זיא ניט גיהערט פון דיינע עלטערין
דרום זאלסטו אים ניט פאלגין · ודרשת וחקרת
דר פסוק לערינט אונז מען זאל די עדים רעכט
איבר פרעגין מען זאל ניט באלד הרגנן איין
מענטשין דורך עדים ביז מען פרעגט פריער

נוט אויש די עדים אין וואש פר איין שמיטה
אונ יובל האט ער אים גיהרגת אין וואשער
יאר אין שמיטה אונ אין וואשער איין חודש
אין יאר אונ וויא פיל טעג אין חודש אונ וויא
פיל שעות אויף דעם טאג אונ אין וואשר איין
ארט אונ אין וואשערע קליידר איז ער גיגאנגן
אין ווייסע אדר אין שווארצע · בנים אתם לה'
אלהיכם איר זייט קינדר צו גאט אייער גאט ·
לא תתגודדו איר זאלט אייך ניט קראצין איבר
איין מת דען די אומות פלעגן פאר צייטן זיך
קראצין אונ זאויש רייסין די האר איבר איין
מת · דען זיי מיינן דאש די וועלט איז דער
עיקר אונ ווען איין מענטש שטארבט זאגין
זיי ער איז פאר פאלן · דרום קלאגן זיי זייער
איבר איין מת · דרום זאגט די תורה איר זייט
קינדער צו גאט איר זאלט אייך ניט קראצין
איבר איין מת דען נאר דר עולם הבא איז אן
גיברייט צו אייך · דרום איז דעם מענטשין
בעסר ווען ער שטארבט אזו קומט ער צום
אייביגן לעבן · לא תבשל גדי בחלב אמו דו זאלשט
ניט קאכין קיין פלייש מיט מילך · דריי מאל
שטייט אין דר תורה מען זאל ניט קאכן קיין
פלייש מיט מילך · איינס ווייזט דש מען טאר
ניט קאכן קיין פלייש מיט מילך האטשע מען
וויל עש ניט עסין נאר מען קאכט עש פון
איין נכרי וועגן · אונ דרינן איז די וועלט ניט
נזהר זיי קאכין פלייש מיט מילך פאר נכרים
אין זייערע הייזר · דש אנדרע איז מען טאר
ניט עסין קיין פלייש מיט מילך · דש דריטע
איז מען טאר קיין הנאה ניט האבן פון פלייש
מיט מילך ווען עס איז אין איינם ווארן גקאכט
דאש אפילו פאר זיין הונט טאר ער דש ניט
געבן · עשר תעשר דו זאלסט איין מאל אפ שיידן
מעשר צום לוי אונ זאלסט נאך איין מאל אפ
שיידן מעשר צו פירין אים קיין ירושלים אונ
צו עסין אים דארטן · רבי יוחנן זאגט גיב
מעשר כדי דו זאלסט רייך ווערן · אונ האטשע
מען טאר גאט ניט פרובין אבר מיט מעשר
אונ צדקה מעג מען גאט פרובין · אזו וויא

אין פסוק שטייט ובחנוני נא בזאת גאט זאגט פרובט מיך מיט צדקה אונ מעשר געבן אויב איך ועל אייך ניט געבן צעהן מאל אזו פיל · עש איז דר סדר ווען איינער ניט דעם אנדרן איין פעלד צו אקערין אונ זייען אונ שניידן אזו גיט ער אים דר פר איין דריט חלק אדר איין פערט חלק · אבר גאט גיט דעם רעגן אונ גוטע טויא אונ נעמט ניט מער נאר מעשר דאש איז איין צעהנט חלק · עש איז גיוועזן איין מעשה בייא איינעם דאש ער האט אלע יאר פון זיין פעלד הונדרט מאס מעשר גיגעבן דען עש איז אלע יאר טויזינט מאס קארין גיוואקסין האט ער דעם זון צוואה גילאזין דאש ער זאל רעכט מעשר געבין · דאש ערשטע יאר האט דער זון הונדערט מאס מעשר גיגעבין · דער נאך האט ער גיזאגט וויא זאל איך אזוא איין סך מעשר געבין · האט ער דאש אנדרע יאר גאר ניינציג מאס גיגעבין · אזו האט דר נאך גאר ניין הונדרט מאס גיוואקסין · דאש דריטע יאר האט ער גאר אכציג מאס גיגעבין האט דר נאך גאר אכט הונדערט מאס גיוואקסין · אלין וואש ער האט מיט צעהען מאס ווייניגער גיגעבין איז אין פעלד מיט הונדערט מאס ווייניגער גיוואקסין · ביז אין פעלד איז מער ניט גיוואקסין גאר הונדרט מאס וויא פיל מען פלעגט דר פון מעשר געבין · זיינען גיקומען זיינע קרובים אן גיטאן אין שיינע קליידער · האט ער צו זיי גיזאגט איר זייט אייך משמח אויף מיין צרה · האבין זיי גיזאגט חס ושלום מיר זיינען גיקומען צו פרייען זיך מיט דיר דאס דו ביסט איין כהן גיווארין · דען פריער ביסטו גיוועזן איין בעל הבית אין פעלד אונ האשט צו גאט מעשר גיגעבין · אונ איצונד ביסטו גיווארין איין כהן אונ נעמשט מעשר אין דעם פעלד · אונ גאט איז דר בעל הבית ער האט צו גינומען ניין הונדערט מאס אונ האט דיר גיגעבין הונדרט מאס · דרום זאגט די תורה גיב מעשר כדי דו זאלשט קענגן



ווייטער מעשר נעבין אונ זאלשט רייך בלייבין · את כל תבואת זרעך היוצא השדה דיא חכמים זאגין ווען איר רעכט מעשר געבין ווערט איר זייען אונ דאש וואש עס ווערט וואקסין וועט זיין צו אייך · מעשר דגנך תירושך גאט זאגט צו ישראל ווערט איר רעכט מעשר געבין וועט עס ווערין גירופין דיין קארין אונ דיין וויין · ווערט איר אבער קיין מעשר ניט געבין אזו וועט עס ווערין גירופין מיין קארין אונ מיין וויין אזוא וויא אין פסוק שטייט ולקחתי דגני בעתו ותירושי במועדו איך וועל אפ נעמען מיין קארין אונ מיין וויין אין זיין צייט · לא תאמץ את לבבך ווען דו גיבשט עפעס דעם עני זאלסטו מיט אים ריידין גוטע רייד אונ זאלשט ניט אן שרייען אן אים · אונ דאש האט שלמה המלך גיזאגט כופר נפש איש עשרו ורש לא שמע גערה דאש עשירות איז איין אויש לייזונג אויף דעם מענטשין · גאר ווען אז דר עני הערט פון אים ניט קיין גישרייא ניי ערט ער ניט אים מיט גוטע רייד · רבי ינאי האט גיזעהען וויא איין עושר האט צו איין עני געלט גיגעבין אויף דער גאס פאר אלע לייט · האט רבי ינאי צו אים גיזאגט עס וואלט בעסער גיוועזן דוא וואלסט אים ניט גיגעבין איידער דוא זאלשט אים געבין אונ דוא זאלשט אים דער מיט זיין פנים מבייש זיין · די חכמים זאגין ווער עס גיט קיין צדקה ניט איז גלייך וויא ער דינט עבודת כוכבים · שרייבט דער צרור המור דרום איז ער גלייך וויא ער דינט עבודת כוכבים דען דר וואש גיט קיין צדקה ניט איז ווייל ער זאגט איך האב מיך גימיט מיט מיין חכמה טאג אונ נאכט אונ האב מיר איין גיזאמילט עשירות אונ וויא זאל איך דער פון אוועק געבין אונ ער גלויבט ניט דאש גאט האט אים דאש עשירות גיגעבן · דרום איז ער גלייך וויא ער דינט עבודת כוכבים אונ לייקינט אין גאט · אויך מיינט דר פסוק דו זאלשט ניט שטארקן דיין הארץ

גייערט

גייערט דו זָאלְשְׁט דֶעם עָנִי גָעבִּין נוּטֶע רייד
וָוען דו הָאשְׁט קֵיין גֶעלְט נִיט צוּא גָעבִּין ׃
אָבֶּר וָוען דו הָאשְׁט גֶעלְט לֹא תְקַפֵּץ אֶת יָדְךָ
זָאלְשְׁטוּ נִיט צוּ שְׁלִיסִין דַיין הַאנְט פוּן צוּ
גֶעבִּין אִים גֶעלְט ׃ אוּנ עֶס אִיז דָא אַטֵייל
עֲנִיִים וָואשׁ זֵיי וֶוילִין בֶּעסֶער פַאר הוּנְגֶער
שְׁטַארְבִּין אוּנ ווילִין קֵיין צְדָקָה נִיט נֶעמֶן ׃
דְרוּם שְׁטֵייט וַוייטֶר וְהַעֲבֵט תַּעֲבִיטֶנּוּ דוּ זָאלְשְׁט
אִים לַייעֶן גֶעלְט אוּנ דֶר נָאךְ זָאלְשְׁטוּ אִים
נִיט מַאנֶן ׃ אוּנ אוֹיבּ דוּא וֶועשְׁט וֶועלִין
זָאגִן קָרְבָה שְׁנַת הַשֶּׁבַע שְׁנַת הַשְּׁמִטָּה עֶשׁ גֶינָעהֶענְט
בַּאלְד דָאשׁ זִיבֶּעטֶע יָאר פוּן שְׁמִיטָה וָואס
מֶען טָאר נִיט אַקֶערִין אוּנ זַייעֶן אוּנ אִיךְ
וֶועל אַלֵיין נֵיינִיג הָאבִּין צוּ עֶסִין אוּנ וִויא
אַזוּ זָאל אִיךְ נָאךְ דֶעם עָנִי גֶעבִּין ׃ דָאשׁ
זָאלְשְׁטוּ נִיט זָאגִין דֶען גָאט קֶען דִיר מְמַלֵּא
זַיין צְעהֶען מָאל אַזוּ פִיל ׃ וְהָיָה בְךָ חֵטְא וֶוען
דוּ וֶועסְט דֶעם עָנִי נִיט גֶעבִּין וֶועשְׁטוּ נָאךְ
זִינְדִיגִין מִיט דֶעם וָואשׁ דוּ הַאלְשְׁט שְׁמִטָּה
דֶען דוּרךְ דֶעם ווילְשְׁטוּ קֵיין צְדָקָה נִיט
גֶעבִּין ׃ נָתוֹן תִּתֵּן לוֹ גָעבִּין זָאלְשְׁטוּ אִים גֶעבִּן ׃
אוּנ דְרוּם הָאט דִי תוֹרָה גֶישְׁטֶעלְט נָתוֹן תִּתֵּן
צְווייא מָאל צוּ ווייזִין דוּא זָאלְשְׁט פִיל מָאל
צְדָקָה גֶעבִּין ׃ דֶען עֶשׁ אִיז בֶּעסֶער צוּ גֶעבִּין
הוּנְדֶערְט מָאל צוּ גְרָאשִׁין אֵיי מֶען זָאל גֶעבִּין
הוּנְדֶערְט גְרָאשִׁין מִיט אֵיין מָאל ׃ דֶען וֶוען
עֶר וֶועט פִיל מָאל גֶעבִּן אַזוּ וֶועט עֶר גִיווֹאוּנְט
זַיין צוּ גֶעבִּין צְדָקָה כִּי בִּגְלַל הַדָּבָר הַזֶּה דָאשׁ אִיז
טַייטְשׁ אֵיין גַלְגַל גֵייט אַרוּם אוֹיף דֶר וֶועלְט
הַיינְט אִיז דֶר רַייךְ ׃ מָארְגִין אִיז דֶר רַייךְ ׃
דְרוּם זָאל דֶר עוֹשֶׁר גִיוָוארִינְט זַיין צוּ גֶעבִּין
דֶעם עָנִי כְּדֵי גָאט זָאל נִיט אִיבֶּר קֶערִין דֶעם
גַלְגַל אַזוּ וֶועט עֶר וֶוערִין אֵיין עָנִי אוּנ דֶער
עָנִי וֶועט וֶוערִין אֵיין עוֹשֶׁר ׃ אוּנ מֶען זָאל
דֶעם עָנִי הֶעלְפִין אֵיי עֶר פַאלְט נָאךְ אַרָאפּ ׃
אַזוּ גֵייא אִין פָּסוּק שְׁטֵייט כִּי יָמוּךְ אָחִיךָ וּמָטָה
יָדוֹ עִמָּךְ וְהֶחֱזַקְתָּ בּוֹ דָאשׁ אִיז טַייטְשׁ וֶוען דַיין
בְּרוּדֶר וֶועט אָרוּם וֶוערִין זָאלְשְׁטוּ אִים בַּאלְד
הֶעלְפִין אֵיי עֶר פַאלְט גָאר אַרָאפּ דֶען דֶער

נָאךְ אִיז שְׁוִין שְׁוֶוער אִים אוֹישׁ צוּ הֶעלְפִין
אוּנ דָאשׁ זָאגְט דֶר פָּסוּק אֶפֶס כִּי לֹא יִהְיֶה בְךָ אֶבְיוֹן
דָאשׁ אִיז גִימֵיינְט אֵיי עֶר אִיז נָאךְ אֵיין
אֶבְיוֹן ׃ דֶען דָאשׁ וָוארְט אֶפֶס אִיז טַייטְשׁ
נִיט כְּלוֹמַר אַז עֶר אִיז נָאךְ נִיט קֵיין אֶבְיוֹן
זָאלְשְׁטוּ אִים הֶעלְפִין עֶשׁ זָאל בַּיי דִיר נִיט
זַיין קֵיין אֶבְיוֹן דָאשׁ דוּ זָאלְשְׁט אִים לָאזִין
גָאר פַאלִין ׃ אַזוּ שְׁרַייבְּט דֶר תוֹלְדוֹת יִצְחָק ׃
דֵי מַחְסוֹרוֹ דוּא זָאלְשְׁט אִים גִינוּג גֶעבִּין וָואשׁ
אִים גֵייט אָפּ אָבֶּר דוּ בִּישְׁט אִים נִיט מְחוּיָּב
רַייךְ צוּ מַאכִין ׃ אֲשֶׁר יֶחְסַר לוֹ וָואשׁ אִים פֶעלְט
דָאשׁ מֵיינְט מֶען דוּ בִּישְׁט אִים מְחוּיָּב אֵיין
פוּר צוּ דִינְגֶען אוֹיבּ עֶר דַארְף אוּנ זָאלְשְׁט
אִים אֵיין וַוייבּ גֶעבִּין אוֹיבּ עֶר הָאט קֵיין וַוייבּ
נִיט ׃ פָּתוֹחַ תִּפְתַּח דוּ בִּישְׁט מְחוּיָּב צוּ בְּרֵיינְגֶען
דֶעם עָנִי דִי צְדָקָה פַאר דֶר טִיר פוּן זַיין הוֹיז
וֶוען דֶער עָנִי וִויל צוּ דִיר נִיט קוּמֶען ׃ אוּנ
מֶען זָאל זֶעהֶען דֶר עָנִי זָאל נִיט פַאר שֶׁעמְט
וֶוערִין ׃ אַזוּ וִויא דִי גְמָרָא זָאגְט אִין כְּתוּבּוֹת
רַבִּי אַבָּא פְלֶעגְט אֵיין בִּינְדִין גֶעלְט אִין אֵיין
טִיכִיל אוּנ הָאט דָאשׁ הִינְטֶער זִיךְ גִיוָוארְפִין
כְּדֵי עֶר זָאל נִיט זֶעהֶען וִויא דֶר עָנִי נֶעמְט ׃
דָאשׁ דֶער עָנִי זָאל נִיט פַאר שֶׁעמְט וֶוערִין ׃
מַר עוּקְבָא הָאט גִיהַאט אֵיין עָנִי אִין זַיין
גַאס דָאשׁ עֶר פְלֶעגְט אִים אַלֶע פְרַייטָאג
שִׁיקִין פִיר גִילְדִין ׃ אֵיין מָאל הָאט עֶר אִים
גִישִׁיקְט דוּרךְ זַיין וַוייבּ אִיז זִיא גִיקוּמֶן צוּא
רִיק צוּ מַר עוּקְבָא [illegible] זָאגְט דֶר עָנִי אִיז
אֵיין רַמַאי ׃ דֶען עֶר אִיז אֵיין עוֹשֶׁר אוּנ עֶר
מַאכְט זִיךְ פַאר אֵיין עָנִי צוּ נֶעמֶען צְדָקָה ׃
דֶען אִיךְ הָאבּ גִיהֶערְט דָאשׁ מֶען הָאט אִים
גִפְרֶעגְט אִין וָואשׁ ווילְשְׁטוּ עֶסִין אִין זִילְבֶּרְנֶע
כֵּלִים אָדֶר אִין גִילְדֶערְנֶע כֵּלִים ׃ רַבִּי אֶלְעָזָר
זָאגְט מִיר דַארְפִין דַאנְקֶען דִי רַמָאִים וָואשׁ
מַאכִין זִיךְ אָרוּם ׃ דֶען וַוייל מִיר וַוייסִין דָאשׁ
עֶשׁ אִיז דָא רַמָאִים אַזוּא הָאבִּין מִיר קֵיין
עֲבֵירָה נִיט וָואשׁ צוּ צֵייטִין קוּמְט אֵיין עָנִי
אוּנ מִיר גִיבִּין אִים נִיט ׃ וַוייל מִיר קֶאנֶען
זָאגִין טָאמֶער אִיז עֶר אֵיין רַמַאי ׃ אָבֶּר דָאךְ
זאל

זאל איין מענטש זעהען וואש ער טוט אונ זאל טראכטין דעם רעכטין עני צוא געבין צדקה · רבי חייא האט גיזאגט צו זיין ווייב ווען איין עני קומט אויף דער מיר זאלשטו אים באלד ברויט געבין · כדי אויב דיינע קינדר ועלין חס ושלום עניים זיין אונ וועלן קומען אויף דיא טירין וועט מען זיא אויך באלד געבין · האט זיין ווייב גיזאגט ווארום שילשטו דיינע קינדער · האט רבי חייא גיזאגט עס איז איין גלגל אויף דער וועלט היינט איז דר ארום מארגין איז דר ארום · די חכמים זאגין וויא גרויש עש איז די מצות פון צדקה דאש דורך איין פרוטה וואש ער גיט צוא איין עני איז ער זוכה צוא זעהען דיא שכינה · אזו וויא אין פסוק שטייט אני בצדק אחזה פניך דורך צדקה טוא איך זעהען דיין שכינה · דרום זאל מען צדקה געבין איי מען שטעלט זיך דאוונען כדי דורך דר צדקה וועט זיין תפלה ווערין גיזעהן פאר גאט אונ גאט וועט זיין תפלה אן נעמען · שמור את חודש האביב זייא גיווארינט צו האלטין דעם חודש ניסן צוא ברייניגען אין אים דעם עומר וויל גאט האט דיר גילאזט וואקסין דיין קארין אונ ווייץ · אונ גאט האט דיך אין דעם חודש אויס גיצויגין פון מצרים · ועשית חג שבועות ליי אלהיך מסת נדבת ידך דו זאלשט מאכין שבועות אונ זאלשט פריילך זיין אונ זאלשט דעם עני אויך פריילעך מאכין אזו וויא דיין פאר מעגין איז · דרום האט די תורה ביא שבועות מער אן גישריבין מען זאל פריליך זיין וויא ביא אלע ימים טובים · כדי דער מענטש זאל ניט זאגין פסח איז זיבין טעג אונ סוכות איז אויך זיבין טעג אבר שבועות איז נאר איין טאג דרום דארף מען ניט אום שבועות אזוא פריילעך זיין דרום זאגט דער פסוק דו זאלסט אום שבועות אויך פריילעך זיין אונ זאלסט דער פריעך די עניים · אונ גאט זאגט ווען דו וועשט דער פריען מיינע פיר עניים דאש איז דעם לוי אונ דעם גר אונ דעם יתום אונ די אלמנה · אזוא וועל איך דר פרייען דיינע פיר · דיין זון אונ דיין טאכטער אונ דיין קנעכט אונ דיין דינשט · ושמחת בחגך דוא זאלשט דיך פרייען אין דיין יום טוב · פון דאנען לערנען די חכמים אפ מען זאל קיין חתונה ניט האבין אום יום טוב מען זאל ניט פאר מישין די שמחה פון יום טוב מיט דר שמחה פון דר חתונה · אונ דיא תורה האט אן גישריבין שמחה ביא שבועות אונ ביי סוכות אונ ניט ביי פסח · ווייל אום שבועות אונ אום סוכות איז דא אין ארץ ישראל תבואה אזו-קען מען שפייזין די עניים אונ מען קען זיי פריליך מאכין · אבער אום פסח איז דיא נייע תבואה נאך ניט פארטיג אונ דיא אלטע תבואה האט מען שוין אויף גיגעסין דרום שטייט ניט ביא פסח קיין שמחה אונ קיין ברכה · דיא גמרא זאגט אין ערבי פסחים דיא מאנען זאלין זיך פרייען מיט עסין אונ טרינקען אונ ווייבער מיט שיינע קליידער · אונ דאש איז דער עיקר שמחה פון דיא ווייבער ניט צו טרינקען · אונ ביא סוכות שטייט והיית אך שמח דאש ווייזט דער מענטש זאל זיך ניט גאר פריילעך מאכין אונ זאל חס ושלום פאר געסין אין גאט · ובפרט אום סוכות וואש ער האט איין גיזאמילט זיין תבואה אונ זיין ווייך · דרום זאגט דער פסוק אך שמח אך איז טייטש מינערין כלומר דוא זאלשט מינערין דיין שמחה אום סוכות אונ זאלשט גאט לויבין · אזוא וויא אין פסוק שטייט עבדו את יי בשמחה דינט גאט מיט שמחה אונ זייט פריילעך מיט ציטערנעש:

הפטרה ראה איז עניה סוערה גיפינט מען אין דיא הפטרה פון נח:

בנים אתם לה' אלהיכם לא תתגודדו ולא תשימו קרחה וגו'

אין פרשת לך לך איז ער מאריך דאס די נשמות הצדיקים זיינען די פירות פון הקב"ה אונ דרום הייסן זיי בנים צו הקב"ה אונ די פירות בלייען אויף דר וועלט זיי זיינען דר קיום פון דר וועלט אונ פון דר תורה אונ דרום גייען אלע נאכט אויף דיא נשמות הצדיקים אונ האלבע נאכט קומט הקב"ה מיט די נשמות הצדיקים אין גן עדן אונ איז זיך משתעשע מיט זיי אונ מיט די נשמות הצדיקים וואס זיינען שוין אויף יענער וועלט אונ דער עולם העליון מוז האבין דאס התעוררות פון דעם עולם אונ אז דיא נשמות הצדיקים גייען אויף פון דעם עולם אזוי זיינען זייא זיך מתלבש אין לבושי כבוד פון פיל אורות עליונים אונ הקב"ה איז זיך משתעשע מיט זיי אונ גלוסט צו זיי ווייל זיי זיינען די פירות ומעשה ידיו אזוי ווי דר פסוק זאגט בנים אתם לה' אלהיכם · רבי אלעזר זאגט הקב"ה האט זייא גירופן ישראל אחים ורעים וואש פר איין ברכה האט ער זיי גיגעבן דאס זיי זאלן זיין אונטער זיין האנט אונ ער וועט זיין זייער שומר אונ רופט זייא מיינע גיליבטע קינדר מער פון אלע עליונים אונ זאגט בנים אתם לה' אלהיכם ווייל דר שם הקודש ווערט נשלם אין זייער חותם אות ברית אז זיי זיינען זיך מל דען אין דר צורה פון מענטשן זיינען נאר צוויי אותיות די שין מיט דר דלית אונ אז דער מענטש איז זיך מל ווערט אנטפלעקט דאש אות יוד אזוא ווערט נשלם דער שם שד"י דרום הייסן זיי בנים לה' קדושים אונ אז זיי זיינען חלילה מטמא דעם הייליגן צייכן אונ זיינען אים מכניס ברשות אחר גייט אוועק די קדושה פון דעם חותם אונ עש איז גלייך וויא ער וואלט מחריב עולם גיוועזן דען ער איז מטמא דעם הייליגן צייכן וואס דר מיט ווערט נשלם דר שם הקודש דיא נשמות הצדיקים זיינען אין איין העכערער מדריגה פון אלע חיילות ומחנות של מעלה · אויב דוא וועשט פרעגן נאך וואס קומן זייא אראפ אויף דר וועלט אונ ווערן אפ גיטאן פון זייער הויכע מדריגה עס איז אזוי איין משל צו איין מלך וואס האט זיין זון אוועק גשיקט אין איין דארף אריין מען זאל אים דארט אויף ציהען אונ זאל דארט מגודל ווערין ביז ער וועט גרויס ווערן אונ וועט שוין זיך קענן לערנן די וועגין אונ נמוסי המלכות דר נאך ווי דער מלך האט גיהערט אז דער זון איז שוין גרויס גיוואורן אונ די אהבה פון דעם מלך איז דאך זייער גרויש צוא זיין זון אזוא האט ער נאך אים גשיקט זיין מוטער די מלכה זיא זאל אים אהיים ברייגגן האט זיא אים גיבראכט אונ דר מלך האט זיך מיט אים זייער גיפרייט אזוי אויך די נשמה פון דעם צדיק זיא קומט מיחוד קוב"ה ושכינתיה שיקט ער די נשמה אין דעם דארף אריין דאס הייסט אויף דער וועלט זיא זאל דארט מגודל ווערן אונ זאלן לערנן אויף דר וועלט די נמוסים פון דעם מלך עליון מיט אלע זיינע זאכן אונ אז דר מלך דר הערט אז דאס קינד איז שוין גרויש עס איז שוין צייט ער זאל קומן פר דעם מלך עליון אין זיין היכל אריין אונ פר גרוים ליבשאפט קומט די שכינה בעצמו נאך אים זיא זאל אים אהיים נעמן אונ ער שטארבט ניט ביז ער זעהט פריער דיא שכינה אונ זיא ברייגגט אים צו דעם מלך עליון אונ זיצט שוין תמיד דארטן פון דעסט וועגין איז דער סדר פון דעם דארף אז דער בן המלך גייט ארוים פון דעם דארף שרייען זייא אונ וויינען וואש דר בן המלך שייד זיך אפ פון זיי אונ אז עש גיפינט זיך צווישן זיי איינר איין קלוגר זאגט ער צו זיי וואש וויינט איר ווייסט איר דען ניט אז דר בן המלך האט שוין מער גיט גידארפט זיין ביי אייך ער איז שוין ראוי צו זיין ביי זיין פאטר · אזוא אויך משה רבינו איז גיוועזן איין קלוגר האט ער גיזעהן אז דיא דארפש לייט האבן גיוויינט בשעת איין צדיק איז גישטארבן האט ער זיי גזאגט בנים אתם לה' אלהיכם לא תתגודדו ולא תשימו קרחה בין עיניכם למת קום אונ זעה די צדיקים וואלטן ווישן די דאזיגע זאך וואלטן זייא זיך זייער גיפרייט בשעת עש קומט זייער צייט זייא זאלן אוועק גיין פון דער וועלט איז דען דאש ביי זיי אקליינר כבוד אז די שכינה קומט אליין צוא גיין נעמן די נשמה אונ זיא אריין פירן בהיכל המלך ער זאל זיך אלע טאג משמח זיין דען הקב"ה איז דאך מער ניט משתעשע נייערט מיט די נשמות הצדיקים:

כי לי בני ישראל עבדים מיר זיינען מחויב צוא דינען להקב"ה בעבודת המקדש אונ אלץ וואש הייסט עבודה אונ מיט דער תפלה וואש זיא הייסט עבודה אונ מען זאל זיך משתדל זיין במצות התורה וואש דאס אלץ הייסט עבודה אזוא וויא איין עבד וואש דינט צוא זיין

האר

האר איז ער דאך מחויב אלץ צו טאן וואס ער דארף אונ עם געהער צו אים וואס עם איז אויף אים מוטל צו בדינן זיין האר דען דיא ישראל הייסן עבדים אזו וויא עס שטייט כי לי בני ישראל עבדים עבדי הם אשר הוצאתי וגו' זויא זיינען מיינע קנעכט ווייל איך האב זיי אויש גיצויגן פון מצרים זיינן זיי מחויב מיך צו דינן אזו ווי איין קנעכט דינט צוא זיין האר וואש ער האט אים אויש גילייזט פון דעם טויט אונ פון אלע בייז פון דר וועלט אויך הייסן זיי ווידר בנים אתם לה' אלהיכם זיינען קינדר צוא הקב"ה אונ ווען הייסט דער מענטש איין עבד אז דער מענטש דער קענט אונ דינט להקב"ה בדרך כלל דאש ער טוט דאש בפעל פון זיין האר חאטשע ער ווייסט גאר ניט נאך וואש מען דארף דאש נאר ער דינט בדרך כלל וואש מען הייסט אים ער האט קיין כח ניט צו זוכן באוצרות המלך אין די סודות פון זיין האר נאר ער איז גאר אן שכל דר הייסט איין עבד צו הקב"ה אבר דר מענטש וואש דינט צו הקב"ה בדרך פרט אונ דר קענט אים רעכט צוא דינן מיט גרויש שכל אונ פאר שטייט אויף וואש איטליכע זאך איז כרמז דר הייסט איין גיליבטר זון פון דעם מלך אזו וויא איין זון פון דעם מלך זעהט אויש אלע אוצרות המלך אונ ווייסט אלע סודות פון זיין פאטר אזו דר מענטש אויך וואש פר שטייט די סודות פון הקב"ה הייסט ער אין דר מדריגה פון בן אונ האטשע ער הייסט שוין איין זון צו הקב"ה אזו וויא עש שטייט בני בכורי ישראל זאל ער זיך פארט ניט אויש ציהען מכלל עבד צוא דינען להקב"ה מיט אלע מיני עבודות פון איין עבד אונ צו ווישן אלע סודות התורה אונ זאל פארט זיין וויא איין עבד צוא דינן מיט אלע באפעל וואש מען האט אים גיבאטן וואול איז דר חלק פון דעם זון וואש ער איז זוכה צוא ווישן דיא סודות אונ די אוצרות פון זיין פאטר אזו וויא איין בן יחיד וואש דר פאטר האט אים גיגעבן רשות ער זאל גיוועלטיגן אין דיא אוצרות אונ דאס איז דר כבוד וואס ער גיוועלטיגט אונ איז זיך משתדל אין דער תורה מיט אירע סודות דאס אלע חיילות השמים אונ מלאכים קענען אים ניט ווערן ער זאל אלע שעה אריין גיין צו זיין פאטר וואול איז זיין חלק אין אלע וועלטין עש איז פר האנדן פיל עבודות וואס ער דארף ביידע אין איינם טאן זיין איין עבד אונ איין בן דאס ער זאל נכלל זיין פון די ביידע דאס איז דיא עבודה פון דער שמונה עשרה דארף ער מתפלל זיין צו זיין וויא איין עבד דר מיט איז ער מתקן אלע עולמות צוא בהעפטן זיך מיט זיין כוונה אונ דיא סודות פון דער תפלה; אונ דער מיט איז ער מתקן דעם סוד פון דר גאנצר אמונה אויף אזו איין מענטשן רופט אוים הקב"ה כביכול אין אלע חיילות ומחנות פון אלע עולמות אונ אין אלע הימלן זיים נזהר אין דעם מענטשן וואש ער איז דר נאמן המלך וואס אלע אוצרות זיינן אין זיין האנט וואול צו אים בעולם הזה ובעולם הבא אונ פון דר צייט ווערט ער דר קענט אונ גיצייכינט בכל העולמות אונ בשעת אז ער דארף עפעס מיט זיי משמש זיין זיינן זיי שוין אין אים נזהר אונ הערין צוא זיינע רייד אונ די ביידע מדריגות גיפינן מיר אין דעם פסוק ויאמר לי עבדי אתה ישראל אשר בך אתפאר עבדי אתה הייסט מדריגת עבד אונ ישראל איז די מדריגה פון בן אונ אז זיי ביידע זיינן אין איינעם דען איז אשר בך אתפאר הייסט ער איין רעכטר מענטש:

ראשית בכורי אדמתך תביא בית ה' אלהיך לא תבשל גדי בחלב אמו דער זוהר איז אין דעם זייער מאריך אונ זאגט אז דאש איז אלץ כדי דיא ישראל זאלן ניט גורם זיין דורך זייערע חטאים אז שלעכטע זאלן האבין איין יניקה פון דער קדושה דען דר וועקן זיך די כוחות הדינים אונ די טומאה איז גובר דרום זיינן זיך די ישראל מקרים אונ ברייגן בכורים ובשעת זיי ברייגן די בכורים דארפן זייא אן הויבן צו זאגן ארמי אובד אבי לבן הארמי האט גיוואלט מיט זיין כישוף מאכן פר לירין אונזער פאטער יעקב מיט זיינע קינדר אונ הקב"ה האט זיי מציל גיווען דאס די טומאה זאל אין זיי קיין שליטה ניט האבן דרום האט הקב"ה אן גיזאגט צוא די ישראל אין דער תורה ראשית בכורי אדמתך תביא וגו' לא תבשל גדי בחלב אמו דאש דיא טומאה זאל ניט האבין קיין אחיזה אין דר קדושה ווארום איין ציקלע ווייזט מיר אויף דעם כח הדין דרום טאר מען ניט עסן בשר בחלב פלייש מיט מילך אין איינעם כדי מען זאל דר ווייטערן די טומאה פון דעם מקדש העליון דאס אלץ דינג גיווענט זיך נאר וועדליג די מענטשין דר וועקן זיך אויף דר וועלט אז

ווערט נטמא למעלה קום אונ זעה ווען די ישראל
זיינען חלילה ניט ערליך אונ זינדיגן שטייט אין
פסוק אויף זיי עמי נוגשיו מעולל ונשים משלו בו דאס
מיינט מען דיא צוויי נשים זונות קליפות מחלה
ולילית, האבין אויף זייא איין שליטה׳ אין דעם
ספר פון שלמה המלך האט מען גיפונען ווער עס
עסט בשר בחלב אין איינם אדער אין איין שעה
אדער אין איין סעודה אזו ווייזט אויבין אויש
וויא איין ציקלע ווערט געבראמין מיט דער
פעל אונ דאס איז אויף אים מקטרג פערציג
טעג פר דעם מדת הדין אונ זיין חברותא טמאה
איז זיך צו אים מקרב אונ דר וועקן דינים אויף
דער וועלט אונ ווען ער גיווינט איין קינד אין
די פערציג טעג אזו גיט מען אים אנשמה מצד
אחר אונ זיא איז ניט מצד הקדושה דרום שטייט
והתקדשתם והייתם קדושים ווייל דער מענטש זיך
מטהר זיין העלפט מען אים ער זאל זיין טהור ווייל
ער חלילה זיך מטמא זיין עפינט מען אים אויף
איין פתח ער זאל טמא ווערין אויך שטייט
ונטמתם בם אן איין א׳ איז טייטש לשון פאר
שטאפונג דאס די טומאה פר שטאפט אים זיין
הארץ ער זאל קיין רשות ניט האבן זיך מטהר
זיין אזו וויא ער קען זיך ריינגן פון אנדערע
טומאות אונ נאך מער ער פארכט זיך פר אלע
חיות רעות ווייל ער ווייזט זייא אום וויא איין
ציקלע אונ איין ציקלע איז שכיח אין די אויגין
פון די קליפות וואס זיי הייסן שעירים אונ זיין
צלם הקודש ווערט פון אים אפ גיטאן רבי יוסי
האט מתיר גיוועזן צו עסן איין הינדיל מיט מילך
אדר מיט קעז ווייל בשר עוף בחלב איז ניט
מן התורה האט רבי שמעון צו אים גיזאגט דו
ביישט אסור צו טאן אזו איין זאך דען דר מענטש
טאר ניט עפענן איין פתח צוא די מיני טומאה
מען זאגט צוא איין נזיר וואש ער טאר ניט
טרינקן קיין וויין גיי ארום דעם ווייןגארטין פון
דרויסן אונ זאלשט צו אים ניט גינעהנן ווארום
ער דארף זיך דר ווייטרן בכל מיני התרחקות
אזו אויך דאש איז איין חומרא אונ ווער עס איז
עליהם מתיר שטייט אויף אים ותשקו את הנזירים יין
אונ שטייט לא תאכל כל תועבה עש שטייט דאש
ווארט כל דאש ווייזט אז אלץ איז אסור :

תאנא מיר האבן גילערינט ווארום האבין חנניא
מישאל ועזריה זוכה גוועזן צוא אזעלכע
נסים ניצול צו ווערן פון דעם קאלך אויבן ווייל
זיי האבן זיך ניט מטמא גוועזן מיט איין אכילה
וואש זיא איז אסור זאגט רבי אלעזר עס שטייט
וישם דניאל אל לבו אשר לא יתגאל בפת בג המלך האבן
מיר גילערינט בסוד המשניות דאש די אכילה
פון נבוכדנצר הרשע איז גוועזן בשר בחלב אונ
דניאל האט זיך דר פון גיהיט אונ אז מען האט
אים אריין גיווארפן אין דר לייבן גרוב אזו איז
ער גאנץ גוועזן בצלם אלהים אונ זיין צלם איז
ניט נשתנה גווארין צו אנדר גישטאלט דרום
האבן זיך די לייבן גיפארכטן פר אים אונ האבן
אים ניט מזיק גיוועזן דען דר וואס ער האט איין
צלם אלהים האט אויף זיי הקב״ה גזאגט ומוראכם
וחתכם יהיה על כל חית הארץ אונ דער רשע בשעת
דאס מלכות איז אפ גיטאן גיווארן פון אים אונ
זיין וואנונג איז גוועזן מיט די חיות פון דעם וואלד
אזו איז אפ גטאן גיווארין פון אים דר צלם פון
מענטשן אונ די חיות זיינן גקומן צוא אים אונ
האבן גיזעהן אז זיין פנים איז גלייך צוא זייערין
אזו האבן זיי מיט אים מזנה גיוועזן אונ פיל מאל
האבן די חיות אים גוואלט אויף עסן נאר הקב״ה
האט אויף אים ניט נטר גוועזן דעם עונש וויא
עס שטייט והוא במלכים יתקלס דאס אלע מלכים
ווילן זיך מיט אים רייצן צו זאגן זיין חרפה די
דאזיגע גאנצע צייט׳ קום אונ זעה עס שטייט
ומקצת ימים עשרה נראה מראיהם טוב דאש הייסט זיי
זיינן גיווארן אן גיזעהן אין דעם צלם אלהים
דאס עס איז פון זייא ניט אפ גטאן גיווארן אונ
פון די אנדרע איז יוא אפ גיטאן גווארן ווער
האט דאס גורם גיוועזן ווייל זיי האבן זיך ניט
פר אום ווערדיגט מיט די אכילות פון די אנדרע
זבאה איז דאס חלק פון די ישראל גיוועזן דאש
בייא זיי שטייט ואנשי קודש תהיון לי :

כי עם קדוש אתה ליי אלהיך רבי יהודה הייבט אן
והחכמה מאין תמצא בתחלה האט הקב״ה גזאגט
צו זיי ואתם תהיון לי ממלכת כהנים וגוי קדוש ער האט
ניט אפ גטאן זיין גרוים אהבה פון זייא ביז ער
האט זיי גירופן גוי קדוש ער האט נאך מער ניט
אפ גטאן די אהבה ביז ער האט זייא גירופן כי
עם קדוש אתה נאך מער ער האט זיי גירופן ואנשי
קודש תהיון לי אלע מאל מער וויא פריער דר נאך
האט ער זיי נאך אהעכרע מדריגה גרופין קודש
ישראל ליי ראשית תבואתה אין דר חכמה וואס זיא
הייסט ראשית חכמה יראת יי׳ אונ דרום ווייל זייא
זיינן גיוועזן גירופן קודש דאס איז דאס שלימות

פון אלעמען דרום שטייט ובשר בשדה טרפה לא תאכלו ווייל די ישראל זיינען גאר גאנץ דרום זאלן זיי קיין פר צוקטע ניט עסן ווען דאס איז בגריפן בצד הטומאה נייערט לכלב תשליכון אותו צוא דיא כלבים עזי נפש וואס זיינען מצד הדין החזק מער פון אלע אונ דרום ביי נבילה וואס דר ישראל האט עס ניט פסול גמאכט שטייט לא תאכלו כל נבלה לגר אשר בשעריך תתננה ואכלה כי עם קדוש אתה איז ניט אזו אחומרא וויא ביי טריפה וואס איין חיה האט צו ריסן · אבער אטריפה איז אגרוישע קליפה פון דיא כלבים עזי נפש שטייט ואנשי קודש תהיון לי ובשר בשדה טרפה לא תאכלו שטייט שוין דאש לשון קודש ניט קדוש אזו ווי ישראל הייסן אין דר תורה קודש קודש ישראל ליי ראשית תבואתה אזו וויא ביי קודש שטייט וכל זר לא יאכל קודש אזו שטייט ביי זיי כל אוכליו יאשמו · רבי יצחק האט גיפרעגט צוא רבי שמעון אז דוא זאגשט אז קודש איז אהעכרע מדריגה פון קדוש עס שטייט דאך קדוש קדוש קדוש יי צבאות אונ דאס איז דאך דאס גאנצע שלימות פון גאר דר קדושה וואורום שטייט קדוש אונ ניט קודש זאגט רבי שמעון ווען די אלע דריי מאל קדוש קומן זיך צו נויף ביי אננדר ווערט איין בית ער הייסט קודש דאס איז דר כלל פון דיא דריי מאל קדוש אונ דרום איז די מדריגה פון קודש דר כלל פון אלעמען אונ ווען די ישראל זיינען גיוועזן בכלל באמונה שלימה האבין זייא גיהייסן קודש דר כלל פון אלעמען דרום שטייט קודש ישראל ליי ראשית תבואתה ואנשי קודש תהיון לי · איין שר הצבא האט גיפרעגט צו רבי אבא עס שטייט ובשר בשדה טרפה לא תאכלו וואס דען שטייט טרף נתן ליראיו עס וואלט בדארפט שטיין טרף נתן לכלבים זאגט רבי אבא צו אים שטייט דען טרפה נתן ליראיו עס שטייט דאך טרף · אויב דו העסט זאגין טרף אונ טריפה איז אלץ איינש דרום זאגט דר פסוק טרף די מצוה פון טריפה אז מען זאל זיא ניט עסין נתן ליראיו האט ער עס גיגעבן צוא זיינע יראים דיא וואס האבין מורא פאר אים :

תאנא מיר האבין גילערינט ווייל דיא ישראל זיינען גיווארן גירופן בתורה קודש דרום טאר איינר דעם אנדערן ניט רופן קיין מיאוסין נאמן אונ אים ניט געבן קיין צו נאמן דען דר עונש דער פון איז גאנץ גרויש מכל שכן מיט אנדרע זאכן וואש איז איין גנאי צום חבר תאנא מיר האבן גילערינט עס שטייט נצור לשונך מרע וואש איז טייטש מרע אלא פון וועגן לשון הרע נידערין אראפ חלאים אויף דער וועלט · זאגט רבי יוסי דר וואס רופט דעם חבר מיט אזו אזאך וואס עס איז ניט דא אין אים אונ איז אים מגנה אזו ווערט ער אויך נתפס אין אזוא אזאך וואס עס איז ניט דא אין אים · דען רבי חזקיה האט גיזאגט איטליכר וואש רופט דעם חבר רשע נידערט מען אים אין גיהנם אונ מען איז אים דן בכל מיני יסורים ועונשים · עס איז גיוועזן איין מענטש וואש האט גישאלטן זיין חבר אין דורך גינאנגן רבי יוסי דר ביי אונ האט עס גהערט זאגט ער דו האסט גטאן אזו וויא איין רשע איז ער גקומן פר רבי יהודה האט רבי יוסי גזאגט איך האב אים ניט גירופן רשע נייערט אזו ווי ארשע האט רבי יהודה עס גיפרעגט צו רבי אלעזר זאגט ער דרויף איז ער ניט חייב וואורום עס שטייט היה יי כאויב ניט קיין פיינט נייערט וויא איין פיינט וואורום אויב עס חז ניט אזו ער זאל חלילה גוועזן זיין צו די ישראל איין פיינט וואלט פון זיי גאר ניט גיבליבן איין שורש אויף דר וועלט אזו אויך היתה כאלמנה אזו וויא איין אלמנה אונ ניט קיין אלמנה וואש האט קיין מאן נייערט אזוא וויא איין אשה וואש איר מאן איז אוועק גיגאנגן למדינת הים אונ זיא ווארט אויף אים אזו אויך ועל דמות הכסא דמות כמראה אדם אונ ער האט ניט גיזעהן קיין מראות הם ושלום · זאגט רבי אבא זכאין זיינן די ישראל וואש אויף זייא שטייט קודש ישראל ליי ראשית ונו' אונ דרום כל אוכליו יאשמו :

לא תאכל כל תועבה רבי יהודה הייבט אן הישנא ארית ביער ושרף אין לו קום אונ זעה וויא די מענטשן בדארפן משגיח זיין בעבודת הקב"ה דען דר וואס איז עוסק ומשגיח בעבודת הקב"ה איז זיין מורא אונ אימה אויף אלע בשעפֿענש דען הקב"ה האט איטליכע בריה בשאפן בדמותו וויא עש איז צו אים ראוי גיוועזן דר נאך האט ער בשאפן דעם מענטשן בדמות עליון אונ מיט דעם גשטאלט האט ער אים גמאכט שולט זיין איבר אלע דען בכל זמן אז די בריות הייבין אויף זייער קאפ אונ זעהן דעם מענטשן בדמות עליון בצלם אלהים אזו פארכטין זיי זיך אונ ווערן פר ואגלט פר אים אזו וויא עס שטייט

ומוראכם

ומוראכם וחתכם יהיה על כל חית הארץ אונ ווען איז
דאש אז די בריות זעהען אין אים דעם דמות
עליון אונ די נשמה איז אין אים אונ זיין גשטאלט
איז ניט געשטנה אזו וויא עש איז געוועזן צום
ערשטן אבר אז א מענטש גייט ניט בדרך התורה
אזו ווערט דאש היילינע גשטאלט פון אים צו
גינומן אזו קענן די חיות היער ועופות השמים
אין אים שולט זיין וויל ער האט שוין ניט דעם
צלם אלהים קום אונ זעה אז מען האט געווארפן
דניאל אין דעם לייבן גרוב איז זיין צלם ניט
פר ענדרט געווארן וויל ער האט זיך געשטארקט
אין הקב"ה אזו וויא איין לייב דרום איז ער
ניצול געווארן פון זיי זאגט רבי חזקיה אז עש
איז יוא אזו ווארום שטייט אלהי שלח מלאכה וסגר
פום אריותא ולא חבלוני איז דאך משמע אז הקב"ה
האט געשיקט איין מלאך אונ ער האט צו גשלאסן
דאש מויל פון די לייבן אונ דרום איז ער ניט
ניזוק געווארן זאגט רבי יהודה דאש גשטאלט
פון דעם מענטשן וואש ער איז איין צדיק איז
דאש איין מלאך ממש ער האט צו גישלאסין
זייער מויל כדי ער זאל ניט ניזוק ווערין אונ
דרום שטייט הקב"ה האט געשיקט דעם מלאך
וואש ביי אים אין די הענט איז אלע צורות אונ
ער האט געשטארקט אין דניאל זיין דמות וצלם
דאש זיי האבין אים ניט גיקענט טאן דרום זאל
איטליכר מענטש היטין זיין וועג אז ער זאל
ניט ווערינן פר זיין הערן כדי זיין צלם אלהים
ודמות אדם זאל האבן איין קיום · קום אונ זעה
יחזקאל האט געהיט זיין מויל פון מאכלות אסורות
אזו ווי דר פסוק זאגט לא בא בפי בשר פגול עש איז
ניט גיקומן קיין אום ווירדיג פלייש אין מיין מויל
אריין דרום האט ער זוכה געוועזן ער זאל ווערן
גרופין אדם אויך ביי דניאל שטייט וישם דניאל
על לבו אשר לא יתגאל בפת בג המלך ער האט זיך ניט
פר אום ווירדיגט מיט דעם ברויט פון דעם מלך
דרום האט ער זוכה געוועזן אז זיין גשטאלט איז
ניט פאר ענדערט געווארין פון אים ער איז
געבליבן אין זיין גשטאלט פון איין רעכטן מענטשן
אזו וויא עש שטייט ואפול על פני ויאמר אלי בן אדם
דען אלע בריות פון דר וועלט פארכטן זיך פר
דעם גשטאלט פון איין אדם ער האט שלימה
איבר אלע ברואים זאגט רבי יוסי דרום זאל
דר מענטש נזהר זיין אונ זאל ניט אפ קערן פון
דעם רעכטן וועג לימין ושמאל אונ פון רעכטן

ווענן איז דר מענטש מחויב בודק זיין אלע טאג
זיינע עבירות דען אז עס קומט אין דר פריא
בשעת דר מענטש שטייט אויף פון זיין בעט
שטייען תיכף פאר אים צוויי עדות אונ דעם
גאנצין טאג גייען זיי מיט אים אכטונג געבין
וואש ער טוט אויף דער וועלט אגאנצין טאג
עפינט ער די אויגן זאגין זיי עיניך לנכח יביטו
ועפעפיך יישירו נגדך דיינע אויגין זאלין נאר זעהן
רעכטע פארטיגע זאכין ריכט ער אן זיינע פיס
גיין זאגין די עדות פלס מעגל רגליך זאלשט איבר
וועגן די שטעג פון דיינע פיס נאר צו גיין אין
רעכטע פארטיגן וועג דרום זאל זיך דר מענטש
היטין אלע טאג פר זיינע עבירות אונ אז עש
ווערט נאכט אזו איז דר מענטש מחויב מסתכל
אונ בודק זיין וואש ער האט אגאנצן טאג גטאן
טאמער וועט ער געפינן אזעלכע מעשים וואס
ער דארף דרויף תשובה טאן צו הקב"ה דרום
דארף ער תמיד אין דרינן עוסק זיין אזו וויא עס
שטייט וחטאתי נגדי תמיד מיינע עבירות זיינען תמיד
אנטקעגין מיר כדי איך זאל תשובה טאן אויף
זיי · קום אונ זעה בשעת די ישראל זיינען גוועזן
אין ארץ הקדושה איז קיין שום חטא ביי זיי ניט
געפונען געווארן ווארום די קרבנות פון דעם בית
המקדש האבן אויף אלץ דינג מכפר גוועזן אלע
טאג אבר איצונד אז די ישראל זיינען פר טריבן
געווארן האבן זיי שוין מער קיין סמיכה ניט עס
זאל אויף זיי מכפר זיין נאר דורך תורה ומעשים
טובים אונ דר וואש גייט חלילה ניט אין רעכטן
וועג איז ער גורם איין ירידה בביכול צו דער
שכינה אזו וויא עס שטייט ישפילנה ישפילה עד ארץ
אבר ווער עש איז עוסק בתורה ומעשים טובים
איז ער גורם אז די כנסת ישראל ווערט דער
הויבין וואול איז דער חלק פון די וואש זיינען
עוסק בתורה יום ולילה :

עשר תעשר וגו' פתוח תפתח את ידך וגו' רבי
יהודה זאגט עס שטייט הלא פרוס לרעב לחמך
קום אונ זעה וואול צו דעם חלק פון דעם
מענטשין וואש הקב"ה איז אים מזכה מיט
איין ארימאן ער זאל צו אים קומען ער זאל
אים מחיה זיין מיט עסין אונ טרינקען דען
דאש איז די רעכטע מתנה פון הקב"ה אונ
ווער עש איז מקבל די מתנה בסבר פנים
יפות מיט איין פריליך פנים איז וואול צו
זיין חלק דען דער וואש עש איז זיך מרחם

אויף איין אָרימאַן אונ דער קוויקט אים זיין נפש איז הקב״ה אויף אים מעלה גליך וויא ער האט אים בשאפין אונ דרום ווייל אברהם אבינו האט רחמנות גיהאט אויף דער גאנצר וועלט ער איז גיווען איין מכניס אורח צוא געבין עסין אונ טרינקען האט אים הקב״ה גירעכינט גליך וויא ער האט זייא בשאפין אזו וויא עש שטייט ואת הנפש אשר עשו בחרן אונ דאש מיינט דער פסוק פרוס לרעב לחמך פרוס איז טייטש ער זאל פאר שפרייטין איין טישטעך אויף דעם טיש דער ארימאן זאל דרויף עסין. ד״א ער זאל אים אפ שניידן ברויט כדי ער זאל זיך ניט שעמען אז ער וועט זיך אליין דארפין שניידין איין שטיקל ברויט אונ פרוס איז טייטש שטיקר זאלשט אים אפ שניידין שטיקלעך ברויט אונ אנידער לייגין פאר אים בעין יפה וטוב לב. עש שטייט לחמך אונ עש שטייט ניט סתם לחם דען עש דארף זיין דיין ברויט ניט גינגבת אדער גיגזלת אונ אז ער גיט פון אזו איין ברויט צו איין ארימאן איז ער ניט מקבל קיין שכר עש איז וויא צו אים ער דער מאנט דער מיט זיינע עבירות דרום שטייט אויך ביא תרומה קחו מאתכם תרומת יי פון אייער געלט אליין:

רבי יוסי הויבט אן עם שטייט אם שלמים וכן רבים וכן נגזו ועבר ועניתיך לא אענך עוד ווען דאס פאלק האבן שלום אונ עס איז ביי זיי ניט פר האנדן קיין מחלוקת האט הקב״ה אויף זיי רחמנות אונ קיין דין האט אויף זיי קיין שליטה ניט האטשע זיי דינען עבודת כוכבים ווען זיי האבין נאר שלום צווישן זיך האט דר מקטרג אויף זיי קיין רשות ניט שלעכץ טאן אזו וויא עס שטייט חבור עצבים אפרים הנח לו אויך שטייט ווייטר וכן נגוזו ועבר עש וואלט גדארפט שטיין ונגוזו אונ עם שטייט וכן נאר דר אן הויב פסוק איז שלום זאגט ער וכן צדקה הייסט אויך שלום אזו וויא עש שטייט והיה מעשה הצדקה שלום אונ ווער עם מערט צו געבן צדקה מערט ער שלום למעלה ולמטה נגוזו זיי שערן זייער געלט אונ גיבן צדקה עם שטייט ווייטר ועבר ער פירט איבר פון זיך אלע דינים זיי זאלין אויף אים קיין שליטה ניט האבין נאר חיים ושלום:

רבי יהודה הויבט אן צו זאגין עש שטייט אשרי משכיל אל דל ביום רעה ימלטהו יי דעם פסוק האבין די חכמים גזאגט אז עם גייט אויף איין מענטשן וואס ער ליגט קראנק אויף זיין בעט אזו הייסט דאש ביי אים וויא איין תפיסה דר קאפ איז גישלאסן מיט איין קייט די פיס זיינען אים גבונדן אונ כמה בעלי דינים היטן אים פון אלע זייטן אלע זיינע גלידר זיינן אים זייער איינג דאס עסין איז פון אים אפ גטאן עם גילוסט זיך אים ניט צו עסין אין דר צייט ווערט מען אויף איין אפוטרופוס ער זאל אויף אים מלמד זכות זיין. וואול איז דר חלק פון דעם מענטשן וואס איז זוכה אז דר אפוטרופוס גייט פר דעם בית דין של מעלה אונ קען אויף אים לערנן איין דרך הצלה וויא ארום ער זאל ניצול ווערן פון דעם דין וואש עם איז אויף אים גיצויגן גווארן אזו וויא עש שטייט אשרי משכיל אל דל וואש ער לערינט אים דעם דרך החיים ער זאל תשובה טאן פר זיין הארן דען מאכט ער איין אפוטרופוס אויף אים למעלה וואש איז זיין שכר ביום רעה ימלטהו יי בשעת דר מדת הדין האט איין שליטה ווערט ער ניצול דר פון ד״א אשרי משכיל אל דל איז טייטש וויא גאר איז שטארק דר שכר פון דעם ארומאן פאר הקב״ה זאגט רבי חייא איך פאר וואונדר מיך אויף דעם פסוק עם שטייט כי שומע אל אביונים יי הקב״ה הערט צו דעם געבעט פון די אביונים איז משמע נאר זייער געבעט הערט ער צו ניט קיין אנדער געבעט וויא גשיקט זיך דאש זאגט רבי שמעון ווייל די אביונים זיינן זייער נאהנט צו הקב״ה ווארום עם שטייט לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה איין תפלה מיט איין צו בראכין הארץ פר שעמט מען זיא ניט אז זיא קומט פר הקב״ה אונ ווער האט נאך אזו איין צו בראכן הארץ וויא איין ארימאן די גאנצע וועלט ווערט גזעהן פר הקב״ה מיט דעם גוף ונפש אונ דר ארימאן ווערט נאר גזעהן מיט זיין נפש אונ הקב״ה איז מער נאהענט צום נפש וויא צו דעם גוף מער וויא צו אנדרע מענטשן פון דר וועלט. עם איז גיווען איין מעשה מיט איין ארימאן וואס ער איז גוועזן אין דר גאס פון רבי יוסי וואס קיינר האט אויף אים קיין השגחה ניט גהאט מען זאל אים מחיה זיין אונ ער אליין האט זיך זייער גשעמט פר לייט צו זאגין מען זאל אים געבין צדקה. איין מאל איז ער קראנק גיווארן איז רבי יוסי צו אים אריין גיגאנגן מבקר חולה זיין דר הערט ער איין קול וואס זאגט סיקלא סיקלא

ראש איז דאס ארט פון די נשמות וואס גייען אוועק פון דר וועלט פר דר צייט קומן זיי אין דעם ארט אריין אונ דאס קול זאגט צו דעם ארט דו זאלשט ווישן אז עש קומט צו דיר איין נפש וואש וועט שטארבן פר דר צייט ווייל איז צו די שטאט לייט וואש עס איז ניט פר האנדן קיין שום מענטש צווישן זיי ער זאל אים קענן מחיה זיין מיט עסין אונ טרינקן · איז רבי יוסי צו אים צו גיגאנגן אונ האט אים דר לאנגט איין טרונק וואשר פון דארע פייגן דורך איין רעריל האט ער אים אריין גגאסין אין מויל אריין וויא ער האט אים דעם טרונק גגעבין האט ער באלד באקומן דעם שוויים אין זיין פנים אונ זיין אטום האט זיך צו אים ווידר גקערט אונ רבי יוסי איז אוועק גיגאנגן דר נאך איז ער ווידר גיקומען צו אים זאגט דר מענטש צו אים רבי דא שווער איך אז מיין נפש איז שוין גיוועזן אויס גגאנגן פון מיר אונ איז גיקומן פר דעם כסא הכבוד האט זיא גוואלט דארטן בלייבן נייערט הקב"ה האט דיך גוואלט מזכה זיין אונ מען האט אויס גירופן רבי יוסי איז אן גבורייט אז זיין רוח וועט אויף גיין אונ וועט אן גיקניפט ווערן אין איין חדר הקודש וואס די חכמים זיינן אן גבורייט צו דער וועקן אויף דער וועלט מחמת זייער תורה וועט דאש חדר זיין צו דיר מיט דר ליכט פון דר אידרא קדישא אונ עש איז אן גבורייט דרייא שטולין צו דיר מיט דיינע חברים אונ פון דר צייט אן האט מען שוין אויף דעם ארימן גגעבן השגחה מען זאל אים געבין וואש ער דארף · אויך האט ה׳ גיטראפין איין ארימן איז דורך גיגאנגן פר רבי יצחק אונ רבי יצחק האט נאר גהאט איין האלבע מעה כסף זאגט דר ארימאן צו רבי יצחק זיי מחיה מיך מיט מיינע קינדר אונ מיין הויז גיזינד זאגט רבי יצחק צו אים וויא אזו קען איך מחיה זיין אייערע נפשות אז איך האב נאר ביי מיר איין האלבע מעה כסף זאגט דר ארימאן איך האב אויך א האלבע מעה אונ מיט דר גאנצר מעה וועל איך שוין קענן מחיה זיין מיין הויז גיזינד האט ער אים גיגעבן דיא האלבע מעה האט מען דר נאך גיוויזן צו רבי יצחק אין חלום וויא ער פארט ביי דעם בארטן פון דעם ים הגדול אונ מען האט אים גיוואלט אריין ווארפין דר ווייל האט ער דר זעהן צו רבי שמעון האט ער צו רבי שמעון אויס גשטרעקט די האנט ער זאל אים ארויס נעמן איז גיקומן דר ארימאן אונ האט אים מציל גוועזן אונ האט אים אפ גגעבין צו רבי שמעון אין דר האנט אריין אונ בשעת ער האט זיך אויף גהאפט פון דעם שלאף איז אים אריין גיפאלן דר פסוק אין זיין מויל אשרי משכיל אל דל ביום רעה ימלטהו יי׳ · דבר אחר די טייטש פון דעם פסוק איז אזו קום אונ זעה אזו איין ארימאן וואש ער האט ניט פון זיין געלט עפעס צו עסין אונ בגערט ניט פון קיינם קיין פרנסה ער וויל זיין דוחק ניט אנטפלעקין פר קיין שום מענטשין ובשעת דוחק האט ער תרעומות אנטקעגין הקב"ה אונ זאגט בין איך דען אזו איין זינדיגר מענטש מער פון אלע לייט איינם גישט דו גרויס עשירות אין זיין הויז אונ איך האב ניט אפילו קיין פרוטה פר עפעס צו קויפין עסין אונ טרינקן אדער איין מלבוש דר ווייל קומט איינר אונ גיט אים צדקה ווערט בטל זיין תרעומות האט דאך דר מענטש גמאכט שלום צווישן הקב"ה מיט דעם ארימן איז ער פיל זוכה לעולם הבא דרום שטייט יעשה שלום לי שלום יעשה לי עש שטייט צוויי מאל שלום ווארום די צדקה הייסט שלום אונ אויך מאכט זיא שלום צווישן הקב"ה מיט דעם ארימאן אויב דו וועסט פרעגן וויא טאר איין מענטש מתרעם זיין אויף די מדות פון הקב"ה · קום אונ זעה חאטשע ער איז איין עני אונ רעט אנטקעגן הקב"ה מיט קריג רעכינט אים הקב"ה ניט פר קיין חטא אונ איז אויף אים ניט ברוגז ווייל ער איז ניט ביי זיין דעה · מיר לערנן דאש אפ פון איוב בשעת הקב"ה האט גזאגט צום שטן הנו בידך אך את נפשו שמור באותו שעה איז איוב ארויש פון זיין שכל אונ האט גיזאגט צו הקב"ה הטוב לך כי תעשוק איז דאש רעכט וואש דו טושט · מיין פאטר אונ מוטר האבן מיר בשאפין איין גוף אונ דו האשט זיך מיט זיי משתף גיוועזן אונ האשט מיר גיגעבין איין נשמה דרום זאגשטו אן אך את נפשו שמור די נשמה זאל ער היטין אונ מיין גוף פון מיין פאטער אונ מוטער שטראפשטו מיט יסורים אונ גישט אים אין די הענט פון דעם שטן חאטשע איוב האט דאך גירעט ניט רעכט נאר ווייל עס איז גיוועזן מחמת צער איז הקב"ה ניט ברוגז גוועזן אונ זאגט כי לא בדעת ידבר איוב ער רעט דאס אן דעת · דבר אחר אנאנדר פשט איז אשרי משכיל אל דל איין דל הייסט דר וואש שטארבט אן קינדר

ונע:

מען זיין נשמה גייט ארויס זאגט אויף אים דר פסוק יד ליד לא ינקה רע אונ ווען עם בלייבט איבר איין קינד אונ איינר איז אים מחזיק אונ לערינט מיט אים תורה יעשה שלום לי דרום ביום רעה ימלטהו קום זעה אמענטש איז גגאנגן מיט צוויי חכמים אין דער מדבר אונ זייא זיינן גיגאנגן צווישין די היכע בערג האבן זיי גזעהן גרוישע שפאלטן אונ עם גייט ארויש איין רויך אונ פייער פון די שפאלטן אזוי הערט ער וויא איינר שרייט וויי וויי זאגט ער דאס איז בוודאי איין ארט פון גיהנם איז ער דארטן אנטשלאפן גיווארן האט ער גזעהן בחלום וויא איינר קלייבט אויף דערנר אויף זיין אקסיל אונ צוויי ממונים פון דעם גיהנם האבן אויף אים אונטר גיצונדן דיא דערנר אונ ער איז פר ברענט גווארן אונ ער האט זייער גישריען אונ זייא האבן אים גיזאגט דו האשט פר לאזט צו הקב"ה מיט די מלאכים וואס האבן דיך גהיט בעולם הזה ובעולם הבא אונ האסט גיטאן דעם ווילן פון די רשעים וואס זיי זיינען גיגליכן צוא דערנר וואש זיי זיינן מצד שמאל ונחש דרום זאל דיך די דרנר פאר ברענן זאגט דר יהודי צוא דעם מענטשן ווער בישטו זאגט ער איך בין איין יהודי רשע אונ די ממונים פון גיהנם דר מאנן מיר ניט מיין נאמען אונ דרייא מאל זיינן זיי מיך דן ביי טאג אונ צווייא מאל ביי נאכט זאגט דר יהודי טאמר ווייסטו דעם נאמן פון דיין שטאט זאגט ער איך האב גוואוינט אין גליל העליון זאגט דר יהודי האשטו גאר ניט גילאזט קיין קינד זאגט ער איך האב יוא גילאזט איין קינד אונ איך בין גיוועזן איין קצב אונ איך האב פיל מעשים רעים גיטאן דרום האט מען מיר צום ערשטן דן גיוועזן מיין מויל אונ מיינע פים אונ די הענט אונ דר מלאך וואס ער איז ממונה אויף די קברים האט צו מיר אזוי גזאגט בשעת ער האט מיך דן גוועזן וויא צוא דעם וואש ער האט גישווארן מקיים זיין דיא תורה אונ האט זיא ניט מקיים גוועזן אונ האט פאלש גישווארן ווי צוא דר האנט וואס האט קיין מאל קיין תפילן ניט גילייגט ווי צוא דיא הענט וואש זייא האבין משמש גיוועזן בהבלי עולם ווי צו די פים וואש זיינן גיגאנגן בהבלי עולם בשעת מען האט מיך גישלאגן מכת מרדות האב איך אלין מודה גיוועזן וואש איך האב גטאן אונ עש איז גיקומן מיין נשמה מיט איר

מלאך וואש איז איבער איר גזעצט אונ האבין גיגעבן איין כתב אונ דארטן איז גישטאנן אלין וואש איך האב גיטאן אונ מיין נשמה מיט דעם מלאך האבין דרויף עדות גיזאגט אונ האבין אויף מיר גיזאגט דעם פסוק על פי שנים עדים או שלשה יומת המת אונ דרום שטייט משוכבת חיקך שמור פתחי פיך דאש מיינט מען די נשמה זאגט עדות בשעת טויט · דער יהודי האט זיך אויף גיחאפט פון דעם שלאף אונ איז גיגאנגען קיין גליל העליון אונ האט נאך גפרעגט אויב עס איז דארטין דא איין קינד פון דעם קצב וואש ער איז גישטארבן דעם אונ דעם טאג זאגין זייא דאס קינד וואש דוא פרעגשט דרויף איז אזוא איין רשע וויא זיין פאטר איז גיוועזן ער גייט אויך אין שעכט הויז אונ אזו זאל אים זיין וויא צוא זיין פאטר ער גייט אריין אין בית המדרש הערט ער ווי אקינדר זאגט דעם פסוק אם תבקשנה ככסף וגו' איז ער אריין גיגאנגן אין שעכט הויז האט ער גיזעהען וויא דאס קינד שפילט זיך מיט דיא יונגן זאגט ער צוא אים מיין קינד קום מיט מיר איז ער גיגאנגען האט ער אים אן גיקלייד אונ גייט מיט אים צום רבי אונ דר רבי האט מיט אים גלערינט תורה אז ער האט שוין גקענט בעסר פון אלע קינדר האט ער גימאכט אז ער זאל זאגין דיא הפטורה אין שול אונ ער האט מתפלל גוועזן פר דעם עמוד אונ ער האט אזוא לאנג גילערינט ביז מען האט אים שוין גירופין רבי איז דר פאטר פון דעם קינד וואס מען האט אים דן גוועזן איז ער צו אים גיקומן צוא חלום אונ זאגט צו דעם יהודי רבי אזו וויא דו האסט מיך מנחם גוועזן אזו זאל הקב"ה דיך מנחם זיין דען בשעת מיין קינד האט גיזאגט די הפטורה בקהל בין איך פרייא גיווארין פון דעם דין אונ בשעת ער האט מתפלל גיוועזן פר דעם עמוד אונ האט גיזאגט קדוש האט מען צוא ריסן מיין גזר דין אין גאנצן ובשעת אז ער איז גיווארין איין למדן האט: מען מיר גיגעבן איין חלק אין גן עדן אונ דאס איז וואס מען זאגט חלק לעולם הבא דאס איז דער חלק וואס איטליכער צדיק האט פר זיך אונ מען האט מיך אויף גיבראכט מיט דיא צדיקים אין זייער ישיבה ובשעת ער איז נאך אגרעשער חכם גיווארן אז מען האט אים שוין גירופין רבי האט מען מיך גיקריינט מיט דר קרוין פון צדיקים וואס זיי ווערן דר מיט

גיקריינקט און מען האט מיר גיגעבן אבילה לשתיה דאס הייסט וואס מען איז נהנה מזיו השכינה און דאס איז וואס אונזערע חכמים זאגן אז בעולם הבא זיצן די צדיקים און איטליכער האט אקרוין אויף זיין קאפ און זיינן נהנה מזיו השכינה און פון דיינט וועגן רבי האב איך זוכה גיווען צו דעם גרוישן כבוד זכאה איז דיין חלק דאס דר פר האסטו אגרוישן חשובן חלק לעולם הבא און ווער איז אזכאי דר וואס לאזט איבר איין זון איין תלמיד חכם אויף דר וועלט:

רבי אבא הייבט אן יש רעה חולה ראיתי תחת השמש וויא זיינן די לייט פר שטאפטע הערצר וואס זיי זיינן ניט משתדל אין דר תורה שלמה זאגט יש רעה חולה איז דען פר האנדן איין רעה וואש זיא איז ניט קיין חולה אלא מיר האבין גילערינט אז מצד שמאל גייט ארויש כמה כוחות הדינים מקטריגים און אז זיי גייען ארויס פון נוקבא דתהומא רבא וואו אלע קליפות זיינן אזו זיינן זיי זיך מחבר מיט אנגדר און שפאלטן די אווירים און שוועבין אויף דער וועלט און גינעהגן צו די לייט און איטליכר הייסט רעה אזו וויא דר פסוק זאגט לא תאונה אליך רעה און ווען זיי קומן מיט בלבולים זיינן זיי גלייך וויא איין חולה דרום ווייל זיי מאכן דיא לייט צוא קמצנים אויף זייער געלט און אז דר גבאי צדקה קומט שלאגט ער אים אין זיין האנט און לאזט אים ניט געבן פון זיין געלט און אז עס קומען עניים שלאגט ער אים אין זיין האנט און זאגט אים גיב ניט פון דיין האנט קיין געלט וויל ער אים געבין עסין לאזט ער אים אויך ניט און דאס טוט ער אלץ כדי זיין געלט זאל גהיט זיין צו אנגדרן און פון דעם טאג וואש דר שר רעה רוט אויף אים איז ער אחולה אזוא וויא איין קראנקער וואש ער קען ניט עסין און טרינקען דרום איז דאש איין חולה רעה דרום זאגט שלמה המלך מיט זיין חכמה איש אשר יתן לו האלהים עושר וכבוד ולא ישליטנו האלהים לאכול ממנו זה הבל וחלי רע איז קשה וואש שטייט ולא ישליטנו האלהים גאט מאכט אים דרויף ניט גיוועלטיגין איז דאך ניט אין זיין רשות אלא עס זאל שטיין ולא יעזבנו האלהים ער לאזט אים ניט וואלשטו אזו גיזאגט נאר ולא ישליטנו הייסט ווייל ער האט גיזעצט דרויף דעם רעה און ער האט איין אחיזה אין דעם אזו לאזט אים הקב"ה ניט אז ער זאל אים צוא ברעכן הינטר זיך און דרום אז דער רעה האט דרינן איין אחיזה זיינן זיינע וועגן ווי אקראנקר ער האט ניט קיין מאכט צו גינעהגן צו זיין געלט ער גיט גאר ניט אויס דר פון ביז ער גייט אוועק פון דר וועלט און עס קומט דר הער פון דעם געלט און מען גיט עס אים אפ דרום שרייבט שלמה המלך עושר שמור לבעליו לרעתו ווער עס זיינן דיא בעלים פון דעם געלט דר ירשת עס און ווארום איז דר זוכה דער צו ווייל דר ערשטר האט גיגלויבט דעם רעה און האט אים גיפאלגט דרום שטייט לרעתו ווייל דר רעה האט גיהאט ביז אהער דריבער צוא שאפן דרום איז דאש עשירות גיהיט גיווען צו דעם אנדרין:

שלש פעמים בשנה וגו' איש כמתנת ידו כברכת ה' אלהיך אשר נתן לך זאגט רבי שמעון ווער עס פרייט זיך אין דיא ימים טובים אליין און גיט ניט צוא קיין עני הייסט ער איין רע עין און דער שונא איז אויף אים אזו לאנג מקטרג ביז ער איז אים מעביר פון דר וועלט און ברייגנט אויף אים כמה צרות וואס דען איז דר חלק פון הקב"ה אז ער גיט צו דעם עני וועדליג זיין פאר מעג איז כדי ער זאל זיך אויך משמח זיין דען די צייט קומט הקב"ה צו זעהן זיינע עניים דיא צו בראכנע כלים און אז ער זעהט אז זיי האבן זיך ניט מיט עפס משמח זיין און קיינר איז זיי ניט משמח אזו גייט ער ארויף און וויל חרוב מאכן די וועלט אזו קומן די ישיבה פר הקב"ה און זאגן רבונו של עולם דו ווערשט דאך אן גירופן רחום וחנון זיי מגלגל דיין דר ברימקייט אויף דיינע קינדר זאגט הקב"ה צו זיי די וועלט וויישט דאך וואול אז איך האב די וועלט בשאפין מיט חסד זיא זאל דורך דעם איין קיום האבין אזוא וויא עס שטייט עולם חסד יבנה און אויף דעם שטייט דיא גאנצע וועלט אזו זאגין דיא מלאכים דער מענטש האט דאך גיגעסן און גטרונקן און פר מאגט צו טאן גוטש מיט ארימע לייט און גיט זיי פארט גאר ניט מיד תיכף קומט דער מקטרג און נעמט רשות ער זאל דעם מענטשן נאך יאגין צו טאן שלעכץ דען וואו איז נאך גיוועזן אזו איין מכניס אורח ווי אברהם אבינו און אז ער האט גימאכט איין סעודה אזו וויא עס שטייט ויגדל הילד ויגמל אז ער האט אנטווינט צוא יצחק און האט גירופן אלע

גרוישע לייט מיט אלע שרים אויף דר סעודה און מיר האבן גילערינט בשעת דער מענטש מאכט איין שמחה קומט דר מקטרג און זעהט אויב דר מענטש האט גיטאן חסד מיט ארימע לייט און זיינן אין זיין הויז גייט ער אוועק און אויב ער האט ניט גירופן קיין ארימע לייט אויף דער סעודה און זייא האבן פון אים גאר ניט נהנה גיוועזן מען האט זיי פריער אויך ניט גירופן מען זאל זיי מחיה זיין מיט עסין און טרינקען גייט ער ארויף און איז אויף דעם מענטשין זייער מקטרג ווערט ער גישטראפט דר פר און אז אברהם האט גימאכט די סעודה האט זיך דר שטן גישטעלט אויף דער טיר אזוא וויא איין ארימן און עס האט קיינר אויף אים ניט אכטונג גיגעבן דען אברהם האט דר לאנגט צו דעם טיש וואס ביי אים זיינן גיזעסן מלכים ושרים און אונזער מוטער שרה האט אן גיזייגט אלע קינדר פון די שרות וואס זיינן גיקומן אויף דר סעודה זייא האבן בכונה ניט גיבראכט זייערע אן זייגערינש צו פרובין שרה אויב זיא קען זייגן קינדר ווארום זייא האבן דאך ניט גיגלייבט אז שרה האט גהאט איין זון אויף דר עלטער צווא נייַנציג יאר דרום שטייט מי מלל לאברהם היניקה בנים שרה שטייט בנים פיל קינדר דען זיא האט פיל קינדר פון די שרות אן גיזייגט און איבר דעם האט זיא אויך קיין השגחה ניט גהאט ווער עס שטייט ביי דר טיר מען זאל אים געבן עסין און טרינקען מיד תיכף וויא דר שטן האט דאש דר זעהן אז מען גיט אויף אים גאר ניט אכטונג איז ער ארויף גיגאנגן און האט מקטרג גיוועזן פאר הקב"ה און זאגט רבונו של עולם דוא האשט גיזאגט אברהם אוהבי ער איז דיין ליב האבר וואס ער היט דיינע מצות לסוף האט ער גימאכט איין סעודה און האט קיין רחמנות גיהאט דער פון צוא געבין דיא ארימע לייט ער זאל זיי מחיה זיין און האט נאך ניט מקריב גיוועזן אפילו איין טויב זיא זאל זיין לריח ניחוח פר דיר און זיין ווייב שרה זאגט נאך צחוק עשה לי אלהים דוא האשט פון איר איין גישפעט גמאכט דער מיט וואש דוא האשט איר גיגעבן איין קינד אויף דר עלטר זאגט הקב"ה צו אים עש איז בוודאי גיט פאר האנדין אויף דער וועלט

נאך אזו איין צדיק וויא אברהם · דער שטן האט אבר ניט אפ גלאזט זיין קטרוג און האט אזו לאנג מקטרג גיוועזן ביז ער הט מבלבל גיוועזן דיא גאנצע סעודה מיט גאר דיא שמחה ביז הקב"ה האט גיהייסן צו אברהם ער זאל מקריב זיין דעם זון יצחק פאר א קרבן עולה און אויף שרה איז נגזר גיווארן זיא זאל שטארבן איבער דעם צער וואש זיא וועט דער שראקין ווערין איבער דיא עקידה פון יצחק דאש האט אלץ גורם גיוועזן ווייל זייא האבין ניט מהנה גיוועזן פון דער סעודה צוא דיא ארימע לייט · היינט דארפין מיר פאר שטיין ומה דאך אברהם אבינו מיט זיין גרוישע צדקות איז אים דער סוף אזוא אויש גיגאנגען איבער דער עבירה איז דאך שוין מכל שכן צו אנדרע פראסטע מענטשין וואס פאר איין עונש קען זייא דער פאר גרייכן · ווייא צוא די מענטשין פון דער וועלט וואש זיי גיבין ניט אכטונג אז די גאנצע וועלט האט מער קיין קיום ניט נאר דורך דער תורה דרום זאגט דער פסוק שלש פעמים בשנה דרייא מאל אין יאר זאלשטו גיזעהן ווערין אין ירושלים און פריער שטייט והיית אך שמח מען זאל זיך פרייען אז עס קומט יום טוב און מען זאל צו דיא קינדר פון הקב"ה דאס הייסין די ארימע לייט אפ געבין זייער חלק איש כמתנת ידו ווערליג דאס פאר מעג פון איטליכן מענטשין כברכת יי אלהיך אשר נתן לך אזו וויא דיא ברכה וואס דוא האשט בקומען פון הקב"ה און אויב חלילה דוא וועסט דאס ניט מקיים זיין שטייט תיכף אין דר אנדרר סדרה שופטים ושוטרים דער שוטר דאס מיינט מען דעם שטן אזוא וויא אויבין שטייט כמה פעמים וועט ער בריינגען אויף דיר שוטרים ער וועט דר וועקן דיינע עבירות און דינים מקטרג זיין אויף דיר און דאס וועשטו דיר אלץ אליין גורם זיין דרום שטייט תתן לך וועסטו אליין אויף דיר געבן · דרום זאל איטליכר מענטש נזהר זיין אז ער מאכט איין שמחה זאל ער דיא ארימע לייט אויך משמח זיין מיט עסין און טרינקען ווערליג זיין פר מעג דר פאר וועט ער גיבענטשט ווערין פון הקב"ה מיט אלע ברכות וכל טוב אמן:

שופטים ושוטרים שלמה המלך האט גיזאגט אין משלי דרכיה דרכי נועם די וועגן פון דיא תורה מאכין שלום אונ דיא וועלט איז אויך וואָרין בשאפין מיט שלום · דען גאט האט דעם הימיל באשאפין פון פייער אונ וואשער · אונ דאש איז גיוויש דאש פייער אונ וואשער קענען אין איינעם ניט זיין נאר גאט האט צווישין זיי שלום גימאכט · אזוא וויא אין פסוק שטייט עושה שלום במרומיו גאט מאכט שלום אין זיינע הימלען אונ דר נאמן פון גאט איז שלום אזו וויא אין פסוק שטייט ויקרא לו יי שלום אונ דיא ישראל הייסין שלום ווייל זיי דינן גאט אונ האבין די תורה מקבל גיוועזן אזו איז שלום צוא זייער גוף אונ צוא זייער נשמה · דען ווען דר מענטש לערינט תורה גיט אים גאט גיזונט אין גאר זיין גוף · אזו וויא אין פסוק שטייט ולכל בשרו מרפא צו גאר זיין לייב איז די תורה איין היילונג · אונ די נשמה קומט אין איר רעכט אָרט דורך דר תורה אונ מצות · אזו וויא אין פסוק שטייט תורת יי תמימה משיבת נפש דיא תורה פון גאט מאכט אום קערין דיא נשמה אין איר אָרט אריין · אונ די שמונה עשרה לאזט זיך אויש מיט שלום אונ די קרבנות לאזין זיך אויש מיט שלום ולשלמים · אונ ווען מען איז גיגאנגען אין איין מלחמה אנטקעגן די עובדי כוכבים האט מען אן גיהויבין מיט שלום · אויב זיי האבין גיוואלט שלום מאכין האט מען זיי ניט גטאן · אונ אפילו ביי די מלאכים אין הימיל טוט גאט שלום מאכין צווישן זיי אזו וויא אין פסוק שטייט המשל ופחד עמו עושה שלום במרומיו המשל הייסט מיכאל ווייל ער איז דער העכשטער מלאך וואש גיוועלטיגט איבר אלע מלאכים אונ ער טוט תפלה אויף ישראל · אונ פחד איז גבריאל אונ גאט מאכט שלום צווישן זיי · אונ אפילו די מתים דארפין שלום האבין · אזו וויא אין פסוק שטייט ואתה תבוא אל אבותיך בשלום דוא וועשט שטארבין אונ וועשט קומן צו דיינע עלטערן בשלום אונ דרום האט דיא תורה גיזאגט שופטים ושוטרים מען זאל זעצין דיינים · דען אזו וויא דורך שלום האט די וועלט אקיום אזו אויך דורך משפט האט דיא וועלט איין קיום · דען ווען עס וואלט קיין משפט ניט גיוועזן · אזו וואלט איינער דעם אנדערין בגזלת אָדער ער וואלט אים נהרגת · אונ דיא דיינים אונ דיא ראשים מאכין שלום אין דער וועלט · אונ דרום האט די תורה גישטעלט די מצוה פון דיינים זעצין לעבין דר מצוה פון שלש רגלים · דאש ווייזט אונז דאש אום יום טוב קומען מענטשין צו קריג ווייל זיי זיינען פאר טרונקען · דרום האט די תורה גיהייסין מאכין דיינים זיי זאלין אויף זעהען מען זאל צו קיין עבירה ניט קומן פון דעם טרינקען אונ פריילעך זיין · אונ דרום זאל מען זעצין אזעלכע דיינים וואש חנפנן ניט · אונ עש זאלן זיין דריי דיינים כדי ווען צוויי וועלין זיך ניט קענען פאר גלייכין זאל דער דריטער מכריע זיין צווישין זייא · ווייל מיט אים ווערט איין רוב אויף איין זייט · אבער איינער אליין טאר ניט משפטין דען אפילו גאט משפט ניט אליין · אזו וויא אין פסוק שטייט וכל צבא השמים עומדים עליו אלע מלאכים פון דעם הימיל שטייען אויף דער רעכטער זייט אונ אויף דר לינקער זייט פון גאט צוא משפטין די וועלט · אונ ווען מען האט גידארפט משפטין איינעם אויף מיתה זיינען גיזעסין דריי אונ צוואנציג דיינים די האבין גיהייסין סנהדרי קטנה וואש איז גוועזן אין איטלעכער שטאט · אונ אין ירושלים איז גיזעסן איין אונ זיבעציג דיינים די האבן גיהייסין סנהדרי גדולה · אונ דער גרעסטער פון זיי האט גיהייסין נשיא · ער איז צום ערשטין גיזעסין · אונ עש איז איין גרוישע מצוה רעכט צו משפטין דען ווען מען משפט רעכט אויף דר ערד איז ניט דא קיין דין אין הימיל דאש גאט שטראפט אים ניט אונ דער בארימט זיך איבער דעם מענטשין ווייל מען

האט אין אים איין משפט געטאן אויף דער ערד · אבר ווען מען משפט ניט רעכט אויף דר ערד אזו איז דא משפט אין הימיל דאש גאט אליין טוט איין משפט אין דעם מענטשן לא תטה משפט דו זאלשט ניט אויף נעמן דיינים וואש חנפנן אונ ביגין אוועק דעם משפט · אונ ער זאל ווישן אלע דינים ער זאל קיין עם הארץ ניט זיין דען דר וואש נעמט אויף איין דיין איין עם הארץ איז גלייך וויא ער אליין האט פאלש גימשפט · אונ דיא תורה האט דר ביי אן גישריבן לא תטע לך אשרה דו זאלשט ניט פלאנצין קיין לינדין בוים צוא דר עבודת כוכבים · דאש לערינט אונז ווען איינר נעמט אויף איין דיין וואש ער איז ניט פרום איז גלייך וויא ער האט גידינט עבודת כוכבים · אונ דרום גלייכט ער דעם דיין צו איין לינדין בוים צו ווייזין דאש אזו וויא איין לינדין בוים איז הויך אונ שיין אבער ער טראגט קיין פירות ניט · אזו זיינען אמייל דיינים זיי זיינען זייער שיין אונ שטעלין זיך פרום אבער אין הארץ זיינען זייא פאלש · אונ דרום זאגט דער פסוק דוא זאלשט ניט פלאנצין קיין לינדין בוים ביא דעם מזבח [illegible]יל די דיינים זיצין ביי דעם מזבח · לא תכיר פנים דר דיין זאל ניט זאגין צו איינעם ער זאל זיך זעצין אונ דעם אנדערין זאל ער לאזין שטיין דען ער ווערט פאר שעמט ווערין אונ ווערט ניט קענען רעכט טענין · אונ דו זאלשט קיין שוחד ניט נעמען אפילו רעכט צוא משפטין · דען ווען מען נעמט שוחד איז ניט מיגליך מען מוז פאלש פסקענען דען דאש הארץ נייגט נאך נאך דעם וואש האט שוחד גיגעבין · צדק צדק תרדוף דו זאלשט נאך יאגין דאש גירעכטיקייט מיט דיין ריידין · דוא זאלשט מיט דיין מויל ניט אנדערש ריידין וויא דוא האשט גיטראכט אין הארצין · ביי דער שטול פון שלמה המלך איז גיווען זעקס שטאפלען אונ אז שלמה איז אויף איר ארויף גיגאנגען אז ער איז גיקומן אויף דעם ערשטין שטאפיל האט מען פאר אים אויש גישריען לא תטה משפט · ביא דעם אנדערין שטאפיל האט מען אויש גישריען לא תכיר פנים ביי דעם דריטן שטאפיל האט מען אויש גישריען לא תקח שחד · ביא דעם פערטין שטאפיל האט מען אויש גישריען לא תטע לך אשרה · ביי דעם פינפטין שטאפיל האט מען אויש גישריען לא תקים לך מצבה · ביא דעם זעקסטין שטאפיל האט מען אויש גישריען · לא תזבח שור · דו זאלשט ניט מקריב זיין איין בהמה מיט איין מום · ובערת הרע מקרבך דוא זאלשט אויש ראמען דאש בייז פון צווישין דיר דאש מען זאל די רשעים טייטן אונ אויש ראמען אזו וויא מען ראמט אויש חמץ דרום שטייט ובערת אזו וויא ביי חמץ · צו ווייזין מען זאל נאך זוכין אין איטליכער שטאט צוא זעהען אויב מען טוט קיין עבירות ניט אזו וויא מען זוכט נאך חמץ צו מבער זיין אונ דרום שטייט מקרבך גלייך וויא עש שטייט מקרובך פון דיינע קרובים · צוא ווייזין דאש אפילו דיינע קרובים זאלשט ניט חנפנן ווען דו זעהעשט פון זייא עפעש בייז · ודרשת היטב דוא זאלשט רעכט אויש פארשטין די עדים אויב זיי זאגין אמת · דו זאלשט זיי ניט באלד גלויבין אונ דורך איין עד זאלסטו קיין משפט ניט טאן · אונ דיא עדים האבין צום ערשטין אן גיהויבין דעם מענטשין צו פאר שטייניגען ווען ער איז חייב מיתה גיווארין אונ דר נאך האבין כל ישראל אים פאר שטייניגט · כדי איטליכער זאל זעהן וויא מען ברייניגט אום דעם וואש טוט עבירות אזו ווערין זיי זיך פארכטין צו טאן עבירות · ובאת אל הכהנים ווען איינער האט איין משפט אדער איין איסור והיתר צוא פרעגין זאל ער קומען צו דיא כהנים ווערין זיי אים זאגין דעם דין · אל השופט אשר יהיה בימים ההם אדער צום שופט וואש ווערט זיין אין דיינע טעג · איז קשה ווער איך דען גיין צו דעם שופט וואס ניט אין מיינע טעג ·

דרום

דרום לערנען די חכמים דר פון אף דאש דר פסוק ווייזט מיר דו זאלשט דעם שופט פון דיין דור חשוב האלטין · חאטשע ער איז ניט אזו חשוב וויא דער שופט וואש פריער איז גיווען זאלשטו אים דאך כבוד אף געבן · שום תשים עליך מלך דו זאלשט דיר מאכין איין מלך כדי צוא פאר שניידין דעם נאמען פון עמלק איי מען וועט בויען דאש בית המקדש · אונ חאטשע די ישראל האבין ניט גידארפט קיין מלך דען גאט איז זייער מלך · נאר גאט ווייסט די דעה פון ישראל דאש זייא וועלין צום סוף איין מלך באגערין דרום האט גאט גיזאגט נעמט אייך איין מלך נאך אייער דעה נאך · אונ דעם מלך האט מען גימוזט ערלאך האלטין מען האט ניט גיטארט רייטין אויף זיין פערד מען האט ניט גיטארט זיצין אויף זיין שטול מען האט ניט גיטארט אן טאן זיין קרוין · אונ אלע זיינע קליידר אונ כלים האט מען ניט גיטארט ניצין · אונ ער האט ניט גיקענט מוחל זיין אויף זיין כבוד · אונ אז ער איז גישטארבין · האט מען זיינע קליידער אונ כלים פאר ברענט · אונ קיינער האט ניט גיטארט נעמען זיינע קעבט אונ דינשט מוידין נאר איין אנדערער מלך פון ישראל · אונ זיין ווייב איז אסור גיווען צוא נעמן · אונ ווען אפילו איין נביא איז גיקומן צום מלך האט ער גימוזט שטיין אונ בוקין זיך צום מלך · אשר יבחר יי אלהיך בו דר פסוק לערינט אונז דאש אלע שררות שאפט איז פון גאט אונ אין זיין כח · אזוא וויא אין פסוק שטייט לך יי הגדולה והגבורה דאש איז טייטש צו דיר גאט איז דאש שררות שאפט אונ די גמרא זאגט אויף דעם פסוק אפילו די קלענסטע שררות שאפט וואש דר מענטש האט איז אלין פון גאט · אונ ווער עש האלט זיך הויך מיט שררות שאפט דער מוז יונג שטארבין · אזו וויא מיר גיפינען ביא יוסף הצדיק דאש ער איז גישטארבין פאר זיינע ברידער ווייל ער האט זיך הויך גיהאלטין מיט שררה שאפט · אונ דאש האט דיא תורה מרמז גיווען אין דעם פסוק שום תשים עליך מלך דאש ווייזט דאש דאש שררה שאפט איז איין סם חיים צו דעם וואש פירט זיך רעכט מיט זיין שררה שאפט לשם שמים · לא ירבה לו סוסים דר מלך ישראל זאל זיך ניט האלטין וויא אנדערע מלכים אונ אזו וויא זייא זאמלען זיך איין פיל פערד אונ גאלד אונ זילבער אונ ווייבער · דאש זאל דר מלך ישראל ניט טאן ער זאל זיך ניט פאר לאזן אויף פיל פערד אדער פיל גאלד · נאר דער מלך ישראל האט גימוזט ביא זיך איין ספר תורה האבין צו לייענען אין איר אלע צייט צו פארכטין זיך פאר גאט · אונ דער פסוק זאגט ער זאל ניט איין זאמלען פיל פערד כדי ער זאל ניט אום קערין דאש פאלק קיין מצרים · דען דיא בעסטע פערד קומען פון מצרים · אונ די ישראל זאלין ניט גיין קיין מצרים כדי זיי זאלין זיך ניט ווידער לערנן זייערע בייזע מעשים · אבער די מצוה איז נאר גיבאטין גיווען אין יענער צייט אבער היינט אין די דורות מעג מען וואונען אין מצרים דען עש זיינען גרוישע קהילות אין מצרים · אונ אויב דיא תורה וואלט פאר באטין ביז אייביג וואלטין אונזערע חכמים גיווערט צו וואונען אין מצרים אונ וואלטין איין חרם גיגעבין מען זאל ניט וואונען אין מצרים · דרום מוז זיין דאש עש איז מער ניט פאר באטין גיווען נאר אין יענער צייט · אונ אויך האט דער מלך ניט גיטארט פיל ווייבער האבין נאר אכצעהען כדי זייא זאלין אים ניט איבער רידין צוא בייזין · דען אדם הראשון האט איין ווייב גיהאט אונ זיא האט אים איבער גירעט צוא בייזין · מכל שכן ווען ער וועט פיל ווייבער האבין וועלין זיי אים בוודאי אן רידין צו בייזין · אונ ער האט ניט גטארט פיל געלט האבן כדי ער זאל ניט שווער מאכין אויף ישראל מיט מסים אונ וועט זיך וועלין אוצרות מאכין ·

דען דאש עשירות איז גיגליכן צוא פייער
וויא מער האלץ מען לייגט דרויף אזו מער
ברענט עס · אזו אויך איז דר מענטש האט
ער מער געלט גילושט ער נאך מער געלט ·
אונ שלמה המלך איז גיווארין גישטראפט
אין דיא אלע דרייא זאכין ער האט איין
גיזאמילט פיל פערד פערציג טויזינט שטאלן
אונ האט גינומן זיבין הונדרט רעכטע ווייבר
אונ דריי הונדערט קעפש ווייבר · אונ האט
איין גיזאמילט זילבער אין ירושלים אזו וויא
גרויסע שטיינער אונ האט זיך פאר לאזין
אויף זיין חכמה אונ האט גיטאן אנטקעגין
דר תורה · דרום האט ער גיזינדיגט מיט די
אלע דריי דאש די ווייבר האבן אים גימאכט
זינדיגין · אונ דורך דעם געלט אונ דורך די
פערד האט ער זיך הויך גיהאלטין · הוא ובניו
דר זון פון דעם מלך זאל ירשנן דיא מלוכה
אונ מען דארף אים ניט צוא זאלבין מיט
אייל ווייל ער איז ווארין גיבארין פון איין
מלך איז ער שוין הייליג · אונ חאטשע מען
האט שלמה גיזאלבט מיט אייל דאש איז
גיוועזן פון קריג וועגין ווייל דער זון פון דוד
וואש האט גיהייסין אדוניה בן חגית האט
גיוואלט איין מלך זיין נאך זיין פאטערש
טויט · דרום האט דוד גיהייסין מען זאל
שלמה זאלבין פאר איין מלך · לא יהיה לכהנים
הלוים חלק ונחלה דר פסוק זאגט דאש אזו וויא
דער מלך טאר ניט פיל גאלד אונ זילבער
האבין אזו אויך זאלין די כהנים ניט האבין
קיין פיל עשירות נאר זייא זאלין זיך פאר
לאזין אויף גאט · אונ זאלין טאן זייער
עבודה אין בית המקדש אזו וועלן זיי האבן
גינוג צוא עסין · אונ ער זאל ניט באגערין
קיין עשירות דען עש וועט אים מבטל זיין
פון גאטש דינשט · אונ אויך דיא תלמידי
חכמים וואש זיינען אין איטליכין דור זיינען
אויף דעם ארט פון די כהנים אונ זאלן אויך
קיין עשירות ניט באגערין נאר צוא לערנען
תורה אונ צוא פסקנן שאלות אזו וויא דיא



כהנים האבין גיפסקנט · אונ דרום איז מען
מחויב צו אויש האלטין די תלמידי חכמים
זייא זאלין קענען תורה לערנען · אונ דרום
האט מען די כהנים די דרייא זאכין גיגעבין
די זרוע אונ די קין באקין אונ דעם מאגין
פון איטליכע בהמה · ווייל פינחס האט מיט
זיין האנט דר שלאגין דעם נשיא איבר זנות
אונ האט איין נקמה גיטאן פון גאטש וועגין
דרום גיט מען די כהנים די זרועות פון די
בהמות · אונ ווייל פינחס האט תפלה גיטאן
מיט זיין מויל וואש דרינען זיינען דיא קין
באקין דאש דיא מגפה זאל אויף הערין פון
ישראל · דרום גיט מען די כהנים דיא קין
באקין פון דיא בהמות · אונ ווייל ער האט
גישטאכן דעם נשיא מיט דר זונה אין זייערע
גידערים דרום גיט מען די כהנים דעם מאגין
פון די בהמות · לא תלמד לעשות מען טאר ניט
לערנען צו טאן כישוף אבער צו לערנן מען
זאל ווישין דיא טבע פון כישוף מעג מען ·
דען די סנהדרין האבין גימוזט קענן כישוף
כדי זייא זאלין קענען רעכט משפטין · דען
טאמער וועלין זיין אטייל פון ישראל וואש
וועלן טאן פיל בייז אונ וועלין זיך פאר לאזן
דאש זיי וועלין מאכין מיט כישוף מען זאל
זיי ניט קענען דר טרינקען אין וואשר אדר
פאר ברענען · דרום האבין די סנהדרין גמוזט
קענען כישוף · מעביר בנו ובתו באש די תורה
האט אונז פאר באטין פון צו דינען עבודת
כוכבים דען אטייל אומות פלעגין זייערע זין
אונ טעכטער פאר ברענען אין פייער צוא
זייער עבודת כוכבים · אונ זיי האבין צוויי
פלאקערין אויף צוויי זייטין גילייגט אונ האבן
זייער ערשטע קינד דורך דעם פייער דורך
גיפירט ביז דאש קינד איז ווארין פאר
ברענט · אונ ער האט גימיינט דאש דורך
דעם וועלין אים אלע זיינע קינדער לעבין
וואש ער וועט ווייטער האבין · אונ דער
מלך אחז דר פאטער פון חזקיה האט אויך
זיינע קינדער דורך דעם פייער דורך גיפירט

צו פאר ברענגן · דרום האט די מוטר פון חזקיה אים גישמירט מיט דעם בלוט פון דר חיה וואש הייסט סלמנדריא דאש ווער עש שמירט זיך מיט דעם בלוט קאן אים קיין פייער ניט טאן · קוסם קסמים מען טאר ניט טאן קיין כישוף · מען זאל נעמן איין שטעקן אין דר האנט אונ מען זאל טרעפין אויב ער זאל גיין אין דעם ארט וואש ער באגערט אדער ניט · מעונן מען טאר קיין כישוף ניט טאן מען זאל זאגין אין דעם טאג איז גוט ארויש צו גיין אין וועג אונ אין דר שעה איז גוט איין מלאכה אן צו הויבין צו טאן מנחש ער זאגט דאש ברויט איז אים ארויש גיפאלן פון דר האנט ווייזט דרויף · דער הירש איז אים איבער גילאפין ווייזט דרויף · וחובר חבר ער זאמילט איין מיט כישוף פיל שלאנגען צו אנאנדער אדער פיל שדים ושואל אוב אונ דר וואש ברייננגט אויף איין מת פון זיין קבר אונ רעט מיט אים אונ דער מת זאגט אים וואש עס ווערט זיין וידעוני עש איז פאר האנדן איין חיה וואש הייסט ידוע אונ מען נעמט פון איר איין ביין אונ מען לייגט אים צו איין מויטין אין מויל זאגט דער ביין וואש מען באגערט צו ווישין ודורש אל המתים דאס איז דער וואש לייגט זיך אויף דעם בית הקברות צו ווישין דיא מתים אונ פייניגט זיך מיט תעניתים אונ שלאפט אויף דעם בית הקברות כדי עס זאל אויף אים רוען איין רוח הטומאה · אונ אז רבי עקיבא איז גיקומען צו דעם פסוק האט ער גיוויינט אונ האט גיזאגט ווען איינער לייגט זיך אויף דעם בית הקברות רועט אויף אים איין רוח הטומאה ווייל ער האט זיך גיפייניגט אונ האט זיך מטמא גיוועזן מכל שכן ווען איין מענטש פייניגט זיך מיט תעניתים אונ האלט זיך בטהרה דארף גיוויש איין רוח הקודש אויף אים קומען אונ מיר זיינען ניט זוכה עס זאל אויף אונז רוען דער רוח הקודש ווייל מיר זינדיגין אליין · תמים תהיה עם יי אלהיך דו זאלסט זיין גאנץ מיט גאט זאלסט ניט נאך גיין נאך כישוף נאר פאר לאז דיך אויף גאט ער ווערט דיר העלפין · אונ זייא גאנץ מיט דיין הארץ דו זאלסט מיט דעם מויל ניט אנדערש ריידין וויא אין הארצין איז · אונ גאט ווערט דיר געבין נביאים דאש זיי ווערין דיר אלין אמת זאגין · אבר די מכשפים זאגן אפט ליגין דרום האט די תורה בייא כישוף אן גישריבין די דינים פון נביאים שלש ערים תבדיל דו זאלסט אפ שיידין דריי שטעט עס זאל אהין אנטלופין דער רוצח וואש האט גיהרגת איין מענטשין אום גערין · דר פסוק לערינט אונז דאש עס איז ערגער דער וואס מאכט זינדיגין זיין חבר מער וויא ער זאל אים הרגנען · ואם ירחיב יי אלהיך את גבולך אונ אז גאט ווערט דר ברייטערין דיין גבול אין דיא צייט פון משיח זאלסטו נאך שטעט מאכין פאר ערי מקלט דען דענשט מאל וועלין די ישראל מער זיין · אונ מיר גיפינען אין דער גמרא איין מעשה דאש וויא אז נאך אונזערע אבות זיינען גיוועזין אין ארץ ישראל האט איינער גירימין אויף איין פערד אום שבת האט מען אים גיבראכט צום בית דין אונ מען האט אים פאר שטיינט האטשע אויף דער עבירה קומט קיין סקילה ניט נאר ווייל די לייט זיינען גיוועזן אויש גיבראכין אין דער זאך דרום האט מען אים גיהרגת כדי דיא איבעריגע זאלין שוין מורא האבין צו טאן די עבירה · אונ נאך איין מעשה דאס איינער איז גיוועזן ביי זיין ווייב בייא טאג אונטער איין פייגן בוים פאר אלע לייט האט מען אים מלקות גישלאגין האטשע עש קומט דער פאר קיין מלקות ניט נאר כדי דיא לייט זאלין מורא האבין דאס צוא טאן · אונ נאך איין פשט איז ובערת הדם הנקי דו זאלסט אויס ראמען דאס ריינע בלוט דאס איז ווען דוא וועשט דעם רוצח איין רעכטין משפט געבין אזו ווערט ער איין כפרה האבין אויף זיין עבירה אונ ווערט

קומען ריין אויף יענער וועלט אבער ווען די וועשט אים ניט הרגנן אזו ווערט ער ניט ריין קומען אויף יענער וועלט אונ מען וועט אים דארטין שטראפין אזו וועט אים ערגער זיין. פון דאנען זאל מען אפ לערנן דאש בית דין זאל קיין רחמנות ניט האבין אויף די רשעים פון צוא שטראפין זיי. דען דורך דעם וואש מען איז זיי מבייש אונ מען שטראפט זיי אויף דר וועלט האבין זיי איין כפרה אונ קומען ריין אויף יענער וועלט. אזוא וויא מיר גיפינען איין מעשה ביי רב עמרם דאש מען האט צוא אים גיבראכט גיפאנגענע ווייבער צו אויש לייזן זיי. האט זיא רב עמרם אויש גילייזט אונ האט זייא גילאזט ביי זיך אין איין אויבער שטיביל אונ האט צו גינומען דעם לייטער. האט רב עמרם פון אונטין גיזעהען אאשה לייכט מיט איר שיינקייט. איז אים אן גיקומען דער יצר הרע האט ער גינומען דעם לייטער וואש צעהען מענטשין האבין אים ניט גיקאנט טראגין אונ ער האט דעם לייטער אליין צו גישטעלט אונ איז ארויף גיגאנגען ביז אין האלבין לייטער אונ האט אן גיהויבין צו שרייען איין פייער ברענט ביי רב עמרם. זיינען גיקומען דיא שכנים צו לעשין דאש פייער אונ זיינע תלמידים זיינען אויך גיקומן אונ האבין צו אים גיזאגט רבי דוא האסט אונז פאר שעמט אונ איין חרפה אן גיטאן האט רב עמרם גיענטפערט עש איז בעסער איר זאלט אייך בעסער שעמען אויף דער וועלט איי איר זאלט אייך מערער שעמען אויף יענער וועלט דען דורך דעם פאר שעמען האב איך איין כפרה אויף מיינע עבירות אונ ער האט באשווארין דעם יצר הרע ער זאל פון אים ארויש גיין איז ער ארויש גיגאנגען אזוא וויא איין פייעריגע זייל האט רב עמרם צו אים גיזאגט זעה דוא ביסט פייער אונ איך בין בלוט אונ פלייש אונ איך האב דיך בייא גיקומען פון דער

מעשה קען מען אפ לערנן דאש מען זאל פאר שעמען דיא וואש זייא טוען עבירות כדי זיי זאלין האבין איין כפרה אויף יענער וועלט ועמדו שני האנשים אשר להם הריב לפני יי דער פסוק ווייזט ווען איין מענטש שטייט פאר דיינים זאל ער שטיין מיט מורא גלייך וויא ער שטייט פאר גאט דען ווען מען משפט רעכט איז גאט אויך דער ביי אזו וויא אין פסוק שטייט בקרב אלהים ישפוט דאש איז טייטש גאט איז אויך ביי דעם משפט צווישן די דיינים לא תסיג גבול רעך דוא זאלסט ניט פאר רוקין דעם גבול פון דיין חבר דאש דו זאלסט ניט צו נעמען איין שטיק פלאץ פון דיין חבר'ש ערד. אונ דרום קומען פיל קריג דאש דיא שכנים קריגין זיך אלע צייט פון פלאץ וועגין אונ מען מוז דיינים אונ עדות האבין דריבער דרום האט די תורה נאהנט בייא מסיג גבול אן גישריבין דעם דין פון עדות אונ דיינים דאש מען זאל דיא עדות משפטין אז זיי האבין פאלש עדות גיזאגט מיט דעם וואש זייא האבין גיוואלט זייער חבר מחייב זיין. אונ אויב זיי האבן גיוואלט איין מענטשין אום בריינגן מיט זייער פאלש עדות זאגין אזו זאל מען זיי אום בריינגן. דהיינו ווען זייא האבין אויף איין מענטשין עדות גיזאגט דאש ער האט מחלל שבת גיוועזן אדער אנדערע עבירות גיטאן וואש מען איז חייב מיתה דרויף אונ זייא זיינען וואורין גיפונען ליגנערש זאל מען זייא טייטין אזו וויא אין פסוק שטייט ועשיתם לו כאשר זמם לעשות לאחיו איר זאלט די עדות טאן אזו וויא זיי האבין גיוואלט זייער חבר טאן אבער אז מען האט שוין דעם מענטשין גיהרגת דורך זייער עדות אונ דער נאך זיינען זייא אפ גילייקנט גיווארין דורך אנדערע עדות האט מען זיי ניט גיטאן ווייל מען האט שוין דעם מענטשין גיהרגת דען גאט שיקט ניט צו צו דיינים זייא זאלין אום זיסט איין מענטשין הרגנן אונ ווען זיי האבין אים גיהרגת איז

ער

אַז גיוויש חייב מיתה גוועזן דורך איין אנדר עבירה דען דר רוח הקודש איז גיוועזן אויף די סנהדרין זייא האבין קיין מענטשין אום זיסט ניט אום גיבראכט דרום האט מען דיא עדות ניט גיטאן · אונ אטייל חכמים זאגין דרום האט מען דיא עדים ניט גיהרגת ווען דער מענטש איז וואָרין גיהרגת ווייל מען קען זאגן ווער זאגט מיר דאש די הינטערשטע עדים זאגין אמת טאמער זאגין די ערשטע עדים אמת אבער אז דער מענטש לעבט נאך גלויב איך בעסר די הינטערשטע עדים ווייל זיי זיינען דרייא מיט דעם מענטשין אונ די ערשטע עדים זיינען נאר צווייא אדער דרום האט מען דיא עדים ניט גיהרגת דער ווייל דאש איז גיוואוסט דאש די מיתה פון דעם בית דין איז איין כפרה אונ די עדות האבין איין גרויסע עבירה גיטאן דאש דורך זייער עדות האט מען איין אום שולדיגין מענטשין גיהרגת דרום האט מען זייא ניט גיהרגת כדי זיי זאלין קיין כפרה ניט האבין אבער ווען מען האט נאך דורך זייער עדות דעם מענטשין ניט גיהרגת אזוא איז זייער עבירה נאך ניט זייער גרויש דרום האט מען זיי גיהרגת כדי זייא זאלין איין כפרה האבין

שמע ישראל הערט ישראל איר גינעהנט היינט צו מלחמה האלטין מיט אייערע פיינט דרום ווער עש האט אויש גיבויט איין נייע הויז אונ האט נאך דרינען ניט גיוואונט זאל ער זיך אום קערין אהיים דען טאמער וועט ער שטארבין אין דער מלחמה אונ איין אנדער מענטש וועט דאש הויז באנייען · אונ ווער עש האט איין נייע ווייב גינומען אונ האט נאך מיט איר ניט גיוואונט זאל ער זיך אויך אום קערין אהיים · אונ אויך ווער עש האט איין נייעם ווייען גארטין גיפלאנצט אונ האט נאך פון אים ניט גיגעסין קיין פירות דר זאל זיך אויך אום קערין אהיים · אונ ווער עש האט איין ווייך הארץ אונ שרעקט זיך פון וועגין זיינע עבירות דער זאל זיך אויך אום קערין אהיים דאש ער זאל ניט מאכין צוא גיין דאש הארץ פון דעם פאלק אזו ווייא זיין הארץ אונ דאש די ישראל זאלין ניט אום קומען פון זיינע עבירות וועגין · אונ דרום האט די תורה אן גישריבין מען זאל אהיים גיין פון וועגין דיא זאכין כדי דער מענטש זאל זיך ניט שעמען צוא גיין אהיים פון וועגין זיינע עבירות דען מען וועט מיינען ער גייט אהיים פון וועגין איין הויז אדער איין ווייען גארטין אבער אז מען זאל מער ניט אהיים גיין נאר פון וועגין עבירות אזוא וואלט זיך דער מענטש גישעמט ווייל איטליכער וואלט גיוואוסט דאש ער האט עבירות גיטאן אונ די תורה איז אויסין מען זאל קיינעם ניט מבייש זיין חאטשע ער האט גיזינדיגט · אונ מען זאל זעהען דאש שלום איז איין גרויסע מצוה דען ווען אפילו איין מלחמה איז גיוועזן אויף די אומות האט מען צום ערשטין זיי אן גימוט צו שלום · אונ יהושע האט דרייא בריב גישיקט צוא דיא אומות איי ער האט מיט זייא מלחמה גיהאלטין די ערשטע בריב איז גיוועזן ווער עש וויל שלום זאל קומען · אזו איז צו אים גיקומען די אומה גבעונים אונ האבין מיט אים שלום גימאכט · אונ דר אנדערער בריב האט ער גישריבין דער וואש וויל ארויש פון דעם לאנד ארץ ישראל דער מעג ארויש גיין אזו איז ארויש דיא אומה גרגשי פון ארץ ישראל די דריטע בריב איז גיוועזן ווער עש וויל מיט אונז מלחמה האלטין דר זאל זיך אן ברייטין צו דער מלחמה אזו האבין זיך איין גיזאמילט איין אונ דרייסיג מלכים פון די אומות אונ האבין מלחמה גיהאלטין מיט יהושע

כי האדם עץ השדה די תורה זאגט דוא זאלסט ניט אפ האקין איין בוים וואש וואקסט אויף אים פירות דען דו קאנסט פון אים עסין ובפרט ווען דו קומשט פאר איין שטאט צו מלחמה האלטין אונ עש שטייען בוימער פאר דער שטאט זאלסטו זיי בוודאי

ניט אפ האקן כדי דו זאלסט פון זיי קענען עסן אונ דוא טארשט ניט אפ האקן פון אים קיין צווייג אונ דרום גלייכט דר פסוק דעם בוים צו איין מענטשין דען אזו וויא דער מענטש האט אין זיך איין כח צוא וואקסן אזו הט אויך דר בוים כח צו וואקסן אונ אזו וויא דער מענטש האט קינדער אזו האט דר בוים פירות ׃ די חכמים זאגין ווען מען האקט אפ איין בוים וואש וואקסט אויף אים פירות שרייט דר בוים אונ מען הערט זיין קול פון איין עק וועלט צו דר אנדערער אונ די תורה האט אן גישריבין כי תצא למלחמה לעבין כי ימצא חלל באדמה ווען דוא וועסט גיפינן איין טויטין מענטשין אויף דעם וועג וואש מען האט אים גיהרגת אונ מען ווייסט ניט ווער עס האט אים גיהרגת צוא ווייזן דאס צוא צייטין האט איין ישראל שנאה גיהאט אויף זיין חבר אונ האט זיך אין אים ניט גיקענט נוקם זיין סיידין זייא זיינען גיגאנגען אין איין מלחמה אויף דיא אומות אזו האט ער אים דענסט מאל גיהרגת מען זאל מיינען די אומות האבין אים גיהרגת ׃ דרום האט די תורה גיהייסין די זקנים פון דר שטאט זאלין זיך צוא נויף גיין אונ זאלן רעכט גיוואר ווערין אויב ער האט ניט גיהאט איין שונא פון ישראל ׃ אונ די זקנים האבין גינומען איין קאלב אונ מען האט דאש קאלב גיהרגת אויף אזו איין ארט וואש מען האט ניט גיאקערט אונ מען האט אויף דעם ארט אייביג ניט גיטארט אקערין כדי מען זאל גידייקען דאש איין רציחה איז דארטין גישעהען טאמער וועט מען גיוואר ווערין ווער דער רוצח איז אונ דיא כהנים האבין גיזאגט כפר לעמך ישראל דוא זאלשט פאר געבין צו דיין פאלק ישראל אונ ווען די ישראל זיינען אין דעם דור פרום גיוועזן אזו איז דאש קאלב גיגאנגען אין דעם הויז פון דעם רוצח אונ מען האט דורך דעם גיוואוסט ווער דר רוצח איז אונ מען האט אים גיהרגת אבער אז דאש דור איז ניט פרום גיוועזן איז דאש קאלב ניט גיגאנגען אזו האט מען דאש קאלב גיטייט אין דעם טאל אונ איין ווארים איז ארויש גיגאנגען פון דעם גוף פון דעם קאלב אונ איז גילאפן אין דעם הויז פון דעם רוצח אונ האט אים גיהרגת דרום זאל זיך דער מענטש היטין צו טאן ביז דען מען קען זיך פאר גאט ניט באהאלטין אין דר גאנצער וועלט אונ וייל דער רוצח האט דעם מענטשין גיהרגת וואש ער האט אין זיך דרייא נשמות אונ כוחות איינש איז וואש ער האט אין זיך איין כח פון א בהמה צו עסין אונ צו גילוסטין אנדרע זאכין ׃ דאש אנדערע האט ער אין זיך איין כח פון איין בוים דאש ער וואקסט אזו וויא איין בוים ׃ דאש דריטע האט ער אין זיך שכל וויא מלאכים ׃ דרום ווען מען האט איין הורג גיפונגען האט מען דרייא זאכין גיטאן מען האט איין קאלב גינומען דאש איז אנטקעגין דעם כח וואש דער מענטש האט אין זיך פון איין בהמה ׃ אונ מען האט דאש קאלב גיטייט אויף אזו איין ארט וואש עס איז דרויף ניט גיוואקסין דאש איז אנטקעגן דעם וואש דער רוצח האט דעם מענטשין גיטייט דאש ער קאן שוין מער ניט וואקסן ׃ אונ די כהנים האבין איבער דעם קאלב פיל רייד גירעט אין זייער תפלה ׃ כפר לעמך ישראל ידינו לא שפכו דאש איז אנטקעגין דער נשמה וואש אין מענטשין איז וואש דורך איר קען דער מענטש ריידין אונ האט שכל וויא דיא מלאכים דרום האבין די זקנים גמוזט תפלת טאן צוא גאט זיי זאלין גיפינען דעם רוצח אונ זיי האבין גיזאגט אין זייער תפלה מיר האבין דעם מענטשין ניט גיזעהן אונ מיר זאלין אים קיין ברויט ניט געבין אויף דעם וועג אונ מיר זאלין אים ניט באליטין דאש לערינט אונז די תורה מען זאל קיין אורח ניט ארויש לאזין פון דעם הויז ביז מען גיט אים מיט ברויט אונ אנדערע שפייז אונ מען

זאל אים באלייטין אזו וועט דער אורח זיין באהיט דעם דאזיגין וועג אונ די כהנים האבן גיזאגט כפר לעמך ישראל פאר גיב צו דיין פאלק ישראל וואש לעבין אשר פדית דאש מיינט מען די מתים וואש ווערין אויש גילייזט דורך דר צדקה וואש מען גיט פאר זייא · פון דאנגען לערנען מיר אפ דאש מען זאל צדקה געבין פאר די מתים · אונ דרום איז מען מזכיר נשמות אום יום טוב אונ מען גיט צדקה פאר די מתים כדי זיי זאלין דורך דעם איין כפרה האבין · אונ אויך אז מען זאגט קדיש אויף פאטער אונ מוטער לייזט מען זיי אויש פון דעם גיהנם אזו וויא די גמרא זאגט אין מסכת כלה עש איז גיוועזן איין מעשה דאס רבי עקיבא האט באגעגינט איין מענטשין וואש האט גיטראגן איין גרוישע משא האלץ אויף זיך האט רבי עקיבא אים גיפרעגט ווארום ארבעטסטו אזו שווער ענטפערט דר מענטש איך האב אויף דר וועלט פיל עבירות גטאן אונ איצונד מוז איך אלע טאג האלץ טראגן צוא פאר ברענגען מיך דרום זאם מיך ניט ווארום די מלאכי חבלה וועלין מיך שלאגין מיט פייעריגע ריטער דר פאר · פרעגט אים רבי עקיבא האסטו איין זון גילאזט אויף דער וועלט · האט דר מענטש גיזאגט מיין ווייב איז מעוברת גיוועזן אז איך בין גישטארבין · איז רבי עקיבא גיגאנגען אין זיין שטאט אריין אונ האט נאך גיפרעגט אויף זיין ווייב אונ קינדער האבין די לייט צו אים גיזאגט ווארום פרעגשטו אויף זיין ווייב אונ קינדר ער איז גיוועזן איין גרוישער רשע איז רבי עקיבא גיגאנגען אין זיין הויז אונ האט גיווארט ביז זיין ווייב האט גיוואונגן אונ רבי עקיבא האט דעם זון גינומן אונ הט אים מגדל גיוועזן אונ האט אים גילערנט צו זאגין קדיש אונ ברכו אזוא האט זיך דער מענטש ווידער באוויזין צו רבי עקיבא אונ האט אים גידאנקט וואש ער האט אים אויש גילייזט מיט דעם קדיש פון גיהנם :

# הפטרת שופטים

אנכי אנכי הוא מנחמכם איך גאט בין אייער טרייסטער דו בישט איין גרוישע צדיקות אונ פול מיט זכיות אונ ווארום זאלשטו מורא האבין פר איין מענטשן וואש ער מוז שטארבן אונ איז גיאכט וויא איין גראז ותשכח יי עושך אונ דו האסט פאר געסין דעם גאט וואש האט דיך בשאפין אונ האט בשאפין הימיל אונ ערד אונ האשט דיך ניט פאר לאזט אויף אים · אונ דו האשט מורא דעם גאנצין טאג פאר דעם צארן פון דיין באצווינגר אונ וואש איז זיין צארין מארגין קאן זיין דאש ער זאל שטארבן אונ זעה דאש דער מענטש איז גאר נישט וואש דוא האשט מורא פאר אים מהר צועה להפתח ער מוז איילין זיין יציאה צו האבין כדי ער זאל ניט שטארבין אונ מוז ווידר זעהן דאש זיין ברויט זאל ניט גימינערט ווערין כדי ער זאל ניט שטארבין ואנכי יי אלהיך אונ איך בין דיין גאט וואש האט גימאכט איין שרומפין דעם ים האטשע זיינע אינדין האבין גישטורעמט גאט דער האר איבער אלע חילות איז זיין נאמן אונ ווארום זאלט איר זיך ניט פאר לאזין אויף גאט ואשים דברי בפיך אונ איך האב גיטאן מיינע רייד פון נביאות אין דיין מויל אונ מיט דעם שאטין פון מיין האנט האב איך דיך צו גידעקט צו דר האלטין אייך וואש אויף אייך איז גיזאגט איר זאלט זיין אזו וויא די שטערין פון דעם הימל אונ וויא די שטויב פון דר ערד אונ צו זאגין צו די וואש וואונען אין ציון דו בישט מיין פאלק · זאגט ישעיה התעוררי התעוררי דער וועק דיך דו שטאט ירושלים אונ שטייא אויף וואש דוא האשט גטרונקען פון גאטש האנט דעם כוס פון זיין גרים צארין דו האשט דעם כוס אוים גיזויגן כלומר דו האשט גינוג צרות גיהאט אין גלות אין מנהל לה מכל בנים ילדה עש איז ניט דא קיין פירער צו איר פון אלע קינדער וואש זיא האט גיוואונען אונ זיא האט קיינעם ניט זיא אן צו נעמען אין איר האנט פון אלע קינדער וואש זיא האט דער צויגין שתים הנה קראותיך דיינע צרות זיינען טאפיל ווער קען דיך באקלאגין אונ דאש זיינען די טאפעלע צרות דאש רויבונג אונ דאש ברעכעניש אונ דער הונגער אונ דיא שווערד מיט וואש פר איין אומה קען איך דיך

ירושלים טרייסטין איך זאל זאגין די אומה האט אויך אזו גיהאט בניך עולפו דיינע קינדער זיינען פאר חלשות גיווארן אונ זיינען גילעגין הפקר אין אלע גאסין אזו וויא דער ווילדר אקס איז הפקר אז ער איז אין דער נעץ אונ זיי זיינען פול מיט דעם צארין אונ גישרייא פון גאט אונ ווייל דו האשט שוין מקבל גיוועזן אין פורעניות אויף דיינע זינד דרום שמעי נא זאת עניה הער צו דוא ארימע שטאט ירושלים דוא בישט שיכור פון וועגין צרות אונ ניט פון וויין כה אמר אדוניך יי אזו האט גיזאגט גאט דיין האר דאש ער וועט זיך קריגין די קריג פון זיין פאלק ישראל מיט די עובדי כוכבים וואש האבין זייא שלעכין גיטאן אונ איך גאט האב צו גינומען פון דיין האנט דעם כוס התרעלה די הייבין פון מיין צארין וועסטו מער ניט טרינקן ושמתיה ביד מוגיך אונ איך וועל דעם כוס טאן אין דער האנט פון די עובדי כוכבים וואש האבין דיך גימאכט צו גיין וואש האבין גיזאגט צו דיין לייב בייג דיך איין אונ מיר וועלין איבער דיר איבער פארין אונ דוא האשט גיטאן דיין רוקין אזו וויא די ערד אונ אזו וויא איין מארק וואש מען פארט איבער אים כלומר דו האשט סובל גיוועזן זייערע צרות עורי עורי לבשי עוזך דר וועק דיך אונ קלייד זיך אן דיין שטארקייט דו שטאט ציון טוא אן דיינע שיינע קליידער דוא הייליגע שטאט ירושלים דען דיא עובדי כוכבים וועלין מער ניט קומען אין דיר התנערי מעפר קומי שבי ירושלים שאקיל דיך אפ פון דיין אש וואש דו בישט דרינען גיזעסין אונ האשט גיטרויערט אונ שטייא אויף אונ זעץ דיך אויף איין שטול דו ירושלים בינד אויף דיא בינד רימען פון דיין האלז דוא גיפאנגענע שטאט ציון כי כה אמר יי דען אזו האט גאט גיזאגט איר זייט אום זישט גיווארין פאר קויפט צו דיא עובדי כוכבים נאר איבער אייערע עבירות אזו וועט איר אן געלט אויש גילייזט ווערין נאר דורך תשובה • כי כה אמר יי אלהים דען אזו האט גיזאגט גאט דער האר די מצרים זיינען ניט אזו שולדיג וואש זיי האבין גיארבעט מיט ישראל ווייל ישראל האבין גינידערט צום ערשטין קיין מצרים צו וואונען דארטין אונ די מצרים האבין זיי גישפייזט אבער אשור האט אום זישט גירויבט די ישראל ועתה מה לי פה נאום יי אונ איצונד וואש האב איך דא צו נאמען

מיינע קינדער ישראל דאש מיין פאלק איז ווארין גיפאנגען אום זישט אונ זיינע גוועלטיגר טוען זיך בארימען דאש מיט זייער כח האבין זייא ביי גיקומען דיא ישראל אונ איין גאנצין טאג ווערט מיין נאמען דער צערינט לכן ידע עמי שמי דרום וועל איך מיין פאלק ישראל אויש לייזין דאש זיי זאלין ווישין מיין נאמען לכן ביום ההוא דרום אין דעם טאג פון דער גאולה וועלין זיי ווישין דאש איך בין דער וואש האט גירעט אונ מבטיח גיוועזן אויף דער גאולה אונ האב מקיים גיוועזן מיין הבטחה מה נאוו על ההרים רגלי מבשר וואש פאר איין שיינקייט איז אויף דיא בערג די פיס פון דעם מבשר וואש וועט מאכין הערין שלום אונ וועט מאכין הערין גוטש אונ וועט זאגין צו ציון דיין גאט האט גיקיניגט קול צופיך יחדו ירננו דאש קול פון דיינע זעהערש וואש שטייען אויף די מויערין צו זעהען אויב דער מבשר קומט אן דיא וועלין אלע מיט אנאנדער זינגען אונ לויבין גאט דען באשיינפערליך וועלין זייא זעהען גאטש גבורות אז ער וועט אום קערין זיין שכינה קיין ירושלים פצחו רננו יחדו חרבות ירושלים עפינט אייער מויל אונ זינגט מיט אנאנדער איר חורבות פון ירושלים דען גאט האט גיטרייסט זיין פאלק ישראל אונ האט אויש גילייזט דיא שטאט ירושלים חשף יי את זרוע קדשו גאט האט אנפלעקט זיין הייליגע האנט פאר די אויגין פון די פעלקר אונ אלע פעלקר וואש זיצין אין עק ערד וועלין זעהן די הילף פון אונזר גאט • סורו סורו צאו משם קערט אייך אפ אונ גייט ארויש פון דעם גלות אונ טוט אייך ריינגין איר כהנים אונ לוים וואס איר האט גיטראגין גאטש כלים פון דעם משכן אין דר מדבר כי לא בחפזון תצאו דען ניט איילנדיג וועט איר ארויש גיין פון גלות אונ ניט מיט לויפין וועט איר גיין ווארום גאט וועט גיין פר אייך אונ אייער איין זאמלר וועט זיין דער גאט פון ישראל דר וועט גיין הינטער אייך צו היטין אייך פון דיא וואס יאגין אייך נאך דרום וועט איר ניט דארפין איילענדיג ארויס גיין פון דעם גלות • די גמרא זאגט אין פסחים עס איז שווער דאש שפייזן פון איין מענטשין אזו וויא דעם ים שפאלטין אזו וויא אין דער הפטורה שטייט ולא יחסר לחמו אונ דר נאך שטייט רוגע הים גאט האט איין גישטרומפין אונ גישפאלטין דעם ים :

לא יקום עד אחד באיש על פי שנים עדים או שלשה עדים
וגו׳ די מצוה איז גיזאגט גיווארן אויף דעם מענטשין וואס ווייסט איין עדות צו זיין חבר זאל ער גיין צוא דעם בית דין אונ זאגן דאש עדות כדי ער זאל ניט שארן האבן דורך אים קיין געלט אונ עס איז ניט פאר האנדין קיין שום עדות ווינציגר פון צוויי עדות דרום שטייט על פי שנים עדים דרום האבין דיא חכמים גיזאגט ווער זיינן די עדות פון דעם מענטשן פר הקב״ה אויף אלע זיינע מעשים · דיא ווענט פון זיין שטוב זאגן אליין אויף אים עדות אונ ניט דאש אליין נאר די קורות ביתו זאגין אויך עדות אונ ווער זיינן די קורות ביתו דאש זיינן די קירות לבו זיינע מחשבות פון זיין הארץ זאגן אלע עדות אזו וויא עס שטייט ביי חזקיה המלך ויסב חזקיהו פניו אל הקיר האבין די רבנן גיזאגט חזקיה האט מתפלל גיוועזן פר הקב״ה מקירות לבו אנשי ביתו וועלין אויך אויף אים עדות זאגן דאש מיינט מען די רמ״ח אברים פון דעם מענטשין זאגין עדות אויף אלע זיינע מעשים אזו וויא דיא חכמים האבין גיזאגט אז ביי דעם רשע זיינען זיינע עבירות אויס גקריצט אויף זיינע ביינער אזו אויך ביי איין צדיק זיינען זיינע זכיות אויש גיקריצט אויף זיינע ביינר זייא זאלן אויף אים מלמד זכות זיין דרום האט דוד המלך גיזאגט כל עצמותי תאמרנה אלע מיינע ביינר מוען לויבין צו הקב״ה אונ זאגין אויף מיר עדות דרום האבן מיר גילערינט אז דיא קורות ביתו פון דעם מענטשין זיינען זיינע עדות דאש מיינט מען דיא ביינער וואש זיי ליגין אויף דעם מוח פון דעם מענטשן אזו וויא איין באלקן ליגט אויף דר שטוב דען דר מוח איז אזו וויא וואשר דרויף שטייט המקרה במים עליותיו דאש איז טייטש לשון באלקן · אונ ווארום איז נאר די עבירות אויש גיקריצט אויף דיא ביינער אונ ניט אויף דעם פלייש ווייל דיא ביינער זיינען ווייס זעהט זיך דרויף בעסר אן איין כתב איידר וויא אויף איין אנאנדר זאך אזו אויך איז די תורה אינעווייניג ווייס אונ פון דרויסין איז זיא שווארץ אונ ניט דאש אליין נאר דער גוף מיט דיא ביינר וועלין לעתיד אויף שטיין לתחיית המתים אונ דרום איז אלץ אויס גיקריצט אויף די ביינר צו ווייזן אז זייא וועלן האבין איין זכיה וועלן זייא אויף שטיין לתחיית המתים · עש איז פאר האנדין

נאך צוויי עדות אויף דעם מענטשן עין רואה ואוזן שומעת דיא אויגן מיט די אויערן זיינן אויך צוויי עדות אונ דאש בית דין שרייבט אלץ אויף אין איין בוך אונ איז דן דעם מענטשן אויף אלץ דינג אונ דיא זון מיט דר לבנה זיינן אויך צוויי עדות אזו וויא די חכמים זאגן עס שטייט תקעו בחודש שופר בכסה ליום חגנו בכסה איז טייטש צו גידעקט דאש מיינט מען אז עס קומט ראש השנה אזו קומט דר ס״מ פר הקב״ה אונ בגערט מען זאל משפטין דיא ישראל הייסט הקב״ה ברייננן עדות אויף זיינע ריד אזו ברייננט ער די זון אונ וויל ברייננען דיא לבנה אויך בהאלט זיא זיך פר אים אונ גייט ארויף אויף דעם ארט וואש דרויף איז גיזאגט גיווארין במכוסה ממך אל תחקור עש איז זייער איין הויך ארט זיא בעט דארטן רחמים אויף די ישראל דרום שטייט בכסה דאש מיינט מען דיא לבנה ווערט פאר דעקט אויף איין ארט וואש ער קען זיא ניט גיפינען:
כי תצור אל עיר ימים רבים להלחם עליה רבי פנחס איז גיגאנגן זיך זעהן מיט זיין טאכטר וואס וויא איז גיוועזן די מוטר פון רבי אלעזר וויא איז זייער קראנק גיוועזן האט ער גידימן אויף איין אייזיל אונ די חברים זיינן נאך גיגאנגן צוא פוס האט ער בגעגינט צווייא ערביים פרעגט ער זיי האט זיך אייך איין מאל ניט גיטראפן איר זאלט הערין איין קול אויף דעם פעלד זאגן זיי צו אים עס איז איין מאל גיוועזן גזלנים וואש פלעגין בגזלען אלע עוברי דרכים · איין מאל האבין זיי באגעגינט איין חבורה פון יהודים אונ האבן זייא גיוואלט הרגנן דר ווייל האט דאש אייזיל פון דיא יהודים אן גיהויבן צו שרייען עש איז אזו גיוועזן צוויי מאל האט דאש אייזיל גישריען איז גיקומען אפלאם פייער מיט דעם קול אונ האט די גזלנים פר ברענט זיינען דיא יהודים ניצול גיווארין זאגט רבי פנחס צו זייא ערביים מיט דער זאך וואש איר האט ערשט דר ציילט זייט איר ניצול גיווארן פון אנדערע גזלנים וואש האבין אויף אייך גלויערט · הייבט אן רבי פנחס צו וויינן אונ זאגט רבונו של עולם דיא יהודים האשטו גיטאן איין נס פון מיינט וועגן אונ איך האב דש גאר ניט גוואוסט ער הייבט אן צו זאגן עש שטייט לעושה נפלאות גדולות לבדו כי לעולם חסדו וויא פיל טובות וואש הקב״ה טוט מיט די מענטשין אונ זיי ווייסן גאר

גיט פון זייא נייערט הקב"ה אליין ווייסט · איין
מענטש גייט אין וועג אונ גזלנים לויערין אויף
אים זיי זאלן אים הרגענן אזו באקומן זייא איין
אנדרין אונ הרגענען אים לייזט ער אויש יענעם
מענטשין פון דעם טויט אונ דר מענטש ווייסט
גאר ניט פון דער טובה וואש הקב"ה האט מיט
אים גיטאן נאר הקב"ה אליין ווייסט דער פון
דרום · שטייט לעושה נפלאות גדולות לבדו קיינער
ווייסט ניט די נפלאות חוץ פון הקדוש ברוך
הוא אליין זאגט רבי פנחס צו דר חבריא חבריא
איך האב גיפרעגט די ערביים זיינען דאך תמיד
עוסק אין פעלד אויב זיי האבן גיהערט דאש
קול פון דיא חברים וואש זיינען עוסק בתורה
דען רבי שמעון מיט רבי אלעזר מיט דר גאנצר
חבריא גייען פר אונז אונ זיי ווייסן דר פון ניט
אז מיר קומן אן צוא זייא אונ דריבר האב איך
גיפרעגט צוא דיא ערבים אויף זיי ווארום איך
ווייס אז דאש קול פון רבי שמעון מאכט ציטערן
די בערג מיט די פעלדר האבן זיי מיר מגלה
גיוועזן וואס איך האב ניט: גיוואוסט אזוא וויא
זיי גייען קערין זיך ווידער דיא ערבים אום אונ
זאגן סבא סבא דו האשט אונז גיפרעגט אויב
מיר האבין פון לאנג ניט גיהערט איין קול אונ
אויף היינט האשטו אונז גאר ניט גיפרעגט דען
מיר האבין היינט גיזעהען איין גרוישע המיה
איינע איבר דער אנדרע מיר האבן גיזעהען
פינף מענטשין זיינן גיזעסן אונ איין אלטר צווישן
זיי האבין. מיר גיזעהן עופות השמים האבן זיך
איין גיזאמילט. אונ האבין פאר שפרייט זייערע
פליגיל אויף זייער קאפ דיא עופות זיינען אוועק
גיגאנגען אונ אנדרע זיינן אן גיקומן אונ האבן
גימאכט איבר זייער קאפ איין שאטן אונ דער
שאטין איז ניט אוועק פון זייער קאפ אונ דער
זקן האט גירעט אונ זייא אלע האבין אים צוא
גיהערט זאגט רבי פנחס ערביים ערביים אויף
דעם האב איך אייך גיפרעגט יהי רצון איר
זאלט גיין אייער וועג אונ אייער וועג זאל אייך
זיין אן גיברייט אין אלעמן וואס איר בדארפט
צוויי זאכין האט איר מיר גזאגט איך בין זיך
מיט זיי משמח זיי גייען אוועק זאגן די חבריא
צוא רבי פנחס וויא אזוא וועלן מיר ווישין דאש
ארט וואו רבי שמעון רוט זאגט רבי פנחס לאזט
גיין מיין אייזיל אליין זיא ווייש אליין דעם וועג
האבין זיי דאס אייזיל ניט גיפירט נייערט זייא

האבן עש גילאזט אליין גיין אונ דאס אייזל איז
ארויש גיגאנגן פון דעם וועג צוויי תחום שבת
האט דאס אייזיל אן גיהויבן צו שרייען דרייא
מאל האט רבי פנחס אראפ גינידערט אונ זאגט
צו דר חבריא מיר וועלן זיך אן ברייטן צו מקבל
זיין דאש הייליגע לויטערע פנים דען איצונד
גייען זיי ארויש: אנטקעגן אונז · דר ווייל האט
רבי שמעון דר הערט דאש קול פון דעם אייזיל
זאגט רבי שמעון צו דר חבריא וואס זיינן מיט
אים גיגאנגן לאמיר אויף שטיין דען דאש קול
פון דעם אייזיל פון דעם זקן החסיד האט זיך
דר וועקט צו אונז אזו איז רבי שמעון מיט דר
חבריא אויף גישטאנען הויבט רבי שמעון אן
שירו ליי שיר חדש כי נפלאות עשה דעם מזמור האבן
די פרות פון די פלשתים וואש האבין גיפירט
דעם ארון שירה גיזאגט זיי האבין גיזעהן כמה
שרים וכמה מדריגות וואס עס איז צוא זייא
אנטקעגן גיקומען האבין דיא קיא גיזאגט שירו
ליי שיר חדש וגו' ווארום ביי דער שירה פון משה
שטייט שירה לשון נקבה אונ דא שטייט שיר
לשון זכר אלא ביא משה איז נאר דער ארון
אליין גיגאנגען דיא כנסת ישראל מיט אירע
חיילות אונ ניט מער אבר דא איז גיגאנגן דער
ארון מיט דעם וואש עש איז דרינען בהאלטן
דאש איז דיא לוחות דרום שטייט לשון זכר
כי נפלאות עשה ער האט גיטאן נפלאות אין דיא
פלשתים · ומה דאך דיא פרות זיינען דאך ניט
גיוויינטליך גיוועזן מיט נסים נאר דיא שעה
האבין זיי גיזאגט שירה מכל שכן דר אייזיל פון
דעם זקן וואש ער איז גיוויינטליך מיט נסים
זאגט · בוודאי שירה ער זאגט ווייטער גרויסע
סודות דער ווייל האט ער דער זעהען רבי
פנחס קומט אן זיינען זיי גיקומען צו אים האט
רבי פנחס גיקושט צוא רבי שמעון אונ זאגט
דא האב איך גקושט דיין הייליגע מויל וואס
איז מבושם מיט אלערלייא בשמים פון דעם גן
של מעלה זיא זיינען זיך זייער משמח מיט
אנאנדר אונ זיצין וויא זיי זיצין אזוא זיינען אלע
עופות וואש זיי האבן איין צל גימאכט אוועק
גיפליגין אונ צוא שפרייט גיווארין אזו הויבט
אויף רבי שמעון זיין קול אונ זאגט איר עופות
השמים פר וואש זייט איר ניט משגיח אין דעם
כבוד פון אייער האר וואש ער איז דא אזוא
זיינען זיי אלע גיבליבן שטיין אויף זייער ארט

זיי זיינען ניט אַוועק גיפלויגן אָבער ניט צו גיגאַנגען זאָגט רבי פנחס זאָג זיי אַז זייא זאָלין צוריק גיין אויף זייער אָרט דען מען גיט זיי ניט קיין רשות אַוועק צו גיין ווייל דו האָסט גוזר גיוועזן זאָגט רבי שמעון איך ווייס אַז הקב"ה וויל אונז טאָן נסים עופות עופות גייט אייך אייער וועג אונ זאָגט צוא אייער ממונה וואָש איז ממונה איבער אייך אַז ביז אַהער זייט איר גיוועזן אין זיין רשות אונ איצונד זייט איר שוין ניט אין זיין רשות נאָר איך לייג דאָש אָפּ אויף אַנאַנדר זמן זיינען זיי אַלע אַוועק גיפלויגן דער ווייל זעהן זייא אַז דרייא בוימער זיינען מתפשט זייערע צווייגין אויף דרייא זייטין איבער זייא אונ איין קוואַל ברונין וואַסר טוט קוועלין פאַר זייא אַזוא פרייען זיך דיא גאַנצע חבריא אונ רבי שמעון זאָגט צו רבי פנחס אַגרוישין צער האָבין דיא עופות גיהאַט ביז אַהער אונ איין צער בעלי חיים באַגערין מיר ניט דען עש שטייט ורחמיו על כל מעשיו זאָגט רבי פנחס איך האָב זייא דאָך ניט מטריח גיוועזן נאָר אַז הקב"ה גיט איין מתנה צו אונז קענן מיר עס ניט מדחה זיין זייא זיצין אונטער דיא בוימער אונ טרינקען וואַסר אונ רבי פנחס זאָגט גרויסע הודות:

פתח ער הויבט אָן כי תצור אל עיר ימים רבים וויא גוט זיינען דיא וועגין פון דער תורה אין איטליכן וואָרט איז דאָ כמה גוטע עצות צו די לייט עש איז ניט דאָ קיין וואָרט אין דר תורה עש זאָל דרינען ניט זיין כמה אורות וואָס לייכטן בכל צד · דער פסוק איז לפי פשוטו אונ אין דרינען איז די חכמה עליונה מזהיר צו זיין ווער עש באַדאַרף וואָול צוא דעם חלק וואָש איז עוסק בתורה אַזו וויא דר פסוק זאָגט ובתורתו יהגה יומם ולילה דען דער וואָש איז עוסק אין דר תורה איז ער ניט וויא איין עץ יבש גייערט ווי איין בוים וואָש ער שטייט ביי וואַסער איז דאָ אין אים שרשים אונ מוח אונ קליפּן אונ צווייגן אונ בלעטר אונ פירות אונ בליאונג די זיבן מינים זיינען עולה לשבעים אַזוא אויך די דברי תורה דיא פשיטות פון דעם פסוק אונ די דרשות אונ רמז איז דרינען מרומז חכמה גימטריאות רזין טמירין רזין סתימין איינס איבר דעם אַנדרין פסול וכשר · טמא וטהור · אסור ומותר אונ דר נאָך זיינען זיך מתפשט דיא צווייגן לכל צד · קום אונ זעה וויא גליבט זיינן זיי פר הקב"ה די וואָש זיינן משתדל אין דר תורה דען אפילו אין דר צייט אַז דר דין איז שולט אויף דר וועלט אונ הקב"ה האָט גיגעבן רשות דעם משחית צו פאַרדאַרבן זאָגט אים הקב"ה אָן אויף דיא וואָס זייגען זיך משתדל אין דר תורה אונ אַזו זאָגט זיי הקב"ה כי תצור אל עיר ווען דוא וועסט בלעגרין איין שטאָט מחמת זייערע חטאים וואָס זייא האָבין פאַר מיר גיזינדיגט אינ זיי זיינען חייב בדין ימים רבים דאָש איז דריי טעג אַזוא וויא עש שטייט ואשה כי תזוב זוב דמה ימים רבים איז דאָך דר טייטש דריי טעג אַזוא דאָ מיינט מען אויך ווען ווערט דר קענט אַז עס איז איין מארד אין שטאָט אַז עש איז דריי טעג דורך אַנאַנדר זאָגט הקב"ה צום משחית · איך זאָג דיר אַז אויף מיין הויז גיזינד לא תשחית את עצה דער תלמיד חכם וואָש ער איז איין אילן החיים וואָש ער טראָגט פירות ער איז איין בעל עצה ער גיט איין עצה צו דר שטאָט אַז זייא זאָלין ניצול ווערין פון דעם דין אונ לערינט צו זייא די רעכטע וועג דרום זאָג איך דיר אַז דוא זאָלסט אים ניט פאַרדאַרבן לנדוח עליו גרזן צו שטויסין אויף אים דעם דין כי ממנו תאכל עסט דען דער מלאך המות פון אים נאָר עש איז דאָ איין מדריגה ביי הקב"ה וואָס ווערט גישפייזט פון דער תורה דאָס פון איר גייען אַרויש אַלע רוחות החזקות והקדושים דען עש איז קיין גרעשערע הנאה ניט דאָ צוא דעם רוח הקודש אַזוא וויא דיא תורה פון דעם תלמיד חכם הזכאי כביכול ער איז מפרנס די מדריגה מער פון אַלע קרבנות דען ביי קרבנות שטייט אכלתי יערי עם דבשי אכלו רעים דאָש זאָגט הקב"ה כביכול אויף דר הנאה פון קרבנות אונ זינט דאָס בית המקדש איז חרוב גיוואָרן זיינן דאָך די קרבנות בטל גיוואָרין אַזו האָט הקב"ה קיין גרעסערין נחת רוח ניט נאָר פון דער תורה לערנען דרום זאָגט ער כי ממנו תאכל דען דער תלמיד חכם איז מעורר איין מזון ושפע למעלה צו אַלע דרום זיי נזהר אין אים ואותו לא תכרות זאָלשט אים ניט פאַר שניידן כי האדם עץ השדה דאָש איז דר מענטש וואָש ער ווערט דר קענט למעלה ולמטה עץ השדה דער אילן הגדול פון דער שדה אשר ברכו יי דאָש איז דיא קדושה וואָש הייסט שדה דאָש פון דאָרטין קומן אַלע נשמות וואָס

די זיינן אזוא וויא עשב השדה דאש אלץ זאגט אן הקב"ה צו דעם מלאך המות המשחית אויף דעם תלמיד חכם דרום זיינן זיי זכאים די וואס זיינן עוסק אין דר תורה זיי זיינן אילנות גדולות בעולם הזה זעהט וואס הקב"ה האט אונז גטאן ער האט אונז גיפלאנצט די בוימר זכאה איז דר וועג פאר אונז אונ ניט איין בוים נאר דרייא בוימער וואש זיי שפרייטן די צווייגין לכל צד יהי רצון דאש די בוימר אונ דר קוואל ברונין זאל שוין פון דאנן ניט אפ גטאן ווערין אונ עד היום הזה שטייען זיי נאך דארטן די לייט רופן זיי נציבי דרבי פנחס בן יאיר דאש איז דאס פלנצונג פון רבי פנחס בן יאיר:

איש הירא ורך הלבב ילך וישוב לביתו זאגט רבי יוסי ווייל צו די לייט וואש זיי זיינן ניט מתפלל אין דר תורה ווייל צו זיי ווען הקב"ה וועט זייא תובע זיין בדין אויף זייערע מעשים אונ דר גוף מיט דעם נפש וועלן ביידע שטיין אפ געבין דין וחשבון אויף זייערע מעשים דעם טאג וואס דר נפש שייד זיך אפ פון דעם גוף איז איין יום הדין דיא סופרים זיינען פיל אונ די בעלי דינים שטייען· אין דעם טאג שטייט דר נחש ער זאל אים בייסין אונ אלע זיינע אברים טוען צוטערין אויף אים אונ בשעת די נשמה שייד זיך אפ פון דעם גוף גייט זיא ארום אונ שוועבט אונ ווייסט ניט אין וועלכן וועג זיא זאל גיין אונ צו וועלכן ארט זיא וועט קומען ווייל צו דעם דאזיגין טאג דען ער איז איין יום של רוגז ונאצה דרום גיהער איטליכער מענטש זאל זעהען צוא גידיינקען דעם טאג פון זיין שטארבין אונ מען וועט אים דן זיין פאר דעם מלך הקדוש אונ מען וועט אים אריין לייגין אין קבר אריין אונטר דר ערד ער זאל פאר פוילט ווערין אונ דיא נשמה וועט זיך פון אים אפ שיידין אונ מיר האבן גילערינט אז תמיד דארף דער מענטש אן רייצין דעם יצר טוב אויף דעם יצר הרע גייט דער יצר הרע תיכף פון אים אוועק איז גוט אונ אז ניט זאל ער עוסק זיין בתורה גייט ער נאך ניט אוועק פון אים זאל ער אים דר מאנען דעם יום המיתה איז דאך די קשיא דער יצר הרע איז דאך אליין דר מלאך המות וואש האט ער זיך צו פארכטין פר דעם יום המיתה אדרבה פון דעם יום המיתה האט ער נאך שמחה אונ דרום רעט ער איבר דעם מענטשין צו זינדיגין כדי ער זאל אים דורך דעם ממית זיין נאר דער פשט איז אזוא דער מענטש זאל זיך אליין דר מאנן דעם יום המיתה וועט דר יצר הרע פון אים אוועק גיין דען דער יצר הרע האט מער קיין שליטה ניט נאר דארטן וואו עס איז פר האנדן שמחה מיט גאוה אבער ווען דר מענטש האט איין צו בראכינע הארץ שייד ער זיך אפ פון אים קום אונ זעה דר יצר טוב האט ליב די שמחה פון תורה אונ דר יצר הרע האט ליב די שמחה פון וויין אונ פון ניאוף מיט גאוה דרום גיהער דער מענטש אלע מאל ציטערין פר דעם יום הדין הגדול דעם טאג האט ער קיין אנדר מגין ניט נאר די מצות ומעשים טובים וואש ער האט גיטאן אויף דער וועלט· קום אונ זעה עס שטייט ביי די ברידר פון יוסף וייראו האנשים כי הובאו בית יוסף זיי זיינן דאך גוועזן אזעלכע שטארקע גבורים אונ איין קליין קינד האט זייא אריין גיפירט צוא יוסף אין שטוב אריין האבין זיי זיך גיפארכטין איז דאך שוין אכל שכן ווען הקב"ה אליין וועט פירין דעם מענטשין צום משפט דארף ער זיך בוודאי זייער שרעקין דרום גיהער איטליכער מענטש נזהר זיין אויף דר וועלט זיך צו שטארקין אונ זאל איין בטחון האבין אין הקב"ה חאטשע ער האט גיזינדיגט אז ער וועט אבער טאן תשובה שלימה וועט אים הקב"ה פאר געבין דיא זינד אונ ווען ער שטארקט זיך אין הקב"ה איז גליך וויא ער האט גאר ניט גיזינדיגט דיא שבטים ווייל זייא האבין גיזינדיגט מיט דעם וואש זייא האבין יוסף פאר קויפט דרום האבין זייא זיך גיפארכטין אבער ווען זייא וואלטין ניט זינדיגין וואלטין זייא קיין שום מורא ניט גיהאט דען דיא עבירות פון דעם מענטשין צוא ברעכין דיא כוחות מיט דעם הארץ פון דעם מענטשין אונ ער האט קיין כח ניט זיך צו שטארקין איבר דעם יצר הרע דרום שטייט מי האיש הירא ורך הלבב ילך וישוב לביתו דער מענטש וואש פארכט זיך פר זיינע עבירות טאר ניט גיין אין דער מלחמה אריין אונ אז ער איז גיגאנגען מוז ער זיך אום קערין אהיים פון דער מלחמה· קום אונ זעה דיא עבירה פון דיא שבטים איז גיצייכינט גיוועזן לדורי דורות דען עס ווערט פון הקב"ה ניט פאר געסין

קיין

קיין שום זאך וואס דר מענטש טוט אויף דער וועלט מען ווארט אים כמה דורות ביז ער ווערט בצאלט אזו וויא אים קומט אזוא גיפינן מיר ביא חזקיה המלך ווייל ער האט גיוויזן דיא לוחות צו די שלוחים פון דעם מלך מרודך בלאדן אונ ער האט דאש ניט גיטארט טאן האט הקב"ה גישיקט צוא אים ישעיהו הנביא אונ האט אים גיזאגט דער פאר הנה ימים באים ונשא כל אשר בביתך ואשר אצרו אבותיך עד היום הזה עש וועט זיין איין צייט אז מען וועט אוועק טראגין אלע אוצרות פון דיין שטוב דאש מיינט מען אין גלות אריין זעה וואש דאש האט גורם גיוועזן ווייל ער האט מגלה גיוועזן אזוא איין זאך וואש זיא איז גיוועזן פאר הוילין דער פאר האט דער צד אחר שולט גיוועזן אין אזוא איין ארט וואש ער האט ביז אהער קיין שליטה ניט גיהאט דען אויף איין בהאלטענע זאך האט די טומאה קיין שליטה ניט אונ דרויף רועט דיא ברכה אונ אז ער האט זייא גיוויזן האט ער דאש אנפלעקט האבין זייא שוין גיהאט דרויף איין שליטה דרום שטייט כל מכבדיה הזילוה ווארום האבין זייא זיא פאר שעכט כי ראו ערותה ווייל חזקיה האט זייא גיוויזן אזוא איין זאך וואש ווערט ניט גיזעהען נאר ווייל חזקיה איז גיוועזן אגרוישר צדיק איז ער ניט גישטראפט גיווארין אין זיינע צייטין אזוא וויא עש שטייט כי יהיה שלום ואמת בימי אין מיינע יארין וועט זיין שלום ואמת איך וועל ניט גישטראפט ווערין דר פאר׳ אזוא אויך ביא דיא שבטים האט זייער משפט גיווארט ביז ער האט גיפונן איין שעה מען זאל זייא בצאלין דרויף דרום ווער עש פילט זיך אין עבירות זאל ער זיך אלע מאל פארכטין אזוא וויא דער פסוק זאגט ופחדת לילה ויומם דרום שטייט איש הירא ורך הלבב דער וואש פארכט זיך פאר זיינע עבירות ילך וישוב לביתו זאל ער באצייטין תשובה טאן איידער דער יום הדין הגדול קומט אן ער זאל גיין לביתו אויף יענער וועלט כדי ער זאל קענען קומען לשלום :

ולקחו זקני העיר ההיא עגלת בקר רבי חייא זאגט עש שטייט אין זכריה ויראני את יהושע הכהן הגדול עומד לפני מלאך יי והשטן עומד על ימינו לשטנו אין דעם פסוק באדארף מען אכטונג געבין יהושע הכהן הגדול מיינט מען יהושע בן יהוצדק לפני מלאך יי דאש איז איין ארט וואש אלע נשמות הצדיקים זיינן דארטין בצרור החיים והשטן דאש איז דר יצר הרע וואש ער שוועבט ארום אויף דער וועלט צו נעמן די נשמות אונ אויש ציהן דיא רוחות דאש איז גיוועזן בשעת נבוכדנצר האט אים אריין גיווארפין אין פייער מיט דיא נביאי השקר האט דער שטן מקטרג גיוועזן ער זאל אויך פאר ברענט ווערין מיט זייא דען דער יצר הרע איז נאר מקטרג בשעת הסכנה דען האט ער רשות צו טאן איין דין אפילו מען הייסט אים ניט אזו וויא עש שטייט ויש נספה בלא משפט איינער ווערט איין גיטאן אזוא אן משפטים לשטנו מיינט מען ער האט גיזאגט אדער אלע זאלין פאר ברענט ווערין אדער אלע זאלין ניצול ווערין דען בשעת מען גיט אים רשות איז ער ניט מבחין בין טוב לרע ציא איז דער מענטש איין צדיק אדער איין רשע דרום אז עס ווערט חלילה אין דער שטאט גיטאן איין משפט זאל דער מענטש אנטלויפן כדי ער זאל ניט נתפס ווערין מכל שכן דא איז ער גיוועזן אין איין סכנה ער זאל אויך פר ברענט ווערין אדער זייא זאלין אלע ניצול ווערין דען הקב"ה טוט ניט קיין נס אויף דער העלפט אדער איין האלבין משפט נאר אדער דורך דין אדער דורך איין נס אין גאנצין זאגט רבי יוסי טרעפט זיך דען ניט אז עש זאל גיטאן ווערין האלב פון דין אונ האלב זאל זיין דורך איין נס אזו וויא ביא קריעת ים סוף האט דאך הקב"ה גיטאן איין נס צו די ישראל אונ איין דין צו דיא מצרים זייא זיינען דער טרונקן גיווארין זאגט רבי חייא דאש איז באמת זייער שווער גיוועזן ווארום למעלה ווערט ניט גיטאן קיין שום זאך נאר בשלימות אדער איין נס אין גאנצין אדער דין דרום האט דער שטן מקטרג גיוועזן אז יהושע זאל אויך פאר ברענט ווערין ביז דער מלאך יי האט אים גיזאגט יגער יי בך השטן אויב דו וועשט פרעגין וויא שיקט זיך הקב"ה זאל אים זאגין יגער יי קום אונ זעה עש שטייט ביא משה ביא דעם

סנה

סנה וַיֵרָא מַלְאַךְ ה׳ אונ דער נאך שטייט וַיֵרָא ה׳ דען דער מלאך ווערט אן גירופין בשם רבו דרום האט דער מלאך ה׳ גיזאגט יִגְעַר ה׳ הקב״ה זאל אין דיר אן שרייען אונ האט ניט גיזאגט תַּנְנִי גּוֹעֵר איך שרייא אן אין דיר רבי שמעון איז גיזעסין אונ האט עוסק גיוועז אין דעם פסוק וְלָקְחוּ זִקְנֵי הָעִיר הַהִיא עֶגְלַת בָּקָר וְעָרְפוּ שָׁם אֶת הָעֶגְלָה בַּנָּחַל דער דין איז בייא דער עגלה ערופה מען זאל איר אפ האקין דעם קאפ מיט איין האק זאגט רבי אלעזר נאך וואש דארף מען אזו צו טאן הייבט אן רבי שמעון צו וויינען אונ זאגט וויא איז צו דער וועלט וואש גייען נאך נאך דעם יצר הרע אזו די וועלט קען דער פון ניט ניצול ווערין ביז דער מלך המשיח וועט קומען אויף דער צייט שטייט בִּלַּע הַמָּוֶת לָנֶצַח וּמָחָה ה׳ אֱלֹהִים דִּמְעָה מֵעַל כָּל פָּנִים וְאֶת רוּחַ הַטּוּמְאָה אַעֲבִיר מִן הָאָרֶץ אין דער צייט וועט דער יצר הרע בטל ווערין אבער איצונד שטייט ער אויף דר וועלט צו נעמען זייערע נשמות · קום אונ זעה עס שטייט כִּי יִמָּצֵא חָלָל בָּאֲדָמָה וגו׳ דען אלע נשמות פון דער וועלט ווערין צו גינומען דורך דעם מלאך המות אויב דוא וועסט וועלין מיינען אז דער חלל איז אים די נשמה אויס גיגאנגען דורך דעם מלאך המות עס איז ניט אזו נייערט דורך דעם מענטשין וואש האט אים גיהרגת איז אים די נשמה ארויש גיגאנגען פאר דער צייט דרום שטייט וְלָאָרֶץ לֹא יְכוּפַּר אונ ניט גינוג אז דער יצר הרע שטייט תמיד מקטרג צו זיין מכל שכן אז מען נעמט בייא אים צו די זאך וואש ער האט באדארפט טאן אונ נעמען די נשמה אונ ער האט אים גיגזילת וועט ער בוודאי אויף אים מקטרג זיין דרום האט השי״ת חס גיהאט אויף זיינע קינדער אונ האט גיהייסין מקריב זיין איין עגלה ערופה צו באוויליגין דער מיט אונ מתקן זיין דרום זאגין די זקנים יָדֵינוּ לֹא שָׁפְכוּ אֶת הַדָּם הַזֶּה מיר האבין ניט גורם גיוועזן דאש שפיכות דמים דער מיט קען ער שוין אויף זייא ניט מקטרג זיין אונ אויף אלעמען האט השי״ת גיגעבין איין עצה צו די לייט אז קיין קטרוג זאל אויף זייא ניט זיין דעסט גלייכין אום ראש השנה ויום כפור אז דער דין איז שולט אויף דער וועלט אזו שטייט דער מקטרג מקטרג צו זיין אזו מוזין די ישראל מעורר זיין מיט דעם שופר אונ מיט דעם קול השופר דער וועקין זייא ביז עש גייט ארויף ביז דעם מקום פון דעם כסא הכבוד פון דין אונ דער וועקט דעם רחמים אונ דורך דעם ווערט דער מקטרג מבולבל דען ער וויל מעורר זיין דין אונ די ישראל דער וועקין רחמים דען ווערט זיין כח שלאף אונ ער קען גאר ניט טאן אונ השי״ת איז דן די וועלט מיט רחמים · קום אונ זעה עש שטייט בַּכֶּסֶה לְיוֹם חַגֵּנוּ בַּכֶּסֶה איז טייטש די לבנה ווערט צו גידעקט דען איז דער נחש הרעה שולט אונ קען מזיק זיין די וועלט אונ אז מיר זיינען מעורר מיט דעם קול השופר דעם רחמים אזו גייט אויף די לבנה אונ פארט איבר דעם נחש ער ווערט מבולבל גלייך וויא איינער שטייט אויף פון איין שלאף אונ אום יום כפור מוז מען אים אן טאן איין נחת רוח מיט דעם שעיר לעזאזל וואש מען גיט אים דורך דעם ווערט ער נאך איין מליץ יושר פאר ישראל אבער אום ראש השנה ווערט ער פאר מישט ער קען גאר ניט טאן דען ער זעהט די התעוררות פון רחמים גייען ארויף מלמטה אונ דער וועקין דאס התעוררות מלמעלה דען איז השי״ת דן דיא וועלט מיט רחמים אונ ווערט גיפונען צו זייא אין דיא צעהען טעג פון ראש השנה ביז יום כפור מקבל צו זיין אלע וואש וועלין תשובה טאן אונ דרום האט הקב״ה צו זייא אן גיזאגט צו טאן איין מעשה דאש דער שטן זאל אויף זייא ניט קענען שולט זיין אונ ניט ברייגען אויף זייא קיין דין אזו וויא דאש רחמנות איז פון איין פאטער אויף זיינע קינדער אונ אלץ הייגנט אן אין דיבור ומעשה מתעורר צו זיין למעלה אזו וויא מען האט מפורש גיווען:

כי תצא למלחמה שלמה המלך זאגט אין משלי תנה בני לבך לי ועיניך דרכי תצורנה דאש איז טייטש גיב דיין הארץ צוא מיר אונ דיינע אויגין זאלין היטין מיינע וועגין · דר פסוק לערינט אונז דאש דער מענטש זאל גאט דינען מיט אלע זיינע גלידר · אונ דאש איז גיוואוסט דאש דיא אויגין אונ דאש הארץ ברייגגען דעם מענטשין צוא אלע עבירות דען די אויגין זעהן אונ דאש הארץ גילושט אונ ווען די אויגן אונ דאש הארץ איז גאנץ מיט גאט אזוא איז דער מענטש פרום אין גאטש דינשט · אונ דרום זאגין מיר אין קריאת שמע ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם אשר אתם זונים אחריהם איר זאלט ניט נאך גיין נאך אייער הארץ אונ נאך אייערע אויגן וואש איר גייט נאך זיי נאך אונ זיי פר פירין אייך אזו וויא איין זונה פר פירט · אונ דרום זאגט ער זונים אחריהם דען דער וואש גייט נאך נאך זיינע אויגן איז גלייך וויא ער גייט נאך נאך איין זונה · דאש האט שלמה המלך גיזאגט כי שוחה עמוקה זונה ובאר צרה נכריה דר וואש גייט אין דעם הויז פון איין זונה איז גלייך וויא ער פאלט אריין אין איין טיפע גרוב אונ זיא איז גיגליכין צו איין ברונים וואש קוועלט · מער וואש מען נעמט ארויש וואסר מער קוועלט אן וואשר · אזו אויך דר וואש איז מזנה מער ער איז מזנה כדי ער זאל שטילין זיין יצר הרע מער קען ער זיין יצר הרע ניט שטילן · דען פון ריידן מיט אפרעמדע אשה קומט ער צו זעהן אין איר אונ פון זעהן קומט ער דש ער הט בייזע מחשבות אונ פון בייזע מחשבות קומט ער דאש ער רירט זיא אן · אונ דיא גמרא זאגט אין שבת ווער עס זעט אויף דעם קליינעם פינגער פון איין פרעמדע אשה דר האט איין גרוישע עבירה · רב חסדא זאגט ווער עס זעט איין בלויזע פוס פון איין אשה איז גלייך וויא ער איז מיט איר מזנה שמואל זאגט ווער עס הערט איין הויך קול פון איין אשה איז גלייך וויא זנות · אונ דרום האט די

תורה אן גישריבן וראית בשביה אשת יפת תואר דאש איז טייטש ווען דו ועסט זעהן אין דעם גיפיינקעניש וואש דו וועסט פאנגען פון די אומות איין שיינע אשה אונ וועשט זיא וועלן נעמן אזו האט די תורה גיבאטן דו זאלשט ניט איילין צו נעמן זיא אונ דו טארסט ניט נייערט דו טוזט זיא ברייגגען אין דיין הויז · אונ ווייל די תורה האט גיוואושט ווען מען וועט זיא ניט מתיר מאכן צו אים וועט ער ביי איר ליגין באיסור · דרום האט די תורה אים מתיר גוועען ער זאל ביי איר איין מאל ליגין אין דר מלחמה אונ דר נאך זאל ער זיא ברייגגען אין זיין הויז אונ זיא זאל אפ גאלן אירע האר אונ זאל לאזן וואקסן אירע נעגיל אונ זאל אויש טאן אירע שיינע קליידער · דען ווען די היידין גייען אין דר מלחמה טוען זיי אן זייערע טעכטר אין שיינע קליידער · אונ זיא זאל וויינען איין גאנצן חודש אויף איר פאטר אונ מוטר וואש זיינן וואורן גיהרגת אונ נאך איין פשט איז ער מוז ווארטן דרייסיג טעג צו ליגין ביי איר כדי דר ווייל וועט איז דעם יצר הרע אפ גיין אונ זיא וועט אים מיאוס ווערין ווייל זיא טוט טרויערין אונ שערט זיך אפ די האר אונ לאזט וואקסן די נעגיל אונ טוט אן מיאוסי קליידער אזו וועט זיא אים מיאוס ווערן טאמר וועט ער זיא אוועק שיקן · אונ נאך איין פשט איז ער מוז ווארטן דרייסיג טעג כדי זיא זאל פאר געסין איר פאטר אונ מוטר וואש האבן עבודת כוכבים גדינט אונ זאל זיך מגייר זיין · אונ דרום זאל זיא זיצן אין הויז בצניעות ניט אזו וויא פאר צייטין זיינן גיוועין בעזות אונ לויפין פון איין הויז אין דעם אנדרין אונ מען זאל אירע האר אפ שערין אזו וויא איין אשה וואש דארף זיך טובל זיין דארף זיא אירע האר רעכט צוא קעמען אונ באזעהן · אבר זיא קען זיך ניט רעכט אפ היטן צו ריין מאכן אירע האר אזו וויא מען באדארף דרום זאל זיא זיך אירע האר אפ שערן אונ זיא זאל פר ריכטן אירע

גענייל

נעגיל עש זאל אונטר זיי קיין לים ניט זיין כדי איר טבילה זאל רעכט זיין · אונ זאל אפ טאן אירע קליידר אזו וויא איין אשה וואש טובלת זיך טוט זיא אפ די קליידער וואש זיא איז גיגאנגען אין זיי אז זיא איז גיוועזן איין נדה אונ די תורה האט גזאגט האמשי דו וועסט דאש אלין טאן דאך וועט דיר ניט גוט אויש גיין ווען דוא וועסט זיא נעמן דען דאס קינד וואש דו וועשט פון איר האבין וועט זיין איין בן סורר ומורה דאש ער וועט אל דאס בייז טאן כי יהיה לאיש בן סורר ומורה ווען איין מענטש וועט האבן איין זון איין סורר ומורה דאש ער גנבת ביי זיין פאטר אונ קויפט פלייש אונ וויין אונ פרעסט אונ זויפט זאלין אים זיין פאטער אונ מוטר ברייגגן צום בית דין אונ דאש בית דין זאלן אים פאר שטייגן אונ כל ישראל זאלין הערן אונ זאלן זיך פארכטן בייז צו טאן · דען מען האט אויש גישריען מען האט פאר שטייגט איין בן סורר ומורה לא תלין נבלתו על העץ ווען דו וועסט הייגגן דעם וואש דאש בית דין האט גיהרגת זאלשטו אים ניט לאזין איבער נעכטיגין אויף דר תליה דען עש איז ניט קיין כבוד פאר גאט · דען ווען מען האט גיהאנגן דעם וואש האט גאט גישאלטן אונ ווען מען זאל אים לאזן הייגען וואלטין די לייט גזאגט דר האט גאט גישאלטן אזו איז דאש ניט קיין כבוד פאר גאט · אונ נאך איין פשט איז דרום האט מען אים ניט גיטארט לאזן הייגגן ווייל דר מענטש איז ווארן בשאפין אין גאטש פורים דרום איז ניט קיין כבוד פאר גאט זיין פורים זאל הייגען עש איז איין משל צוויי ברידר וואש האבן איין גלייכע צורה גיהאט מען האט ניט דר קענט איינעם פאר דעם אנדרין · איינער איז גיווארין איין עושר אונ דר אנדרר איז גיווארין איין גזלן · אונ מען האט דעם גזלן גיהאנגען · אונ ווער עש איז פיר גיגאנגן האט ער גיזאגט דר עושר הייגגט ווייל ער האט אזו איין פנים גיהאט · אזוא

האט דר עושר אים גיהייסן אראפ נעמען · השב תשיבם לאחיך ווען דיין חבר האט עפעס פר לארן אונ דו האסט דאש גיפונן זאלסטו דאש אום קערן צו דיין חבר דען איינר איז מחויב צו העלפין דעם אנדרין מיט אלדינג · די מצוה האט גאט גיבאטין דאש דער מענטש זאל זיך גיוואנען צו טאן גוטש צו זיין חבר מיט חסד אונ צדקה אונ דורך דר מצות וואש מען קערט אום וואש דר חבר האט פר לארין דורך דעם זכות וועט גאט די טויטע לעבעדיג מאכין אין די טעג פון משיח דען גאט טוט מדה כנגד מדה דאש ער וועט אום קערין די נשמות אין דעם גוף וואו זיי זייגן פריער גיוועזן לא יהיה כלי גבר על אשה איין אשה זאל ניט אן טאן איין קלייד פון איין מאן דען זיא וועט גיין צווישין מאנען אונ וועט מזנה זיין אונ איין מאן זאל ניט אן טאן די קליידר פון איין אשה כדי ער זאל זיך ניט פאר מישן צווישן די ווייבר · פון דאנען לערנן די חכמים אפ דאש איין מאנזביל טאר ניט זעהן אין איין שפיגיל פון ווייבער נאר ווען ער איז איין גישמירט אויף זיין פנים מעג ער זעהן אין איין שפיגיל וויא אזו ער זאל זיך אפ ווישן · אונ איין אשה טאר ניט אן טאן קיין שווערד אונ דרום האט יעל איין פלאקין גינומען אונ האט גהרגת סיסרא אונ האט ניט גינומן קיין שווערד ווייל איין אשה טאר ניט נעמן קיין שווערד אין דר האנט · שלח תשלח את האם ווען דו קומסט צו איין נעסט פון פויגלען אונ דו ווילסט די פויגלן נעמען זאלסטו די מוטער פריער אוועק שיקן אונ דער נאך זאלסטו נעמן די קינדר כדי דיא מוטר זאל ניט זעהן דעם צער פון דיא קינדר · אונ זאלסט ניט נעמן די מוטער מיט די קינדר נאר דו זאלשט זיא לאזין לעבין כדי זיא זאל ווייטר פויגלן האבן אונ דר פר וועט גאט דר לייגגערן דיין לעבין · פון דאנען לערנן מיר אפ מען זאל רחמנות האבין אויף איין מענטשן דען ווען גאט האט גיהייסן רחמנות האבין אויף דיא

פויגל מכל שכן דאש מען דארף רחמנות האבן אויף איין מענטשין אונ דיא תורה האט ביי דער מצוה דעם שכר אן גישריבן דאש דו ווערשט לאנג לעבין חאטשי עש איז ניט זייער קיין גרוישע מצוה מכל שכן ווען מען טוט אגרוישע מצוה ווערט בוודאי גאט געבין לאנג לעבין אונ איין גרוישין שכר · די חכמים זאגן דר וואש איז מקיים די מצוה צוא אוועק שיקין דיא מוטר פון דיא פייגיל דער ווערט האבין קינדער זין · אזוא וויא אין פסוק שטייט שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך דו זאלשט אוועק שיקן די מוטער פון די קינדר אונ די זין ווערסטו נעמן דיר כלומר דורך דעם ווערסטו האבן זין · אונ אויך ווען איינר איז מכבד אורחים האט ער זין · אזו ווי מיר גיפינן ביי שרה דאס זיא האט מכבד גיוועזן די מלאכים ווייל זיא האט גמיינט זיי זיינן אורחים דרום האבן זיי איר גיזאגט זיא וועט האבין איין זון · אונ די שונמית האט מכבד גיוועזן אלישע האט ער איר גיזאגט דו וועסט האבין איין זון · ועשית מעקה לגגך דוא זאלסט מאכין איין גאניק צוא דיין דאך כדי מען זאל ניט אראפ פאלן פון דיין דאך אונ דו זאלשט ניט טאן קיין בלוט אין דיין הויז דאש קינגער זאל ניט ניזוק ווערין אין דיין הויז · אויך טאר מען ניט האלטין קיין שלעכטין לייטר אדר איין בייזן הונט בייא זיך אין הויז כדי קינגער זאל ניט ניזוק ווערן אונ האטשי דער וואש וועט פון דעם דאך אראפ פאלין אונ ווערט גיהרגת ווערין דעם קומט בוודאי מיתה דען גאט טייט ניט קיין מענטשין אום זיסט פון דעסט וועגין זאל דאש דורך דיר ניט קומן דען גאט שטראפט איין רשע דורך איין רשע דרום זאלשטו דיך היטן צו מאכן איין היזק אין דיין הויז וואש מען קאן דורך דעם ניטיים. ווערין לא תחרוש בשור ובחמור יחדיו דוא זאלשט ניט אקערן מיט איין אקס אונ מיט איין איזיל ביי אנאנדר · דען דר אקס האט גרויש כח אונ דאס איזיל האט ניט אזו פיל כח אזו ווערט דאש איזיל אלץ הינטן בלייבין אונ דר האר ווערט אים שלאגין ער זאל גיין גלייך מיט דעם אקס אזו ווערט דאש איזיל צער האבן · פון דאנן לערנען מיר אפ דאש מען טאר קיין בהמה ניט מצער זיין · מכל שכן איין מענטשן טאר מען בוודאי ניט מצער זיין · נאך איין פשט איז דרום האט די תורה פר באטן צו אקערן מיט איין אקס אונ מיט איין איזיל מיט אנאנדער דען ווען זיי וועלן מיט אנאנדער אקערין וועלן זיי מיט אנאנדר גיוואונט זיין אונ וועלן זיך באהעפטין מיט אנאנדר אונ דאש האט די תורה פאר באטין דאש איין מין זאל זיך ניט בהעפטן מיט דעם אנדערין נייערט איטליכעש באשעפעניש זאל זיין באזונדר · אונ דרום האט די תורה דר ביי אן גישריבן לא תלבש שעטנז דוא זאלשט ניט אן קליידן קיין שעטנז איין קלייד פון וואל מיט פלאקס אונ זאלשט ניט זייען קיין כלאים אין דיין פעלד וויין אין איין ווין גארטין דאש איז אלץ מען זאל ניט פר מישן איין מין מיט דעם אנדרין · מכל שכן דאש איין אשה זאל זיך ניט פר מישן מיט איין פרעמדן מאן וואש דאש איז דיא גרעסטע כלאים · דרום האט דיא תורה דר ביי גישטעלט איין רפואה די מצוה פון ציצית דאס באהיט פון זנות · אזו וויא די גמרא ברייגנט איין מעשה איינר האט זייער גיהאלטין פון מצות ציצית אונ האט גיהערט עש איז דא איין זונה איבער דעם ים וואש זיא נעמט פיר הונדרט גילדין פר איר שכר · האט ער איר גישיקט פיר הונדרט גילדן זיא זאל זיך אן גרייטן צו דר צייט · אונ אז ער איז גיקומן צוא איר האט זיא אויף גבעט זעקס בעטן זילבערנע אונ איינע איין גילדערנע · אונ צווישין איטלעכעש בעט איז גיוועזן איין זילבערנער לייטער אונ ביי דער גילדערנער בעט איז גיוועזן איין גילדענער לייטר · אונ זיא האט זיך אויש גטאן נאקעט אונ האט זיך גיזעצט

נאנץ אויבין אויף דער גילדערנער בעט · אונ ער האט זיך אויך אויש גיטאן נאקעט אונ האט זיך גיזעצט אנטקעגין איר · זיינן גיקומען זיינע פיר ציצית אונ האבין אים גישלאגין אויף זיין פנים איז ער אראפ גיגאנגן אונ האט זיך גיזעצט אויף דר ערד איז זיא אויך אראפ גיגאנגען אונ האט זיך גיזעצט אויף דר ערד אונ זאגט צו אים איך וועל דיך ניט אפ לאזן ביז דו וועסט מיר זאגן וואש פר איין מום האסטו אין מיר גיפונען האט ער איר גיזאגט איך האב אין מיינע טעג קיין שענערן מענטשין ניט גיזעהן פון דיר · נאר איין מצוה האט אונז גאט גיבאטן דאש איז מצות ציצית · אונ ער האט דער ביי אן גישריבין צוויי מאל אני יי אלהיכם איך בין אייער גאט וואש בצאלט דעם רשע זיין בייזין שכר אונ בצאלט דיא צדיקים אויף זייערע גוטע מעשים · אונ איצונד זיינען אויף מיר· אויף גישטאנן די פיר ציצית אזו וויא עדות אונ ווילין אויף מיר עדות זאגין האט דיא זונה גישווארן איך וועל דיך ניט אוועק לאזין ביז דו וועסט מיר אן שרייבין דיין נאמן אונ דעם נאמן פון דיין שטאט אונ דעם נאמען פון דיין בית המדרש אונ דעם נאמן פון דיין רבי וואש דו לערנסט ביא אים תורה · האט ער דאש אלץ אן גשריבין אונ האט איר גגעבין אונ איז אוועק גגאנגן · אונ די זונה האט צו טיילט איר געלט אויף דרייא חלקים · איין חלק האט זיא גיגעבין צוא עניים · אונ איין חלק האט זיא גיגעבן צום מלך · אונ איין חלק האט זיא מיט זיך גינומן אונ די זיבן בעטן · אונ איז גיקומען אין דר שטאט אין בית המדרש פון רבי חייא אונ זאגט צו אים רבי זייא מיך מגייר זאגט רבי חייא מיין טאכטר טאמער האסטו איין לוסט צוא איינם פון מיינע תלמידים אונ דרום ביסטו דיך מגייר · האט זיא ארויש גינומן דאש גישריפט אונ האט אים גיוויזן · האט רבי חייא צו איר גזאגט גיי אונ נעם דיר

דעם דאזיגן פר איין מאן אונ די בעטן וואס זיא האט אים אויס גיבעט באיסור האט זיא אים ווידר גיבעט בהיתר · דר פון קען מען לערנן וויא גרויס דר שכר איז פון ציצית זיי גיבן שכר אויף דר וועלט אונ אויף יענר וועלט · אונ דרום האט דיא תורה גישטעלט ציצית בייא כלאים לא תלבש שעטנז גדלים תעשה לך ווייל ציצית איז איין רפואה אויף כלאים · אונ נאך איין רפואה איז צו זנות דאש מען זאל אין דר יוגינט איין ווייב נעמן אזו וועט זיך דר יצר הרע פון אים אפ טאן · אזו וויא דיא גמרא זאגט רב חסדא זאגט דרום בין איך בעסר פון מיינע חברים ווייל איך האב איין ווייב גינומן אין דר יוגינט · דען וויא באלד איך האב איין ווייב גינומן האט זיך דר יצר הרע פון מיר אפ גיטאן · אונ דרום האט די תורה גישטעלט ציצית ביי כלאים ווייל דאס קען דער מענטש מקיים זיין צוא אכט יאר אונ קאן דעם יצר הרע מבטל זיין אונ ער זאל נעמן איין ווייב צוא באצווינגן דעם יצר הרע · אונ דרום האט די תורה גישטעלט ביי ציצית כי יקח איש אשה דאש איין מענטש זאל נעמן אווייב צוא מבטל זיין דעם יצר הרע · אונ דרום זאל מען אווייב ערלאך האלטין דען זיא באהיט אים פון דעם יצר הרע · אונ דרום האט דיא תורה אן גישריבן והוציא עליה שם רע ווען איינר וועט אויש ציהן איין שם רע אויף זיין ווייב דאש זיא האט קיין בתולים ניט גיהאט אונ עש איז ליגין זאל ער געבן צו איר פאטר הונדרט שקלים אונ מען האט דעם ליילעך פאר דעם בית דין גיבראכט אונ מען האט גינומן ווייבער זייא זאלין זעהען אויב עש איז דא בתולים אויף דעם ליילעך אבר ווען עש איז ווארין גיפונען דאש זיא האט מזנה גיוועזן זאל מען זיא טייטין · אונ ווען איין מענטש האט מאנס גיוועזן איין אשה אזו איז זיא פטור אונ איז מותר צו איר מאן · אבר ווען זיא האט מיט איר ווילין מזנה גיוועזן האט מען זיא גיטייט

אפילו ווען זיא איז מעוברת גיוועזן האט מען ניט גיווארט ביז זיא האט דאש קינד גיהאט נאר מען האט זיא גיטייט מיט דעם קינד · אבר ווען זיא איז צו קינד גיגאנגן האט מען גיווארט ביז זיא האט דאש קינד גיהאט · כי כאשר יקום איש על רעהו ורצחו נפש ווען איינר איז מאנס איין אשת איש איז גלייך וויא ער הרגת איין מענטשן · פון דאנן לערנן די חכמים אפ דאש אזו וואול אז איין ליסטים זאגט צו איין ישראל טייט יענעם ישראל אונ אז ניט ווערט מען דיך טייטן זאל ער בעסר זיך לאזן טייטן אונ זאל קיין אנדרין ישראל ניט טייטן אזו אויך אז איין ליסטים זאגט צו איין ישראל ליג בייא איין אשת איש אונ אויב ניט וועל איך דיך טייטן זאל ער זיך לאזן טייטן אונ זאל ביי קיין אשת איש ניט ליגין אונ אפילו איין אלמנה זאגין אונזערע חכמים עש איז גיוועזן איין מעשה איינער האט גרויס לוסט גיהאט צו ליגין ביי איין אלמנה אונ איז פר גרויס לוסט קראנק גיווארן דען דאש הארץ האט אין אים גיברענט · האבן רופאים גיזאגט ווען ער ווערט בייא איר ניט ליגין ווערט ער שטארבן · האט מען גיפרעגט די חכמים אויב ער מעג בייא איר ליגין כדי ער זאל לעבין בלייבן · האבין די חכמים גיזאגט לאז ער שטארבן אונ זאל ביי איר ניט ליגן אונ אויך זיא זאל ניט שטיין פאר אים נאקעט · האט מען זיי גיפרעגט אויב ער מעג מיט איר ריידן דורך איין וואנט טאמר ווערט ער בלייבן לעבן האבין די חכמים גיזאגט מען זאל דאש אויך ניט טאן כדי מען זאל מאכין איין צאם צו דר עבירה · אונ אויך עש זאל ניט זיין קיין חרפה צו איר משפחה · ואין מושיע לה ווער עס איז מאנס איין בתולה אונ עס איז ניט דא ווער עש זאל איר העלפין · פון דאנן לערנן מיר אפ דאש מען דארף איר העלפין מיט וואש מען קאן · אפילו אויב מען קען אנדרש ניט העלפן נאר אז מען זאל דעם נואף הרגנן זאל מען אים הרגנן אונ מען זאל אים ניט לאזין קיין עבירה טאן · אונ אויך ווען מען זעהט איינער לויפט נאך זיין חבר צו טייטן אונ מען קאן דעם חבר ניט העלפן · נאר אז מען ווערט דעם רוצח הרגנען זאל מען אים הרגנן אונ מען זאל אים ניט לאזן קיין רציחה טאן · אויך זאגין דיא חכמים ווען איין אשה גייט שווער צוא קינד אונ איז מסוכן צוא שטארבין דורך דעם מעג מען דאש קינד טייטין כדי די אשה זאל לעבין בלייבן דהיינו מען מעג איר געבין טרינקן אזעלכעס וואש דאש קינד זאל גטייט ווערן אונ זאל פון איר אפ גיין · אדער מען זאל זיא רויכערין מיט אזעלכע זאכין וואש דאש קינד זאל גיטייט ווערין · אבער ווען דאש קינד איז ארויס גיגאנגען מיט דעם קאפ אונ מיט איין רוב גוף טאר מען דאש קינד ניט טייטין דען ער איז ניט קיין רוצח נייערט ער וויל אויף דער וועלט גיין · לא יבוא ממזר בקהל יי ווען איינר איז גילעגין בייא זיין טאכטער אדער ער איז גילעגן ביי זיין מוטר אדר ביי איין אשת איש אונ האט מיט איר גהאט איין קינד אזו הייסט דאש קינד איין ממזר · אונ ער טאר קיין ווייב ניט נעמן איין ישראלית נאר איין גיורת מעג ער נעמען · לא יבוא עמוני ומואבי בקהל יי עש זאל ניט נעמען איין זכר פון עמון אדר פון מואב איין בת ישראל האטשע ער ווערט זיך מגייר זיין · ווייל זיי האבן ניט גיבראכט קיין ברויט אונ וואסער צו ישראל אין דר מדבר אונ אויך ווייל מואב האט גידונגען בלעם ער זאל דיך שילטין · אבער איין ישראל האט גימעגט נעמען איין ווייב פון די טעכטר פון מואב אז זיא האט זיך מגייר גיוועזן ווייל איין אשה איז ניט דר סדר זיא זאל טראגן ברויט אונ וואסער · אונ איין מצרי אדר פון אדום ווען איינר האט זיך מגייר גיוועזן האט נאט מתיר גוועזן זיך מתחתן צו זיין מיט אים נאך דרייא דורות · האטשע אדום איז גיגאנגען אנטקעגין ישראל מיט איין שווערד אין דער מדבר אונ די מצרים האבין גיווארפין דיא

קינדר פון ישראל אין וואסער גאר זיי האבן ניט גימאכט די ישראל זינדיגן · אבר עמון אונ מואב האבין גימאכט די ישראל זינדיגן מיט זנות · דרום האט גאט גיאסרת אויף אייביג מען זאל זיך מיט זיי ניט מתחתן זיין דען עס איז ערגער דר וואש מאכט זינדיגין איין מענטשין מער וויא דר וואש הרגת אים דען דר וואש הרגת אים בריינגט אים נאר אום פון דר וועלט אבר ניט פון יענר וועלט אונ דער וואש מאכט אים זינדיגין בריינגט ער אים אום פון דר וועלט אונ פון יענער וועלט · ונשמרת מכל דבר רע דו זאלסט דיך היטן פון צו ריידין בייז · אונ פון דאגען לערנען דיא חכמים אפ מען זאל ניט מזנה זיין אונ ניט קיין לשון הרע ריידין אונ דאש ווייזט דאש ניט נאר מיט זנות קען מען מאכן דעם חבר זינדיגין נייערט אפילו מיט ריידין קען מען אויך דעם חבר מאכין זינדיגין צו אום בריינגען אים פון ביידע וועלטין דען דער וואש הערט צוא לשון הרע ווערט אויך גישטראפט אזו וויא די גמרא זאגט די דריי מענטשן טוט לשון הרע הרגן דר וואש רעט לשון הרע אויף זיין חבר · אונ דאש אנדרע אויף דעם וואש מען רעט לשון הרע · אונ דער וואש הערט צו לשון הרע ווערט אויך פאר לארין פון ביידע וועלטן · אזו וויא די גמרא זאגט פון דריי עבירות וועגין ווערן די מענטשן גשטראפט אויף דר וועלט אונ אויף יענער וועלט · פון וועגין עבודת כוכבים אונ רציחה אונ זנות · אונ לשון הרע איז אנטקעגן אלע דריי דאש ער ווערט דריבר פר לארין פון בידע וועלטין · אונ דרום האט דר פסוק גיזאגט ויתד תהיה לך על אזנך דאש טייטשין די חכמים אין דער גמרא דו זאלסט אבין טאן דיין פינגער אין אויער צו פאר שטאפין אים ער זאל ניט הערין קיין לשון הרע · אונ דר פשוט פשט איז ויתד תהיה לך על אזנך דו זאלשט איין איזערנעם פלאקין אויף היינגען אויף דיין שווערד דאש ווען דו וועשט צורך האבן זאלשטו אן גראבין ערד צוא צו דעקין דיין צורך מען זאל קיין מיאוסין ריח ניט הערין אונ דיין מחנה זאל זיין ריין אונ הייליג · אונ בפרט די הייליגע וואלקין זיינן גיוועזן ארום די ישראל · אונ דרום האט מען גימוזט גיין צורך האבין הינטער דר מחנה וואש דארטן איז קיין וואלקין ניט גיוועזן · דען דר וואלקן איז נאר אין דרייא זייטין גיוועזן אין מזרח אין דרום אונ אין צפון · אונ דאש האבין זייא גידארפט אז זיי האבן אויף גיהערט צו עסין מן · אבער אז זיי האבין גיגעסין מן האבין זיי דאש ניט גידארפט · דען דר מן איז צו גאנגען אין זייערע גלידר אונ זיי האבין פון אים קיין אויס גאנג ניט גיהאט · אונ אפילו די אנדרע שפייז וואש זיי האבין גיגעסן ביי דעם מן האט דער מן גימאכט דאש זייער אויש גאנג האט קיין מיאוסין ריח ניט גהאט אונ אז זיי האבין אויף גיהערט מן צוא עסין האבין זיי גימוזט האבין איין אייזרנם פלאקן צו צו דעקין זייער אויש גאנג · לא תביא אתנן זונה דו זאלסט ניט בריינגען אין גאטש הויז די מתנה וואש מען גיט איין זונה דען עס איז מיאוס · אונ די תורה האט דער ביא גישטעלט לא תשיך דו זאלסט קיין ריבית ניט נעבן · צו ווייזין דאש עס איז דאפיל ישראל וואש זאמלען איין געלט דורך ריבית אונ קויפין דר פאר מצות צו עולה תורה זיין דאש איז גליך וויא ער האט גיבראכט די מתנת פון איין זונה אין גאטש הויז · אונ דרויף האט דר נביא גיזאגט לא תוסיפו הביא מנחת שוא איר זאלט ניט מערין צו בריינגען פאלשע מתנות אונ פריער שרייבט די תורה אן מען זאל ניט נעמן קיין ריבית דען זיי ווערן ביידע גישטראפט דר וואש גיט אונ דר וואש נעמט ריבית · אונ אויב דו וועסט וועלן זאגן ווען איך וועל קיין ריבית ניט געבין אדער נעמען מיט וואס וועל איך מיך דער נערין · דרום האט די תורה דר ביי אן גישריבן כי יברכך ײ אלהיך בכל משלח ידך דען גאט ווערט דיך בענטשן

אין אלע דייגע מעשים וואש דו וועסט טאן
מיט דייגע הענט · די תורה האט אן גשריבן
כי תשה ברעך דוא זאלשט דעם עני לייען אונ
האט דר ביי גישטעלט תשמר בנגע הצרעת דאס
ווייזט אונז דר וואש וויל זיין חבר ניט לייען
דר ווערט גשטראפט מיט צרעת · אזו וויא דר
מדרש שרייבט אין דר סדרה רבי מאיר זאגט
דש צרעת קומט נאר פון וועגן איין ביז אויג
וואש מען וויל קיין צדקה ניט געבן אונ מען
וויל קיין גמילות חסדים ניט טאן · רבי יצחק
זאגט ווען איין בעל הבית קומט צום אנדרין
צו לייען איין האק אונ ער זאגט איך האב ניט
אזו שיקט גאט צרעת אין זיין הויז אזו מוז ער
אויש ראמן אלע כלים פון דעם הויז אויף דר
גאס אלע האקן אונ זיפין וואש ער האט פאר
לייקנט אזו זעהט מען זיין חרפה דש ער האט
איין ביז אויג · דאש אויך האט.די תורה דא
גיוויזן דאש דר וואש לייט ניט זיין חבר דר
ווערט גשטראפט מיט צרעת· רבי לוי זאגט פיר
פייזע מידות האבן אמייל ווייבר · זיי האבן
נייטע העלזר אזו וויא מיר גיפינן ביי חוה דש
זיא האט פון דעם עץ הדעת גיגעסן דש אנדרע
איז די ווייבר ווילן אלע סודות הערן אונ וויסן
אפילו וואש ניט זייער זאך איז דש דריטע זיי
זיינן לייטן מקנא אזו וויא מיר גיפינן ביי רחל
דאש זיא האט מקנא גווען איר שוועסטר לאה
וואש זיא האט קינדר גהאט אונ זיא ניט דש
פערטע איז זיי זיינן פויל אונ במעלעך · אונ
די רבנן זאגן נאך צוויי בייזע מידות האבן זיי
זיי קענן ניט סובל זיין איין זאך וואש דר ווידר
איז זיי אונ צערענן באלד · אזו וויא מיר גפינן
ביי שרה דאש זיא איז באלד ברוגז גיווארין
אויף אברהם פון וועגן הגר· אונ דש אנדרע
זיי ריידן פיל · רבי יהושע זאגט אז גאט האט
גיוואלט די אשה בשאפין האט ער גטראכט
פון וואסער איין גליד ער זאל זיא בשאפין ·
אזו וויא אין פסוק שטייט ויבן יי אלהים את הצלע
ער האט פאר שטאנן צו בשאפין זיא פון דעם
ריפ דען גאט האט גזאגט זאל איך זיא בשאפן

פון דעם אויג פון אדם הראשון וועט זיא איין
נייט אויג האבן צו גילוסטן אלין דען האטשע
זיא איז ניט ווארין בשאפן פון דעם אויג דאך
האט זיא איין נייט אויג גהאט אונ האט גגלוסט
צוא עסין פון דעם עץ הדעת זאל איך זיא
בשאפין פון דעם מויל וועט זיא אלין וועלין
ריידן · זאל איך זיא בשאפין פון דער האנט
וועט זיא וועלין גנבנן · זאל איך זיא בשאפין
פון דר פוס וועט זיא זיין איין לויפערן פון הויז
צו הויז· דרום האט גאט גזאגט איך וועל זיא
בשאפין פון איין גליד וואש איז פר בארגין
דש איז די ריפ פון אדם הראשון · אבר דאש
אלין האט ניט גיהאלפן דרום גיהער איטליכר
מענטש אונ איטליכע אשה גווארינט זיין פון
צו ריידן לשון הרע · אונ אויך האבן די ווייבר
גרינגע דעות דאס זיי קענן באלד איבר גרעט
ווערן אפילו ווען זיא טרויערט איבר איין מת
אזו וויא תוספות שרייבט אין קדושין איין
מעשה דאש איין אשה האט זייער גיוויינט
אויף דעם בית הקברות איבר איר מאן וואש
איז גישטארבין · אונ ביי דעם בית הקברות
איז גווען איין תליה וואש איין גנב איז דרויף
גהאנגן אונ איין מענטש האט אים גהיט דש
מען זאל אים.ניט אפ שניידן פון דער תליה
דען דר מלך.האט דעם שומר גיזעצט · אזו
האט דר שומר גיהערט די אשה וויינט אויף
דעם בית הקברות · איז ער צו.איר גיקומען
אונ האט זיא איבר גרעט זיא זאל מיט אים
מזנה זיין אויף דעם בית הקברות:· אונ זיא
האט זיך באלד גילאזט איבר ריידן אונ האט
גיטאן זיין ווילין · אין דעם האט מען דעם
גנב פון דר תליה אפ גישניטן האט דר שומר
זייער גשריען וואש וועל איך טאן וואש וועל
איך ענטפערן מען וועט מיך טייטן דאש איך
האב גלאזט דעם גנב פון דר תליה אפ שניידן
האט זיך די אשה דר בארימט איבער דעם
שומר אונ האט צו אים גזאגט איך וועל דיר
איין עצה געבין · גראב אויש מיין מאן פון
דעם קבר אונ הייג אים אויף דר תליה אויף

דעם

דעם ארט פון דעם גנב · האט דר שומר אזו
גטאן אונ האט איר מאן אויף דר תליה אויף
גיהאנגן · פון דאנן קען מען זעהן דאש אטייל
ווייבר האבן גרינגע דעות אבר חם ושלום דש
מען זאל אזו זאגן אויף אלע ווייבר אונ ווייל
פון לשון הרע וועגין טוט זיך די שכינה אפ
פון ישראל · אונ דר מדרש זאגט אויך אזו
דר וואש רעט לשון הרע דר איז גלייך וויא
ער דינט עבודת כוכבים דאש דרום טוט זיך
אפ די שכינה פון ישראל · דרום האט דיא
תורה אן גישריבן זכור את אשר עשה יי אלהיך למרים
גידיינק וואס גאט האט גיטאן צו מרים דאס
ווייל זיא האט גרעט לשון הרע האט זיך די
שכינה אפ גטאן פון ישראל · אונ די תורה
האט דר ביי גישריבן כי תשה ברעך דו זאלשט
לייאן דיין חבר צו וויזן ווען דו האשט גרעט
לשון הרע אונ די שכינה האט זיך אפ גטאן
פון דיר זאלשטו געבן צדקה אזו ווערט זיך די
שכינה צו דיר ווידר אום קערן אזו וויא מיר
גיפינן אין מדרש רבתי רבי אבין זאגט דער
עני שטייט ביי דעם עושר אויף דר טיר אונ
גאט שטייט ביי דר רעכטר האנט פון דעם
עני · אזו וויא אין פסוק שטייט כי יעמוד לימין
אביון גאט שטייט ביי דר רעכטר זייט פון דעם
אביון אונ בצאלט איטלעכן זיין שכר · דרום
זאגט דר פסוק ולך תהיה צדקה דו זאלשט ניט
איין האלטן דעם שכר פון דעם עני וואש האט
ביי דיר גיארבט אונ בצאל אים איי עש
ווערט נאכט כדי ער זאל ניט רופין צו גאט
אזו וועשטו האבן איין עבירה ולא תחבול בגד
אלמנה דו זאלשט ניט נעמן קיין משכון פון איין
אלמנה דאש דו זאלשט ניט אריין גיין צו איר
אין הויז צו נעמן איין משכון נאר זיא זאל
דיר ארויש טראגין איין משכון ווען זיא איז
דיר געלט שולדיג · ושכחת עומר בשדה לא תשוב
לקחתו ווען דוא האשט פאר געסין איין בונד
קארין אין פעלד טארשטו דיך ניט אום קערן
צו נעמן אים · עש זאל בלייבן צום עני אונ
גאט ווערט דיך דר פאר בענטשן · פון דאנן

לערנן די חכמים אפ ווען איין עושר פר לירט
איין גראשין פון זיין ביטיל אונ איין עני
גיפינט אים אזו האט דער עושר איין זכות
גלייך וויא ער האט בכוונה אים גיגעבין
חאטשע ער האט דרויף קיין כוונה ניט גהאט
אזו וויא מיר גיפינן ביי דעם פר געסן קארן
אין פעלד אונ דר עני נעמט עש חאטשע זיין
כוונה איז דר צו ניט גוועז דאך גיט אים גאט
דר פאר איין גרוישין שכר לא תפאר אחריך דו
זאלשט ניט אפ רייסן די לעצטע ווין טרויבן
פון דיין ווין גארטן ביי ערט דו זאלשט זייא
לאזין צו ארימע לייט · אויך איז תפאר טייטש
בריכן דאש מיינט מען ווען דו גיבשט עפעס
דעם עני זאלשטו דיך דר מיט ניט בריםען ·
אזו וויא דר פסוק זאגט רב אדם יקרא איש חסדו
ואיש אמונים מי ימצא דאש איז טייטש עש זיינן
דא פיל לייט דאש איטלעכר שרייט אויש זיין
צדקה וואש ער האט גיגעבן אבר וואו גפינט
מען אזו איין מענטשין דאש ער גיט צדקה
בסוד אונ שרייט ניט אויש · ארבעים יכנו מען
זאל שלאגין פערציג מלקות אן איינם דער
וואש איז עובר אויף איין גיבאט פון גאט ·
אונ מען האט אים מיט זיינע הענט צו גבונדן
צו איין זייל אונ אויף גדעקט זיין לייב ביז זיין
הארץ אונ דר שמש האט גינומן איין רימען
פון איין אקס אדר פון איין איזיל אונ האט
אים דר מיט גישלאגן צו וויזן אים דאש ער
איז ערגער פון איין אקס אדר איין איזיל ·
דען ביי זיי שטייט ידע שור קונהו וחמור אבוס בעליו
איין אקס ווייש זיין קויפר אונ איין איזל ווייש
די קארעטע פון זיין הארין אבר דער רשע
וויל גאט ניט קענן · אונ דרום האט מען אים
גישלאגין פערציג מלקות ווייל דער מענטש
איז ווארין באשאפין אין דר מוטערש לייב
אין פערציג טאג · אונ ער האט עובר גוועזן
אויף דר תורה וואש זיא איז ווארין גיגעבין
אין פערציג טאג אונ אדם הראשון איז אויך
מיט פערציג קללות גישטראפט גיווארין ער
צעהן אונ חוה צעהן אונ דר שלאנג צעהן

און

אונ די ערד צעהן איז גוועזן פערציג אזו אויך איבר די מרגלים זיינן ישראל וואורן גשטראפט צו זיין אין דר מדבר פערציג יאר אונ פון דר פרשה לערנען דיא חכמים אפ ווען איינער שלאגט זיין חבר אדר זיין ווייב איז ער עובר אויף איין לאו אונ ווען ער נעמט אן דיא מלקות פאר ליב איז דאש איין כפרה אויף זיינע עבירות • ונקלה אחיך לעיניך דיא חכמים זאגין ווען מען האט אים מלקות גישלאגין איז ער שוין דיין ברודר אונ דו זאלשט אים ניט מבייש זיין צוא אויף ווארפין אים דיא עבירה אונ דרום רופט ער אים אן אחיך דאש האט אין דר צאל ניין אונ דרייסיג צו ווייזין ווען ער האט גיליטין ניין אונ דרייסג מלקות איז ער שוין דיין ברודער אזוא וויא פריער כי ישבו אחים יחדו ווען ברידער ווערלין זיצין אין איינעם אונ איינער וועט שטארבין אן קינדר זאל דער אנדערער ברודער זיין ווייב מייבם זיין צוא נעמען זיא פאר איין ווייב כדי עש זאל ניט ווערין אפ גימעקט אונ פאר געסין דער נאמען פון זיין ברודער דען ווער עש שטארבט אן קינדר ווערט זיין נאמען פאר געסין אונ די מצוה איז דר עלצטער ברודר זאל זיא מייבם זיין אדער חליצה געבין אונ אזו איז די מצוה פון חליצה דער ברודער שטעלט זיך פאר די דיינים אונ דיא יבמת דארף אים אראפ ציהען זיין שוך פון דעם רעכטין פוס אונ דארף פר דעם יבם אויש שפייען אזו איין שפייעכץ וואש אלע דיינים זאלין עש קענען זעהען אונ אויך איז דער טעם פון יבום ווייל דיא נשמה פון דעם מענטשין ווערט נאך אמאל בשאפין כדי ער זאל ניצול ווערין פון דעם גיהנם צו קומען אין גן עדן צוא לייכטין אין דער ליכט פון דעם אייביג לעבין • אונ אזו אויך שרייבט דר ספר הבהיר דאש דרום איז צוא צייטין איין צדיק זייער איביל אונ דיא נשמה לייד יסורים ביי דעם צדיק כדי זיא זאל גלייטערט ווערין אונ זאל לייכטין צו עולם הבא • עש איז איין משל איינר פלאנצט איין בוים אונ ער גיראט ניט אין דעם ארט אזו רייסט ער אים אויש פון דעם ארט צוא פלאנצין אים אויף איין אנדער ארט אזו אויך ווען דער מענטש איז שלעכט מאכט גאט דיא נשמה בשאפין אין איין אנדערין גוף והחזיקה במבושיו ווען צווייא מענטשין וועלין זיך מיט אנאנדר שלאגין אונ איין ווייב פון איינעם וועט קומן צו העלפין איר מאן אונ וועט דעם פרעמדן אן נעמען ביי זיין שאנד איז זיא ראוי מען זאל איר אפ האקין די האנט ווייל זיא האט איין פרעמדין ביי דער שאנד אן גינומן נאר מען נעמט געלט פון איר וואש די האנט איז ווערט ווייל זיא האט גיוואלט העלפין איר מאן לא יהיה לך בכיסך אבן ואבן גדולה וקטנה דוא זאלשט ניט האבין אין דיין בייטיל צווייא ערלייא גיוויכט • קויפין וועשטו מיט דעם גרוישין גיוויכט • אונ פאר קויפין וועשטו מיט דעם קליינעם גיוויכט דאש טארסטו ניט טאן אונ אויב עש וועט חס ושלום פאלשע גיוויכט זיין צווישין ישראל וועט גאט חס ושלום שלעקין שיקין אויף ישראל אונ דרום האט די תורה דר ביי גישטעלט זכור את אשר עשה לך עמלק כלומר ווען דוא וועשט פאלש וועגין וועט דער שונא חס ושלום אויף דיר קומען ויזנב בך עמלק האט גיפאנגען דיא רשעים פון ישראל וואש דער וואלקין האט זייא ארויש גיווארפין אונ האט זייערע מילות אפ גישניטין אונ האט זייא גיווארפין אנטקעגין דעם הימיל אונ האט גישריען נעם דיר דיינע מילות דרום האט גאט גהייסין דו זאלשט אפ מעקין דעם נאמען פון עמלק דען ווען עס וועט ווערין אפ גימעקט דער נאמען פון עמלק אזו וועט דער כסא הכבוד פון גאט אונ זיין נאמען גאנץ זיין • אזו וויא אין פסוק שטייט ני לעולם ישב כונן למשפט כסאו:

הפטרת תצא איז רני עקרה גיפינט מען אין דיא הפטרה פון נח:

כי תצא למלחמה על אויביך וראית בשביה אשת יפת תואר וגו׳ רבי אלעזר איז גיגאנגען אין וועג אונ רבי חייא איז אויך גיוועזן מיט אים זאגט רבי חייא עס שטייט וראית בשביה אשת יפת תואר וואָרום האט עס דיא תורה מתיר גיוועזן אמער עס שטייט דאך לא תתחתן בם זאגט רבי אלעזר דרום איז זיא מותר ווייל איידער מען האט זייא איין גינומן זיינן זיי נאך אין זייער רשות איז עס אסור אבר אז מען נעמט זיי שוין איין איז מותר קום אונ זעה מען האט דענסט מאל ניט גיפונן קיין אשה בשירה צווישן די ז׳ עממין דרום האט די תורה גשטעלט לעבין בן סורר ומורה דעם דין פון יפת תואר דען דער וואש האט גינומן איין יפת תואר דר האט מיט איר איין בן סורר ומורה ווייל ביי איר איז שווער די טומאה זאל אוועק גיין דרום שטייט ביי די ווייבר פון מדין וכל אשה יודעת איש למשכב וגו׳ וואול צו דעם מענטשן וואס ער היט זיין הייליגן צייכן דען דורך דעם בהעפט ער זיך אין השי״ת מכל שכן אז ער איז נאך זוכה במצות התורה אזו שטרעקט הקב״ה זיין רעכטע האנט אנטקעגן אים אונ בהעפט זיך אין הקב״ה אונ דרום שטייט ואתם הדבקים ביי אלהיכם ׃ בנים אתם ליי אלהיכם ׃

בזוהר חדש שטייט כי תצא למלחמה על אויביך רבי שמעון הייבט אן זנח ישראל טוב אויב ירדפו ׃ זנח ישראל טוב דאס איז דר יצר טוב וואס שלמה המלך האט אים גירופן טוב אזו וויא עס שטייט טוב ילד מסכן וחכם ׃ אויב ירדפו דער פיינט וואס ער יאגט נאך דעם מענטשן דאש איז דר יצר הרע וואש שלמה האט אים גירופן שונא ער האט פיל נעמן אונ שלמה זאגט אם רעב שונאך אז דער שונא דר יצר הרע איז הונגריג דיך מחטיא זיין האכילהו לחם גיב אים צו עסין די הייליגע תורה וואש זיא הייסט לחם אזו וויא דר פסוק זאגט לכו לחמו בלחמי דרום זאל ער לערנן תורה דאש צו ברעכט דעם כח פון דעם יצר הרע דרום שטייט והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך דאש איז דער יצר הרע וואש מיר מוזין אנטקעגן אים מלחמה האלטן מיט דר תורה אזו ווערט ער איבער גיענטפערט צום מענטשן אין די הענט דרום שטייט ונתנו יי אלהיך בידך ושבית שביו זאגט רבי שמעון וויי אויף דעם תחת עבד כי ימלוך ונבל כי ישבע לחם דאס איז ווען דר מענטש זינדיגט איז דער יצר טוב גיפאנגן ביי דעם יצר הרע אונ די אברים פון דעם גוף זיינן אלע בצער אונ דר יצר הרע איז איבר אים איין מלך אבר אז דו וועשט לערנן תורה ושבית שביו וועסטו פון אים פאנגען זיין שביה דאש איז דעם יצר טוב וראית בשביה אשת יפת תואר דאש איז די נשמה אזו וויא דר פסוק זאגט אשה יראת יי היא תתהלל דען אלע טאג האלטין מלחמה די חיילות פון דער נשמה מיט די חיילות פון דעם יצר הרע אונ די אברים פון דעם גוף זיינן תמיד בצער צווישן דר נשמה אונ יצר הרע והבאתה אל תוך ביתך דען זיא איז פון דארטין אוועק גישיקט גיווארין אונ די שפחה האט גירשת איר הערין אונ היינט האשטו זיא ווידר בקומן אין דיין הויז אריין אזו בדארף ער זיא מיט תשובה מטהר זיין אונ זאל זיא רייניגן פון דער זוהמא וואש דר נחש האט אין איר גיווארפן ווייל זיא איז אין זיין רשות גיוועזן וגלחה את ראשה ועשתה את צפרניה דאש זיינען דיא זוהמא והסירה את שמלת שביה דו זאלשט פון איר אפ טאן די מלבושי טומאה אונ די מיני טומאה פון דעם חטא העגל דען בשעת מתן תורה האבן זיי מקבל גוועזן די לבושי קדושה אונ אז זיי האבין גיזינדיגט מיט דעם עגל האט מען דאש פון זיי אוועק גינומן אזו וויא עס שטייט ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורב ׃ ובכתה את אביה ואת אמה ירח ימים דאש איז דר חודש אלול דאש דר מענטש גיהער וויינן אויף זיינע עבירות אונ תשובה טאן אויף זיי דען אין דעם חודש איז משה ארויף גיגאנגן נאך דעם חטא העגל צו בעטין אויף די ישראל פאר הקב״ה ער זאל זיי מוחל זיין זייער חטא ׃

כי יהיה לאיש בן סורר ומורה ותפשו בו אביו ואמו וגו׳ זאגט רבי אלעזר איך פר וואונדר מיך דרויף אויך האבין מיר גילערינט בשעת הקב״ה האט גזאגט צו משה די פרשה פון בן סורר ומורה האט משה גזאגט רבונו של עולם איז דאש דען מיגליך אז אפאטר וועט אזו טאן צו זיין זון זאגט הקב״ה איך הער וואש דוא זאגסט שרייב אויף אונ זאיי מקבל שכר דו ווייסט אבר איך ווייס מער אז דו וועסט דרשנן דעם פסוק וועשטו גיפינן ׃ באותו שעה האט הקב״ה מרמז גוועזן צו דעם שר יופיאל דר שר פון דר תורה זאגט ער צו משה איך וועל דיר דרשנן די פרשה וואש זיא מיינט כי יהיה לאיש דאש איז הקב״ה וואש ער הייסט יי איש מלחמה ׃ בן סורר ומורה דאש זיינן די

ישראל אזו וויא דער פסוק זאגט כי כפרה סוררה סרר ישראל · איננו שומע בקול אביו ער הערט ניט אין דעם קול פון הקב"ה ויסרו אותו אזו וויא דר פסוק זאגט וישלח יי ביד כל נביאי כל חוזה זיי זאלין זייא שטראפין ולא ישמע אליהם אזו וויא דר פסוק זאגט ולא ישמע אל יי · זולל וסובא דען דער עיקר ויסוד איז די אכילה ושתיה ורגמוהו כל אנשי עירו באבנים דאש זיינן דיא בני בבל גיוועזן וואש האבין גשליידערט די ישראל מיט שטיינר אונ האבין צו בראכין זייערע טויערן · אז משה האט דאס דר הערט האט ער אן גישריבן די פרשה אם לא תדעי לך היפה בנשים דו רעכט וועדיגע ישראל אז דוא ווילסט וויסין צאי לך בעקבי הצאן דאס זיינן די שולין אונ בתי מדרשים ורעי את גדיותיך דאש זיינן די קליינע קינדר פון דעם רבי וואש זייא האבין נאך קיין חטא ניט על משכנות הרועים דאס זיינן די מלמדים אונ ראשי ישיבות :

רבי אלעזר מיט זיין חברייא זיינען גיגאנגן אין וועג דער ווייל איז גיקומן צו פליהן איין טויב צו רבי אלעזר זאגט ער צו איר דו טויב בישט דאך תמיד כשר אונ רעכט פארטיג אין דיין שליחות גייא צו מיין שווער רבי יוסי בן לקוניא אונ זאג אים אז איך מיט דער גאנצער חברייא קומן אן צו אים איין נס וועט דיר גשעהן אין דריי טעג אונ זאלשט גאר קיין מורא ניט האבין דען מיר גייען צו אים בשמחה דר נאך זאגט ער איך בין מיך ניט זייער משמח אונ עס טוט מיר זייער באנק אויף איין רמון מלא וואס עש איז גיגעבן גיווארין אויף זיין ארט היישט אויך יוסי אזו איז די טויב אוועק גיפלויגן פון זיי אונ די חברייא זיינן אוועק גגאנגן פון דעם ארט זאגט רבי אבא צו רבי אלעזר איך פר וואונדר מיך זייער אויף דר מעשה פון דר טויב זאגט ער צו אים די טויב איז גיקומן צו מיר מיט איין שליחות אונ זאגט אז מיין שווער רבי יוסי בן לקוניא ליגט שלאף אונ פון אירע רייד ווייס איך אז ער איז ניצול גיווארן אונ אויף זיין ארט האט מען גיגעבין איין אנדערן רבי יוסי מפקיען וויא זיי גייען אזו קומט איין ראב אונ שטעלט זיך פאר זיי אונ שרייט מיט גרויש כח · זאגט רבי אלעזר צו אים שלעכטיק בישטו אן גיברייט מודיע זיין גיי דיר דיין וועג איך ווייס פריער פון דיר אז ער איז גישטארבין זאגט רבי אלעזר צו דר חברייא מיר וועלין גומל חסד זיין מיט דעם פולין רמון דאש איז ר' יוסי מפקיען דען ער איז אוועק גיגאנגן פון דר וועלט אונ עש איז קיינר ניט ראוי מיט אים זיך מתעסק זיין ער איז נאהנט צו אונזר וועג זיינן זיי אראפ גיגאנגן פון דעם וועג אונ זיינן גיגאנגן אין דעם ארט אריין איז זיי די גאנצע שטאט אנטקעגן גיגאנגן אונ די חברייא זיינן גיקומן אין דעם הויז פון דעם רבי יוסי מפקיען אונ ער האט גילאזן איין קליין קינד בשעת דר פאטר איז גישטארבן האט דאס קינד קיינם ניט גילאזין צו גינעהנן צו דעם בעט נאר ער אליין האט גינעהנט אונ האט זיך גילייגט אויף אים ער האט בהעפט זיין מויל מיט דעם פאטערש מויל אונ האט גיוויינט ער האט אן גיהויבין צו שרייען רבש"ע עש שטייט אין דיין תורה כי יקרא קן צפור לפניך בדרך בכל עץ וגו' שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך רבונו של עולם זיי דו אליין מקיים דיין תורה מיין פאטר אונ מוטר האבין גילאזין צוויי קינדר מיך מיט איין קליינע שוועסטר האשטו גזאלט אונז צו נעמן פון דר וועלט אונ זיי לאזין מקיים צו זיין שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך רבונו של עולם אויב דו וועשט זאגין עש שטייט דאך את האם די מוטער אבער ניט דר פאטער עש איז דאך אלץ איינס פאטר אונ מוטר אונ ווידר דו האשט שוין אונזר מוטר לאנג צו גינומן האט אונזער פאטר אונז צו גדעקט מיר זאלן קענן לעבן אויף דר וועלט היינט האבן מיר ניט קיין פאטר אונ ניט קיין מוטר וואש וועלן מיר טאן וואו איז דר דין פון דר תורה ער האט אזו גיזאגט אונ האט זייער גוויינט האבן רבי אלעזר מיט דר חברייא אויך מיט אים גוויינט וויאזוי ער שרייט אונ וויינט הויבט אן רבי אלעזר צו זאגין עם שטייט שמים לרום וארץ לעומק ולב מלכים אין חקר וויא רבי אלעזר לאזט אויס דעם פסוק איז אראפ איין פייערדיגע זייל אונ האט גמאכט איין צווישין שייד צווישן דעם מת רבי יוסי אונ צווישן די מענטשן וואס זיינען דארטין גשטאנען אונ דאש קינד האט בהעפט זיין מויל מיט זיין פאטערש מויל אונ האט זיך ניט אפ גישייד פון אים זאגט רבי אלעזר אדער הקב"ה וויל דא טאן איין נס אדער ער וויל ניט מיר זאלן זיך מיט אים מתעסק זיין גאר די רייד מיט דעם גיוויין אונ דאש שרייען פון דעם קינד קען איך ניט סובל זיין · וויא זיי זיצין אזו הערין זיי איין קול וואש האט גיזאגט

פיל זוכה בישטו רבי יוסי דיא רייד פון דעם קליינעם ציקעלע מיט זיינע טרערן זיינן ארויף גיגאנגן פר דעם כסא המלך אונ האבן גמשפט דעם דין אונ הקב"ה האט פאר אים מוסר גוועזן דרייצעהן מענטשן צו דעם מלאך המות אונ דיר האט מען מוסיף גיוועזן אויף דיין לעבין צוויא אונ צוואנציג יאר ביז דוא וועסט דיין גאנץ ציקעלע דאש ליבע קינד ברייגנען צו הקב"ה לערנען תורה אונ רבי אלעזר מיט דר חברייא שטייען אויף אונ לאזין ניט קיין שום מענטשין שטיין אין שטוב מיד תיכף האבן זיי דר זעהן אז דער עמוד אש האט זיך אפ גיטאן אונ רבי יוסי האט געפינט זיינע אויגן אונ דאס קינד האט נאך גהאלטן זיין מויל בהעפט צו זיין פאטערס מויל זאגט רבי אלעזר וואול איז אונזר חלק וואס מיר האבן זוכה גיוועזן צו זעהן עין בעין תחית המתים זיינען זיי גיגאנגן צו אים אונ דאש קינד איז חליש גיבליבן זאגין זייא צו אים וואול איז דיין חלק רבי יוסי בריך רחמנא גילויבט איז השי"ת וואש ער האט אונז אזו איין נס גיטאן דורך די טרערן פון דיין קליין קינד אונ מען האט דיר גימערט לעבעדיגע יארין זיי האבין גינומן דאש קינד אונ האבין אים גיקושט אונ האבין גיוויינט מחמת גרויש שמחה זייא האבין דאש קינד ארוין גינומן אין איין אנדער הויז אונ האבן אים תיכף ניט גזאגט אז דר פאטר איז לעבעדיג גיווארין דער נאך האבין זיי אים אויש גיזאגט אונ האבין זיך דארט זייער גיפרייט דריי טאג האבין זיי מיט דעם רבי יוסי מחדש גיוועזן פיל חדושים אין דר תורה זאגט רבי יוסי מען האט מיר ניט גגעבין קיין רשות מגלה זיין וואס איך האב גיזעהן אויף יענר וועלט ביז נאך צוועלף יאר אבר דריי הונדערט מיט פינף אונ זיבעציג טרערן וואס מיין קינד האט פר גאסין זיינן אלע ארויין גיגאנגן בחשבון פר דעם מלך הקדוש אונ דא שווער איך פר אייך חברייא בשעת מיין קינד האט אן גיהויבן דעם דאזיגן פסוק אונ האט גזאגט די רייד זיינן דער ציטערט גיווארן צוויי הונדערט שטולין בישיבה של רקיע אונ אלע זיינן גישטאנען פאר דעם מלך הקדוש אונ האבן גבעטן אויף מיר איז הקב"ה דר פילט גווארן מיט רחמנות אויף מיר אונ עס איז אים גפעלן די רייד פון מיין קינד אונ וויא ער האט זיך מוסר נפש גיוועזן פון מיינט וועגן אונ עש איז גשטאנען איין אפוטרופס אונ האט גזאגט רבונו של עולם עש שטייט דאך מפי עוללים ויונקים יסדת עוז למען צורריך להשבית אויב ומתנקם לאז אים בייא שטיין דער זכות פון זיין תורה אונ דער זכות פון זיין קליין קינד וואש ער האט זיך אזו מוסר נפש גיוועזן פון זיין פאטערש וועגין אזו האט הקב"ה גירופין צו דעם מלאך המות אונ האט אים גיגעבין ערבות אנדרע דרייצעהן מענטשין אונ האט מיך ווידער אום גיקערט אין דער וועלט אריין אויף צוויא אונ צוואנציג יאר אונ הקב"ה האט גיזעהן אז איר זייט צדיקי אמת דרום איז דר נס גישעהן פר אייערע אויגן הויבט אן רבי יוסי צו זאגן עש שטייט ה' ממית ומחיה מוריד שאול ויעל אין דעם פסוק דארף מען מסתכל זיין וויא אזו זאגט ער ה' ממית איז דען הקב"ה ממית אמר זיין נאמן איז דאך איין לעבין צו אלע אונ קיין מיתה גישיקט זיך ניט צו זאגין בייא אים וועסטו וועלן זאגן ווייל אז הקב"ה איז מיט דעם מענטשן אזו קען דר מקטרג אים ניט ממית זיין אונ אז הקב"ה טוט זיך אפ פון אים אזו קען דר מקטרג צו טרעטין אונ ממית זיין עס איז ניט אזו נאר אזו איז דר פשט ה' ממית הקב"ה איז ממית דיא טומאה מיט דער קליפה דען אז די טומאה דר זעהט דאס לויטערקייט פון כבוד הקב"ה מיד תיכף פר דר שרעקעניש איז זיא מת פון דער וועלט אונ השי"ת איז תיכף מחיה דעם רוח הקודש פון דיא מענטשין וואש ער קומט מצד הקדושה אונ איז אים מקיים אין רעכטין שטאנד דאש אלץ טוט השי"ת אין איין צייט דעם איז ער ממית אונ דעם איז ער מחיה מוריד שאול ויעל ער מאכט נידערן דעם רוח הקודש אין גיהנם אריין וואש ער היישט שאול דארט ווערט ער גירייניקט אונ ברייגנגט אים ווידר ארויף אין גן עדן אריין אויף דעם ארט וואו ער דארף אונ איר חברייא זאלט דאש ווישן אז בשעת איך בין אוועק גיגאנגן פון דר וועלט איז מיין רוח ארויף גיגאנגען אונ ביז השי"ת האט זיא ניט מחיה גיוועזן איז מיין גוף גיוועזן גישטארבין אונ בשעת מיין קינד האט אן גיהויבין צוא ריידין איז אים דיא נשמה אויש גיגאנגען אונ האט בגעגינט מיין נשמה וויא זיא איז ארויס גיגאנגן פון דר טבילה פון דעם גיהנם אונ זיא איז ארויין גיגאנגן אויף אזו איין ארט וואו מען האט זיא דארטין גמשפט אונ מען האט איר מוסיף גוועזן

צוויי אונ צוואנציג יאר פון וועגן דיא רייד אונ דיא טרערין פון מיין קינדר · פון היינט אן אונ ווייטר דארף איך עוסק זיין בתורה אזוא וויא איך האב געזעהען דען ווייל איך האב אזעלכעש געזעהען טאר איך שוין ניט עוסק זיין אין דיא הבלי עולם ער הויבט אן עש שטייט יסור יסרני יה ולמות לא נתנני דוד המלך האט דאש גיזאגט אז עש איז איבר גיפארן אויף אים אלין דינג בעולם הזה דאש ער איז אנטלאפין אין אפעמרע לאנד קיין ארץ פלשתים אונ פון אלימען האט אים השי"ת גיהאלפין דרום זאגט דוד דו האסט מיך גישטראפט אויף מיינע זינד היינט בין איך שוין ריין דען איך האב מקבל גוועזן מיין עונש בעולם הזה ריין צו מאכן מיך בעולם הבא דרום זאגט ער יסור יסרני יה דו האשט מיך גישטראפט אויף דער וועלט ולמות לא נתנני דוא האסט מיר ניט איבר גלאזט מיינע חטאים אויף נאך דעם טויט אזו איך אויך השי"ת האט מיך ריין גמאכט אויף דר וועלט איך זאל ניט קומען בחרפה לעוה"ב :

פתח דאש קינד הויבט אן אבינו מת במדבר והוא לא היה בתוך העדה וגו' אבינו מת איז דען זייער פאטער אליין גישטארבן אין דר מדבר עס זיינען דאך גישטארבין כמה רבבות אלא כמה מענטשין קריגן אין דעם איינר זאגט זייער פאטער איז גיוועזן איין מקושש עצים ער האט גיקליבן האלץ אום שבת דרום איז ער גשטארבן דרום שטייט בחטאו מת אונ אטייל זאגן אנדרש · נאר דעם טאג וואש מיין פאטער איז קראנק גיווארן · האט ער מיך גילערינט אונ איך האב געזעהן וואש איך האב געזעהן דאש מיין פאטר האט מיר אן גיזאגט אז איך זאל עש ניט מגלה זיין אלא זייער פאטער איז גוועזן צלפחד אגרוישר מאן פון דעם שבט יוסף אונ ווייל ער איז ניט גוועזן קיין גרוישר למדן דרום איז ער קיין נשיא ניט גיווען אונ ער האט ניט גיהיט זיין מויל אנטקעגן משה צו ריידן אויף אים דרום שטייט ניכפת עם רב מישראל ער איז קיין למדן ניט גיוועזן ניערט איין רב משפחה אונ ווייל ער האט גירעט אנטקעגין משה זאגט ער מת במדבר דאש איז לשון דיבור ווייל ער האט גירעט אנטקעגן משה האבן די טעכטר גימיינט אז ער איז אים איין שונא דרום האבן זיי גיבראכט זייער רייד צוא משה מיט אלעזר מיט דיא נשיאים · פון דאנן לערנן מיר אפ אז איינר פארכט זיך פאר איין דיין ער זאל אים ניט רעכט פסקענן זאל ער אויף אים מוסיף זיין נאך דיינים דען וועט ער זיך פארכטין פר זיי צו פר קרימן דעם דין אבר זיי האבן ניט גיוואוסט אז משה איז אגרוישער עניו מכל אדם אונ אז משה האט גיזעהן אז זיי זעצין די נשיאים צום דין האט ער זיך נאר אפ גיטאן דרום ויקרב משה את משפטן לפני יי' אבער אנדערע דיינים איז ניט אזוא האמשע מען איז מוסיף אנדרע דיינים צו זיי שיידן זיי זיך פארט ניט אפ די הייליגן עזי פנים זיי האבן ניט די ענוה פון משה וואול צו דעם חלק פון משה :

רבי אלעזר מיט דער חבריא פרייען זיך זייער זאגט רבי יוסי איך בעט אייך איר זאלט אים חס ושלום קיין עין הרע ניט געבן דען ער איז נאך ניט אלט קיין פינף יאר זאגט רבי אלעזר פארכט זיך חס ושלום ניט פאר אונזער עין הרע דען מיר קוקין אויף אים בעין טובה אונ דאש וואש דוא זאגשט פינף יאר דאש איז די פינף יאר אשר אין חריש וקציר ער זאל ניט פר שניטין ווערין פון דער וועלט זאגט רבי אלעזר צו רבי אבא מיר וועלן דא זיצין אלע זיבן טאג דען ביז זיבן טאג איז דאש בית נאך ניט מיושב דען ווייל ביי איטליכן וואש ער שטארבט גייט די נשמה אוועק אלע זיבן טאג פר דעם טויט אונ איז ניט מיושב אויף איר ארט אונ היינט איז זיא ווידער אין גוף אריין איז זיא נאך ניט רעכט מיושב אויף איר ארט זיבין טאג זאגט רבי אבא צוא אים מיר האבין דאך גילערינט פתוח תפתח את ידך לאחיך לעניך ולאביונך פון דעם לערנן מיר אפ אז זיין פריינט איז בילכער פון אפרעמדין דרום שטייט פריער לאחיך אונ דר נאך לעניך אונ זיין שוועער ליגט אויך שלאף לאמיר צוא אים גיין גומל חסד זיין זאגט רבי אלעזר וודאי איז רעכט אזוא נאר אז מיר וועלין צוריק גיין וועלן מיר זיך אום קערין אהער · זיי קושין דעם ינוקא אונ בענטשין אים אונ גייען אוועק זאגט רבי אלעזר איך פר וואונדר מיך אויף דיא קינדר פון דעם דור וויא שטארק איז זייער כח זאגט רבי אבא וואול צו דעם חלק פון דעם סבא פון דעם דור דאש איז רבי שמעון דען אין זיינע צייטין וויל הקב"ה מתקן זיין דיא צווייישיבות אונ מאכן איין ישיבה גדולה עליונה וויא עש געהער צו זיין דען עש וועט שוין אזוא איין דור ניט זיין ביז משיח וועט קומען :

והיה כי תבא שלמה המלך זאגט אין משלי
כבד את יי מהונך ומראשית כל תבואתך וימלאו
אסמיך שבע ותירוש יקביך יפרוצו אין דעם פסוק האט
אונז שלמה המלך גיוויזין דאש דר מענטש
זאל זיך פאר זיבערן אין גאט אונ זאל גאט
מכבד זיין מיט וואש ער קאן אונ פר מאגט
אונ זאל עניים עסין געבין אונ זאל וויסין
דאש גאט וועט אים בצאלין כפל כפלים אונ
זאל ניט טראכטין וען איך וועל דעם עני
עפעש געבן וועט אפ גיין פון מיין געלט נאר
ער זאל זיך פר לאזין אויף גאט אזוא וועט
זיין געלט נאך מער ווערן אזו וויא אין פסוק
שטייט יש מפזר ונוסף עוד עש זיינן אטייל לייט
וואש זיי גיבן זייער געלט צו עניים אונ דורך
דעם האבן זיי נאך מער אונ דרום זאגן דיא
פסוקים דוא זאלסט גאט מכבד זיין פון דיין
גוטש אזו וועט גאט דיך רייך מאכן אונ וועט
מערין דיין תבואה אונ דיין ווין אונ אזוא
גיפינן מיר ביי מעשר בשיידליך אן גישריבן
דאש גאט האט גיזאגט ובחנוני נא בזאת פרובט
מיך אונ גיט מעשר אונ צדקה אויב איך וועל
אייך ניט רייך מאכן חאטשע ביי אלע מצות
טאר מען גאט ניט פרובן איך וועל די מצוה
טאן כדי איך זאל מזל האבן אזוא וויא אין
פסוק שטייט לא תנסו את יי איר זאלט גאט ניט
פרובן אבר ביי מעשר מעג מען זאגין איך
גיב מעשר אונ צדקה כדי איך זאל רייך ווערן
אונ די חכמים לערנען אפ פון דעם פסוק כבד
את יי מהונך דו זאלסט גאט מכבד זיין מיט וואס
גאט האט דיר גיגעבן דאש ווען איינר האט
איין שיין קול זאל ער זינגן אונ לויבן גאט אונ
זאל דאש ניט טאן כדי מאנען אונ ווייבער
זאלין אים לויבין נאר ער זאל זינגען לכבוד
גאט אונ אויך ווען ער האט זוכה גיוועזן צו
זיין איין סופר זאל ער שרייבין ספרים צוא
לערנן פון זיי אונ ווער עש שרייבט זיך איין
ספר תורה איז גלייך וויא ער האט זיא מקבל
גיוועזן פון דעם בארג סיני אונ אויך ווען ער
קאן איין מוהל זיין אזו איז זיין שכר זייער

גרויש דען דרייצן בריתות זיינן גזאגט גיווארן
ביי דר מצוה פון מילה אונ מיט וואש גאט
האט אים גילייט זעלינט זאל ער גאט מכבד
זיין דר מיט אונ דיא ישראל הייסן ראשית
דרום איז ראוי זיי זאלן ברייננן דאס ראשית
פון דר תבואה אונ פירות צו גאט וואש ער
הייסט ראשית דאש ער איז דער ערשטער
פר אלע ערשטע דרום האט דיא תורה אן
גישריבין ולקחת מראשית כל פרי האדמה דו זאלסט
נעמן דיא ערשטע פירות פון דער ערד אונ
זאלסט ברייננן צו גאט איי דו פר זוכסט' דר
תולדות יצחק שרייבט די כוונה איז גיוועזן
פון גאט וואס ער האט גיהייסן ברייננען
בכורים דען גאט וויל אונז לערנן דאס מיר
זאלין גאנץ זיין מיט אלע גוטע מידות מיט
גאט אונ מיט לייט דאש ערשטע ער זאל
קיין ווייטין האלז ניט האבין צוא זיין איין
פרעסר אונ איין זויפר דען דר וואס איז איין
פרעסר אונ איין זויפר קומט פיל ביין' דורך
דעם ווערט ער באלד ארום דאש ער פרעסט
אלין אויף אונ לסוף קומט ער צו גזלען לייט
אונ צו הרגענן' אויך דר וואס עסט פיל דר
קומט צו חלאים רעים אונ מוז דרפון שטארבן
אבר די תורה לערינט אונז רפואות ווי אזו
דר מענטש זאל זיך האלטן מיט עסין דאש
ער זאל ניט קומן צו חלאים אונ די גרעסטע
דאקטורים שרייבין אין זייערע ספרים דאש
דר מענטש זאל זיך היטן פר גראב עסן אונ
פר פיל עסן אונ ניט אלם דינג צו עסין אונ
אזו שרייבט דר מנורת המאור דר וואס היט
זיך אפ ווייניג צו עסן דר באדארף קיין מאל
קיין רופא ניט דען עס קומן קיין חלאים אויף
אים ניט דרום האט דיא תורה גיזאגט דוא
זאלסט ברייננען דיא ערשטע פירות וואש
וואקסן אין דיין גארטן צו גאט אונ זאלסט
דיך אויף האלטין פון צו עסין ביז דו וועסט
ברייננן צו גאט חאטשע איין מענטש האט
גרויש לוסט צוא עסין איין נייע פרי וואש ער
האט אין גאנץ יאר אין זיין גארטין ניט

גיזעהן דאך זאל ער זיך אויף האלטן ניט צו עסין זיא כדי ער זאל זיך גיוואנן ווייניג צוא עסין אונ זאל ניט עסן אליין וואש אים גלוסט זיך · אונ וויא דר מענטש האט דר נעהן איין שיינעפיג אדר איין שיינם היינגל ווין טרויבן אין זיין ווין גארטן האט ער אים ארום גבונדן מיט איין פאדים צו איין צייכן דאש איז די ערשטעפרי צו ברייגן צו גאט אונ אויך האט מען גיבראכט בכורים כדי דר מענטש זאל זיך ניט האלטן בגאוה דרום האט ער גימוזט ברייגן די בכורים צום כהן וואש איז גיוועזן אין זיינע צייטין האטשע ער איז גיוועזן איין השובר מענטש אונ איז רייך גוועזן דאך האט ער אליין גימוזט קומן צו דעם כהן אונ אפילו איין מלך האט גימוזט נעמן דעם קארב אויף זיין אקסיל אונ האט גימוזט טראגן פון דעם הר הבית ביז אין דר עזרה אונ האט גימוזט זאגין די פרשה דר מיט איז גיוויזן דאש דער מענטש זאל זיך ניט הויך האלטן אונ ער האט מתודה גיוועזן אונ האט גזאגט דש גאט האט מקיים גוועזן זיין הבטחה צו בריינגן אונז אין דעם גוטין לאנד דרום האט מען גיוויזן די פירות אין בית המקדש וויל דורך דעם האט מען רעכט גיגלויבט אין גאט דען די מרגלים האבן גזאגט דאש גאט האט קיין מאכט ניט צו בריינגען די ישראל אין דעם גוטין לאנד אבר איצונד ווייסין זיי אלע דאש גאט האט זיין שבועה גהאלטן צו בריינגן אונז אין דעם גוטן לאנד אונ מען זאל ניט זאגן דש ישראל זיינן פון אייביג אין לאנד אונ ניט גאט האט זיי גיבראכט אין דעם לאנד דרום האט מען גימוזט זאגן ביי די בכורים ארמי אובד אבי לבן הארמי האט גיוואלט מאכן פאר לירין אונזר פאטר יעקב האט יעקב גינידרט קיין מצרים מיט ווייניג פאלק אונ פרעה האט אונז גרויש צרות אן גטאן אונ גאט האט אונז אויש גיצויגן פון מצרים אונ האט אונז גבראכט אין דעם לאנד צו די גוטע פירות דר פון לערנן מיר אפ דאש אין בעסטן צייט וויא דעם מענטשן נייט

זאל ער גידיינקען דאש ער האט פריער דעם דלות גהאט דרום זאגן מיר ביי דר שמחה פון בכורים דאש מיר זיינן גוועזן אין גלות מצרים אונ גאט האט אונז גיהאלפין אזוא וועט ער העלפין אלע ארומע לייט · דער צרור המור שרייבט דאש די תורה האט דרום דיא צוויי פרשיות ביי אנאנדר גשטעלט די פרשה פון עמלק אונ דיא פרשה פון בכורים וויל עמלק האט זיי ניט גלאזט קומן קיין ארץ ישראל צו נעמן די ברכות וואש יצחק האט גיבענטשט יעקב מטל השמים ומשמני הארץ אונ עמלק קומט ארויש פון עשו דרום האט ער זיך גיוואלט נוקם זיין וויל יעקב האט די ברכות פון אים אוועק גינומן דרום לויבין מיר גאט מיט דיא בכורים וואש זיא הייסין ראשית פרי האדמה אונ עמלק ווערט אויך גירופין ראשית · ראשית גוים עמלק צו ווייזין דאש זיין עצה איז ניט גיבליבן אונ די ישראל האבין דאש לאנד גינומן אונ האבן די ברכה משמני הארץ די גוטע פירות פון דר ערד · דאש האבן מיר פון גאט וואש ער הייסט ראשית ער איז דר ערשטער פאר אלע ערשטע אונ מען האט גלויבט אויף דעם חסד וואש גאט האט אונז גיהאלפן פון עמלק אונ מען האט נאך דער ביי אנדרע טובות גזאגט וואש גאט האט אונז גיהאלפין ארמי אובד אבי לבן איז גיוועזן איין רמאי אונ האט גיוואלט מאכן פאר לירין אונזר פאטר יעקב אונ גאט האט אים גהאלפן אונ דר נאך האט אונז פרעה אין מצרים פיל ביז גטאן אונ גאט האט אונז גיהאלפן אונ די פרשה ווייזט אויף עולם הבא כי תבא אל הארץ דש ווייזט ער אז דו וועסט קומן צו עולם הבא וואש הייסט ארץ החיים וואש דארטן איז דאש אייביגע לעבן אונ עולם הבא ווערט גירופן נחלה וירושה דען די וועלט איז קיין ירושה ניט זיא איז ניט אויף אייביג צום מענטשן ער איז ניט זיבער אלע רגע צו אוועק גיין פון איר ולקחת מראשית כל פרי האדמה דאש מיינט מען דו זאלשט מיט נעמן דיא תורה וואש זיא הייסט ראשית חכמה דען אויף יענם

עולם

עולם פרעגט מען צום ערשטן אויב מען האט תורה גילערנט דרום זעה אויף דר וועלט צו לערנן תורה דו זאלסט האבן מיט וואש צוא קומן אויף יענר וועלט והלכת אל המקום אונ דורך דר תורה לערנן וועשטו קומן פאר גאט וואש ער ווערט גירופן מקום ווייל ער איז דש ארט פון אלע עולמות דאש אלע עולמות הייגגען אין אים ובאת אל הכהן דש מיינט מען מיכאל דר מלאך וואש איז מקריב די נשמות פון צדיקים פאר גאט אונ זאגט דאש איז די נשמה פון דעם צדיק אונ דאש איז די נשמה פון יענעם צדיק וענית ואמרת די נשמה טוט לויבן גאט וואש ער הט איר גיהאלפן אונ האט זיא מציל גוועזן פון דעם יצר הרע וואש ער הייסט לבן הארמי ווייל ער איז פול מיט רמאות צו בצווינגן דעם מענטשן אונ די נשמה זאגט ויגר שם במתי מעט ויא האט גיוואונט אין גוף מיט ווייניג פאלק דען אלע גלידר האבן גפאלגט דעם יצר הרע אונ די נשמה מיט דעם יצר טוב האבן ווייניג גלידר וואש פאלגן זיי אונ דרום זאגט ער וענית ואמרת דאש מיינט מען די גלידר פון דעם מענטשן זאגן אויף אים עדות אונ די בכורים האט מען גיבראכט פון זיבן ערליא מינים פון ווייץ פון גערשטין פון וויין טרויבן פון פייגן פון מיל גראמען פון אייל בירטין פון האניק פון טייטלן אונ מען האט דש בעשטע גיבראכט דען עש איז ראוי צו ברייגגן פאר גאט דאש שענסטע אונ דאש בעסטע אונ אויך ווען איין מענטש האט איין אורח זאל ער אים דאש בעסטע פון דר שיסיל געבן דען וואש מען גיט דעם עני פון דעם טיש איז גלייך וויא מען ברייגגט איין קרבן אונ דיא בכורים זיינען גיוועזן איין כבוד צו גאט אונ איין כבוד צום כהן אונ איין טובה פר ישראל איין כבוד צו גאט דאש מען הט אים גלויבט דאש אל דאש גוטש קומט פון אים אונ איין כבוד צום כהן דאש מען האט זיך גימיעט צו ברייגגן אים שיינע פירות צו עסין · אונ איין טובה צו ישראל דאש זייער תבואה האט זיך

דורך דעם גמערט · אונ דר עיקר מצוה איז גיוועזן מען זאל איטליכש מין אין איין בזונדרין קארב ברייגגן אונ אויב ער האט ניט גיוואלט פיל כלים טראגן האט ער גמעגט אין איין קארב טראגן אונ האט דעם גערשטן פון אונטין גילייגט אונ דיא ווייץ דרויף אונ דיא טייטלין דרויף אונ די מיל גראמין דרויף אונ די אייל בירטין דרויף אונ צווישין איטליכש מין איז גיוועזן איין בלאט אונ וויין טרויבן איז גיוועזן לעבין דר קארב אונ איין פאר טערקיל טויבין זיינן גיהאנגן אין דעם קארב פר איין קרבן אונ נאך איין פאר טערקיל טויבין האט מען גיבראכט צו שיינקען דעם כהן אונ די כהנים האבן זיך דר מיט צו טיילט · אין דעם גאנצין וועג איי ער איז גיקומן קיין ירושלים האט מען גמעגט געבן צו איין קנעכט טראגן אבר אז ער איז גיקומן צום בארג וואש דר בית המקדש איז דרויף גשטאנן הט איטליכר גימוזט אליין נעמן אויף זיין אקסיל אונ אז ער איז גיקומן אין בית המקדש אונ הט דעם קארב פון זיין אקסיל אראפ גינומן האט דר כהן פון זיין האנט צו גנומן אונ ער הט גזאגט דיא פרשה אונ האט גאט גילויבט אונ ווען איינר האט גיקויפט איין בוים אונ האט קיין קרקע ניט גיהאט האט ער גיבראכט בכורים אונ האט די פרשה ניט גיזאגט ווייל ער האט קיין ערד ניט גיהאט האט ער ניט גיקענט זאגין דו האסט אונז גיגעבן איין גוט לאנד · אונ איין גר האט אויך גבראכט בכורים אונ האט די פרשה ניט גיזאגט ווייל ער האט ניט גיקענט זאגין דו האסט אונזרע עלטערן דאס לאנד גיגעבן דען ער האט ניט קיין עלטערין פון ישראל · אונ אטייל חכמים זאגן איין גר האט יוא גזאגט די פרשה ווייל אברהם אבינו איז דר פאטר פון אלע גרים אזו האט איין גר עלטערן פון ישראל · דר מנהג איז גוועזן דאש דר בעל הבית אליין האט גימוזט די פרשה זאגין אונ אויב ער האט ניט גיקענט פלעגט מען אים פיר זאגן אונ דר נאך הט מען גמאכט

איין

אין תקנה דאש מען זאל איטליכן פיר לייענן
כדי עש זאל ניט מבויש ווערן דר וואש קען
אליין ניט לייענן אזו וויא מיר טוען איצונד
אין דר ספר תורה דאש מען לייענט איטליכן
פיר · אונ אז איינר איז מיט בכורים גיגאנגן
אין וועג אונ איז גקומן אין שטאט · אזו האבן
זיך איין גיזאמילט פון דר שטאט די חשובי
לייט מיט זייערע בכורים אונ זיינן גיגאנגען
צו אים אויף דר גאס · אונ האבן אלע איבר
גנעכטיגט אויף דר גאס ניט אין קיין הויז כדי
זיי זאלן ניט טמא ווערן אונ אין דר פרי האט
דר עלצטר פון זיי גיזאגט עש איז שוין צייט
צו גיין אונ איין אקס איז גגאנגן צו איין קרבן
אונ זיינע הערנער זיינן גיוועזן באדעקט מיט
גאלד אונ איין קראנץ מיט איל בירטין איז
גיוועזן אויף זיין קאפ אונ אטרומייטר איז פר
זיי גיגאנגן אונ האט גישפילט ביז זיי זיינען
גיקומן קיין ירושלים אונ אין דעם גאנצן וועג
האט מען גזאגט דעם פסוק שמחתי באומרים לי
בית יי נלך איך טוא מיך פרייען אז מען זאגט
צו מיר מיר וועלין גיין אין גאטש הויז אונ זיי
זיינן ניט גיגאנגן דעם גאנצן טאג נאר צווייי
חלקים טאג זיינן זיי גיגאנגן אונ איין דריטיל
טאג האבן זיי גירועט אונ אז זיי זיינן גיקומן
נאהינט פון ירושלים האבן זיי שלוחים אריין
גישיקט דאש זיי קומען אן אונ די שרים אונ
אלע חשובים פון ירושלים זיינן זיי אנטקעגן
גגאנגן. אויב פיל לייט מיט בכורים זיינן גיקומן
זיינן פיל לייט זיי אנטקעגן גיגאנגן אונ אויב
עש איז ווייניג לייט מיט בכורים גיקומן זיינן
ווייניג לייט זיי אנטקעגן גיגאנגן · אונ אז זיי
זיינן גקומן אין די טויערן פון ירושלים האבן
זיי גיזאגט דעם פסוק עומדות היו רגלינו בשעריך
ירושלים אונזרע פיס טוען שטיין אין די טויערן
פון ירושלים אונ אלע בעלי מלאכות פון
ירושלים זיינן פר זיי אויף גישטאנן פון זייער
מלאכה צו געבין זיי שלום אונ דר טרומייטר
איז גיגאנגן פאר זיי ביז אין דעם בארג פון
דעם בית המקדש אונ אז זיי זיינן גיקומן אין

הר הבית האט איטליכר זיין קארב אנידער
גישטעלט אונ זיי האבן גיזאגט הללויה הללו אל
בקדשו ביז כל הנשמה תהלל יה אונ די לוים האבן
גיזונגען דאש קאפיטל ארוממך יי כי דליתני דיא
עשירים האבן זייערע בכורים גיבראכט אין
גילדרנע אונ אין זילברנע כלים · אונ דר עני
האט זיינע בכורים גיבראכט אין איין קארב
פון קארע אזו האט ער זיא גימוזט ביי דעם
כהן לאזין אונ דער עושר האט זיך זיין כלי
אהיים גינומן דאש זאגט די וועלט דעם עני
שלעפט זיך נאך דר דלות ער מוז תמיד צוא
לייגין · ארמי אובד אבי לבן הארמי הט גימאכט
פאר לירין אונזר פאטר יעקב די חכמים זאגן
חאטשע ער האט אים ניט גמאכט פאר לירן
נאר וייל ער האט בדיעה גהאט צו מאכן אים
פר לירין רעכינט אים דר פסוק גלייך וויא ער
האט אים גמאכט פאר לירין אבר דוד המלך
האט גיזאגט אין תהלים און אם ראיתי בלבי לא
ישמע יי אויב איך האב אין זין אין מיין הארצן
צו טאן איין עבירה טוט דאש גאט ניט רעכנן
אונ וייל דוד הט בדיעה גהאט צו בויען דש
בית המקדש אזו האט דר פסוק אויף אים אן
גישריבן גלייך וויא ער האט דאש גיבויט אזו
וויא אין פסוק שטייט מזמור שיר חנכת הבית לדוד
גלייך וויא ער האט אויש גיבויט אונ באנייט
דעם בית המקדש וגם נתתיו ללוי מען הט פריער
תרומה גדולה גיגעבן צום כהן אונ דער נאך
האט מען גיגעבין מעשר ראשון צום לוי אונ
דר לוי האט אפ גישייד דער פון מעשר מן
המעשר אונ האט גיגעבן צום כהן אונ דר נאך
האט דר ישראל נאך איין מעשר אפ גשייד צו
פירן קיין ירושלים אונ הט דאש דארטן גגעסן
אונ אין דעם דריטן יאר פון שמטה האט ער
גיגעבן מעשר עני אונ אז ער האט די בכורים
גבראכט האט ער גלויבט גאט אונ הט גזאגט
דאש ער האט אלע מעשרות אונ תרומות אפ
גיגעבן צום כהן ולוי אונ דיא בכורים אהער
גבראכט · היום הזה יי אלהיך מצוך לעשות דעם
דאזיגן טאג האט דיך גאט גיבאטן צו טאן די

מצות אונ חאטשע עש איז גיהען נאך פערציג יאר זינט גאט האט די תורה גיגעבן אונ ער זאגט דעם היינטיגן טאג האט דיך גאט גיבאטן נאר דאש לערינט אונז דאש דיא תורה זאל גיליבט זיין אויף דעם מענטשן גליך וויא זיא איז אין דעם טאג גיגעבן גווארן איז זיא דאך זייער ליב ווייל זיא איז איין חידוש אזו זאל ביי דיר תמיד די תורה גיליבט זיין אונ דוא זאלסט ניט פר געסן אין מתן תורה עש זאל זיך דיר דוכטן דו האסט היינט די תורה מקבל גיוועזן · ובכל נפשך דוא זאלסט דיין לעבן איין שטעלין פון דר תורה וועגן אזו וויא ביי דעם בארג סיני איז גוועזן דאש עש איז גוועזן גרויש פייער אונ דונערן אונ בליצין אונ די ישראל זיינן דאך גישטאנן אונ האבן גוואלט הערין די רייד פון גאט · שמור את כל המצוה גאט האט גיבאטן אז דו וועשט קומן אין ירדן זאלסטו נעמן צוועלף שטיינר פון דעם ירדן אונ זאלסט זיי שטעלן פאר איין צייכן אונ איין זכרון אונ זאלסט אויף זיי שרייבן די גאנצע תורה אונ נאך אנדרע צוועלף שטיינר האט מען גלייגט אין ירדן וואש די כהנים מיט דעם ארון זיינן אויף זיי גישטאנן כדי זייערע פיס זאלין ניט ווערין איין גיזונקן אין ליים אונ דיא צוועלף שטיינר וואש מען האט אויף זיי די תורה אן גישריבן האט מען גישטעלט ביי דעם בארג עיבל אונ דר נאך האט מען זיי מיט גינומען אין דר שטאט גלגל אונ פון די שטיינר האט מען ווייטר אויש גשריבן די גאנצע תורה פון בראשית ביז לעיני כל ישראל אויף זיבעציג לשונות למען אשר תבוא אל הארץ ווען דוא וועשט תורה לערנן וועסטו קומן קיין ארץ ישראל דען די תורה וועט מאכן פאר שניידן די פיינט פון דעם לאנד אלה יעמדו לברך את העם זעקס שבטים פון רחל אונ לאה זיינן גישטאנען אויף דעם בארג גריזים ביי די ברכות וואש מען האט גיבענטשט דר וואש וועט די תורה מקיים זיין אונ זעקס שבטים פון בלהה מיט זלפה זיינן גשטאנן אויף דעם בארג עיבל ביי דעם שילטן וואש מען האט גישאלטן דר וואש וועט ניט מקיים זיין די תורה אונ די כהנים אונ לוים זיינן גישטאנן צווישן די בערג אונ די כהנים האבן אום גקערט זייער פנים אנטקעגן דעם בארג גריזים אונ האבן די ישראל גיבענטשט אויב זיי וועלין מקיים זיין די תורה אונ דיא אלע זעקס שבטים האבן געענטפערט אמן אונ דער נאך האבן די כהנים אום גיקערט זייער פנים אנטקעגין דעם בארג עיבל אונ האבין גשאלטן דר וואש וועט ניט מקיים זיין די תורה אונ דיא זעקס שבטים פון דעם בארג עיבל האבן גזאגט אמן · אונ מען האט עלף עבירות דער מאנט ביי דם שילטן דאש ערשטע ווער עש דינט עבודת כוכבים אונ לייקנט אין גאט דש אנדרע ווער עש האלט ניט ערליך פאטר אונ מוטר אונ די תורה גלייכט עש וויא ער לייקנט אין גאט דען עש איז דא דרייא חברותות אין מענטשן גאט אונ פאטר אונ מוטר דר פאטר גיט דאש ווייסע אונ די ביינר אונ די אדערן אונ די נעגיל אונ דעם מוח אונ דאש ווייסע פון דעם אויג אונ די מוטר גיט דאש רויטע די הויט אונ דש פלייש אונ דאש בלוט אונ דאש שווארץ אפיל פון דעם אויג אונ גאט גיט די נשמה אונ די ראיה אונ דאש הערן אונ דאש ריידן אונ דאש גיין אונ די חכמה אונ שכל אונ אז עש קומט די צייט דר מענטש זאל שטארבן אזו נעמט גאט צו זיין חלק אונ לאזט ליגן דעם חלק פון פאטר אונ מוטר רב פפא זאגט דאש זאגט די וועלט ווען דאש זאלץ גייט ארויש פון דעם פלייש אזו שטינקט דאש פלייש אונ אזו איז אויך דר מענטש כל זמן די נשמה איז אין אים איז ער זייער שיין אבר ווען די נשמה גייט פון אים ארויש ווערט דר גוף פאר שטונקן אונ די גמרא זאגט אין קדושין גאט זאגט ווייל מיר זיינען דריי חברותות דרום ווער עש האלט ערליך פאטר אונ מוטר איז גלייך וויא ער האלט מיך ערליך ארור האיש אשר לא יקים את דברי התורה הזאת פאר שאלטן זאל זיין דר מענטש וואש וועט

גיט האלטן די מצות מיט דעם גאנצן הארצן דען מען מוז איין מחשבה האבן צו טאן מצות אונ מען זאל גלויבן דאש גאט האט זיי געבאטן אונ מען זאל זיך משמח זיין ווען מען טוט איין מצוה ווייל גאט האט זיי געבאטן אונ דר מענטש האט זוכה געווען צו טאן גאטש ווילן די חכמים לערנן אפ פון דעם פסוק דאש דר וואש גייט מיט הגבהה זאל אויך הויבן די ספר תורה אונ זאל דאש כתב פאר אלע לייט ווייזן זיי זאלן דאש כתב זעהן רבי יודין בר סימן זאגט עש שטייט אין פסוק שובה ישראל עד יי אלהיך דאש איז טייטש דו זאלסט תשובה טאן אפילו ווען דו האסט געדינט עבודת כוכבים ווערט דיר דאך גאט מוחל זיין די חכמים זאגין אין דער פסיקתא שובה ישראל עד יי אלהיך איין משל איין מענטש האט זיין חבר מבייש געווען פאר פיל לייט אונ דר נאך וויל ער אים איבער בעטין ענטפערט דר חבר ברייניג דיא לייט וואש דו האסט מיך מבייש געווען פר זיי אונ בעט מיך מחילה פר זיי אזו וועל איך דיר מוחל זיין אבר גאט איז ניט אזו דען האטשע דער מענטש זנדיגט פאר פיל לייט זאגט גאט זיי פרום אונ טוא תשובה אין דיין הארץ עש זאל קיינער ניט וויסן נאר איך אונ דו אזו וועל איך דיר מוחל זיין דאש מיינט דר פסוק עד יי אלהיך נאר גאט זאל וויסן אונ ניט קיין מענטש אונ זאלסט צו זאגין דאש דו וועסט שוין די עבירה ניט טאן אונ טוא תשובה מיט דיין גאנצן הארצן בשמחה דען איטליכע מצוה דארף דר מענטש טאן בשמחה מיט איין פריילעך הארץ דאש זאגט דר פסוק אין דר סדרה תחת אשר לא עבדת את יי אלהיך בשמחה די אלע קללות וואש שטייען אין דר סדרה וועלין אויף דיר קומן ווייל דוא האסט ניט גדינט גאט מיט שמחה אונ גאט באצאלט טאפיל שכר ווען ער טוט די מצוה בשמחה אונ זיין כונה זאל זיין צו פארכטן זיך פאר גאט אזו וויא אין פסוק שטייט ליראה את השם הנכבד והנורא דו זאלסט מורא האבין פאר גאט אונ זאלסט האלטין די מצות אונ דאש איז די בעסטע מדה וואש דר מענטש טאר זיך פארכטן פאר גאט אונ די מצוה קען מען אלע רגע מקיים זיין וואו ער גייט אונ שטייט טאג אונ נאכט קען ער אליין טראכטן אין הארצן צו פארכטן זיך פאר גאט אבר אנדרע מצות דהיינו תפילין אדר ציצית קען ער אנדרשט ניט מקיים זיין סיידין ער האט תפילין אדר ציצית אבר צו פארכטן זיך פאר גאט קען ער אלע צייט דש זאגט דר פסוק יראת יי טהורה עומדת לעד גאטש פארכט איז ריין אונ שטייט אויף אייביג כלומר מען קען עס אייביג טאן אונ גאט בגערט פון אונז מער ניט נאר תשובה אזו ווערט ער מוחל זיין די עבירות אונ ווערט אונז אויש לייזן פון דעם גלות אזו וויא דער פסוק זאגט אין פרשת נצבים והיה כי יבואו עליך כל הדברים האלה ושבת עד יי אלהיך ורחמך ושב וקבצך מכל העמים ווען עס וועלין אויף דיר קומן די קללות אונ דוא וועסט פאר שפרייט ווערן צווישן די אומות אזוא זאלסטו תשובה טאן ווערט דיך גאט איין זאמלען פון אלע אומות אונ ווערט דיך ווידער ברייניגען אין דיין לאנד אזוא וויא דיינע עלטערין:

# הפטרת תבא

קומי אורי כי בא אורך שטייא אויף דוא ירושלים אונ לייכט דען עש איז גיקומען דיין ליכט אונ דר כבוד פון גאט ווערט אויף דיר שיינען ° והלכו גוים לאורך אונ די אומות וועלין גיין צו דיין ליכט ° אונ דיא מלכים וועלין גיין צוא דער ליכטיקייט פון דיין שיינונג שאי סביב עיניך הויב אויף ארום אונ ארום דיינע אויגין דו ירושלים אונ זעה דאש אלע דיינע קינדר זיינן ווארין איין גיזאמלט אונ זיינען גיקומען צו דיר דיינע זין וועלין פון וייטין קומן אונ דיינע טעכטר וועלין דער צויגין ווערין אויף דער זייט אז תראי ונהרת דערנשט מאל ווערסטו זעהען אונ ווערסט לייכטין אונ עש ווערט דר שראקין אונ דער ברייטערט ווערין דיין הארץ פון וועגין שמחה דען עש ווערט פאר קערט ווערין צו דיר דאש רייכקייט פון מערב זייט אונ דאש גוטש פון די עובדי כוכבים ווערט קומן צו דיר שפעת גמלים תכסך דאש מערונג

פון די קעמלען וועט דיך צו דעקין כלומר דו וועסט פיל קעמלען האבין די יונגע קעמלן פון מדין אונ פון דר שטאט עיפה די אלע וועלין קומען צו דיר פון דר שטאט שבא גאלד אונ ווייערך וועלין זיי טראגן אונ גאטש לויב וועלן זיי זאגין כל צאן קדר יקבצו לך אלע גוטע שאף פון די טאטערין וועלין צו דיר איין גיזאמילט ווערן צו בריינגען גוטע שאף אויף מיין מזבח · אונ מיין בית המקדש וועל איך באשיינען פון זייא מי אלה כעב תעופינה דיא ישראל וועלין גישווינד קומען קיין ארץ ישראל אזו וויא איין וואלקין לויפט גישווינד אונ אזו וויא דיא טויבין פליען גישווינד צו זייער טויבין שלאק כי לי איים יקוו דען צו מיר גאט וועלין האפין די עובדי כוכבים וואש וואונען אויף די אינזלען אונ די שיפן פון דעם ים תרשיש וועלין קומען אזו וויא זיי זיינן גיקומען אין די טעג פון שלמה המלך דאש איין מאל אין דריי יאר פלעגין קומן שיפין צו שלמה המלך פון דעם ים תרשיש אזוא וועלין היינט אויך קומן שיפין צו בריינגן דיינע קינדר ישראל פון וויט אונ זיי וועלין מיט זיך בריינגען זייער גאלד אונ זילבר פון וועגין דעם היילגן גאט פון ישראל וואש האט דיך באשיינט ובנו בני נכר חומותיך די עובדי כוכבים וועלין בויען די מויערן אונ זייערע שרים וועלין דיך באדינען דען מיט מיין צארין האב איך דיך גישלאגין אונ מיט מיין ווילין האב איך דיר דר בארימט ופתחו שעריך תמיד אונ דיינע טויערין וועלין טאג אונ נאכט אפין זיין צו בריינגען דיר דאש גוטש פון דיא עובדי כוכבים אונ זייערע שרים וועלין ווערין גיפירט צו דיר גיפאנגענר הייד דען די עובדי כוכבים וואש וועלין דיך ניט וועלין דינען דיא וועלין פר לארין ווערין כבוד הלבנון אליך יבוא מען וועט דיר בריינגען דיא גוטע העלצר פון דעם וואלד צו בויען דאש בית המקדש אזו וויא דר מלך צור האט גיבראכט אין די טעג פון שלמה ומקום רגלי אכבד אונ דעם בית המקדש פון דער ערד וואש ער שטייט אנטקעגן דעם כסא הכבוד אונ ער איז מיין פוס בייגקיל וועל איך גאט אים ערליך האלטין והלכו אליך שחוח בני מעניך אונ זיי וועלין גיין צו דיר איין גיבויגין די קינדר פון די עובדי כוכבים וואש האבין דיך גיפייניגט אונ זיי וועלין זיך בוקין צו דיינע פים אלע דיינע דר צערנר אונ זיי וועלין דיך רופין נאמש שטאט ציון פון דעם היילגין גאט פון ישראל תחת היותך עזובה ושנואה ואין עובר ווייל דוא ביסט גיוועזן פאר לאזט אונ גיפייניגט אונ עש איז קיינר אין דיר ניט איבר גיפארין דר פאר וועל איך דיך מאכין צו איין איביג גרוישקייט אונ איין פרייד אויף איביג וינקת חלב גוים ושוד מלכים אונ דו וועסט זייגין דיא מילך פון די פעלקר פון דיא עובדי כוכבים אונ די ברישט פון זייערע שרים וועסטו זייגין כלומר דו וועסט עסין זייער גוטש אונ דו וועסט וויסין דאש איך בין גאט דיין העלפער אונ דיין אויש לייזר איז דר שטארקר גאט פון יעקב תחת הנחשת אביא זהב פאר דעם קופער וואש מען האט פון דיר אוועק גינומען וועל איך דיר בריינגען גאלד אונ פאר דעם אייזין זילבר אונ פאר דעם האלץ וועל איך בריינגען קופער אונ פאר די שטיינר וועל איך בריינגען אייזין ושמתי פקדתך שלום ונגשיך צדקה איך וועל מאכן דיינע עלסטע מיט שלום אונ דיינע באצווינגר וועל איך טאן מיט גירעכטיקייט כלומר דוא וועסט ערליכע עלסטע האבין לא ישמע עוד חמס בארצך עש וועט מער ניט ווערין גיהערט קיין גזירה אין דיין לאנד אונ איין רויבונג אונ איין ברעכענש וועט ניט ווערן גהערט אין דיין גבול אונ עש וועט זיך טרעפין הילף אין דיינע טויערן אונ אין דיינע טויערין וועט זיין לויב דאש מען וועט גאט לויבין לא יהיה לך עוד השמש לאור יומם דו וועסט ניט דארפין די זון צו לייכטין דיר בייא טאג אונ די לבנה וועסטו ניט דארפין צו לייכטן ביי נאכט דען גאט וועט זיין צו דיר צו איין איביגע ליכט אונ צו איין שיינקייט לא יבוא עוד שמשך וירחך לא יאסף דיין זון אונ דיין לבנה וועט ניט אונטר גיין דען גאט וועט זיין צו דיר צו איין איביגע ליכט אונ זייא וועלין זיך אויש לאזין דיינע טרויעריגע טעג ועמך כולם צדיקים לעולם יירשו ארץ אונ דיין פאלק וועלין זיין אלע צדיקים אונ וועלין ירשנן דאש לאנד אויף איביג זיי זיינען די צווייג פון מיין פלאנצונג אונ די ווערק פון מיינע הענט דאש איך וועל מיך בארימען מיט זיי הקטן יהיה לאלף והצעיר לגוי עצום דר קלענסטר וועט זיין צו טויזנט אונ דר אינגסטר אונ ווי שלאפער וועט זיין צו איין שטארק פאלק ׃

והיה כי תבוא אל הארץ אשר יי אלהיך נותן לך נחלה ווען די נשמה קומט ארויף אין, איר לאנד וואס דאש איז דר עולם המנוחה ונחלה וארץ החיים של מעלה ולקחת מראשית כל פרי האדמה אשר תביא מארצך דאש זיינן די מעשים וואס ווי הייסין פרי צדיק עץ חיים אלע מעשים טובים וואש ער האט גיטאן אויף דער וועלט ברייננגט ער מיט זיך ושמת בטנא דאש איז ער באדארף מסדר זיין לערנן ומעשים טובים איידר ער שטארבט אונ זאמילט דאש איין מנ"א דאש באטרעפט בכלי"י ובאת אל הכהן דאש איז מיכאל כהן גדול וואש ער איז משמש למעלה אויף דעם מזבח של מעלה ער איז דרויף מקריב דיא נשמות הצדיקים ולקח הכהן נעמט מיכאל אים מיט זיינע מצות והניחו לפני מזבח יי אלהיך וענית ואמרת ארמי אובד אבי דאס איז דער יצר הרע האט פאר לארין צוא אדם הראשון אונ דורך אים איז נגזר גיווארין מיתה צוא אלע דורות ויגד מצרימה דיא נשמה האט אראפ גינידערט אויף דער וועלט וואש עש זיינען פיל מצירים אונ מדיחים וואש זייא ריידין אן דעם מענטשן ער זאל זינדיגן • ויגר שם במתי מעט דאס אין דר יוגינט האב איך קיין פיל מצות ניט גהאט אבער דער נאך ויהי שם לגוי גדול עצום ורב גדול בתורה אונ גדול במצות ומעשים טובים אונ איבער דעם וירעו אותנו המצרים האבין זיך דיא משחיתים אויף אונז נאך מער גישטארקט דען דער וואס איז גרעשער האט ער אגרוישן יצר הרע ויתנו עלינו עבודה קשה מחמת דיא תאוות וואס דער גוף האט לוסט צו זיי אונ אז מיר האבן גיזעהן אז דר יצר הרע שטארקט זיך אויף אונז ונצעק אל יי האבין מיר גישריען צוא גאט ער זאל אונז העלפין וישמע יי את קלינו האט אונז גאט גיהאלפין ויוציאנו יי ממצרים ער האט אונז אויש גיצויגין פון די מצירים דיא באלידיגער אונ מסטינים דאש זיינען דיא פיר יסודות פון דעם גוף וואש זייא האבין לוסט צוא דיא תאוות עולם הזה אונ דאש איז איין צער פאר דער. נשמה האט אונז הקב"ה אויש גילייזט פון זייא דרום זאגט ער פיר זאבין ביד חזקה ובזרוע נטויה ובאותות ובמופתים ובמורא גדול דאס איז גלוי שכינה דען איטליכר איידער ער שטארבט זעהט ער דיא שכינה אזוא וויא דר פסוק זאגט כי לא יראני האדם וחי אז ער לעבט קען ער ניט זעהען דיא שכינה אבער אז ער שטארבט זעהעט ער יוא ויביאנו אל המקום הזה ויתן לנו את הארץ הזאת דאש איז ארץ החיים בעולם הבא וואס מיר האבין איצונד זוכה גיווען ועתה הנה הבאתי וגו' ושמחת דוא וועסט זיך דארטין משמח זיין מיט דעם גרוישין שכר וואש דוא וועשט דארטין זעהען אזוא וויא עש שטייט מה רב טובך אשר צפנת ליראיך · ולביתך צוא דיין גוף דען אז דער גוף איז בטוח אין קבר וועשטו זיך משמח זיין מיט דעם גוף והלוי דאש איז דער יצר טוב והגר דאס איז דער יצר הרע דען דורך דעם יצר הרע איז ער דאש אלץ זוכה אונ האט אזוא אגרוישין שכר דרום זיינן זיך אלע מיט אים משמח :

אין זוהר פרשת ויקהל שטייט רבי אבא זאגט עס שטייט ויאמר יי לדג ווען האט הקב"ה גירעט מיט דעם פיש אלא בששת ימי בראשית אין פינפטין טאג ווען דיא פיש באשאפין גיווארין האט הקב"ה גיבאטין דעם פיש איין צוא שלינגן יונה אונ יונה זאל בייא אים זיין דרייא טאג אזוא אויך אלע נסים וואס הקב"ה האט גיטאן האט ער אלץ אויש גינומען בששת ימי בראשית איין תנאי אז עש זאל אין דער צייט גישעהן דער נס • אונ אזוא אויך איז איין רמז פון דעם דג מיט יונה אויף דיא מעשים פון דיא לייט :

יונה וואס ער האט גינידערט אין דר שיף איז אלץ ארמז אויף דער נשמה זיא נידערט אויף דער וועלט אין גוף אריין אונ אז זיא ווערט בחברותא מיט דעם גוף הייסט זיא יונה גלייך וויא עס שטייט לא תונו איש את עמיתו דען גייט דר מענטש אויף דער וועלט גלייך אזוי וויא איין שיף גייט בים הגדול אונ ער איז אין שרעק אונ באדיינגקט זיך אז ער באדארף צוא בראכין ווערין דרום הייסט דאש אניה דאש איז לשון קלאגין אזוא וויא עש שטייט תאניה ואניה אונ דער מענטש כל זמן ער איז אויף דר וועלט זינדיגט ער אונ מיינט ער וועט ניצול ווערין אונ וועט אנטלויפין פון גאט ניצול צוא ווערין פאר זיינע עונשים אונ

ער איז נאר ניט משגיח אויף יענער וועלט ער זאל טאן מעשים טובים דען שטייט ויי' הטיל רוח גדולה אל הים ער ווארפט אויף אים א גזירה קשה וחזקה דען דער שטן שטייט פאר אים און באגערט אלע מאל דין ומשפט אויף דיא חטאים ער מאכט שטורימען דיא שיף ער איז מזכיר די חטאים פון דעם מענטשן צו פייניגן אים אין זיינע הענט ער איז אזו לאנג מקטרג ביז ער פאלט אריין אין זיינע הענט דרום שטייט ויונה ירד אל ירכתי הספינה וישכב וירדם דיא נשמה נידערט אריין אין דיא זייטין פון דעם גוף זיא האט שוין קיין קיום ניט אין דעם גוף אזוא וויא פריער וישכב ער ווערט קראנק וירדם חאטשע ער ליגט שוין דר וועקט ער זיך פארט ניט: ער זאל תשובה טאן שטייט ווייטער ויקרב אליו רב החובל דער וועקט זיך צוא אים דער: יצר טוב ער איז אזוא וויא איין שיף מייסטר וואש ער פירט די שיף אין רעכטין וועג אזו פירט דער יצר טוב דעם מענטשין ויקרב אליו און גינעהענט צוא אים דען ביז אהער האט ער אים מרחיק גיוועזן און היינט איז ער זיך שוין מקרב צו אים און זאגט אים מה לך נרדם וואש שלאפשט דוא און דר וועקשט זיך ניט תשובה צוא טאן קום קרא אל אלהיך רוף צו דיין גאט דען מען ברענגט דיך אויף לדין אויף אלע דיינע מעשים וואש דוא האשט גיטאן אויף דער וועלט דרום דארפשטו תשובה טאן אויף דיינע זינד טאמר וועט זיך הקב"ה איבער דיר דער בארימען ולא נאבד מיר ביידע דער יצר טוב מיט דעם יצר הרע זאלין ניט פאר לארין ווערין אזו וויא אויבין שטייט · צום ערשטין זאגין זייא צוא אים מה מלאכתך גידיינק נאר וואש פאר איין מלאכות דוא האשט גיטאן אויף דער וועלט מיט דיינע עבירות מאין תבא בדיינק דיך פון וואנען דו קומשט ארויש פון איין טפה סרוחה דרום גיהערשטו זיך מכניע זיין פאר דיין הארין און זאלשט זיך ניט האלטין בגאוה און תשובה צוא טאן זעה נאר מה ארצך פון וואנן דוא בישט באשאפין גיווארין פון דער ערד דער נאך זאגט ער אים ואי מזה עם אתה פון וואש פאר איין פאלק דוא קומשט ארויש אויב דוא האשט עפעס זכות אבות

זיי זאלין אויף דיר מגין זיין פאר דעם בית דין של מעלה ויי' הטיל רוח סערה על הים דאש מיינט מען דעם יצר הרע וואש ער הייסט רוח סערה ער זאל מקטרג זיין צוא טאן איין משפט אזוא קומען פיל מלמדי חוב און פיל מלמדי זכות און אז דער מענטש איז ניט זוכה שטייט ויחתרו האנשים להשיב אל היבשה ולא יכולו דיא וואש האבין מלמד זכות גיוועזן אויף אים און האבין גיוואלט אים ווידער בריינגען אל היבשה דאש הייסט דיא וועלט ער זאל בלייבין לעבין ולא יכולו האבין זייא ניט גיקענט ווארום כי הים הולך וסוער עליהם דר גזר דין שטארקט זיך זייער אויף אים אזוא נידערין אראפ דריי ממונים שלוחים איינער שרייבט אויף אלע זיינע מצות ומעשים טובים און אלע זיינע עבירות וואש ער האט גיטאן אויף דער וועלט און איינער מאכט דעם חשבון פון זיינע טעג וויא פיל ער האט גילעבט און איינער וואש איז מיט אים גיגאנגן במעי אמו · און אין פרשת לך לך שטייט אזוא רבי אלעזר זאגט וואול צוא דיא צדיקים זייא לערנען דעם וועג פון הקב"ה צוא גיין דרינען און צוא פארכטין זיך פאר דעם יום הדין דאש איטליכער מענטש איז אן גיברייט צוא געבין דין וחשבון פאר הקדוש ברוך הוא · ער האט אן גיהויבין עם שטייט ביד כל אדם יחתום קום און זעה אז די זעלביגע צייט קומט אז דער מענטש זאל אוועק גיין פון דער וועלט ווערט דער גוף צו בראכין און די נשמה וויל זיך אפ שיידין פון אים דענשט מאל האט דער מענטש רשות צו זעהען אבער פריער האט ער קיין רשות ניט דען עש שטייען פאר אים דרייא שלוחים און חשבנין אים זיינע יארין און זיינע עבירות וואש: ער האט גיטאן אויף דער וועלט און דער מענטש איז אויף אלץ מודה און דער נאך חתמת ער מיט זיין האנט כדי מען זאל אים קענען דן זיין לעולם הבא על הראשונות ועל האחרונות אויף דיא נייע און אויף די אלטע עם ווערט ניט פאר געסין פון אלע זיינע מעשים וואש ער האט גיטאן כל זמן די נשמה איז אין אים גיוועזן דרום מוז ער אפ געבין חשבון כל זמן דיא נשמה איז נאך אין אים איידער ער גייט אוועק פון דער וועלט · און דער ווייל די

צייט וואש די ממונים שרייבין ווערט געשטילט דער גזר דין ביז דער צייט וואש ער שטארבט וישאו את יונה מען טראגט אים ארויש פון זיין שטוב אויף דעם בית הקברות איז ער איין צדיק רופט מען אויש אויף אים גיט אפ כבוד צו דעם געשטאלט פון דעם מלך יבא שלום ינוחו על משכבותם לאז ער גיין אין גן עדן אריין איז ער אבער איין רשע רופט מען אויש ווייא צו דעם מענטשין עס וואלט אים בעסער געוועזן אז ער וואלט ניט גיבארין געווארין דען עש שטייט ישלהו אל הים ויעמוד הים מזעפו אז מען ברייגנט אים אין קבר אריין וואש דארט איז דער מקום הדין ווערט שוין דער רוח סערה געשטילט פון זיין צארין דער טיט וואש ער האט אים גיבראכט למיתה אונ דער קבר שלינגט אים איין וואש שטייט ווייטער ויהי יונה במעי הדג שלשה ימים דאש זיינען דיא ערשטע דרייא טעג וואש דיא גידערים אין דער בויך ווערט אים צו שפאלטין אונ דער טינוף ווערט פאר קערט אויף זיין פנים אונ זאגט צו אים נעם דיר צו וואש דו האשט אין מיר אריין גיליגט דוא האשט אלע טאג גיגעסין אונ גטרונקען אונ קיין ארומאן האשטו ניט גיגעבין אונ אלע דיינע טעג זיינען גיוועזן גליך וויא ימים טובים אונ דיא עניים זיינען הונגעריג גיוועזן דרום נעם דיר אפ וואש דוא האסט אין מיר גיגעבין אזו שטייט וזריתי פרש על פניכם פרש חגיכם נאך די דרייא טעג איז מען דעם מענטשין דן אויף זיינע אויגין מיט דיא הענט אונ די פיס ביז דרייסיג טעג איז מען דן דעם גוף מיט דעם נפש באנאנד אזו וויא אונזערע חכמים האבין גיזאגט איין משל פון איין בלינדין מיט איין הינקינדגין וואש זיינען גיוועזן שומרים איז מען מרכיב דעם חיגר על הסומא אונ דרום אלע דרייסיג טעג ווערט נאך די נשמה גפונען אויף דער וועלט זיא גייט נאך ניט ארויף צו איר ארט אזו וויא איין אשה אז זיא איז ניט ריין טאר זיא ניט גיין צווישין מענטשין אזו אויך איז דיא נשמה אלע דרייסיג טאג דער נאך גייט די נשמה ארויף אונ דער גוף ווערט פאר פוילט אין דער ערד ביז דער צייט וואש הקב"ה וועט מחיה מתים זיין אונ עס וועט זיך דער וועקין איין קול צווישין די קברים אונ וועט זאגין הקיצו ורננו שוכני עפר כי טל אורות טלך וארץ רפאים תפיל ווען וועט דאש זיין אז דער מלאך

המות וועט אפ גיטאן ווערין פון דער וועלט אזו וויא דער פסוק זאגט בלע המות לנצח ומחה יי אלהים דמעה מעל כל פנים וחרפת עמו יסיר מעל הארץ דען עס שטייט ויאמר יי לדג ויקא את יונה אל היבשה דאש קול וועט זיך דער וועקין צווישין די קברים אונ ער וועט זאגין צו דעם קבר וואש ער הייסט דג ער זאל אויש שפייען די מתים אזו וועלין אלע קברים אויש שפייען זייערע מתים אזו וויא דער פסוק זאגט וארץ רפאים תפיל די ערד וועט ארויס ווארפין פון זיך די מתים וואש הייסין רפאים ווייל זייא זיינען מקבל איין רפואה אונ וועלין גיהיילט ווערין איין ביין מיט דעם אנדערין דרום הייסין זייא רפאים אויב דוא וועסט פרעגין עס שטייט דאך ביא די רשעים רפאים בל יקומו זיי וועלין ניט אויף שטיין נאר דער אמת די גאנצע וועלט וועלין גיהיילט ווערין די ביינער בבית הקברות נאר אטייל וועלין אויף שטיין אונ אטייל וועלין בלייבין ליגין אויף זייא שטייט רפאים רפאים חאטשע זייא וועלין גיהיילט ווערין בל יקומו וועלין זייא פארט ניט אויף שטיין וואול איז דער חלק פון די ישראל וואש ביא זייא שטייט נבלתי יקומון אונ אזו וויא דער פיש וואס האט איין גישלונגען צו יונה איז ער באלד גיפייגערט אונ נאך דרייא טעג איז ער ווידער לעבעדיג גיווארין אונ האט צוא יונה אויש גישפייגין אזו אויך די ערד הייסט איצונד מת אונ לעתיד וועט זיא נאך געבין חיות צו אנדרע אונ אזו אויך איז ארץ ישראל אן גיברייט צום ערשטין זיך דער וועקין אויש ציהען די מתים אונ דער נאך דיא ערד פון חוצה לארץ · זיבין דינים גייען איבער אויף דעם מענטשין בשעת אז ער גייט אוועק פון דער וועלט איינש איז דער דין העליון בשעת אז דער רוח גייט ארויס פון דעם גוף · דער אנדערער דין בשעת זיינע רייד אונ זיינע מעשים גייען פאר אים אונ רופין אויף אים אויש אזו וויא אויבין איז גישטאנען · דער דריטער דין בשעת אז מען לייגט אים אריין אין קבר אריין · דער פערטער איז חיבוט הקבר · דער פינפטער אז דיא ווערים עסין זיין פלייש · דער זעקסטער איז דינה של גיהנם · דער זיבעטער דין איז אז דער רוח שוועבט ארום אויף דער וועלט אונ גיפינט ניט קיין מקום מנוחה ביז ער קומט אפ אויף זיינע מעשים דרום גיהער איטליכער

מענטש

מענטש זעהען בודק זיין זיינע מעשים אונ זאל אויף זייא תשובה טאן פאר זיין הארין · אונ אז דוד המלך האט גיזעהען דיא אלע דינים וואש קומען אויף דעם מענטשין האט ער זיך מקדים גיוועזן אונ זאגט ברכי נפשי את ה' מיין נפש לויב צו השי"ת כל זמן דוא בישט נאך אין דעם גוף איידער דוא גייסט ארויש פון דער וועלט וכל קרבי את שם קדשו דאש זיינען דיא אברים פון דעם גוף וואש זייא זיינען בשותפות מיט דעם רוח ווייל איר זייט נאך באנאנד זייט אייך מקדים צו בענטשין דעם שם הקודש איידער עש קומט דיא צייט וואש איר וועט ניט קענען תשובה טאן אונ לויבין צו השי"ת דרום שטייט ברכי נפשי את ה' הללויה:

אין זוהר חדש שטייט דיא חכמים האבין איין מאל גיפרעגט צו רבי שמעון אויב צווישין דיא קללות פון משנה תורה איז פאר האנדין עפעס נחמות אדער עש איז צווישין זייא גאר ניט פאר האנדין קיין שום נחמות דען רבי שמעון בן יוחאי מיט זיין זון רבי אלעזר זיינען אנטלאפין גיווארין אין דער מדבר ארויין ווייל ער האט אויף זיך גיהאט איין בלבול זיינען זייא גיקומען אין איין היול ארויין איז זייא גישעהען איין נס עם האט ארויש גישפראצט איין בויקסערין בוים מיט איין קוואל וואשער פון דעם האבין זייא גיהאט זייער עסין אונ טרינקען אונ אליהו פלעגט צו זייא קומען צוויא מאל אין טאג אונ האט מיט זייא גילערינט אונ קיינער האט דער פון ניט גיוואוסט איין מאל האט זיך גיטראפין דיא חכמים פון דעם בית המדרש האבין זיך מפלפל גיוועזן אונ האבין גיזאגט אז דיא קללות פון פרשת בחוקותי זיינען אנטקעגין חורבן בית ראשון אונ דיא קללות פון משנה תורה זיינען אנטקעגין בית שני וארום אין דיא ערשטע קללות שטייען גוטע הבטחות אונ דאש ליבשאפט פון הקב"ה צו דיא ישראל אזו וויא עש שטייט וזכרתי את בריתי וגו' ואף גם זאת וגו' אונ אין דיא קללות פון משנה תורה שטייען גאר ניט קיין שום גוטע הבטחה אונ קיין שום נחמה שטייט דארטין ניט דער מאנט אזו וויא ביא דיא ערשטע קללות וואש באטייט דאש · האט קיינער ניט גיוואוסט דרויף צו זאגין קיין תירוץ שטייט אויף רבי יהודה בר אלעאי אונ זאגט מיר דארפין קלאגין וואש רבי שמעון בן יוחאי איז גימינערט גיווארין פון אונז דאש קיינער ווייסט ניט וואו ער איז אונ אפילו דער וואס ווייסט זיין ארט טאר ניט אויש זאגין וואו ער איז עם איז גיקומען דעם אנדערין טאג שטייט רבי יוסי פאר רבי יהודה האט ער גיזעהען עופות פליהען אונ איין טויב איז זייא נאך גפלויגין אזו האט ער זיך גישטעלט אויף זיינע פיס אונ זאגט צו דער טויב יונה יונה דוא באגלייבטע דוא בישט דאך גיגאנגען אין שליחות פון נח בימי דור המבול אונ האשט באמנות גיטאן דיין שליחות אונ דיא כנסת ישראל זיינען אויך צו דיר גיגליכין עש איז שיין צו דיר צוא טאן שליחות דרום זאלסטו מיר אויך טאן מיין שליחות צו גיין צו רבי שמעון אונ מיר מודיע זיין וואו ער איז · אונ נעם דאש בריביל מיד תיכף איז זיא אראפ גיגאנגען צוא אים אונ האט גינומען דאש בריביל אונ איז גיקומען צוא רבי שמעון אין זיין היול אונ האט אים אפ גיגעבין דאש בריביל · רבי שמעון לייענט עם אונ ער מיט זיין זון רבי אלעזר וויינען אונ זאגט איך וויין וואש איך בין אפ גישייד גיווארין פון דיא חכמים אונ ווידער וויין איך ווען זייא ווייסין דאש ניט וואש וועלין שוין טאן דיא דורות וואש וועלין זיין נאך אונז · דר ווייל איז גיקומן צו זייא אליהו אונ זעהט וויא זייא וויינען זאגט ער איך בין אן גיברייט צו גיין אין אנאנדער שליחות נאר הקב"ה האט מיך גישיקט דיינע טרערין שטילין ער זאגט אזוי רבי מען האט איצונד ניט בדארפט מגלה זיין די רייד צו די צדיקים נייערט הקב"ה האט אזו גזאגט אונ גילערינט אין די ערשטע קללות שטייען צוויא אונ דרייסיג פסוקים אנטקעגין די ל"ב נתיבות פון דער תורה אונ אין דער אנדערער תוכחה שטייען דריי אונ פופציג פסוקים אנטקעגין די נ"ג פרשיות פון דער תורה · אין גלות בית ראשון האבין די ישראל עובר גיוועזן דיא ל"ב שבילין וואש זיינען פאר הוילין אונ פאר בארגין דרום האט הקב"ה מגלה גיוועזן זייערע עבירות אונ זייער קץ · אבער די תוכחה פון משנה תורה איז אנטקעגין בית שני וואס די ישראל האבין עובר גיוועזן אויף דיא נ"ג פרשיות פון דער תורה וואש זיינען אנטפלעקט דרום איז

זייער

זייער הטא פאר שטאפט אונ פאר הוילן געווארין דרום שטייען ניט קיין נחמות טובות אזו וויא אין יענער תוכחה · דער ווייל איז געקומען אווינט אונ האט צו אליהו אפ געשייד פון רבי שמעון אונ אליהו איז ארויף געגאנגען אין איין גלגל של אש אונ רבי שמעון בלייבט אליין אונ וויינט אונ וויל ארויש לויפין פון דער מערה דער ווייל קומט ווידער אליהו אונ זאגט שטייא אויף רבי שמעון וואול צו דיין חלק דען הקב"ה באגערט אין דיין כבוד דו ווערסט אין דער תוכחה אויך געפינען נחמות אונ הבטחות: קום אונ זעה איין פאטער אז ער האט ליב זיין זון חאטשע ער שילט אים אדער ער שלאגט אים איז פארט זיין רחמנות אויף אים אזו אויך הקב"ה חאטשע ער האט זיי געשאלטין זייגען דאך פארט זיינע רייד פול מיט רחמנות זייא ווערין אן געזעהן וויא עס איז דורך קללות אונ צום סוף זיינען זיי גרוישע טובות די קללות זיינען מיט רחמנות ניט אזו וויא ביי דר ערשטר תוכחה זייגען פיל דינים קשים אבער דא איז דין מיט רחמים · גלייך אזו וויא איין פאטר וואש ער איז זיך מרחם אויף זיין קינד אז ער וויל אים שלאגן אזו הויבט ער אויף די רצועה אין דר הויך אונ מאכט אגרוישן פחד אבער ער גיט אים קליינע שלעק מיט גרויש רחמנות · אונ דיא גרעשטע קללה פון דר תוכחה איז גם כל חלי וכל מכה אשר לא כתוב בספר התורה הזאת יעלם יי עליך עד השמדך יעלם איז לשון פר הוילן הקב"ה ווערט פר הוילן פון דיר די קללות אונ ווערט זיי מבטל זיין אין נוקבא דתהום רבא דארטין וואו אלע קללות רוען זיי זאלין ניט קענען ארויש אונ זיי ווערין דארטין זיין פר בונדין אונ פר דעקט עד השמדך סתם ביז ער ווערט דיך פאר טיליגן פון זיי דאש זיי ווערין ניט זיין לעולם ולעולמי עולמים דען הקב"ה האט געשווארן ער זאל די ישראל ניט פר דארבין אונ זייער גדעבענש זאל בלייבין אייביג אזו וויא דר פסוק זאגט כן יעמוד זרעכם ושמכם אונ אויך שטייט חי אני אם ימדו שמים מלמעלה אונ ווייל השי"ת האט געשווארן אז ער ווערט זיי ניט פאר דארבין דרום ווערין אלע מכות אונ חלאים פאר בארגן זיין אלע קללות ווערין פאר דארבן ווערין פון דער וועלט דרום לאזט זיך אויש והשיבך יי מצרים באניות בדרך אשר אמרתי לך לא תוסיף עוד לראותה והתמכרתם שם לאויביך לעבדים ולשפחות ואין קונה דאש זיינען אלע הבטחות אונ נחמות וואס הקב"ה האט אן געברייט צו טאן צו די ישראל והשיבך יי מצרים באניות דאש זיינען די הבטחות צו טאן נסים ונפלאות אזו וויא דארטין איז געווען גרויש שמחה אונ שירה אזו ווערט ווידר זיין אונ אלץ היינט אן אין תשובה אזו וויא דר פסוק זאגט למען תשכילו את כל אשר תעשון ווער עס האט איין הארץ זאל ער ווישן אונ פר שטיין תשובה צו טאן צו זיין הערין · זאגט רבי שמעון אין דר תוכחה איז אנטפלעקט געווארן די גאולה פון ישראל אונ וואו מען מיינט עס איז אגרויסע קללה איז דארטין גאר א ברכה והיו חייך תלואים לך מנגד ופחדת לילה ויומם ולא תאמין בחייך כלומר דו ווערסט דיר אליין ניט גלויבן אין דיין לעבן עס ווערט דיר איין ספק זיין אויף דיין לעבין מחמר מורא אבער עס ווערט דיר גאר ניט שאטין אונ דיין לעבין ווערט ארעכט בשטאנד האבן דאס האט אלץ רבי שמעון פר נאכט אויף געשריבין אונ האט דאש בריביל געגעבין אין דעם מויל פון דר טויב דען זיא האט אלץ געווארט דרייך אונ זיא איז ווידער געקומען פאר רבי יוסי זאגט ער דו יונה דו בישט תמיד אשליח נאמן ער לייענט אויף איר ותבא אליו היונה לעת ערב והנה עלה זית טרף בפיה ער האט גינומן דאש בריביל אונ איז געקומען צו די חכמים אונ ווייזט דאס זיי זיי פאר וואונדרין זיך זייער דרויף רבי יהודה וויינט אונ זאגט חאטשע מיר זיינן ניט ביי אים טוען מיר זיך פארט מתעורר זיין פון אים אונ לערנען פון אים זכאה איז דאס נפש פון רבי שמעון בן יוחאי דאש הקב"ה טוט אים נסים אונ ער איז גוזר אונ הקב"ה איז מקיים אונ לעתיד ווערט ער זיין דער ראש פון דיא צדיקים וואש ווערין זיין אין גן עדן אונ ווערין מקבל זיין פני השכינה אונ ווערין זעהן הקב"ה אונ ווערין זיך משתעשע זיין מיט אים אונ רבי שמעון ווערט צו זיא זאגן

באו נשתחוה ונכרעה נברכה לפני יי עושנו:

אתם נצבים שלמה המלך זאגט אין משלי טובה
תוכחת מגולה מאהבה מסותרת עש איז בעסר
איין אפענע שטראף פון איין פאר בארגין
ליבשאפט · ווייל די שטראף מאכט לעבן דעם
וואש איז זיא מקבל · אונ זיא מאכט דעם טויט
צו דעם וואש הערט זיא ניט צו · אזו וויא דר
פסוק זאגט מרפא לשון עץ חיים דיא צונג וואש
שטראפט לייט מאכט דאש לעבן ושונא תוכחת
ימות אונ דר וואש וויל די שטראף ניט צו הערן
דר מוז שטארבן · אונ דר וואש וויל שטראפן
זיין חבר דר מוז אים זאגן דעם אמת ער זאל
אים ניט חנפן · דאש זאגט דער פסוק טובה
תוכחת מגולה עש איז בעסר ווען איינר שטראפט
זיין חבר אנטפלעקט אונ זאגט אים זיין אמת
האטשע יענר ווערט אים דורך דעם פיינט האבן
דאך איז דאש בעסר מאהבה מסותרת וויא ער זאל
זיין חבר פאר בארגן זיינע עבירות אונ ווערט
זיי אים ניט ארויש ריידן כדי דר חבר זאל אים
ליב האבין · אונ עש איז גיוואושט דאש עש
זיינן דא פיל רבנים וואש שטראפן לייט ניט
לשם שמים נאר זיי ווילן זיך נוקם זיין אין זיי
צו זאגן זייער חרפה · דרום זאגט דר פסוק
טובה תוכחת מגולה מאהבה מסותרת עש איז גוט צו
ארויש זאגין די שטראף פאר לייט נאר ווען
דאש קומט פון איין פר בארגן ליבשאפט דש
מען האט די לייט אין הארצין ליב ניט מען
זאל זייער חרפה ארויש זאגן צו נוקם זיך זיין
אין זיי · אונ דר קמחי שרייבט אויף דעם פסוק
עש איז גוט די שטראף אפילו ווען מען זאגט
זיא ארויש · אבר ווען ער האט זיין חבר ליב
אזו טוט ער אים פאר בארגינר הייט שטראפין
צווישין זיך ניט פאר לייטן כדי ער זאל אים
ניט מבייש זיין · אויך זאגט דער פסוק טובה
תוכחת מגולה עש איז גוט די שטראף וואש קומט
אויפין באר אויף ישראל פון גאט וואש הייסט
אהבה · ווייל ער איז ראוי מען זאל אים ליב
האבן אונ ער איז פאר בארגין פון לייט אונ
ווייל די שטראף קומט פון גאט איז זיא גוט ·
דען האטשע אלע קללות פון דר תוכחה זיינן

גקומן אין ערשטן בית המקדש אונ אין אנדרין
בית המקדש אין די צווייא גליות פון דעסט
וועגן האבן די ישראל איין קיום · דאש זאגט
דר פסוק אתם נצבים היום כלכם כלומר איר ישראל
פארכט אייך ניט פאר די שטראף אונ קללות
וואש מען האט אייך גזאגט אין יענר סדרה ·
דען האטשע זיי וועלן קומן אויף ישראל ווען
זיי וועלן עבירות טאן פון דעסט וועגן וועלן
די ישראל איין קיום האבן אונ וועלן בלייבין
אויף איביג שטיין פאר גאט · אונ משה האט
כל ישראל איין גזאמלט צו בשווערין זיי דש
זיי זאלן האלטן די תורה אונ מצות דען דיא
ערשטע שבועה וואש זיי האבן גשווארן אויף
דעם בארג סיני האבן זיי ניט גיהאלטין אונ
זיי האבין דאש עגל גמאכט · דרום הט משה
נאך איין מאל בשווארן די ישראל אין לאנד
מואב אונ האט צו זיי גיזאגט אתם נצבים היום
כולכם לפני יי׳ אלהיכם איר שטייט היינט אלע פאר
גאט אזו וויא ביידעם בארג סיני דרום פארכט
אייך אונ שווערט באמת צו האלטן די תורה
אונ דר פסוק אתם נצבים ווייזט דאש די ישראל
וועלן איביג איין קיום האבן אויף דר וועלט
אזו וויא אין פסוק שטייט לעולם יי׳ דברך נצב אונ
דר נאך זאגט דר פסוק לפני יי׳ אלהיכם צו ווייזן
דאש ניט אויף דר וועלט אליין ווערט איר איין
קיום האבן נייערט אפילו צו עולם הבא ווערט
איר אויך איין קיום האבן אונ ווערט קומן פאר
גאט · אונ דרום זאגט דר פסוק כולכם איר אלע
ישראל וועלן קומן צו עולם הבא · אזו וויא די
חכמים זאגן כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא אלע
ישראל האבן איין חלק צו עולם הבא · אונ די
חכמים זאגן אתם נצבים היום דש מיינט מען איר
זוט שטיין אזו וויא דר טאג אזו וויא דר טאג
איז פריער די נאכט פינשטער אונ דער נאך
ווערט ליכטיג אזו איז אויך אייער גלות פריער
איז אייך פינשטער אבר לסוף ווערט אייך לייכטן
אזו וויא דר פסוק זאגט והיה לך יי׳ לאור עולם גאט
ווערט זיין צו דיר צו איין איביג ליכט · כל איש
ישראל די חכמים זאגן דאש כל ישראל זיינען

שרב איינר פאר דעם אנדרין ווען איינער טוט איין עבירה מוזן אנדרע די שטראף אויך ליידן אזו וויא אין פסוק שטייט וכשלו איש באחיו זייא וועלן ווערן גשטראפט איינר פר דעם אנדרן · אונ אויך ווען איינר איז איין צדיק האבן אלע גוטש פון זיין זכות וועגן · אזו וויא אין פסוק שטייט צדיק יסוד עולם פון וועגן איין צדיק שטייט די גאנצע וועלט · ובאלתו אונ אין זיין שבועה דען גאט האט איין שבועה גיטאן דאש ער זאל אייביג די ישראל ניט פאר בייטן אויף איין אנדרע אומה אפילו ווען זיי וועלן שלעכט זיין אונ גאט ווערט זיין זייער גאט ביז אייביג · אזו וויא אין פסוק שטייט כי הואיל יי לעשות אתכם לו לעם גאט האט גישווארן דאש איר ישראל זאלט זיין זיין פאלק · דען דאש ווארט הואיל איז טייטש שווערין גליך וויא דאש ווארט אלה איז טייטש שווערן · ולא אתכם לבדכם אונ ניט אייך אליין טוט גאט בשווערן · גייערט אפילו די דורות וואש וועלן נאך דעם גיבארן ווערן טוט גאט בשווערן דאש זיי זאלין האלטין די תורה · די חכמים זאגן דש אלע נשמות וואש זיינן ווארן בשאפן זינט די וועלט איז ווארין בשאפן די אלע זיינן גיוועזן ביי דר שבועה · דרום זאל איטליכר ווישן דאש ער האט גשווארן צו האלטן די תורה אונ זאל גווארינט זיין צו האלטן די שבועה · אבר עש זייגען דא פיל לייט וואש האלטן ניט פון דר שבועה אונ זיינן זיא עובר אונ זאגן איך פארכט מיך ניט פר די קללות איך וועל גיין נאך מיין גילושטן פון דעם הארצן עש זיינן דאך דא פיל צדיקים וואש וועלן בשיצין אויף מיר אונ איך בין איין יחיד וואש טוט עבירות אונ איך וועל מיין הארצן זיין גילושטין נאך געבין ביז איך וועל גינוג האבן דר נאך וועל איך אויף הערן · אבר ער ווייסט ניט דש מער ער ווערט וועלן זיין לושט גינוגין טאן מער ווערט ער גילושטין צו טאן עבירות ער ווערט דעם יצר הרע אייביג ניט זאט מאכן ער מאכט אים נאך מער הונגעריג דר מיט וואש ער טראכט צו טאן עבירות · אונ

דר נאך שטראפט אים גאט אויף דיא בייזע מחשבות דען עש הייגט פיל אין דר מחשבה פון דעם הארצין דאש ווען דר מענטש טוט איין מצוה מיט איין פריליך הארץ איז זיין שכר זייער גרויש אונ ווען ער טוט איין עבירה מיט איין פריילך הארץ איז זיין שטראף זייער גרויש · אונ עש זיינן אטייל לייט וואש אז זיי טוען איין עבירה איז זיי דאש הארץ זייער טרויעריג אונ פר שטאפט אונ ער האט חרטה וואש ער האט זיא גטאן דעם איז זיין שטראף גיט אזו גרויש ווייל ער האט חרטה וואש ער האט די עבירה גטאן · אונ עס זיינען אטייל לייט וואש בהרענגין צו דר עבירה אונ וואלטין גערין זיא ווידר גיטאן דעם איז זיין שטראף טאפיל · דאש האבן די חכמים גיזאגט הרהורי עבירה קשה מעבירה דאש איז טייטש ווען איין מענטש האט גיטראכט לאנג צוא טאן איין עבירה אונ האט זיא גטאן איז די עבירה זייער גרויש · דען ער ווערט גישטראפט ווייל ער האט זיין מחשבה פאר אום ריינגט אונ ווייל ער האט די עבירה גיטאן · אונ דער רמב"ם שרייבט ווען דער מענטש איז מטמא זיין מחשבה צו טראכטן אין איין עבירה אזו איז ער מטמא זיין נשמה אונ דש איז איין גרוישע עבירה · אונ ווען ער טוט די עבירה איז אים גאט כן אפילו אויף דער מחשבה אבר ווען ער טוט די עבירה ניט אזו איז אים גאט ניט בן אויף דר מחשבה דען גאט רעכינט ניט ביי ישראל איין מחשבה וויא איין מעשה אונ איז ניט בן אויף איין מחשבה אליין · פון רעשט וועגן זאל זיך דר מענטש ניט גיוואנן צו האבן בייזע מחשבות דען ער ווערט צום סוף מוזין טאן די בייזע מחשבה דען אזו וויא דר מענטש הט בדיעה אזו פירט אים גאט · פן יש בכם איש או אשה אשר לבבו פונה היום מעם יי טאמר איז צווישן אייך דא איין מאן אדר איין אשה וואש דין הארץ קערט אפ פון גאט צו טאן עבירות · זאגט דר נאך דר פסוק לא יאבה יי סלוח לו אזוא ווערט גאט אים ניט וועלן מוחל זיין איז קשה

ווען

חען ער טוט קיין תשובה ניט איז רעכט דש גאט זאל אים ניט מוחל זיין אבר ווען ער טוט תשובה ווארום זאל אים גאט ניט מוחל זיין · דר תירוץ איז פֿריער זאגט דר פסוק אשר לבבו פונה היום דאש ער האט בדיעה צו טאן איין עבירה ווייל דר יצר הרע האט אים אן גירעט אונ ער טוט תשובה אזו ווערט אים גאט מוחל זיין דורך דר תשובה · אבר אז ער ווערט זאגן כי בשרירות לבי אלך ער וויל במזיד עבירות טאן ווען ער ווערט דער נאך תשובה טאן זאל ער אגרעסרין שכר האבן· אזו וויא די גמרא זאגט במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולין לעמוד אין דעם ארט וואו די בעלי תשובות שטייען אין גן עדן דארטין קענן-קיין רעכטע צדיקים ניט שטיין · דען די בעלי תשובות האבן איין בעסער ארט אין גן עדן מער וויא די וואש זיינן פון אייביג צדיקים אונ אויב דר מענטש ווערט דרום עבירות טאן כדי ער זאל תשובה טאן אונ זאל אגרוישין שכר האבין דעם ווערט גאט זיינע עבירות ניט מוחל זיין · אזו ווי די גמרא זאגט דר ווש וויל עבירות טאן כדי ער זאל תשובה טאן דעם איז גאט זיינע עבירות ניט מוחל אונ מען דר לאזט אים ניט צו טאן תשובה ויתשם יי' וישליכם אל ארץ אחרת אונ אז די ישראל וועלין טאן בייז ווערט גאט זייא פר ווישטין אונ פר ווארפין אין אפרעמד לאנד · אונ דרום איז דיא למיד פון וישליכם גרויש דאש ווייזט דש די הויכע הערשאפט אונ שרה שאפט איז ווארן אוועק גנומן פון ישראל · הנסתרות ליי' אלהינו דיא פאר בארגנע עבירות וואש א מענטש טוט די זיינן צו גאט ער ווערט אים שטראפן פר זיי· אבר די עבירות וואש מיר ישראל טוען זעהן זיינן מיר מחויב צו שטראפן אויף זיי ווייל די ישראל זיינן ערב איינר פר דעם אנדרין · דרום זאל מען זעהן צו שטראפן דעם וואש טוט איין עבירה כדי עש זאל ניט שאדין דעם אום שולדיגן · אונ נאך איין פשט איז עש זיינן אטייל מצות וואש מיר ווישין ניט זייער טעם ווארום גאט האט

זיי גיבאטן · דאש זאגט ער הנסתרות ליי' אלהינו די פר בארגנע מצות זאל מען טאן פון גאטש וועגן ווייל ער האט זיי גבאטן והנגלות לנו ולבנינו אונ די מצות וואש עש שטייט זייער טעם אונ מיר קענן פר שטיין דעם טעם זיינן מיר מחויב דעם טעם געבין צו פאר שטיין צו אונזערע קינדר אזו וויא ביי יציאת מצרים האט גאט גשריבן ולמדתם אותם את בניכם איר זאלט די תורה לערנן צו אייערע קינדר אונ זאלסט זיי געבן צו פאר שטיין דעם טעם פון די מצות וואש דו ווייסט דעם טעם · אונ נאך איין פשט איז הנסתרות ליי' אלהינו די פר בארגנע עבירות וואש קיינר ווייסט פון זיי ניט נאר גאט זאל מען צו גאט אליין תשובה טאן אונ ער ווערט זיי מוחל זיין · והנגלות לנו ולבנינו עד עולם אונ די עבירות וואש ער האט גיטאן אויפן באר אונ וואש איינר טוט צו אונז אדר צו אונזערע קינדער דרויף דארף מען תשובה טאן אויפן באר אונ זאל מחילה בעטן פון זיין חבר ער זאל אים מוחל זיין · ושבת עד יי' אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ושב יי' אלהיך את שבותך דר פסוק לערינט אונז דש משיח ווערט אנדרש ניט קומן סיידן אלע נשמות וועלן פריער גיבארן ווערן · דען עש איז איין אוצר אין הימיל וואש דארטין זיינען אלע נשמות פון ששת ימי בראשית אן דרום זאגט דר פסוק ווען אלע נשמות וועלן קומען פאר גאט דענשט מאל ווערט משיח קומן אונ ווערט אונז אויש לייזן פון אלע עקין פון דר ערד וואש מיר זיינן דארטן פאר שפרייט אונ גאט ווערט אפ טאן אלע פר שטאפטע הערצר · אזו וויא דר פסוק זאגט ומל יי' אלהיך את לבבך גאט ווערט בשניידן דיין פאר שטאפט הארץ אונ דר יצר הרע ווערט ווערן אפ גטאן אין די טעג פון משיח· לא נפלאת היא ממך ולא רחוקה היא די תורה איז ניט פאר הוילן פון דיר אונ ניט ווייט פון דיר · דר פסוק לערינט אונז דאש עש איז גרינג דיא תורה צו לערנן מען דארף ניט גיין אויף דעם הימיל אונ ניט איבר דעם ים נאך דר תורה גייערט מען קען תורה לערנן מיט דעם מויל

אונ

אונ מיט דעם הארצן אונ דרום זאגט דר פסוק בפיך ובלבבך לעשותו דען אין די דריי זיינען אלע מצות בהאנגן דאש ערשטע מען דארף תורה לערנן מיט דעם מויל דאש אנדרע מען דארף אין הארצן טראכטן דאס גאט איז איין יחיד דאש דריטע מען זאל מצות טאן דש האבין די חכמים גיזאגט אויף די דרייא שטייט די װעלט אויף תורה דש מען מוז מיט דעם מויל תורה לערנען אונ אויף תפלה דאש מען מוז מיט דעם הארצן גוטע מחשבות טראכטן צו גאט אונ אויף צדקה דאש מען מוז מיט זיין געלט צדקה טאן • אונ דר רמב"ן שרייבט דר פסוק לערינט אונז אויף תשובה דש זיא איז זייער גרינג אויף דעם מענטשן ער דארף נאר מיט זיין מויל תפלה טאן אונ מיט זיין הארצן זאל ער חרטה האבין אויף די עבירות װאש ער האט גטאן • דאש זאגט דר פסוק כי קרוב אליך הדבר מאוד בפיך ובלבבך לעשותו אונ ער זאגט װייטר ראה נתתי לפניך זעה איך האב פאר דיר גיגעבין איין טאג װאש דר מענטש װערט אן גישריבן צום לעבן אדר צום טויט צו גוטש אדר צו בייז דאש מיינט מען ראש השנה • דרום בטראכט זיך תשובה צו טאן דען דענשט מאל איז די צייט װאש גאט נעמט אן דיא תשובה פון איטליכן מענטשן • דרום מוז מען די לייט דער מאנן תשובה צו טאן אונ דיא תשובה איז בייא דיא לייט גיטיילט אין זיבין חלקים דיא ערשטע אונ דיא בעשטע תשובה איז װאש דר מענטש טוט באלד נאך דר עבירה אונ האט חרטה אויף דר עבירה • אויף דער תשובה האט די גמרא גזאגט אין פרק חלק אויף דעם ארט וואו דיא בעלי תשובה שטייען אין גן עדן קענן קיין רעכטע צדיקים ניט שטיין • דען דער בעל תשובה איז גרעשער פון איין צדיק ווייל איין צדיק האט קיין מאל ניט גיפילט דעם טעם פון דר עבירה • אבר דר בעל תשובה האט שוין גיפילט דעם טעם פון דער עבירה אונ האט זיך דאך אפ גישייד פון איר איז ער גרעשר פון איין צדיק אונ האט איין גרוישן שכר פון גאט דר פר • אונ אטייל חכמים זאגין דאש װאש די גמרא זאגט דש די צדיקים קענן ניט שטיין אין דעם ארט פון דיא בעלי תשובות דאש מיינט מען דער בעל תשובה מוז איין אנדערן װעג האבן צו קומן פר גאט ניט אין דעם װעג וואו אלע צדיקים גייען • דען אויף דעם װעג איידר ער קומט צו גאט זיינן פיל מלאכי חבלה װאש לאזין דעם בעל תשובה ניט גיין אונ זאגן צו אים דו האסט גרויסע עבירות גיטאן בישטו ניט זוכה צו קומן פר גאט • דרום מוז אים גאט איין אנדערן װעג מאכן ניט וואו אנדרע צדיקים גייען פר גאט ער זאל פעלן די מלאכי חבלה דען גאט איז דרפרימיג אונ ווייל האבן די לייט זאלן תשובה טאן • אונ דר בעל תשובה װאש האט באלד חרטה אויף זיינע עבירות דאש איז די בעשטע תשובה • אונ דאש איז נאר גזאגט װען ער האט אזעלכע עבירות גיטאן װאס דר שכל האלט עס ניט פאר קיין אום רעכט אונ ער האט דר צו גרויש לוסט אזו וויא זנות אונ דעסט גלייכן אונ ער שייד זיך אפ דר פון ווייל גאט האט פר באטן מען זאל דאש ניט טאן דרום איז זיין שכר זייער גרויש • אבר װען ער האט גטאן עבירות מיט גנבנן אדר מיט גזלנן אדר רציחה װאש דר שכל האלט דאש פר איין אום רעכט • האטשע גאט װאלט עס ניט פר באטן דארף מען דאש מיט דעם שכל ניט טאן אונ ער שייד זיך פון זיי אפ אזו איז זיין שכר ניט אזו גרוים ווייל זיין שכל האט דאס פר װערט צו טאן אונ ער האט זיך ניט אפ גשייד פון גאטס װעגן דר אנדרר חלק פון די בעלי תשובות איז װען איין מענטש האט אלע זיינע טעג פיל עבירות גיטאן אונ טוט תשובה אין דער יוגינט אז דר יצר הרע איז נאך ביי אים שטארק אונ ברענט אין אים • דען בייא איין אלטן מאן האט זיך דער יצר הרע אפ גיטאן • אבער אין איין יונגין מאן ברענט דר יצר הרע אונ ער האט די עבירות

פיל מאל גיטאן אונ האט צו איר גרויס לוסט
אונ קאן זיא ווידער טאן נאר ער לאזט זיא
אוועק פון גאטש וועגן · אזו וויא די גמרא
זאגט װעלכר הייסט איין בעל תשובה · רבי
יהודה זאגט ווען ער איז נאך יונג אונ מיט
דר אשה וואס ער האט גיטאן דיא עבירה
קען ער ווידר טאן אונ טוט ניט דער הייסט
איין בעל תשובה · דער דריטער חלק איז
האטשע ער איז יונג אונ שטארק דאך איז
אים די עבירה ניט אן גיברייט אזו ווי פריער
אדר ער שעמט זיך פאר לייט אונ שייד זיך
אפ פון דר עבירה דאס איז אויך איין תשובה
אונ גאט נעמט זיא אן · דרויף האט די גמרא
גיזאגט אשרי איש ירא את ה' וואל דעם מענטשן וואש
פארכט זיך פר גאט ווען ער איז נאך יונג אונ
שטארק דען איש איז טייטש שטארק אונ איין
פרישר מענטש · דר פערטר חלק איז ער טוט
תשובה וייל ער האט מורא פר צרות עש
זאל אויף אים ניט קומן אונ לייט זאלין אים
ניט שטראפן · אזו וויא מיר גיפינן ביי דר
שטאט נינוה דאש זיי האבן קיין תשובה ניט
גטאן ביז יונה האט זיי איין מורא גימאכט
דאש גאט האט גיזאגט ער וועט די שטאט
חרוב מאכן אונ גאט האט זייער תשובה אן
גינומן · די גמרא זאגט עש העלפט ניט ווען
מען טוט אן איין זאק אונ מען פאסט נאר
ווען מען האט חרטה אויף די עבירות אונ
מען טוט מעשים טובים · אזו וויא אין פסוק
שטייט ביי דער שטאט נינוה וירא אלהים את
מעשיהם כי שבו מדרכם הרעה דאש איז טייטש גאט
האט גיזעהן זייערע גוטע מעשים וויא זייא
האבן חרטה פון זייערע בייזע מעשים אבר
עש שטייט ניט דאס גאט האט גזעהן זייער
פאסטן · דאס פינפטע חלק פון תשובה איז
דער מענטש טוט תשובה וייל צרות זיינען
גיקומען אויף אים דאך נעמט גאט אן זיין
תשובה · אזו וויא אין פסוק שטייט בצר לך
ומצאוך כל הדברים האלה ושבת עד ה' אלהיך דאס איז
טייטש ווען עש וועט דיר איינג זיין פר צרות

אונ דוא וועסט תשובה טאן וועט דיר גאט
מוחל זיין · דאש זעקסטע חלק פון תשובה
איז ווען ער איז אלט אונ האט קיין כח ניט
צו טאן עבירות אונ האט חרטה אויף דיא
עבירות וואש ער האט גיטאן אין דר יוגנט
אונ טוט תשובה מיט דעם גאנצן הארצן
נעמט גאט זיין תשובה אויך אן · אזו ווי אין
פסוק שטייט תשב אנוש עד דכא דוא מענטש
זאלסט תשובה טאן אפילו ווען דוא ביסט
אלט אונ צו שטויסן אונ האשט קיין כח ניט
צו טאן עבירות דאך וועט גאט דיין תשובה
אן נעמן · אונ דרויף זאגט דיא גמרא רבי
שמעון זאגט ווען איין מענטש איז אלע זיינע
טעג פרום גיוועזן אונ דעם הינטערשטן טאג
איז ער שלעכט גיווארין אזו האט ער פאר
לארין אלע זיינע זכיות · אזו וויא אין פסוק
שטייט צדקת הצדיק לא תצילנו ביום פשעו דאש
פרומקייט פון דעם צדיק וואש ער איז אלע
זיינע טעג פרום גוועזן וועט אים ניט העלפן
אין דעם טאג וואש ער האט גיזינדיגט אונ
ווען א יונגער איז איין רשע גוועזן אלע זיינע
טעג אונ צום סוף איז ער פרום גיווארן אזוא
ווערן אים דיא ערשטע עבירות אפ גמעקט ·
אזו וויא אין פסוק שטייט ורשעת הרשע לא יכשל
בה ביום שובו מרשעו דאש שלעכטקייט פון דעם
רשע וועט ער דרינן ניט גישטרויכילט ווערין
ווען ער וועט תשובה טאן אויף זיינע עבירות
וואש ער האט לאנג גיטאן אונ וועט אויף
זיי חרטה האבן · דיא זיבעטע תשובה איז
ווען דער מענטש האט אלע זיינע טעג קיין
חרטה ניט אויף זיינע עבירות נאר אז ער
זעהט דאש ער וועט שטארבן אזו האט ער
חרטה אויף זיינע עבירות אונ טוט תשובה
האטשע דאש איז די קלענשטע תשובה פון
אלע תשובות דאך נעמט גאט אן די תשובה ·
אזו וויא די גמרא זאגט אין פרק במה מדליקין
ווען דר מענטש גייט ארום גיזונט זאל ער זיך
טראכטן דאש מען רופט אים צום שופט אונ
זאל טראכטן מיט וואש זיך ריין צו מאכן פון

רעם משפט · אונ ווען ער ווערט קראנק זאל
ער זיך טראכטן דאש מען האט אים שוין
אין דער תפיסה איין גיזעצט · ווען ער לייגט
זיך צוא בעט זאל ער זיך טראכטן דאש מען
האט אים גיבראכט צום משפט אזו אויב ער
האט פיל גוטע מליצים ווערט ער ניצול ווערן
אונ אויב ניט ווערט ער גיטייט ווערין · אזוא
אויך דר מענטש ווען ער דארף שטארבן אונ
טוט תשובה אונ האט חרטה מיט דעם גאנצן
הארצן איז אים גאט מוחל זיינע עבירות ·
אבר ווען ער שטארבט אונ האט קיין חרטה
ניט אויף זיינע עבירות קומט ער אין גיהנם
אויף אייביג · אונ דרויף האט שלמה המלך
גיזאגט אין קהלת כל אשר תמצא ידך לעשות בכחך
עשה כי אין מעשה וחשבון ודעת וחכמה בשאול אשר אתה
הולך שמה דאש איז טייטש וואש דו קענשט
טאן תשובה אויף דער וועלט זאלשטו טאן
איידר דו שטארבשט דען אין דער גרוב קען
מען שוין ניט טאן קיין תשובה אונ קיין מעשים
טובים · אונ דאש האט דר נביא גיזאגט אין
יחזקאל שובו שובו מדרכיכם הרעים ולמה תמותו בית
ישראל איר ישראל טוט תשובה איידער איר
שטארבט אזו ווערט איך גאט מוחל זיין אייערע
עבירות אונ איר זאלט ניט שטארבין אן
תשובה · אונ די בעלי תשובה זיינן גיטיילט
אויף פינף כתות · אונ זיינן גיגליכן צו פינף
כיתות וואש פארן אין איין שיף אויף דעם
ים אונ זיינן זייער לאנג גיפארן אונ קענן ניט
קומן צו איין יבשה · איין מאל איז גיווארין
איין גרוישר ווינט אונ האט די שיף צו גיפירט
צו איין בארג אין מיטן ים אונ אויף דעם בארג
זיינן גיוועזן שיינע בוימר מיט גוטע פירות אונ
גוטע קוואלן וואסר אונ די לייט האבן דר צו
זייער גיגלושט אזו זיינן אין דר שיף גיוועזן
פינף כיתות · איין כיתה וויל גאר ניט ארויס
פון דר שיף אונ זאגן טאמר ווערט קומן איין
גרוישר ווינט אונ ווערט אוועק טראגן די שיף
אונ מיר וועלן אויף דעם בארג פר לארן ווערן
פון וועגן די גוטע פירות אונ אנדרע תענוגים

די אנדערע כיתה גייען אויף אין רגע ארויש
אויף דעם בארג אונ זאמן ניט לאנג אונ גייען
באלד צו ריק אין שיף אריין אונ האבן זייער
ארט גיפונן גיראם די דריטע כיתה גייען ארויש
פון דער שיף אויף דעם בארג אונ עסין דיא
פירות ביז איין ווינט איז גיקומן אונ די לייט
פון דר שיף האבן אן גיהויבן טרומייטרן מען
זאל קומן אין דר שיף אריין אזו איז די כיתה
באלד גילאפין אין דר שיף · אבר זיי האבין
זייער ארט גיפונן איינג דען אנדרע לייט האבן
זיך גזעצט אויף זייער ארט · די פערטע כיתה
האבן גיגעסן גוטע פירות אונ האבן גיטרונקן
אונ זיינן גיגאנגן אויף אלע זייטן פון דעם
בארג אונ אז מען האט גיטרומייטערט האט
דיא כתה גיזאגט מען ווערט נאך פריער אויף
שטעלן דעם זעגל בוים מיר וועלן נאך קענן
איין רגע דא זאמן · אונ אז מען האט אויף
גישטעלט דעם זעגל בוים האבן זיי גזאגט די
שיף לייט מוזן נאך פריער עסן אזו וועלן מיר
זיך דא נאך קענן אביסל פר זאמן אונ עסין
אונ טרינקן אויף דעם בארג · ביז זיי זעהען
דאש די שיף הויבט שוין אן צו רירן אזוא
האבין זיא גימוזט אין ים גיין ביז אין האלז
ביז זיי זיינן גיקומן צו דר שיף דען די שיף
איז שוין פון דעם בארטן אוועק גיגאנגן אונ
זיי האבן זייער ארט גאנץ איינג גיפונן · דיא
פינפטע כתה האבן גיגעסן אונ גיטרונקן אויף
דעם בארג אונ טראכטן ניט צו קומן אין דר
שיף ביז די שיף איז שון לאנג אוועק גיגאנגן
אונ זי זיינן גיבליבן אויף דעם בארג · אונ עס
איז גיקומן ווינטער איז זיי קאלט גיווארן אונ
דיא פירות זיינען אלע אפ גיפאלן אונ חיות
רעות זיינן אויף זיי גיקומן אונ האבין זיא
צו ריסן אונ זיי זיינן אלע פר לארן גיווארן
אזו איז אויך דר מענטש אויף דר וועלט דיא
מעשים טובים זיינן גליך צו איין שיף דאש
ווען ער טוט מעשים טובים פירן זיי אים צו
עולם הבא · אונ די וועלט איז גליך צו איין
בארג מיט גוטע בוימר אונ מיט תענוגים דען

אלע תענוגים זיינן אין דר וועלט · אונ דיא ערשטע כיתה דאש זיינן די גרוישע צדיקים וואש האבן קיין מאל קיין עבירה ניט גיטאן נאר זיי לערנן טאג אונ נאכט תורה אונ היטן זייערע ערטר אונ גייען ניט נאך נאך תענוגים אונ די אנדרע כיתה זיינן אטייל לייט וואש זייא גייען ווייניג נאך דעם יצר הרע אונ טוען באלד תשובה אז זייא זיינן נאך יונג אונ דאש איז די בעסטע תשובה · די דריטע כיתה איז וואש גייען נאך נאך דעם יצר הרע אונ נאך תענוגים נאך נאר אז זיי זעהן דאס זיי ווערין אלט אונ עש איז איין קורצע צייט דאש זייא ווילין באלד שטארבין אזוא טוען זיי תשובה דען זיי האבן מורא זיי זאלן ניט שטארבן אן תשובה · אזו חאטשע זיי טוען תשובה דאך גיפינן זיי זייער ארט איינג אין גן עדן · די פערטע כיתה איז וואש זאמען מיט תשובה ביז זיי דארפן שטארבן ווייל זיי האבן מורא פאר דעם טויט דרום טוען זייא תשובה · אזו חאטשע דיא תשובה העלפט אויך דאך איז זייער ארט גאנץ איינג אין גן עדן · די פינפטע כיתה איז וואש טוען קיין תשובה גיט אונ שטארבן אן תשובה די קומן אין דעם גרויסן פייער פון דעם גיהנם · דאס שרייבט אויך דער מדרש למי אוי למי אבוי צוא וועמן איז אוי אונ ווייא צו דעם וואש לאזט פיל געלט נאך זיך אונ פירט מיט זיך פיל עבירות אין קבר אריין דאש זיינן די וואש זאמלן איין געלט מיט אום רעכט אונ גיבין דער פון קיין צדקה ניט אונ וויל קיין אורח אין זיין הויז ניט האלטן אונ לייט דעם עני קיין געלט ניט · דען ווען דר מענטש שטארבט בלייבט דאש געלט איבער אונ גייט ניט מיט אים · אבר די צדקה אונ מעשים טובים גייען מיט אים אונ טוען אים באלייטין אונ זיינען מליץ פר אים :

# הפטרת נצבים

שוש אשיש ביי תגל נפשי באלהי זאגט ירושלים איך וועל מיך טאן פרייען מיט גאטש רייד דאש ער האט מיך אן גיקליידט קליידר פון הילף אונ מיט איין העמד פון צדקה כחתן יכהן פאר אזו וויא איין חתן טוט אן שיינע קליידר אונ וויא איין כלה טוט אן צירין איר צירונג כי כארץ תוציא צמחה דען אזו וויא די ערד טוט אויש ציהן אירע שפראצונג אונ וויא איין גארטין מאכט שפראצין איר פאר זייאונג אזו וועט גאט מאכין שפראצן צו ישראל צדקה אונ לויב · זאגט גאט למען ציון לא אחשה פון וועגין דר שטאט ציון וועל איך דאש אלין טאן אונ וועל ניט שווייגין אויף דעם בייז וואש די עובדי כוכבים האבין איר גיטאן אונ פון וועגין ירושלים וועל איך ניט שטיל זיין ביז עש וועט ארויש גיין אזו וויא דער מארגין שטערין איר גירעכטיקייט אונ איר הילף וועט ברענגן אזו וויא איין פלאם פייער אונ אלע פעלקר וועלין זעהען דיין גירעכטיקייט אונ אלע מלכים וועלין זעהען דיין כבוד אונ מען וועט דיך רופין איין נייעם נאמן וואש גאטש מויל וועט אים באשיידן והיית עטרת תפארת ביד יי' אונ דו וועסט זיין איין שיינע קרוין אין גאטש האנט אונ איין הויב פון מלכים וועסטו זיין אין דר האנד פון דיין גאט לא יאמר לך עוד עזובה עש וועט שוין מער ניט גיזאגט ווערין אויף דיר דאש דו ביסט איין פר לאזענע שטאט אונ אויף דיין לאנד וועט שוין מער ניט גיזאגט ווערין עש איז איין פר וויסט לאנד נאר מען וועט דיך רופין דו ביסט די שטאט וואש מיין ווילין איז אין איר אונ דיין לאנד וועט מען רופין איין באזעסן לאנד דען גאט האט גיוואלט אין דיר אונ דיין לאנד וועט באזעסין ווערין כי יבעל בחור בתולה אזוא וויא איין בחור באמאנט איין בתולה אזו וועלן דיך דיינע קינדר באמאנן אונ אזו וויא איין חתן פרייט זיך מיט דער כלה אזו וועט זיך גאט אויף דיר פרייען · זאגט גאט על חומותיך ירושלים הפקדתי שומרים אויף דיינע מויערן דו ירושלים האב איך גיזעצט היטערש דאש זיינן די מלאכים וואש דר מאנען פר גאט דעם חורבן פון ירושלים אונ בעטין אים ער זאל זיא ווידר בויען אונ אזו זאגן זיי דוא נאט זאלשט אויף שטיין אונ זאלשט דר באריממן ציון איין גאנצן טאג אונ איין גאנצע נאכט טוען זיי ניט שווייגן פון צו בעטן אויף ירושלים אונ איר מלאכים וואש איר טוט דר מאנן צו גאט דעם חורבן זאלט איר ניט שווייגין פון צו דר מאנען

אונ זאלט ניט געבין קיין שוויינונג צו גאט ביז ער ווערט אן ברייטין אונ ווערט טאן דיא שטאט ירושלים צו איין לויב אין לאנד נשבע יי בימינו גאט האט געשווארין מיט זיין רעכטע האנט אונ מיט זיין שטארקין ארים אויב איך וועל נאך געבין דיין קארין צו עסין דיינע פיינט אונ אויב די פרעמדע קינדר וועלן טרינקן דיין וויין וואש דו האשט דיך גימיט אין אים כי מאספיו יאכלוהו נייערט די וואש וועלין איין זאמלען דאש קארין וועלין עש עסין אונ וועלין גאט לויבין אונ דיא איין זאמלר פון דעם וויין וועלין אים טרינקן אין מיין הייליגין הויף עברו עברו בשערים זאגט גאט פארט איבר הין אונ העהר אין די טויערין אונ קערט אויש דעם וועג אונ דאש הארץ פון דעם פאלק צו גוטין טרעט אין דעם וועג אונ ווארפט ארויש די שטיינר פון דעם וועג הויבט אויף איין פאן צו די פעלקר פר איין סימן דאש זיי זאלין מיר ברייגגען דיא פר טריבענע ישראל · הנה יי השמיע אל קצה הארץ נון גאט האט גימאכט הערן אין עק ערד די הילף זאגט צו דר שטאט ציון דיין העלפר קומט אן אונ זיין שכר וואש ער וויל געבין צו זיינע קנעכט איז אן גיברייט מיט אים אונ דעם שכר פון זיין פאלק וואש האבין אים גידינט איז אן גיברייט פאר אים צו געבין זיי וקראו להם עם הקודש אונ וועלן רופן צו ישראל דאש הייליג פאלק די אויש גילייזטע פון גאט אונ דיך ירושלים וועט מען רופן די גיפארשטע שטאט אונ ניט קיין פר לאזענע · דאש זאגט דר נביא מי זה בא מאדום ווער איז דער דאזיגר וואש קומט פון אדום מיט גיפארבטע קליידר פון בלוט קומט ער פון דר שטאט בצרה ער איז בשיינט מיט זיין קלייד אונ שרייט מיט פיל כח ווערט זיי גאט ענטפערן איך בין עש דען עש איז אויף גיגאנגען פר מיר דאש איך זאל ריידין אין דעם גירעכטיקייט פון די אבות אונ פון ישראל אונ בין וואורין אנטפלעקט צו העלפין איך ישראל · וועלין די ישראל ווידר פרעגן צו גאט מדוע אדום ללבושך ווארום זיינן דיינע קליידר רויט אונ זיינן גלייך וויא איינער וואש טרעט וויין אין איין קעלטר · ווערט גאט ענטפערין פורה דרכתי לבדי איין קעלטר האב איך אליין גיטראטין אונ קיינר פון די עובדי כוכבים האט זיך ניט גישטעלט צו מלחמה האלטין מיט מיר אונ איך האב זיי צו

טראטין מיט מיין צארין אונ מיט מיין גרים צארין אונ עש האט גישפריצט זייער בלוט אויף מיינע קליידר אונ איך האב פאר שמירט אלע מיינע קליידר פון זייער בלוט כי יום נקם בלבי דען איין טאג פון נקמה איז אין מיין הארצין וואש איך וועל מיך נוקם זיין אונ דאש יאר פון דעם אויש לייזונג איז גיקומען ואביט ואין עוזר אונ איך קוק אונ עש איז ניט פאר האנדין קיין העלפער צו ישראל אונ איך שווייג אונ עש איז ניט פאר האנדין קיין אונטר לעהענר צו ישראל ותושע לי זרועי אזו האט מיין ארום מיר גיהאלפן ואבוס עמים באפי אונ איך האב צו טראטין די עובדי כוכבים מיט מיין צארין אונ האב זיי פר שיכרת מיט מיין גרים צארין אונ האב גימאכט נידעריג צו דר ערד זייער שטארקייט · זאגט דר נביא חסדי יי אזכיר איך וועל דר מאנען צו ישראל די חסדים פון גאט אונ גאטש לויב וועל איך דר מאנען אזו וויא גאר דאש גוטש וואש ער האט אונז באצאלט אונ דאש פיל גוטש וואש ער האט גטאן צו דעם הויז גיזינד פון ישראל מיט זיין דר בארמיקייט ויאמר אך עמי המה אונ גאט האט גיזאגט אז די ישראל זיינן ארויש גיגאנגען פון מצרים האטשע איך ווייש דאש זיי וועלין זינדיגן פון דעשט וועגין זיינן זיי דאך מיין פאלק אונ זיינן ביי מיר גלייך וויא קינדר וואש לייקענן ניט אונ גאט איז גיוועזן צו זיי צו איין העלפר בכל צרתם לא צר אין אלע זייערע צרות וואש ער האט גיבראכט אויף זיי האט ער זיי ניט איינג גיטאן נאך זייערע מעשים נאך דען דר מלאך מיכאל וואש ער באדינט פר גאט דר האט צו ישראל תמיד גיהאלפין דורך דעם שליחות וואש גאט האט אים גישיקט צו העלפין באהבתו ובחמלתו הוא גאלם דורך דעם ליבשאפט פון גאט אונ דורך זיין דר בארימקייט האט ער זיי אויש גלייזט פון דר צרה וואש אויף זיי איז גיקומן וינטלם וינשאם כל ימי עולם אונ ער לייד זיי אונ ער טראגט זיא אלע טעג פון דר וועלט כלומר ביז אייביג · די פסיקתא שרייבט שוש אשיש ביי עש איז איין משל איין מלכה וואש איר מאן אונ איר זון אונ איר איידים זיינן אוועק גיגאנגן אין איין ווייטין וועג איז מען גיקומן אונ מען האט גיזאגט צו דר מלכה דיין זון קומט אן האט די מלכה גיזאגט לאז זיך מיין שנור פרייען · אונ דר נאך האט

מען

מען איר גיזאגט דיין אידים קומט אן האט זיא גיזאגט לאז זיך מיין טאכטר פרייען · אונ דער נאך האט מען איר גיזאגט דיין מאן קומט אן אזו איז זיא פרייליך גיווארין אונ זאגט די שמחה איז מיינע אזו אויך די נביאים האבין גיזאגט צו ירושלים דיינע קינדר קומן פון ווייטין האט זיא גיזאגט ישמח הר ציון לאז זיך דיא שטאט ציון פרייען · דר נאך האבין די נביאים גיזאגט דיא עובדי כוכבים וועלין ברייננגען דיינע טעכטר האט ירושלים גזאגט תגלנה בנות יהודה לאזין זיך די טעכטר פון יהודה פרייען · אבער אז דיא נביאים האבין איר גיזאגט דיין מלך קומט אן האט זיא גזאגט היינט איז מיין שמחה גרויש אונ זאגט שוש אשיש בה' איך וועל מיך פרייען מיט גאט כחתן יכהן פאר די גמרא זאגט אין פרק אלו מגלחין רבי חנא בן חנינא זאגט פון דעם פסוק לערנען מיר אפ ראש אין חתן זאל אויבין אן ביא דעם טיש זיצין אונ זאל פריער גיין אזוא וויא איין כהן וואש גייט פריער פאר אלע לייט :

# חודש תשרי *).

## אלע ימים טובים וואש גיפאלט אין דעם חודש

| אינזאהר | ראש השנה אונ דיא ערשטע טעג סוכות | צום גדליה | יום כפור | הושענא רבה | שמיני עצרת | שמחת תורה |
|---|---|---|---|---|---|---|
| תרל"ז | דינסטיג מיטוואך | דאנערשטיג | דאנערשטיג | מאנטיג | דינסטיג | מיטוואך |
| תרל"ח | שבת זונטיג | מאנטיג | מאנטיג | פרייטיג | שבת | זונטיג |
| תרל"ט | שבת זונטיג | מאנטיג | מאנטיג | פרייטיג | שבת | זונטיג |
| תר"מ | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרמ"א | מאנטיג דינסטיג | מיטוואך | מיטוואך | זונטיג | מאנטיג | דינסטיג |
| תרמ"ב | שבת זונטיג | מאנטיג | מאנטיג | פרייטיג | שבת | זונטיג |
| תרמ"ג | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרמ"ד | דינסטיג מיטוואך | דאנערשטיג | דאנערשטיג | מאנטיג | דינסטיג | מיטוואך |
| תרמ"ה | שבת זונטיג | מאנטיג | מאנטיג | פרייטיג | שבת | זונטיג |
| תרמ"ו | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרמ"ז | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרמ"ח | מאנטיג דינשטיג | מיטוואך | מיטוואך | זונטיג | מאנטיג | דינסטיג |
| תרמ"ט | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תר"נ | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרנ"א | מאנטיג דינסטיג | מיטוואך | מיטוואך | זונטיג | מאנטיג | דינסטיג |
| תרנ"ב | שבת זונטיג | מאנטיג | מאנטיג | פרייטיג | שבת | זונטיג |
| תרנ"ג | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרנ"ד | מאנטיג דינסטיג | מיטוואך | מיטוואך | זונטיג | מאנטיג | דינסטיג |
| תרנ"ה | מאנטיג דינסטיג | מיטוואך | מיטוואך | זונטיג | מאנטיג | דינסטיג |
| תרנ"ו | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרנ"ז | דינסטיג מיטוואך | דאנערשטיג | דאנערשטיג | מאנטיג | דינשטיג | מיטוואך |
| תרנ"ח | מאנטיג דינסטיג | מיטוואך | מיטוואך | זונטיג | מאנטיג | דינסטיג |

*) אין חודש תשרי בענטשט מען נים ר"ח האבן מיר קיין מולדות פון תשרי נים גישטעלט

# חודש תשרי.

| אין יאהר | ראש השנה און ד'יא ערשטע טעג סוכות | צום גדליה | יום כפור | הושענא רבה | שמיני עצרת | שמחת תורה |
|---|---|---|---|---|---|---|
| תרנ"ט | שבת זונטיג | מאנטיג | מאנטיג | פרייטיג | שבת | זונטיג |
| תר"ס | דינסטיג מיטוואך | דאנערשטיג | דאנערשטיג | מאנטיג | דינסטיג | מיטוואך |
| תרס"א | מאנטיג דינשטיג | מיטוואך | מיטוואך | זונטיג | מאנטיג | דינסטיג |
| תרס"ב | שבת זונטיג | מאנטיג | מאנטיג | פרייטיג | שבת | זונטיג |
| תרס"ג | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרס"ד | דינסטיג מיטוואך | דאנערשטיג | דאנערשטיג | מאנטיג | דינסטיג | מיטוואך |
| תרס"ה | שבת זונטיג | מאנטיג | מאנטיג | פרייטיג | שבת | זונטיג |
| תרס"ו | שבת זונטיג | מאנטיג | מאנטיג | פרייטיג | שבת | זונטיג |
| תרס"ז | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרס"ח | מאנטיג דינסטיג | מיטוואך | מיטוואך | זונטיג | מאנטיג | דינסטיג |
| תרס"ט | שבת זונטיג | מאנטיג | מאנטיג | פרייטיג | שבת | זונטיג |
| תר"ע | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרע"א | דינסטיג מיטוואך | דאנערשטיג | דאנערשטיג | מאנטיג | דינסטיג | מיטוואך |
| תרע"ב | שבת זונטיג | מאנטיג | מאנטיג | פרייטיג | שבת | זונטיג |
| תרע"ג | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרע"ד | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרע"ה | מאנטיג דינסטיג | מיטוואך | מיטוואך | זונטיג | מאנטיג | דינשטיג |
| תרע"ו | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרע"ז | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרע"ח | מאנטיג דינסטיג | מיטוואך | מיטוואך | זונטיג | מאנטיג | דינסטיג |
| תרע"ט | שבת זונטיג | מאנטיג | מאנטיג | פרייטיג | שבת | זונטיג |
| תר"פ | דאנערשטיג פרייטיג | זונטיג | שבת | מיטוואך | דאנערשטיג | פרייטיג |
| תרפ"א | מאנטיג דינסטיג | מיטוואך | מיטוואך | זונטיג | מאנטיג | דינשטיג |
| תרפ"ב | מאנטיג דינסטיג | מיטוואך | מיטוואך | זונטיג | מאנטיג | דינשטיג |
| תרפ"ג | שבת זונטיג | מאנטיג | מאנטיג | פרייטיג | שבת | זונטיג |
| תרפ"ד | דינסטיג מיטוואך | דאנערשטיג | דאנערשטיג | מאנטיג | דינשטיג | מיטוואך |
| תרפ"ה | מאנטיג דינסטיג | מיטוואך | מיטוואך | זונטיג | מאנטיג | דינסטיג |
| תרפ"ו | שבת זונטיג | מאנטיג | מאנטיג | פרייטיג | שבת | זונטיג |

אתם נצבים היום וגו' אין רעיא מהימנא שטייט בחדש השביעי באחד לחודש די מצוה איז מען זאל בלאזין שופר אום ראש השנה דען ער איז איין יום הדין אזו וויא מיר האבין מפורש גוועזן תקעו בחודש שופר בכסה ליום חגנו דאס איז די לבנה איז פר דעקט און די מקטריגים שטארקין זיך און דר מקטרג פר שליסט אלע טירין ביי דעם מלך מען זאל טאן דין ומשפט אויף די מענטשין דען ער האט אים דרויף רשות גיגעבן ער זאל פארעדין אלע דינים פון דער וועלט און האט אים אפ גיגעבן איין טאג ער זאל ברייענגען אלע עבירות פון דיא לייט און הקב"ה האט דאש גיטאן כדי די וועלט זאל מורא האבין פר אים און דאס איז והאלהים עשה שייראו מלפניו דען אז מענטשין זאלין פאר גאט קיין מורא ניט האבין פר דעם עונש אז דר מקטרג זאל ניט ברייענגען אלע עבירות וואלטין זייא אלע שלעכץ גיטאן דרום זאגט ער והאלהים עשה גאט האט באשפין דעם יצר הרע דעם מקטרג כדי שייראו מלפניו מען זאל זיך פר אים פארכטין און הקב"ה האט אים אן גיגרייט מיט איין שארפע שווערד אויף דר וועלט אזו וויא איין שר האט ביי זיך איין תלין וואש ער טוט איין דין אויף די לייט אזוא אויך איז ער ממית און שטראפט זיי אזוא וויא דער דין גייט ארויש מלמעלה און ער האט רשות מזכיר צו זיין דר האט אזו גיטאן און דר אזו און ער האט רשות צו צו שליסין די טירין למעלה ביז מען וועט אים טאן איין דין ומשפט למעלה און דאש בית דין האט ניט קיין רשות אים דוחה צו זיין דען עש שטייט כי יי' אוהב משפט ער וויל אז די וועלט זאל שטיין בדין און מען זאל וויסין אז עש איז דא איין דין און איין דיין אויף דר וועלט און אום ראש השנה האט ער רשות צוא פר שליסין די טירין פון דעם מלך און די לבנה ווערט פר דעקט אינעווייניג ביז עם ווערט נגזר דר דין אויף דר גאנצר וועלט האטשע עש איז אלץ אנפלעקט פר הקב"ה פון דעסט וועגין בגערט ער אז עש זאל אלץ זיין על פי דין דרום האט ער מתקן גוועזן איין כסא דין דעם טאג און דר מקטרג קומט און בגערט דין אויף דיא מעשה בני אדם איטליכין זיינע מעשים. וואס ער האט גיטאן און עש קומען עדות און זאגן אלע מעשים פון דעם מענטשין און זיי הישן עיני יי' משוטטות בכל הארץ די מלאכים

שוועבין אויף דר גאנצר וועלט און זעהן אלע מעשה בני אדם וויי צו די לייט דען זיי זעהען ניט אז די עיני יי' שטייען ביי זיי און זעהן אלץ און זאגין דאס אויבין און דר מקטרג באגערט מען זאל טאן איין משפט און זאגט דער האט אזו גיטאן און דר האט אזו גיטאן און זיי זאגין אים עדות און כל זמן הקב"ה פרעגט זייא ניט זאגין זייא ניט קיין עדות און וואש זייא זאגין ווערט אלץ פר שריבין פאר דעם מלך עם איז פר האנדין אויבין איין היכל וואס ער איז פול מיט ווייס פייער ער איז זיך אלץ מתגלגל און פלאמט מיט פונקין פייער דש הערט קיין מאל ניט אויף אין דעם היכל איז ווידר פר האנדין איין היכל מיט שווארץ פייער און פר דעם מלך שטייען בשעת הדין צוויי שרייבערס בשעת די עדות זאגין עדות נעמען זייא פון דעם ווייש פייער און שרייבין דרויף מיט שווארץ פייער און דער מלך הקדוש לייגט אפ דעם משפט אויף איין שפעטערר צייט טאמר וועט ער דר נייל טאן תשובה טוט ער תשובה צו רייכט מען דעם גזר דין און אויב חלילה ער טוט קיין תשובה ניט און דער מלמד חוב שטייט אלץ פר דעם מלך מקטרג זיין דען גייט ארויס איין כרוז און רופט פב"ם האט דאס און דאס גטאן ווער עס האט עפעס אויף אים איין זכות זאל קומען און זאגין איז דא איין מלמד זכות אויף אים איז גוט און אז ניט גיט מען תיכף דעם גזר דין צו דעם מקטרג דעם שטן אין דיא הענט אריין און חאטשע הקב"ה ווייסט דאך אלץ דינג פון דעסט וועגין טוט ער דיא אלע זאכין כדי דר מענטש זאל ניט האבין קיין פתחון פה אז הקב"ה טוט חס ושלום איין אום רעכטין משפט אויב דו וועשט פרעגן פון וואנן ווייסן מיר די אלע זאכן זאג איך דיר עס איז אזו נמסר גיווארן צו די חכמים און אפילו ווערכר מענטש עס ווייסט דאס ניט זאל ער זעהן וויא אזו עס פירט זיך בנגלה בבית דין של מטה אזוא אויך פירט זיך למעלה במקום הנסתר דען הקב"ה האט אלץ בשאפין אויף דער וועלט למטה אין דעם גישטאלט וויא עס איז אויבין און הקב"ה האט ליב משפט אזו וויא עס שטייט אני יי' אוהב משפט דאך איז די אהבה מנצח דעם משפט דען די אהבה פון זיינע קינדר איז גרעשר וויא די אהבה פון דעם משפט נאר נייל דער מקטרג קומט

און בגערט משפט אויף זייא דארפן דיא אלע זאכין גיטאן ווערן אונ דרום האט הקב"ה געהייסן די ישראל זיי זאלין שופר בלאזין אום ראש השנה מען זאל מיט דעם קול פון אונטין דער וועקן דעם רחמים למעלה:

בזוהר בלק שטייט דר פסוק וישא עיניו וירא את הנשים ואת הילדים ויאמר מי אלה לך איז גזאגט גיווארן בסוד החכמה עס גייט אויף יום כפור דאש די גאנצע וועלט שטייט בדין פר הקב"ה ער זאל זיי פאר געבין זייערע עבירות אונ דר ס"ם דר מקטרג שטייט אנטקעגן צו פר לירן זיי איבר זייערע עבירות אזוא שיקין זיי אים איין מתנה דעם שעיר המשתלח דרום זאגט יעקב אכפרה פניו במנחה ההולכת לפני אונ אז ער איז שוין מקבל די מתנה הויבט ער אויף זיינע אויגין אונ זעהט אלע ישראל שטייען אונ פאסטן זיי גייען אן שיך די ווייבר מיט די קינדר פייניגין זיך אונ פאסטין אויך אונ זיינן זיך אין דעם טאג זייער מטהר פרעגט ער מי אלה לך וואש געהער דאס צו אייך קליינע קינדר איר האט דאך ניט גיזינדיגט אזו וויא די גרוישע וואש פייניגט איר זיך ויאמר ענטפערט אים דר רוח הקודש אשר חנן אלהים את עבדך דען דיא קליינע קינדר וואש זיי האבין ניט גיזינדיגט האט זיי הקב"ה מוסר גיוועזן צו דעם ממונה וואס ער ברייניגט זייא אום פון דער וועלט מיט אסכרה אן איין שום עבירה אזו וויא עס שטייט ומיד עושקיהם כח דרום זאגט ער אים דאש זיינן די קליינע קינדר וואס הקב"ה האט גילייט זעליגט צו דיין קנעכט דעם ממונה ער זאל זיי צוא נעמן פר דר צייט וויא ער דר הערט די רייד גייט ער ארויף פר הקב"ה אונ זאגט רבש"ע אלע דיינע וועגין זיינען דאך דין אונ אמת תאטשע דר דין רוט אויף די ישראל וואס האבן גזינדיגט די קליינע קינדר זיי האבן דאך פר דיר גאר ניט גיזינדיגט פר וואש האשטו זייא מוסר גיוועזן למיתה אן איין שום עבירה אזוא פר נעמט הקב"ה זיינע רייד אונ איז זיך מרחם אויף זיי אונ דר מקטרג איז זיך מתקנא אין זיין ממונה וואס איז אונטר אים אונ זאגט מיר ניט הקב"ה גרוישע מענטשין וואש האבין שוין גיזינדיגט אונ דוא האשט איין שליטה אפילו אויף דיא קליינע קינדר וואש האבן נאך קיין שום עבירה ניט בישטו דען גרעשר פון מיר מיד תיכף וויל ער זיי אויש ציהן פון זיין האנט ער זאל איבר זיי קיין ממשלה ניט האבין דרום איז זיך דער רוח הקודש מקדים אונ זאגט אים הילדים אשר חנן אלהים את עבדך דיין קנעכט זאל האבין אזו איין גרוישע ממשלה ער דארף ניט בעסר זיין פון דיר׳ אונ בשעת די תפלות קומן אין דעם טאג פר הקב"ה אזו וויא עס שטייט והוא עבר לפניהם וישתחו ארצה שבע פעמים אזו לאנג מאכין זיי זיך קליין ביז זיי קומן עד גשתו עד אחיו דאש זיי גייען ארין למדת הרחמים דאש איז דר אור וואש לייכט ביום הכפורים דען איז דר רחמים שולט אונ איז מכפר זייערע זינד דרום שטייט כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם וגו':

רבי אלעזר מיט דר חברייא זיינן גיגאנגן אין וועג אונ עס איז גיוועזן זייער איין הייסער טאג די זון האט זייער גיברענט דר ווייל זיינן זיי גיקומן צו איין פעלד זעהן זיי אז דאס פעלד איז פול מיט שיינע קרייטעכר אונ זייער ריינע וואשר אויף אלע זייטן מיט פיל בוימר האבין זיי זיך דארט אנידר גיזעצט זאגט רבי אלעזר וואס פר איין שיין ארט דאס איז עס איז גוט אויף דעם ארט זיך אפ צו רוען ווי זיי זיצין אזו קומט איין גרויסר שלאנג מיט שטארק כח אונ לויפט דורך פר זיי ווי רבי אלעזר האט אים דר זעהן זאגט ער צו דעם שלאנג דו נחש קער אפ פון דיין וועג דען דער מענטש האט שוין גטאן תשובה אונ האט חרטה אויף זיין עבירה וואש ער האט גיטאן ער וועט שוין ווייטער דאס ניט טאן האבן זיך די חברייא זייער פר וואונדרט פרעגט אים רבי אבא וואש איז דאס זאגט רבי אלעזר איר שווייגט שתיל זאגט ער נאך איין מאל נחש נחש נאך דעם אז מען האט דיר גיגעבין רשות אויף דעם מענטשין האט ער חרטה גיהאט אונ האט אויף זיך מקבל גיוועזן אז ער וועט דאס שוין קיין מאל ניט טאן דיא עבירה דרום קער זיך אפ פון דיין וועג אזו איז דר שלאנג גיבליבן שטיין אין זיין שטאנד אונ האט זיך ניט אוועק גיקערט פון זיין ארט וויא רבי אלעזר האט דאס גיזעהען זאגט ער נחש נחש איך ווייש וואול וואס דוא ווילסט גייא אוועק פון דיין וועג דא איז פר האנדן איין רשע וואס ער האט גיטאן שלעכץ ער שלאפט ביא דר הייל גייא צוא אים אונ זייא אים ממית מיד תיכף איז דר נחש צוריק גיגאנגן אונ שפרינגט

אונ לויפט פאר זייא זאגט רבי אלעזר ווען איך וואלט זיך ניט באטראכט וואלט דער שלאנג גיטאן פיל שלעכץ דען איין יהודי האט איין מאל גיטאן איין עבירה אונ האט תיכף חרטה גיהאט אונ איידר ער האט גיטאן תשובה האט מען פון אויבן גיגעבן רשות צו דעם שלאנג ער זאל אים הרגנן דר ווייל האט דר מענטש גיטאן תשובה אויף דער עבירה אונ האט אויף זיך מקבל גיוועזן ער זאל שוין די עבירה ווייטער ניט טאן אונ דרום איז ער גיצול גיווארן זאגן די חבריא צו אים וויא אזוא האשטו דאש אלץ גיוואושט זאגט רבי אלעזר מיין פאטער רבי שמעון האט מיר מוסר גיוועזן איין סימן אונ דורך דעם סימן האב איך אלץ דאש פר שטאנן זאגין זיי צו אים אלץ איז רעכט אבר וויא אזו האשטו גיוואושט אז דר מענטש האט תשובה גיטאן זאגט רבי אלעזר דען בשעת דר שלאנג איז גלאפן מיט גרויש איילינש אונ מיט גרויש רוגז איז איין רוח פאר אים גילאפן אונ האט גירופן דעם שלאנג אונ זאגט קער זיך אום פון דיין וועג דען דער מענטש האט שוין תשובה גיטאן אונ דר נחש הרע האט ניט גוואלט הערן ווייל מען האט אים שוין אפ גיגעבין אין דער האנט צו טאן וואש ער וויל ביז מען זאל אים געבין איין אנדערן מענטשן אויף זיין ארט דען ווייל דר מענטש איז שוין חייב מיתה גיווארין סוז דר שלאנג טאן זיין שליחות דען אזוא איז דר סדר פון דעם צד הטומאה דער נחש עליון ונחש התחתון אז מען גיט זיי רשות אויף עפעס איין זאך קערט ער זיך צו ריק ניט אום ביז ער טוט זיין דין הרע וואש מען האט אים רשות גיגעבין אדר מען גיט אים איין אנדערין אויף דעם מענטשינש ארט נפש תחת נפש איין רשע פר דעם אנדערין זאגין זייא צו אים וויא אזוא האשטו גיוואושט אז דר רשע ליגט דארטן אויף דעם ארט לעבין דער הייל זאגט רבי אלעזר בשעת דר רוח איז גיגאנגן נאך דעם שלאנג זיא זאל זיך אום קערין צו ריק האט ער אזוא אויש גירופן אז דער מענטש האט חרטה גהאט אויף זיין עבירה אונ האט תשובה גיטאן אונ דער רשע איז אן גיברייט אויף דעם ארט: מען זאל אים הרגנען פר דעם מענטשן זאגט רבי אלעזר צו דר חבריא קומט מיר וועלין גיין זעהן צוא דר נחש האט גיטאן זיין שליחות זיינן זיי אויף גישטאנן אונ גיגעהנן צו איין שטיין זעהן זייא איין רשע ליגט גיהרגת אונ דר שלאנג האט זיך פריער ארום גיוויקילט אויף דעם האלז דער נאך איז ער ארויף אויף זיינע פיס אונ האט זיך פון אים ניט אפ גישייד אונ זיי האבין בייא אים גיפונן איין ביי גארטיל מיט רענדליך וואס ער האט אוועק גיגזילת פון איינעם אונ האט אים נאך גישלאגין. זאגט רבי אלעזר גילויבט איז השם יתברך וואס ער האט פיל שלוחים צוא שטראפן האבן זיי זיך ווידר אום גיקערט אויף זייער ארט אין פעלד וואו זיי זיינן פריער גזעסן:

פתח רבי אלעזר הייבט אן צו זאגן עס שטייט אין פסוק מאשר יקרת בעיני נכבדת ואני אהבתיך ואתן אדם תחתיך ולאומים תחת נפשך ווארום שטייט מאשר יקרת איז משמע דו האשט זיך אליין גמאכט טייער אין מיינע אויגן עס וואלט גדארפט שטיין מאשר יקר דו בישט ממילא טייער אין מיינע אויגן נאר דאס גייט אויף דעם מענטשין וואס ער זינדיגט פאר הקב״ה ער פאר מיאוסט זיך אין זיינע אויגין אונ ווערט פר שעמט דר נאך אז ער טוט תשובה אזוא ווערט ער אליין פון זיך זעלברט זייער טייער אונ השי״ת זאגט אויף אים מאשר יקרת בעיני דוא האסט זיך אליין טייער גמאכט אויף מיינע אויגן נכבדת ואני אהבתיך דרום טוא איך דיך ערליך האלטן אונ האב דיך ליב דען עס איז ניט דא אזו איין אהבה פון הקב״ה וויא ער האט ליב צו דעם וואש האט תשובה גטאן אבר וואש קען איך טאן איידר דו האסט תשובה גיטאן האב איך גיגעבן רשות צו דעם נחש של מעלה ער זאל טאן אין דיר איין דין נאר דאש איז דיא עצה חאטשע איך האב אים שוין גיגעבן רשות ואתן אדם תחתיך דאש מיינט מען דעם אדם של מעלה ס״ם וואש ער הייסט אדם בליעל וואש פון אים קומט למטה דער נחש התחתון צו טאן איר שליחות וועל איך געבין פר דיר׳ אזו וויא זייא זיצין קומט דר מענטש וואש דער רשע האט אים גישלאגין אונ האט אים בגזילת אונ האט ביי אים צו גינומן דעם ביי גארטיל געלט אונ ער קומט גאר מיר מחמת דעם לויפן אונ מחמת גרויש היץ נייט ער אין פעלד אונ זעצט זיך אונטר איין בוים אונ בעט צו הקב״ה אונ איז אויף זיך מצדיק דעם דין אונ זאגט רבונו של עולם איך האב ניט קיין צער פון מיינט וועגן דען אלץ וואש דו האסט

מיר געטאן איז אלץ בדין נאר עס איז מיר שלעכט וועגן מיין אלטין פאטר אונ מוטר מיט וואש וועל איך זיי מפרנס זיין איבר אלימן איז מיר שלעכט עס איז צווישין דיא געלט געווען איין ביטיל מיט געלט פון איין ארומאן ער האט גידרפט דר מיט חתונה מאכן זיין ארימע טאכטר וואש וועל איך היינט טאן אויף דעם טוט מיר וויי מיין הארץ ער זיצט אונ וויינט אונ זאגט משפטי יי אמת צדקו יחדיו דיא דינים אונ משפטים פון גאט זיינן אמת בשעת הקב"ה וויל טאן איין דין שטייען כמה מלאכים פון דר זייט פון הקב"ה אונ זייא האבין איין וויכוח איינער מיט דעם אנדערן פר הקב"ה ביז זיי זיינן אלע מסכים אין דעם דין דרום איז משפטי יי אמת ווען איז דאש אמת אז צדקו יחדיו אז דאש בית דין של מעלה האבין אויך מצדיק גיוועזן דרום רבונו של עולם אויף דעם אלימען ווין איך ניט נייערט אויף דעם געלט פון דעם עני אונ אויף מיין פאטער אונ מוטער · אז רבי אלעזר מיט דער חברייא האבן דאש גיהערט אזוי גייען זיי צו אים אונ נעמן אים אן אז ער זאל צו זיי גיין זאגט רבי אלעזר צו אים פארכט דיך ניט דוא צדיק אמת ווען דוא וואלשט ניט זיין קיין רעכטער צדיק וואלט דיר הקב"ה ניט גיטאן אזא איין נס צום ערשטן נעם אפ דיין געלט אונ דר נאך גייא אונ זעה וואש פר איין נס האט הקב"ה צו דיר גיטאן פון דיינט וועגן ער גייט מיט זיי אהין אונ זעהט וויא דר גזלן ליגט אונ דר נחש טוט אלץ אזו וויא פריער ער גייט פון איין ארט אויף דעם אנדערן ער פר שפרייט זיך פר זיי אויף דר ערד אונ לויבט צו הקב"ה אונ שטייט אויף אונ קושט די הענט פון רבי אלעזר מיט דר חבריא אונ זאגט צו זיי היינט ווייש איך אז הקב"ה האט מיר דעם נס גיטאן וועגן אייער זכות אונ וועגין מיין אלטין פאטר אונ מוטר אונ עפינט אויף דעם ביי גארטיל אונ ווייזט זיי דאש בינדיל געלט פון דעם ארימאן אונ ווייזט זיי די שלעק אונ וואונדן וואש דער רשע האט אים גימאכט האט רבי אלעזר אויף אים מתפלל גיוועזן איז ער באלד גיהיילט גיווארן זיי גייען ווידר צו דעם רשע אונ זעהן דר נחש טוט אלץ אזוא וויא פריער זאגט רבי אלעזר נחש נחש אלץ וואש דוא האשט גטאן האשטו שיין אונ רעכט גטאן נאר פון היינט אונ ווייטר גיי אונ פר בארג זיך אין דיין הייל אונ איך בין אויף דיר גחר אז דוא זאלשט שוין ווייטר ניט מזיק זיין די לייט אויף דר וועלט אזוי האט זיך דר נחש אפ גשייד אונ האט אראפ גיבויגין זיין קאפ אונ איז אוועק גיגאנגען · זאגט רבי אלעזר צוא דעם יהודי קום אונ זעה נאך פון דיין שונא דען ער האט נאך איין ביטיל מיט רענדלך ביי זיך נעם דאס צו אונ גייא צוא דעם מענטשין אין יענעם ארט אונ זיין ווייב איז אים גישטארבן גיי צו אים אונ גיב אים אפ דעם ביטל מיט געלט דען דר מענטש האט איין זון ער הייסט שמעון ער איז גיגאנגען מיט סחורה אויף דעם ים האט דר זון פון דעם גזלן וואש ער איז אויך גיוועזן אין דר שיף ביי אים דאש געלט צו גינומן אונ האט עס אפ גיגעבן צו זיין פאטר דעם רשע דרום גיב דאש אפ צו זיין פאטר ער זאל דאש האלטן ביז זיין זון וועט קומן ווערט ער לויבן צוא הקב"ה וואש ער האט אים אום גיקערט די אבידה האט אזוי דר יהודי גיטאן ער האט גינומן דעם ביטיל געלט אונ בוקט זיך פר רבי אלעזר אונ קושט אים זיינע הענט די חברייא פר וואונדערין זיך זייער זאגט רבי אבא אלץ וואש מיר האבן גיזעהן אין דעם וועג איז פיל וואונדר אונ איצונד איז נאך מער תמיה על תמיה וויא אזוי האסטו גיוואוסט מיט דעם ביטל געלט וועמש ער איז זאגט רבי אלעזר דיא זאך איז ניט בסימן אונ ניט בחכמה נאר מכח מיין רוח ונשמה האב איך דאש גיוואוסט אונ גיזעהן זיי פר וואונדרן זיך זייער זיי גייען אלע אונ דער יהודי אויך מיט זיי ביז זיי קומן צו זיין שווער זיי גיפינן אים אז ער איז עוסק בתורה ער בעגעגנט צו רבי אלעזר מיט דר חברייא אונ זיינן זייער פריילך ער הויבט אן רפאני יי וארפא וואס שטייט נאך וארפא אלא אלע רפואות פון דר וועלט זיינן ביד הקב"ה נאר אמייל זיינען איבער גענטפערט ביד שליח ממילא די רפואות זיינן אויך ניט נאר צו צייטן קומט ווידר די שלפקייט אבער די רפואה וואש הקב"ה היילט די רפואה בלייבט אויף אייביג דען זיין רפואה איז א רעכטע רפואה דרום שטייט רפאני יי וארפא ווען דו גאט וועסט מיך היילין בין איך רעכט גיהיילט עס וועט שוין קיין מאל ניט קומן דאש שלאפקייט אבער איצונד איר חברייא הקב"ה אליין האט מיך גיהיילט אונ זייא דער ציילן אים דיא גאנצע מעשה ער וויינט אונ איז זיך משמח אונ זאגט גרוישע סודות:

וילך משה שלמה המלך זאגט אין משלי לכו לחמו בלחמי ער גלייכט די תורה צו ברויט און צו ווין וואש זיי זיינן די שפייז פון דעם גוף אזו איז אויך די תורה און מצות דאש שפייז פון דר נשמה און דרום זאגט דר פסוק לכו גייט צו ווייזן דאש מען מוז גיין צו זוכין די תורה וואו מען קאן זיא לערנן און מען מוז זיך נידעריג האלטן צו הערן דיא תורה פון דעם וואש קאן זיא גוט לערנן און שלמה המלך לערינט אונז דאש מען זאל דיא מדה פון קנאה פון זיך אפ טאן און מען זאל זיך ניט הויך האלטין פון צוא גיין צוא איין חבר תורה לערנען און מכל שכן צוא איין רב וואש איז חשוב זאל מען בוודאי גיין לערנען און אויך דרום האט שלמה גיגליכין די תורה צו ברויט און ווין דען דער סדר איז דאש מען מוז זיך מיען אי מען קאן צו וועגן ברייגגן ברויט און ויין אזו מוז ער זיך מיען טאג און נאכט צוא לערנען תורה דען ווען ער מיעט זיך פון וועגן דעם שפייז פון דעם גוף מכל שכן דאש ער דארף זיך מיען פון וועגן דאס שפייז פון דר נשמה · און ווען דר מענטש איז מקיים מצות און לערינט תורה אויף זיין ארט האט ער אויך שכר פון גאט אבער ווען ער טוט גיין און מיד זיך צו מקיים זיין מצות און צוא לערנען תורה איז זיין שכר כפל כפלים דען ער האט איין שכר פאר דעם גאנג און ער האט אויך איין שכר פר דעם וואש ער טוט דיא מצוה דרום האט דיא סדרה אן גישריבין וילך משה משה איז גיגאנגן פון איין מחנה צוא דער אנדרר צו די לוים און צו ישראל און האט זיא גיטרייסט און זאגט האטשע איך וועל שטארבן איז דאך דא יהושע ער וועט אייך פירן און וועט מיט אייך תורה לערנן אזו ווי איך האב מיט אייך גילערינט · און האטשע כל ישראל זיינען ביי אנאנדר גישטאנען פון דעסט וועגן האט משה גיוואורט ביז זיי זיינען גיגאנגן איטליכער צו זיין הויז דער נאך איז משה גיגאנגן צו איטליכן באזונדר אין זיין הויז כדי ער זאל נעמן שכר אויף דעם גאנג בן מאה ועשרים שנה אנכי היום משה האט גילעבט הונדערט און צוואנציג יאר אנטקעגין דעם וואש ער איז גיוועזן אויף דעם בארג סיני דרייא מאל צווא פערציג טעג דאש איז הונדערט און צוואנציג טעג דאש ערשטע מאל האט ער גזאמט פערציג טעג און האט מקבל גיוועזן דיא לוחות און דיא ישראל האבן גימאכט דאש עגל אזו האט משה דיא לוחות צו בראכן און איז ווידר ארויף גיגאנגן אויף דעם בארג און האט פערצג טעג תפלה גיטאן אויף ישראל דאש גאט זאל זיי מוחל זיין דיא עבירה פון דעם עגל און אין דיא דריטע פערציג טעג האט ער מקבל גיוועזן דיא אנדערע לוחות און משה איז גיבארין גיווארן זיבן טעג אין אדר דען גאט טוט דר פילין דיא יארן פון דעם צדיק פון טאג צו טאג אזו ויא אין פסוק שטייט את מספר ימיך אמלא די צאל פון דיינע טעג וועל איך דער פילן לא אוכל עוד לצאת ולבוא איך קאן שוין מער ניט גיין אין דר מלחמה · און האטשע זיין כח איז נאך גיוועזן ביי אים אזוא וויא אין דר יוגינט נאר ער האט גיטרייסט דיא ישראל ניט טרויערט אויף מיין טויט דען איך בין שוין ניט שטארק צו גיין אין איין מלחמה און יהושע וועט אייך רעכט פירן מער וויא איך · די חכמים זאגן וואש משה האט גיזאגט איך קען ניט גיין פר אייך דאש האט ער גימיינט איך קען מיט אייך קיין תורה מער ניט לערנען דען עס האט זיך פון אים אפ גיטאן דער שכל פון דער תורה און ער האט ניט גיקענט ענטפערן הדויף וואש מען האט אים גיפרעגט און דש האט גאט גיטאן כדי משה זאל ניט טרויערן אויף זיין טויט וויל ער האט דעם שכל פר לארין אזו איז אים מיאוס גיווארן דאש לעבן · און נו־ך איין טעם איז ער האט

דרום דיא תורה פאר געסין כדי יהושע זאל קענען בעסר ענטפערן אין דר תורה אזוא וועלין דיא ישראל זעהן דאש יהושע איז איצונד מער ראוי צו זיין איין מנהיג וויא משה · אונ משה האט פריער אן גישריבן די גאנצע תורה צוא ישראל איי ער האט פר געסן · אונ נאך האט גיזאגט צו משה הן קרבו ימיך למות נון עש האבין גינעהנט דיינע טעג צו שטארבין · דער פסוק לערינט אונז דאש גאט איז גוזר די צייט וויא לאנג דר מענטש זאל לעבין אונ צוא צייטין מאכט ער דיא צייט לייגער דאש ער לעבט לאנג אונ צוא צייטין איז ער זיא מקצר · אונ דאש איז גיוואוסט דאש גאט האט אלין גיגעבן אין כח פון דיא מזלות אין הימיל צוא מאכין איינעם ארום אדר רייך אזוא וויא דיא גמרא זאגט אין פרק אלו מגלחין דאש לעבין פון דעם מענטשין אונ דיא קינדער וואש דער מענטש זאל האבין אונ דאש שפייז פון דעם מענטשין היינגט ניט אן אין זכות פון דיא מצות נייערט אין דיא מזלות דען רבה אונ רב חסדא זיינען ביידע גיוועז גרושע צדיקים האט איינר פון זיי גילעבט פערציג יאר אונ דער אנדערער האט גילעבט זעכציג יאר · אונ רבה האט ניט פר מאגט זיין הויז גיזינד גינוג גערשטין ברויט צו געבין אונ ביי רב חסדא האט דר הונט ניט גיוואלט קיין זעמעל ברויט עסין דען אל דאש גוטש איז גיוועז אין זיין הויז אונ גאט האט כח איבר די מזלות צו משנה זיין זיי וויא אזו ער וויל אזו וויא מיר גיפינן ביי חזקיה דאש ער האט גיזאלט שטארבין האט גאט גיזאגט איך וועל אים נאך מערן פופצעהן יאר ער זאל לייגר לעבן פון זיין גיזעצטער צייט אונ צוא צייטין איז גאט מקצר דאש לעבין אזו וויא מיר גיפינן ביי אחזיהו דער זון פון אחאב דאש ער האט גידינט עבודת כוכבים האט גאט זיין לעבין פר קירצט אונ דר נביא האט צו אים גזאגט

דו וואלסט נאך גילעבט נאר ווייל דו האסט עבודת כוכבים גידינט דרום המטה אשר עלית שם לא תרד ממנה וועסטו ניט אראפ גיין פון דעם בעט נייערט דו וועסט שטארבן פר דיין צייט · דען גאט קען פר ענדערן די מזלות · אונ אלין קען דר מענטש איבר מאכן דורך זיין זכות · חאטשע דאש מזל ווייזט אויף אים צו בייזין נאר ווען ער איז זיך מצער אין הארצין אפילו נאר אן תפלה אזו וויא אין פסוק שטייט רצון יראיו יעשה גאט טוט דעם ווילן פון זיינע צדיקים וואש זיי ווילן נאר מיט זייער הארצין אבער קינדער צוא האבין אדער לאנג לעבין אדער צוא האבין צוא עסין דאש קען מען ניט איבר מאכין נאר מיט תפלה אזו וויא אין פסוק שטייט ואת שועתם ישמע ויושיעם מיט דער תפלה קען מען דאש מזל פון דיא דריי זאכין איבער מאכן דען אזו גיפינען מיר ביי רחל דאש זיא האט קיין קינדער ניט גיהאט שטייט אין פסוק וישמע אליה אלהים ויפתח את רחמה גאט האט צו גהערט די תפלה פון רחל אונ האט איר גיגעבין קינדר אונ אזו גיפינן מיר ביי לאנג לעבן דאש מען דארף דורך תפלה טאן אזו וויא אין פסוק שטייט ביי חזקיה דאש גאט האט גיזאגט שמעתי את תפלתך ראיתי את דמעתך הנני יוסיף על ימיך חמש עשרה שנה · איך האב צוא גיהערט דיין תפלה אונ האב גיזעהען דיינע טרערין דרום וועל איך דיר דער לייגערין דיין לעבין פופצעהן יאר · אונ בייא שפייז גיפינען מיר ביי אליהו הנביא אונ אלישע הנביא דאש גאט האט זיי דורך זייער תפלה גיגעבין שפייז אין דעם הונגר · דער מדרש שרייבט משה האט גיזאגט צו גאט איך האב גילויבט מיט דעם ווארט הן אונ האב גזאגט הן ליי אלהיך צו גאט זיינן דיא הימיל אונ ערד אונ היינט זאגסטו מיר הן קרבו ימיך למות דאש איך זאל שטארבין מיט דעם ווארט הן האט גאט צו אים גיענטפערט דר מיט וואש דוא האסט מיך גילויבט דר מיט וועסטו שטארבן

דען דער טויט איז צוא דיר איין טובה דוא וועסט אויף יענר וועלט מער כבוד האבין אונ דיא חכמים לערנען פון דאנען אפ דאש דיא מתים וועלין ווידער לעבעדיג ווערין דען עש שטייט הנך שוכב עם אבותיך וקם דאש איז טייטש דו וועסט שטארבין אונ וועסט ווידער לעבעדיג ווערין ׃ כי לא תשכח מפי זרעו כי ידעתי את יצרו גאט זאגט דיא תורה וועט ניט פאר געסין ווערין פון ישראל ׃ אונ עש שטייט אין איר גישריבין דיא התראה אויף ישראל דאש זיא זאלין תורה לערנען ׃ אונ גאט זאגט דער יצר הרע פון ישראל איז זייער ביז ער רייצט זיא אן עבירות צוא טאן דרום מוז מען זעהען תשובה צוא טאן ׃ ובפרט איצונד איי משיח קומט איז דיא צייט פון תשובה אונ דער וואש האט חרטה אויף זיינע עבירות דר מוז מיט זיין מויל מתודה זיין אויף זיינע עבירות אונ בדארף קיין אנדערין קרבן ניט ברייגנען אזוא וויא דיא גמרא זאגט רבי יצחק זאגט דיא מדה פון גאט איז ניט גלייך צו דר מדה פון איין מענטשן דען ווען איין מענטש דער צערינט זיין חבר איז אים איין ספק אויב ער וועט אים קענען איבער בעטין ׃ אונ מיט וואש ער קאן אים איבר בעטין מיט געלט אדער מיט רייד אבער צו גאט שטייט אין פסוק קחו עמכם דברים ושובו אל יי נעמט מיט אייך גוטע רייד אונ טוט תשובה צו גאט אונ זייט מתודה אייערע זינד ׃ דיא גמרא זאגט אין סוטה יהודה האט מודה גיוועון דאש ער איז גיוועון ביי זיין שנור תמר דרום האט ער זוכה גיוועון צוא עולם הבא אונ ראובן האט אויך מודה גוועון אונ האט תשובה גטאן דרויף דאש ער האט דאש בעט פון בלהה ארויש גיווארפין ׃ דען אז רחל איז גישטארבין האט יעקב גישטעלט רחלש בעט אין חדר פון בלהה ׃ אזוא האט ראובן דאש בעט ארויש גיווארפין אונ האט גיזאגט צוא בלהה דוא ביסט איין שפחה אונ וויא ווילסטו יערשענען רחלש בעט וואש זיא איז חשוב גיוועון אונ יעקב האט דרויף ׳גיצערינט אזוא האט ראובן דרויף תשובה גיטאן אונ גאט האט אים מוחל גיוועון דאש ער האט איין חלק לעולם הבא ׃ אונ דער מענטש מוז באשיידליך ארויש ריידין דיא עבירות וואש לייט ווייסין דער פון כדי דיא לייט זאלין ווישין דאש ער האט תשובה גיטאן אויף זייא אונ דיא עבירות וואש לייט ווייסין ניט זאל ער שטילער הייד פאר גאט דיא עבירות מתודה זיין רבי ינאי זאגט צוויא גוטע פרנסים זיינן גיוועון צוא ישראל משה אונ דוד משה האט גיזאגט צוא גאט לאז מען אן שרייבין מיין עבירה כדי לייט זאלין ווישן איבר וואש איין עבירה איך מוז שטארבן אזו וויא אין פסוק שטייט יען לא האמנתם בי ווייל איר האט אין מיר ניט גיגלויבט צוא היילינן מיך ביי דער וואשר דרום מוזט איר שטארבין אונ דוד האט גזאגט לאז מען מיין עבירה ניט אן שרייבן ׃ צוא וואש איז משה אונ דוד גלייך עש איז איין משל צווייא ווייבער האבן גיזינדיגט איינע האט מזנה גיוועון אונ איינע האט גיגעסין דיא פייגין וואש זיינען ווארין גיהיט אום שמטה וואש זייא זיינען אסור אונ מען האט זייא ביידע גישטראפט אויף זייערע עבירות אזו זאגט דיא אשה וואס האט דיא פייגין גיגעסין לאז מען צוא ווישין לאזין דאש איך האב ניט אזוא איין גרוישע עבירה גיטאן וויא מיין חברתה אזו האט מען איר איין פייג אויף דעם האלז אויף גיהאנגען אונ מען שרייט אויש דאש זיא האט גיגעסין פייגין וואש זיינן אסור אונ דרום זאגין מיר על חטא אום יום כפור ווייל אלע עבירות זיינען אין

עַל חַטְא אִישׁ גִירֶעכִינְט אוּנ דְרוּם אִיז גוּט דָאשׁ דִיא אִשָׁה וָואשׁ פַר שְׁטֵייט נִיט קֵיין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ זָאל זִיא עַל חֵטְא אוֹיף טַייטְשׁ זָאגִין כְּדֵי וָוען זִיא וָועט קוּמֶען צוּא דֶער עֲבֵירָה וָואשׁ זִיא הָאט דָאשׁ יָאר גִיטָאן וָועט זִיא זִיךְ צוּם הַארְצִן נֶעמֶען אוּנ וָועט וַויינֶען דָאשׁ גָאט זָאל אִיר מוֹחֵל זַיין אוּנ זִיא וָועט אוֹיף זִיךְ נֶעמֶען דָאשׁ זִיא זָאל שׁוֹין מֶער דִיא עֲבֵירָה נִיט טָאן אָבֶער וָוען זִיא וֶועט נִיט פַאר שְׁטֵיין וָועט זִיא זִיךְ נִיט דֶער מָאנֶען אִין דֶער עֲבֵירָה וָואשׁ זִיא הָאט גִיטָאן אוּנ וֶועט נִיט בֶּעטִין אוֹיף אִיר דֶען דֶער מֶענְטְשׁ מוּז טְרוֹיעֶרִין מִיט זַיין הַארְצִן אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת וָואשׁ עֶר הָאט גִיטָאן · אוּנ מֶער עֶר וַויינְט מֶער אִיז זַיין תְּשׁוּבָה בֶּעסֶער אַזוֹא וִויא אִין פָּסוּק שְׁטֵייט לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה אֱלֹהִים לֹא תִבְזֶה אַיין צוּ בְּרָאכִין אוּנ אַיין טְרוֹיעֶרִיג הַארְץ טוּשְׁטוּ גָאט נִיט פַאר שֶׁעמֶען אוּנ וָוען אַיינֶער הָאט אַיין עֲבֵירָה גִיטָאן מִיט זַיין אוֹיג דָאשׁ עֶר הָאט גִיזֶעהֶן וואו מֶען טָאר נִיט זָאל עֶר וַויינֶען אוּנ טְרֶערִין לָאזִין פוּן דִיא אוֹיגִין דֶען וַויינֶען הֶעלְפְט פִיל צוּ תְּשׁוּבָה · דִי חֲכָמִים זָאגִין זִינְט דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז חָרוּב גִיוָארִין זֵיינֶען פַאר שְׁלָאסִין גִיוָארִין אַלֶע טוֹיעֶרִין אִין הִימִיל פוּן תְּפִלָּה אָבֶער דִיא טוֹיעֶרִין וָואשׁ טְרֶערִין גֵייעֶן אִין זֵיי אַרֵיין דִי זֵיינֶען אָפִין דֶען אַזוֹא וִויא אַז דֶר גוּף אִיז קְרַאנְק זוּכְט מֶען נָאךְ אַיין רְפוּאָה דָאשׁ חַלַאַת זָאל אַוֶועק גֵיין פוּן אִים אַזוֹ אוֹיךְ וֶוען דִיא נְשָׁמָה אִיז קְרַאנְק מוּז מֶען אוֹיךְ אַיין רְפוּאָה זוּכִין דֶער צוּא דָאשׁ חֲלַאַת זָאל אַוֶועק גֵיין אוּנ וָוען דִיא נְשָׁמָה אִיז קְרַאנְק אוּנ גְלוּסְט פִיל גֶעלְט צוּא הָאבִּן זָאל עֶר זִיךְ גְוואוֹנֶען צְדָקָה צוּ גֶעבִין אוּנ זָאל נִיט קַארְג זַיין צוּ גֶעבִּן צְדָקָה אַזוֹ וָועט דָאשׁ גִילוּסְטִין פוּן גֶעלְט אַוֶועק גֵיין אוּנ עֶר זָאל טְרַאכְטִין דָאשׁ דָאשׁ גֶעלְט וָועט אַוָועק גֵיין אוּנ פִיל

בַּייזְקֶען דוּרךְ דֶעם קוּמֶען · אוּנ וָוען זַיין נְשָׁמָה הָאט גַאֲוָה מוּז עֶר זִיךְ גִיוואוֹנֶען נִידֶערִיג צוּא הַאלְטִין אוּנ צוּא גֵיין אַיין גִיבּוֹיגִין אוּנ זָאל גִידֵיינְקֶען דֶעם טוֹיט דִיא וָוערִים וֶועלִין אִים עֶסִין אִין קֶבֶר אוּנ זָאל דָאשׁ לַאנְג טְרַאכְטִין בִּיז עֶר וָועט גִיוואוֹנְט זַיין נִידֶערִיג זִיךְ צוּא הַאלְטִין אוּנ דִיא גַאֲוָה וָועט זִיךְ פוּן אִים אָפּ טָאן · דֶער סֵפֶר רוֹקֵחַ שְׁרַייבְּט עֶשׁ זֵיינֶען פִיר עֶרְלַיי תְּשׁוּבוֹת · אַיין תְּשׁוּבָה הֵייסְט תְּשׁוּבַת הַבָּאָה דָאשׁ אִיז טַייטְשׁ וָוען עֶר הָאט אַיין עֲבֵירָה גִיטָאן מִיט אַיין אֵשֶׁת אִישׁ אוּנ דִיא אִשָׁה קוּמְט אִים וִוידֶער צוּא הַאנְדִין אוּנ עֶר הָאט לוּסְט צוּא אִיר אוּנ עֶשׁ אִיז וִוידֶער אִין דֶעם אַיינֶענֶעם אָרְט דָאשׁ עֶר קָאן מִיט אִיר וִוידֶער דִי עֲבֵירָה טָאן אוּנ עֶר הַאלְט אַיין זַיין יֵצֶר הָרָע דָאשׁ הֵייסְט תְּשׁוּבַת הַבָּאָה · דִיא אַנְדֶרֶע תְּשׁוּבָה אִיז תְּשׁוּבַת הַגָדֵר · דָאס אִיז טַייטְשׁ עֶר זָאל זִיךְ אַיין צוּים מַאכִין · צוּא דֶער עֲבֵירָה דָאשׁ עֶר זָאל נִיט קוּקִין אוֹיף וַוייבֶּער אוּנ אוֹיף זַייעֶרֶע קְלֵיידֶער אוּנ נִיט צוּא זֶעהֶן וִויא וַוייבֶּער טַאנְצִין אוּנ מִכָּל שֶׁכֵּן דָאשׁ עֶר זָאל מִיט זַייא נִיט טַאנְצִין · דִי דְרִיטֶע תְּשׁוּבַת הַמִשְׁקָל דָאשׁ אִיז טַייטְשׁ אַזוֹא וִויא עֶר הָאט אַיין הֲנָאָה גִיהַאט פוּן דֶער עֲבֵירָה אַזוֹא זָאל עֶר זִיךְ דְרוֹיף מְצַעֵר זַיין דָאשׁ עֶר זָאל פַאסְטִין אוּנ זָאל קֵיין פְלֵיישׁ נִיט טָאן עֶסִין אוּנ קֵיין וַויין נִיט טְרִינְקֶען נָאר אוּם שַׁבָּת אוּנ יוֹם טוֹב · אוּנ זָאל אִין קֵיין בָּאד נִיט גֵיין נָאר אוֹיף שַׁבָּת אוּנ אוֹיף יוֹם טוֹב · אוּנ זָאל אוֹיף קֵיין סְעוּדָה נִיט גֵיין אוּנ זָאל זִיךְ אַלֵיין מַלְקוֹת שְׁלָאגִין אוּנ זָאל אוֹיף קֵיין קִישִׁין נִיט לִיגִין נָאר אוּם שַׁבָּת אוּנ אוּם יוֹם טוֹב · דִיא פֶערְטֶע תְּשׁוּבָה אִיז תְּשׁוּבַת הַכָּתוּב דָאשׁ אִיז טַייטְשׁ עֶר זָאל זִיךְ אַזוֹ אַיין צַעֲר אָן טָאן גְלַייךְ וִוי דִיא מִיתָה וָואס

שטייט

שטים אין דר תורה אויף דער עבירה אונ
זאל ווייטער געווארנט זיין ניט צוא ריידן
מיט קיין ווייבר אונ זאל אלע טאג מתודה
זיין אויף דער עבירה׳ דען ווייל ער האט
דיא אשה געאסרת אויף איר מאן דרום
מוז ער גרוישע פיין ליידן דען ווען ער
רעט איבער איין אשת איש איז זיא אסור
צו איר מאן׳ אבער ווען ער האט מאנס
געוועזן איין אשת איש איז דיא אשה ניט
אסור צוא איר מאן אזו בדארף דר מענטש
מער ניט טאן נאר ער זאל זיך מלקות שלאגן
אונ זאל פאסטן פערציג טאג אונ זאל ליגן
אויף דר ערד אונ טאר אויף קיין שמחה ניט
גיין׳ אונ זאל אלע טאג דרייא מאל ווידוי
זאגן מיט טרערין אונ וויינן׳ אונ ווען ער
איז געלעגן בייא איין אשה וואש האט קיין
מאן ניט׳ איז זיא דאך איין נדה דען זיא
האט זיך צוא אים ניט גיטובילט אזו זאל
ער ליגן אויף דער ערד אונ זאל זיך מלקות
שלאגן אלע טאג אונ זאל פאסטן פערציג
טאג אונ זאל מתודה זיין אלע טאג דרייא
מאל מיט געוויין אונ זאל אויף קיין שמחה
ניט גיין׳ אונ ווען ער איז געלעגן בייא
איין פרעמדע אשה זאל ער זיך מלקות
שלאגן אונ זאל פאסטן פערציג טאג אונ
זאל קיין פלייש ניט עסן אונ קיין וויין ניט
טרינקן אונ זאל זיך ניט באדין אין דיא
פערציג טאג אונ אויב ער האט גיגנבת ביי
זיין חבר זאל ער די גניבה אפ געבין אים
אדער צוא זיינע יורשים אונ זאל מתודה
זיין אונ זאל זיך ווייטער אפ היטן פון פרעמד
געלט אונ זאל צדקה געבן אונ זאל מחילה
בעטן פון זיין חבר אונ אזוא אויך אויף
אלע עבירות זאל ער תשובה טאן אונ זאל
אפ געוואנן דעם יצר הרע דאש האט דיא
תורה אן געשריבן כי ידעתי את יצרו איך ווייש
דעם יצר הרע פון דעם מענטשן אונ ווען
עש ווערט אויף אים קומען צרות אזוא ווערט
דיא שירה אויף אים עדות זאגן דאש איך
האב אים איין התראה געטאן׳ אונ פון דאנן
לערנן די חכמים אפ דאש צום סוף אז משיח
ווערט קומן ווערט בטל ווערין דיא מצות פון
דר תורה דען ווען דר יצר הרע ווערט בטל
זיין ווערט דיא תורה אויך בטל ווערין נאר
פורים ווערט אייביג ניט בטל זיין אפילו אז
משיח ווערט קומן דאש זאגט דער פסוק כי
לא תשכח מפי זרעו כי ידעתי את יצרו דיא תורה ווערט
ניט פאר געסין ווערין ווייל דער יצר הרע
איז בייא זיי אבער אז דער יצר הרע ווערט
בטל ווערין ווערט די תורה אויך בטל ווערין
דען דיא תורה איז נאר געגעבין געווארין צו
מציל זיין דעם מענטשין פון דעם יצר הרע
אונ דאש ווערט זיין׃ בשעת תחית המתים
דען תחית המתים ווערט זיין פיל יארן נאך
משיח׳ דרום זאל מען תשובה טאן מען
זאל וויסן דאש גאט האט אונז איין התראת
געטאן דאש מיר זאלין פרום זיין אזו ווערט
גאט צוא אונז שיקן משיח:

# הפטרת וילך

ווען נצבים וילך גייען מיט אנאנדער לייענט מען
דיא הפטורה פון נצבים שוש אשיש אבער ווען
זייא גייען צו טיילט גייט וילך אין שבת תשובה
אזוי לייענט מען דיא הפטורה שובה ישראל׳
[illegible] נאך זאגט מען פסוקים אין מיכה אבער
ווען האזינו גייט אין שבת תשובה לייענט מען
אויך שובה ישראל׳ אונ דער נאך תקעו שופר:

מי אל כמוך נושא עון ווער איז נאך אזוא איין
גאט וויא דוא דאש דוא בישט מוחל דיא
עבירות צוא דיא ישראל וואש זייא ווערין
איבער בלייבין אין דיא טעג פון משיח׳ אונ
ער האט ניט געשטארקט ביז אייביג זיין
צארין׳ דען ער באגערט חסד אונ ווערט
באלד איבער געבעטין ישוב ירחמנו יכבוש עונותינו
ער זאל זיך אום קערין צוא דער בארימען
אונז אזוא וויא פריער אונ זאל איין טרעטין
אונזערע עבירות אין דער ערד׳ אונ דוא
זאלשט ווארפין אין דער טיפעניש פון דעם
ים אלע אונזערע זינד דאש זייא זאלין אייביג
ניט ווערין דער מאנט פאר דיר: תתן אמת

ליעקב חסד לאברהם דוא זאלשט אמת מאכין אונ מקיים זיין דיין הבטחה וואש דוא האשט צוא גיזאגט צוא יעקב · אונ דאש ווערט זיין איין שכר פאר דעם חסד פון אברהם וואש ער האט גיבאטין זיינע קינדער צוא היטין דעם וועג פון גאט אונ צוא טאן צדקה אונ משפט · אונ דוא זאלשט מקיים זיין וואש דוא האשט גישווארין בייא דער עקידה פון יצחק דאש זייניע קינדער זאלין ירשנן דאש לאנד פון זיינע פיינט :

ווען האזינו גייט אום שבת תשובה זאגט מען תקעו אויך צוא דער הפטורה פון שובה ישראל:

תקעו שופר בציון קדשו צום זאגט דער נביא בלאזט שופר אין ציון אונ בריט אן איין טאג צוא פאסטין · אונ רופט אויש איין אויף האלטונג פון מלאכה מען זאל קיין מלאכה ניט טאן · אספו עם קדשו קהל זאמילט איין דאש פאלק ברייט אן דאשו קהל זאמילט איין אלטע אונ יונגע אונ אפילו זייגינדיגע קינדער צוא טאן תשובה דער חתן זאל ארויש גיין פון זיין חדר אונ דיא כלה פון איר חופה זייא זאלין אלע פאסטין אונ תשובה טאן בין האולם ולמזבח יבכו הכהנים צווישין אולם אונ צווישין דעם מזבח זאלין וויינען דיא כהנים וואש באדינען גאט אין בית המקדש אונ זאלין תפלה טאן אונ זאלין זאגין דער בארים דיך גאט אויף דיין פאלק אונ זאלשט ניט געבין דיין ארב צוא קיין חרפה דען פון וועגין הונגער וועלין זייא אלע מוזין גיין אין איין פרעמדע לאנד אזו וועלין זייא זיין צוא איין חרפה אונ עש וועלין אין זייא ניוועלטיגין דיא עובדי כוכבים · ווארום זאלין דיא עובדי כוכבים זאגין צו ישראל וואו איז אייער גאט וואש ער האט אייך פאר לאזט דאש איר האט ניט וואש צוא עסין ויקנא יי לארצו אונ גאט ווערט דורך אייער תשובה אונ תפלה זיך דער בארימען אויף זיין פאלק · ויען יי ויאמר לעמו אונ גאט ווערט ענטפערין אויף אייער תפלה אונ ווערט זאגין צוא זיין פאלק איך וועל אייך שיקין דאש קארין אונ ויין אונ אייל אונ איר ווערט זיך דער מיט אן זעטין אונ איך וועל אייך מער ניט געבין צוא קיין חרפה צווישין דיא פעלקער דאש זייא וועלין אייך שוין מער ניט מבזה זיין פון וועגין הונגער ואת הצפוני ארחיק מעליכם אונ דעם היישעריק וועל איך דער ווייטערין פון אייך אונ וועל אים פאר שטויסין אין איין וויסט לאנד · אדער דאש מיינט מען דעם יצר הרע וואש ער היישט צפוני ווייל ער זיצט פאר בארגין אין הארץ דעם וועל איך אפ טאן פון אייך אונ וועל אים טייטין את פניו אל הים הקדמוני ווייל ער האט גיטאן זיין פנים אין דעם ערשטין בית המקדש אונ אין דעם אנדערין בית המקדש אונ האט אים חרוב גימאכט דורך אייערע עבירות וואש ער האט אייך דער צוא גיבראכט ועלה באשו אונ ער האט גיהרגת פיל תלמידי חכמים אונ האט גילאזט שטיין דיא עובדי כוכבים אונ האט זיך אלץ גירייצט מיט ישראל אל תיראי אדמה גילי ושמחי דוא זאלשט דיך ניט פארכטין דוא ערד פון ארץ ישראל אויב איר ווערט תשובה טאן פרייא דיך דען גאט האט גיטאן איין גרוישע הילף אל תיראו בהמות שדי איר זאלט אייך ניט פארכטין איר בהמות פון דעם פעלד דען עש וואקסט שוין גראז אין דיא וואונונג פון דער מדבר · אונ דער בוים ווערט מאכין וואקסין זיינע פירות אונ דער פייגין בוים אונ דער ויין שטאק וועלין געבין זייער גוטש אונ איר קינדר פון ציון פרייט אייך מיט אייער גאט דען גאט האט אייך גיגעבין נביאים זייא זאלין אייך לערנען צוא רעכטין כדי צוא גירעכט מאכין אייך אונ ער ווערט אייך מאכין נידערין דעם פריען רעגין אונ דעם שפעטין רעגין אום־ניסן דאש דיא תבואה ווערט אויף וואקסין אין עלף טעג · ומלאו הגרנות בר אונ דיא שייערש וועלין פול ווערין מיט קארין אונ דיא קעלטער וועלין רוישין פון ויין אונ אייל ושלמתי לכם את השנים אשר אכל הארבה אונ איך וועל אייך בצאלין דיא יארין וואש דער היישעריק האט אויף גיגעסין וואש איך האב אויף אייך גישיקט · ואכלתם אכול ושבוע אונ איר ווערט עסין אונ ווערט זאט זיין אונ ווערט לויבין גאט וואש ער האט מיט אייך גיטאן וואונדער אונ מיין פאלק ווערט שוין אייביג ניט פר שעמט ווערין :

ויאמר ה' אל משה הן קרבו ימיך למות · תאנא מיר האבין גילערינט רבי יהודה זאגט וויא צו דר וועלט וואש זיי זעהן ניט אונ הערן ניט אונ זיינן ניט מסתכל אונ ווייסן ניט דען אלע טאג ווערט גיהערט איין כרוז אין צווייא הונדערט מיט פופציג וועלטין ובשעת אז די טעג פון דעם מענטשן ווערין גינעהענט אז ער זאל שטארבין דר טאג הייסט יום ה' צו ווידער קערין זיין רוח צו אים · זכאין זיינען די צדיקים דען הקב"ה בגערט זיין רוח ווידער צו זיך מקבל זיין אונ בשעה וואש הקב"ה וויל ווידער צו זיך מקבל זיין דעם רוח איז ער איין זכאי שטייט והרוח תשוב אל האלהים אשר נתנה איז ער ניט קיין זכאי ווייא צו דעם זעלביגין רוח דען ער מוז גיוואשין ווערין אין פייער פון דעם גיהנם ער זאל דארטן גירייניקט ווערין אונ זאל זיך דער נאך קענען בהעפטין אין הקב"ה ווערט ער דארטין אויך נאך ניט מתוקן איז וויא עש שטייט ואת נפש אויביך יקלענה בתוך כף הקלע איז דר רוח זוכה איז אים אן גיברייט כמה טובות לעולם הבא אזו וויא עס שטייט עין לא ראתה אלהים זולתך זאגט רבי יוסי אז די טעג פון דעם טויט גינעהען אזו פריער דרייסיג טאג איז מען מכריז אויף דער וועלט אונ אפילו די פויגיל פון דעם הימיל רופן אויש אז ער וועט שטארבין איז ער איין צדיק רופט מען אויס פריער דרייסיג טעג אין גן עדן אזו וויא מיר האבין גלערינט אלע דרייסיג טעג גייט די נשמה פון אים ארויש אונ זעהט איר ארט אין גן עדן אונ דער מענטש ווייסט ניט אונ איז ניט שולט אויף זיין נשמה אזו וויא ביז אהער אזו וויא דר פסוק זאגט אין אדם שליט ברוח לכלוא את הרוח זאגט רבי יהודה אז עס הויבין זיך אן דיא דרייסיג טעג אזו ווערט דער צלם פון דר נשמה פר פינצטערט אונ זיין גישטאלט ווערט פאר מיטן :

רבי יצחק איז גיזעסין איין טאג אויף דער טיר פון רבי יהודה אונ איז גיוועזן זייער טרויעריג · רבי יהודה גייט ארויס אונ זעהט וויא ער זיצט פר דער טיר זייער טרויעריג מיין וויא תמיד פרעגט ער אים וואס איז דאש זאגט רבי יצחק איך בין גיקומען צו דיר איך באגער פון דיר דריי זאכין איינש אז דו וועסט זאגן דברי תורה אונ וועסט דר מאנען די רייד וואש איך האב גיזאגט זאלשטו זיי זאגן פון מיינט וועגין אונ דאש אנדערע דו זאלשט מזכה זיין מיין זון יוסף בתורה דו זאלשט מיט אים לערנען אונ דאש דריטע דוא זאלשט גיין אויף מיין קבר זיבין טאג אונ זאלשט אויף מיר מתפלל זיין זאגט רבי יהודה צו אים פון וואנען ווייסטו אז דו וועסט שטארבן זאגט רבי יצחק מיין נשמה ווערט פון מיר אפ גיטאן אלע נאכט אונ לייכט מיר ניט בחלום אזו וויא תמיד אונ ווידר תמיד אז איך בין מתפלל אונ גרייך צו שומע תפלה זעה איך אויף דר וואנט מיין צל אונ היינט זעה איך ניט דען איין כרוז רופט אויש אך בצלם יתהלך איש כל זמן דר צלם איז נאך אויף דעם מענטשן אזו גייט ער ארום אויף דר וועלט אונ דר רוח האלט זיך אין אים אבער אז דר מענטש דארף אוועק גיין פון דער וועלט אזו גייט פריער דר צלם פון אים אוועק זאגט רבי יהודה פון דעם פסוק איז אויך אזו גידרונגען עש שטייט כי צל ימינו עלי ארץ זאגט רבי יהודה איך וועל דיר דאס אלץ צו ליב טאן נאר איך באגער פון דיר אז דו זאלשט מיר אויף יענער וועלט אויס קלייבן איין ארט לעבין דיר אזו וויא מיר זיינן אויף דר וועלט איינש לעבין אנדרין האט רבי יצחק אן גיהויבין צו וויינען אונ זאגט איך בעט דיך שייד זיך ניט אפ פון מיר עטליכע טעג זיינן זיי ביידע גיגאנגען צו רבי שמעון אונ האבין אים גיפונן אז ער איז עוסק בתורה האט רבי שמעון אויף גיהויבין זיינע אויגין האט ער גיזעהן וויא דר מלאך המות לויפט אונ שפרינגט פאר אים איז רבי שמעון אויף גישטאנען אונ נעמט אים אן מיט זיין האנט אונ זאגט איך בין גוזר ווער עס איז גיוויינטליך צו מיר אריין גיין זאל איצונד אויך אריין גיין אונ ווער עס איז ניט גיוויינטליך אריין צו קומן צו מיר זאל איצונד אויך ניט אריין גיין איז רבי יצחק מיט רבי יהודה אריין גיגאנגען אונ דער מלאך המות איז גיבליבין שטיין אויף דר גאס האט רבי שמעון גיזעהן אז עס האט נאך ניט גרייכט די צייט נייערט ערשט אכט שעה אויף דעם טאג איז די צייט ער זאל שטארבין האט אים רבי שמעון אנידר גזעצט פר זיך אונ לערינט מיט אים תורה אונ זאגט צו זיין זון רבי אלעזר זעץ זיך אנידר אויף דר טיר אונ ווען דו וועסט זעהן זאלשטו מיט אים ניט ריידן אונ ווען איינר וועט וועלין אריין גיין זאלשטו אים בשווערין ער זאל ניט אריין גיין זאגט רבי

שמעון

שמעון צו רבי יצחק האשטו היינט געזעהן דאס געשטאלט פון דיין פאטר דען מיר האבן געלערינט אז עס קומט די צייט פון דעם מענטשן ער זאל שטארבן אזו ווערט ביי אים געפונען זיין פאטר מיט זיינע קרובים אונ ער דר קענט זיי אונ אלע די וואש ווערן זיין אויף יענר וועלט מיט אים אין איין חדר ומדריגה ווייזין זיי זיך אלע פאר אים אונ זאמלן זיך איין אונ גייען מיט זיין נשמה ביז זיא קומט אויף דעם ארט וואס עס איז ראוי צו איר זאגט רבי יצחק איך האב נאך קיינעם ניט געזעהן אין דעם שטייט אויף רבי שמעון אונ זאגט רבונו של עולם רבי יצחק איז צו אונז דר קענט אונ איז פון די שבעה עינים דאש זיינן דיא זיבן חברים וואש זיינען געוועזן אין דר אידרא אונ איך האב אים צו מיר מקרב געוועזן בעט איך דיר ער זאל בלייבן לעבן דער ווייל איז ארויס געגאנגן איין קול אונ זאגט דאש ליכט פון דעם האר דאש מיינט מען די נשמה פון רבי יצחק האט גענעהנט אונטר די פליגיל פון רבי שמעון ער איז שוין ביי דיר אין דער האנט ער זאל זיין מיט דיר אויף דר וועלט אונ דו זאלסט אים מיט זיך ברייננגן לעולם הבא אין דער צייט אז דו וועסט קומן צו רועה אויף דיין ארט זאגט רבי שמעון בוודאי זאל אזו זיין דער ווייל האט רבי אלעזר געזעהן וויא דער מלאך המות איז אוועק געגאנגן אונ זאגט דארט וואו רבי שמעון איז שכיח האט דער ממונה פון דעם טויט קיין שליטה ניט איין עונש צו טאן זאגט רבי שמעון צו זיין זון רבי אלעזר גייא אריין אונ האלט אן אין רבי יצחק דען איך זעה אין אים אז ער פארכט זיך זייער איז רבי אלעזר אריין געגאנגן אונ האט אים צו געהאלטן אונ רבי שמעון האט אום געקערט זיין פנים אונ איז עוסק בתורה דר ווייל איז רבי יצחק אנטשלאפן געווארין זעהט ער וויא זיין פאטער קומט צו אים אונ זאגט מיין קינד וואל איז דיין חלק בעולם הזה ובעולם הבא דען דו זיצט צווישן די בלעטר פון דעם עץ החיים אין גן עדן וואש ער איז אגרוישר אונ אשטארקר בוים אויף ביידע וועלטן דאס איז דר הייליגר רבי שמעון וואש ער האלט דיך אין זיינע צווייגין זאגט ער צו זיין פאטר וויא אזו בין איך חשוב אויף יענר וועלט זאגט ער צו אים עס איז שוין דריי טעג וואש מען ראמט אוים אונ מען גרייט אן איין חדר פון דיינט וועגן

אונ די פענצטער זיינען דארטין אפין דיר צו לייכטין פון אלע פיר זייטין פון דער וועלט איך האב דאס ארט געזעהן אונ האב מיך זייער משמח געווען אונ האב געזאגט וואול איז דיין חלק מיין קינד נאר דאס איז זייער ניט גוט וואס דיין קינד האט נאך ניט זוכה געוועזן צו לערנען תורה אבר איצונד זיינן אן גברייט געוועזן צו קומען צו דיר צוועלף צדיקים פון דר חבריא אונ בשעת מיר זיינען ארויש געגאנגן האט זיך דר וועקט איין קול אין אלע וועלטן אונ זאגט וועלכר פון אייער חבריא וואש עש איז געקריינט געווארן זאל זיך אום קערין אויף זיין ארט דען פון וועגין רבי שמעון וואש ער האט געבעטין איין געבעט אונ עש איז אים געגעבן געווארן זיין בקשה אונ ניט דאש אליין נאר עש ווערט געקריינט זיבעציג ערטער פון זיינט וועגן אונ איטליכעש ארט איז געעפינט די טירן אין זיבעציג וועלטין אונ פון דארטן ווערן זיי געעפינט צו הקב"ה אונ אזעלכע אורות וואש האבן קיין סוף ניט וואס זיי זיינן פר הוילין אונ בהאלטין וואש דוד המלך האט אויף זיי געבעטין לחזות בנועם יי ולבקר בהיכלו דען זיין מדריגה איז אויך געוועזן דארטן זאגט רבי יצחק צו זיין פאטר וויא לאנג האב איך נאך צו לעבן אויף דר וועלט זאגט אים דר פאטר מיר האבן קיין רשות ניט צו זאגין נאר דאש ווייס איך אז אויף דער גרוישר שמחה וואש עש איז אן גיברייט אין גן עדן צו רבי שמעון אויף דער שמחה וועסטו גרייטין די טישין אזו וויא עש שטייט צאינה וראינה בנות ציון במלך שלמה בעטרה שעטרה לו אמו דער ווייל האט זיך רבי יצחק אויף געהאפט אונ לאכט אונ זיין פנים טוט זייער לייכטין האט רבי שמעון דאש דער זעהן זאגט ער צו אים דו האשט בוודאי געהערט אנייע זאך זאגט רבי יצחק עש איז בוודאי אזו אונ האט אים דר ציילט וואס זיין פאטר האט אים גזאגט: תאנא מיר האבין געלערינט פון דעם טאג אונ ווייטר האט רבי יצחק גיהאלטן זיין זון לעבין זיך אונ האט זיך אליין מיט אים געמיט אין דער תורה אונ אז ער איז געקומן פאר רבי שמעון האט ער אים געלאזט שטיין אין דרויסין אונ איז אליין אריין געגאנגן אונ איז פאר אים געזעסן אונ האט געלייענט דעם פסוק וואס חזקיה המלך האט גזאגט יי עשקה לי ערבני השי"ת האט מיך פאר צוקט אונ האט מיר געוויזנט געמאכט

אונ

און מציל געוועזן פון דעם מלאך המות :

תאנא מיר האבן געלערנט אז עס קומט דר טאג וואס דער מענטש דארף שטארבן אזו שטייען בדין די פיר זייטן פון דר וועלט דען דר מענטש האט פון אלע פיר זייטן פיר יסודות מים אש רוח עפר שטייען זיי אונ דר וועקן די דינים פון אלע פיר זייטן פון דר וועלט אונ די פיר יסודות קריגן זיך דען זיי דארפן זיך צו שיידין אונ איטליכר וויל זיך אפ שיידין צו זיין ארט אונ איין כרוז ווערט געהערט אין צוויי הונדערט אוני זעכציג וועלטין אונ רופט אויס איז ער איין צדיק פרייען זיך אלע וועלטין אונ קומען אים אנטקעגין אונ אז ניט איז וויי צו דעם מענטשן וויא צו זיין חלק :

תאנא מיר האבין גילערינט אין דר צייט אז דר כרוז גייט אונ רופט אוים אזו גייט ארוים איין פלאם פייער לצד צפון אונ גייט אונ ברענט אין נהר דינור אונ פאר שפרייט זיך אין אלע פיר זייטין פון דער וועלט אונ פאר ברענט די נשמות פון דיא רשעים דער פלאם גייט ארויף אונ נדערט אראפ אונ גרייכט אונטר די פליגיל פון איין שווארצין האן אונ קלאפט אים אזו הויבט אן דר האן צו שרייען דריי מאל · דאס ערשטע מאל שרייט ער דעם פסוק הנה היום בא בוער כתנור דאס אנדערע מאל שרייט ער דעם פסוק כי הנה יוצר הרים וגו׳ ומגיד לאדם מה שיחו · אין דר צייט זיצט דר מענטש אונ גיט אפ דין וחשבון אויף זיינע מעשים ער זאגט אליין עדות אונ איז מודה אויף אלץ דינג · דאס דריטע מאל שרייט ער דעם פסוק מי לא יראך מלך הגוים כי לך יאתה זאגט רבי יוסי פר וואס דווקא איין שווארצר האן זאגט רבי יהודה אלץ דינג וואס הקב״ה האט בשאפין אויף דער וועלט איז אלץ מרומז אויף גרויש חכמה אזו וויא דער פסוק זאגט מה רבו מעשיך יי׳ כולם בחכמה עשית אונ ווייל זיי זייגען בשאפין געווארין מיט חכמה דרום ווייזין זייא אויף גרויש חכמה אזו אויך בשעת דער משפט דער וועקט זיך אויף דעם מענטשין אזו קרייט תיכף דער האן אונ קיינער ווייסט ניט נאר דער מענטש אליין וואס ליגט שלאף דען מיר האבן גילערינט בשעת דער מענטש ליגט שלאף אונ דער משפט דער וועקט זיך אויף אים ער זאל אוועק גיין פון דר וועלט אזו דר וועקט זיך אויף אים איין רוח עליון וואס עס איז ביי אים ניט געוועזן צייט זיין לעבן ער זעהט היינט מער וויא תמיד אונ אז ער זעהט אים גייט ער ערשט אוועק פון דער וועלט אזו וויא דער פסוק זאגט תוסף רוחם יגועון ואל עפרם ישובון אויך שטייט כי לא יראני האדם וחי כל זמן אז ער לעבט קען ער ניט זעהן די שכינה אבער אז ער דארף שטארבן איז ער זוכה צו זעהן די שכינה אויך זעהט ער זיינע קרובים מיט זיין גאנצער חבריא פון יענער וועלט אונ ער דר קענט זיי אלע אין דעם גישטאלט וויא זיי זיינן געוועזן אויף דער וועלט · איז דער מענטש זוכה זיינן זיי זיך מיט אים משמח אונ זיינן אים מקדים בשלום איז ער חלילה ניט זוכה קומן צו אים רשעים וואס מען איז זיי אלע טאג מטריד בגיהנם אונ זיינען אלע טרויעריג זייא הויבין אן מיט דעםווארט וויי אונ לאזן דר מיט אויש ער הויבט אויף זיינע אויגין אונ זעהט איין פלאם פייער גייט ארויש אזו הויבט ער אן צו שרייען וויי אונ בשעת די נשמה גייט ארויש פון דעם מענטשין אזו גייען אלע קרובים אונ די חבריא פון יענעם עולם מיט זיין נשמה אונ ווייזין אים דאש ארט פון עונג אונ דאש ארט פון עונש אז ער איז איין צדיק זעהט ער זיין ארט אונ גייט ארויף אונ איז זיך דארטן מתענג מיט דעם גרויסין תענוג פון עולם הבא אונ אז ער איז ניט זוכה בלייבט זיין נשמה אויף דער וועלט ביז דער גוף ווערט פאר בארגין אין דר ערד דר נאך קומען כמה בעלי דינים אונ מלאכי חבלה אונ נעמן די נשמה אונ ברייגגן זיא צום מלאך דומה אונ ער ברייגגט די נשמה אין גיהנם זאגט רבי יהודה די ערשטע זיבן טעג גייט די נשמה פון דעם קבר צום הויז אונ פון דעם הויז צום קבר אונ קלאגט אויף דעם גוף אזו וויא דר פסוק זאגט אך בשרו עליו יכאב ונפשו עליו תאבל זיא זיצט אין שטוב אונ זעהט וויא אלע טרויערין אונ קלאגין · נאך זיבין טעג איז דער גוף וואו ער איז אונ די נשמה גייט ארויף אונ זיא גייט אריין אין דער מערת המכפלה אונ זעהט וואס זיא זעהט אונ גייט ארויף ביז זיא קומט צום גן עדן אונ קומט צו די כרובים אונ צו דעם להט החרב המתהפכת פון דעם גן עדן של מטה איז זיא זוכה גייט זיא אריין זאגט רבי חייא וואש מיינט דער פסוק בלע המות לנצח זאגט רבי יוסי ווען הקב״ה וועט דער וועקין זיין ימין וועט אפ גיטאן ווערין דער טויט פון דר וועלט אונ דר

זמן וועט זיך ניט דר וועקין ביז די ישראל וועלן זיך דער וועקין מיט דער תורה שבכתב וואס דיא איז דר ימין פון הקב"ה אזו וויא עש שטייט בימינו אש דת למו באותו זמן וועט מקוים ווערין ימין יי' עושה חיל לא אמות כי אחיה וגו' :

תאנא מיר האבין גילערינט דער צדיק וואס הקב"ה באגערט אין אים גייט ארויש דרייסיג טעג פריער איין כרוז אין גן עדן צווישן די צדיקים אונ אלע זיינען זיך משמח אונ אלע צדיקים קריינען דאש ארט וואש עס איז צו אים אן גיברייט ביז ער קומט אהין • איז ער איין רשע אזו רופט אויש איין כרוז אין גיהנם דרייסיג טעג אונ אלע רשעים זיינען טרויעריג אונ אלע שרייען וויא דען עש דער וועקט זיך ערשט פון זיינט וועגין איין נייער דין אין גיהנם וויא צו דעם רשע דען גמול ידיו ישלם לו די מעשים פון זיינע הענט צאלין אים • וויא צו דעם רשע דען ער מאכט זיך אליין פאר איין רע דען אלע גייען ארויף פון דעם גיהנם אונ ער איז ניט עולה אז ער איז אזו איין רשע אז ער ווערט שוין אן גירופין רע ניט רשע אויב דוא וועסט פרעגין עס איז דאך דא אזעלכע רשעים וואש הרגענן לייט • קום אונ זעה אלע גייען אויף פון דעם גיהנם דען זייא זיינען ניט ממית זייערע קינדער אבער דער רע איז ממית זיינע קינדער בייא אנדערע רשעים שטייט ניט וירע בעיני יי' אשר עשה אזו וויא בייא דעם חטא דרום שטייט ושחת ארצה ווייל ער האט משחית זרעו גיוועזן זאגט רבי יהודה עש איז ניט דא קיין שום עבירה אויף דער וועלט עש זאל ניט האבין קיין תשובה גייערט דר חטא אונ עש איז ניט דא קיין שום רשע וואש ער זעהט ניט פאר זיין טויט די שכינה נאר דער ובפרשת נח זאגט רבי שמעון ער מוז טאן גרויס תשובה • זכאין זיינען דיא צדיקים בעולם הזה ובעולם הבא אויף זייא שטייט ועמך כולם צדיקים לעולם יירשו ארץ דאש מיינט מען דעם ארץ החיים וואס די צדיקים וועלין ירשנן בעולם הבא זאגט רבי יהודה אזו וויא עש שטייט אתהלך לפני יי' בארצות החיים דאש איז דיא ארצות וואש דער פון שפראצין אלע תענוגים אונ חיים בעולם הזה ובעולם הבא ובזוהר חדש פרשת נח זאגט ער דרום הייסט דאש ארצות דאש איז לשון רצון דען דער ווילין פון צדיקים איז תמיד דער צו דאש דארטין איז דאש אייביג לעבין דרום הייסט דאש ארצות החיים רבי יהודה הויבט אן החרשים שמעו והעורים הביטו לראות החרשים שמעו דאש זיינען די לייט וואש ווילין ניט פאר נעמען קיין דברי תורה אונ עפענען ניט זייערע אויערן צו הערין דיא גיבאט פון זייער הערין והעורים דאש זיינען די מענטשין וואש זייא זעהען ניט אויף וואש זייא האבין איין קיום דען אלע טאג גייט ארויש איין כרוז אונ שרייט אונ קיינער קערט זיך ניט דער צו דען מיר האבין גילערינט דעם טאג וואש דער מענטש בדארף שטארבין שטייען אלע טעג אין זייער שטאנד זייא שוועבין אויף דער וועלט אונ זיינען מזהיר דעם מענטשין אונ אז ער זינדיגט אזו גייט דער טאג ארויף אונ זאגט עדות וואש ער האט גיטאן אונ ער שטייט אין דרויסין אזו לאנג ביז ער טוט תשובה איז דער מענטש זוכה קומט דער טאג אויף זיין ארט אונ אז ער איז ניט זוכה אזו גידערט דער טאג אראפ אונ איז מתקן דעם דמות פון דעם מענטשין צוא שלעכין טאן צו אים אונ וואונט מיט אים אין זיין הויז • איז ער זוכה איז זייער וואונונג זייערי גוט אונ אז ער איז ניט זוכה איז זייער וואונונג לרע חס ושלום אונ אלע זיינע טעג ווערין גיצייילט אונ דיא טעג קומען ניט אריין אין חשבון וויא צוא דעם מענטשין וואש ער מינערט דיא טעג פון דעם מלך הקדוש אונ האט זייא ניט גילאזט גיקרוינט ווערין לעולם הבא אונ גינעהענט צום מלך הקדוש • קום אונ זעה אז דיא טעג גינעהענט פאר דעם מלך הקדוש בשעת אז דער מענטש גייט אוועק פון דער וועלט אזו ווערין דיא טעג איין לבוש יקר צו דער נשמה אבער אז עש איז דא טעג וואש ער האט אין זייא גיזינדיגט אזו איז וויא צו אים דען זיין לבוש איז חסר אונ עש איז ניט אין גאנצין ומכל שכן אז ער האט פיל עונות אזו וועט ער ניט האבין צו זיין נשמה קיין מלבוש אויף יענער וועלט וויא צוא זיין נשמה מען איז אים דן אין גיהנם כפל אויף זיינע טעג וואש ער האט חסר גימאכט • זכאין זיינען דיא צדיקים לעולם הבא מיר האבין גילערינט עש שטייט וידע' כי עירומים הם זייא האבין ממש גיוואוקסט דען זייער לבוש חשוב ויקר

פון דיא טעג איז גימינערט גיווארין דען איין טאג איז אפ גיגאנגען פון זיא אזו וויא עס שטייט גלמי ראו עיניך ועל ספרך כולם יכתבו ימים יוצרו ולא אחד בהם נאר איין טאג איז אפ גיגאנגען ביז אדם הראשון האט תשובה גיטאן האט אים הקב״ה מקבל גיוועזן אונ האט אים גימאכט אנדערע מלבושים יקרים אונ ניט פון דיא טעג אזו וויא עס שטייט ויעש יי לאדם ולאשתו כתנות עור וילבישם אבער אברהם האט זוכה גיוועזן צוא אלע טעג דען ביי אים שטייט ואברהם זקן בא בימים אז ער איז אוועק גיגאנגען פון דער וועלט האט ער זיך אין דיא טעג אן גיקלייד דרום שטייט בא בימים ער איז גיקומען מיט אלע טעג לעולם הבא · וויא עס שטייט ביי איוב ערום יצאתי מבטן אמי וערום אשוב שמה דאש עס איז אים קיין מלבוש ניט איבער גיבליבין ער זאל ווערין דרינען אן גיקלייד:

תניא מיר האבין גילערינט זכאין זיינען דיא צדיקים דאש זייערע טעג זיינען זכאי אונ בלייבין לעולם הבא זכאי אונ פון זייערע טעג ווערט איין לבוש יקר אונ מיט דעם לבוש זיינען זיא אן גיבריים אויף צוא זיין לתחיית המתים אזו וויא עס שטייט יצבו כמו לבוש ווייא צוא דיא רשעים דען [illegible] זייערע טעג זיינען חסר אונ זייא האבין זיך ניט מיט וואש צוא דעקין זיך לעולם הבא:

תאנא מיר האבין גילערינט אלע דיא וואש ווערין אן גיקלייד מיט זייערע טעג דיא ווערין גיקריינט מיט דער קרוין פון דיא אבות פון דעם טייך וואש גייט ארויש פון דעם עדן אזו וויא עס שטייט ועצמותיך יחליץ והיית כגן רוה וכמוצא מים אשר לא יכזבו מימיו דאש איז דער נהר וואש גייט ארויש פון דעם עדן העליון אונ די רשעים וואש זיינען ניט זוכה אן גיקלייד צו ווערין אין דעם מלבוש פון דיא טעג שטייט אויף זייא והיה כערער בערבה וגו׳ זאגט רבי יצחק זכאה איז דער חלק פון יעקב דאש ער איז פאר זיכערט גיוועזן אן גיקלייד צו ווערין מיט דעם קלייד פון דיא אבות אזו וויא עס שטייט ושכבתי עם אבותי זאגט רבי יהודה עס שטייט וירח את ריח בגדיו ויברכהו ווארום שטייט בגדיו עס איז דאך גאר ניט גיוועזן זיינע קליידער עס איז דאך גיוועזן בגדי עשו אלא בגדיו מיינט מען דיא קליידער פון עולם הבא דרום שטייט ראה ריח בני כריח שדה אשר ברכו יי מיינט מען עולם הבא דרום זאגט יצחק אז דוא האשט זוכה גיוועזן צו אזעלכע מלבושים וועל איך דיך בענטשין דרום שטייט ויברכהו ויתן לך האלהים מטל השמים דאש איז דאש ארט וואש שטייט אויבין דרויף גרוישע סודות דיא מדריגה פון משה וואש דיא אבות ווערין דער מיט גיקריינט דאש איז אלץ ווייל ער האט גישמעקט זיינע קליידער פון זיינע טעג לעולם הבא:

תאנא מיר האבין גילערינט טויזינט מיט פינף הונדערט ריחות גייען אלע טאג ארויש פון דעם גן עדן דאש דער מיט ווערין גיקריינט דיא טייערע לבושים פון דיא טעג פון דיא מענטשין זאגט רבי יהודה וויא פיל קליידער האט דער מענטש אויף יענעם עולם זאגט רבי אלעזר עש זיינען דרייא מלבושים איינש קלייד זיך אן דער רוח וואש ער איז בגן עדן התחתון אונ איינש איין טייערער וואש דיא נשמה קלייד זיך אן בתוך צרור החיים אונ איין לבוש וואש שטייט אין דרויסין וואש דער נפש טוט זיך אן אונ שוועבט אויף דער וועלט אונ אלע ראש חודש ושבת איז ער זיך מתחבר מיט דעם רוח וואש ער איז אין גן עדן התחתון מיט דעם ריח בשמים פון דעם גן עדן אונ פון דארטין גייען זייא ביידע אונ ווערין מקושר מיט דער נשמה וואש זיא איז בצרור החיים וואול צוא דעם חלק פון דיא צדיקים:

האזינו השמים ואדברה שלמה המלך האט גזאגט אין משלי פי צדיק ינוב חכמה ולשון תהפוכות תכרת דאש מויל פון איין צדיק רעט אלץ חכמה אונ פרומקייט אונ דר צונג וואש רעט פאר קערטע רייד אונ שלעכטע דר זאל פאר שניטן ווערן · דען דר צדיק איז גיגליכן צו איין בוים וואש מאכט וואקסין פירות אונ מאכט וואקסן בלעטר וואש בשיצין אויף די פירות דאש זיי זאלן ניט פאר ברענט ווערן פון דר היץ פון דר זון · אבר דר עיקר זיינן די פירות · אזו אויך דר צדיק צו צייטן רעט ער פראסטע רייד צו שטראפן זיין הויז גזינט אונ לערינט זיי האנדלען וואש דארף מען אויך האבן אונ דרנאך לערינט ער תורה אבר די תורה איז דר עיקר · נאר יענע רייד דארף מען אויך האבן צו דר תורה דען ווען מען קען ניט האנדלען אזו קען מען ניט זיצן אונ לערנן ווען מען האט ניט וואש צו עסן · אבר דר רשע זיינע מדות זיינן פר קערט פון דעם צדיק דאש דר צדיק גייט אלין נאך נאך זיין נשמה אבר דר רשע גייט אלין נאך נאך זיין גוף וואש ער וועט פאר פאלן ווערן · אונ עש איז גיוואושט דאש דר גוף איז ווארין בשאפין פון דר ערד אונ די נשמה פון דעם הימיל · אונ אז דער מענטש לעבט האט ער איין חלק פון דער ערד אונ פון דעם הימיל גלייך וויא די ערד אונ דר הימיל זיינן זיינע קרובים · דרום האט משה אן גיזאגט צוא ישראל זיי זאלן די תורה האלטין · אונ האט גישטעלט עדות הימיל. אונ ערד אזוא וויא מען טוט איינעם התראה פאר זיינע קרובים דרום האט משה גיזאגט האזינו השמים ואדברה ותשמע הארץ אמרי פי פאר נעמט איר הימלען אונ איך וועל ריידין אונ די ערד זאל הערן די זאג פון מיין מויל · אונ דרום האט משה גיזאגט צו די הימלען זיי זאלין פאר נעמען זיינע רייד אזו וויא מען זאגט צו איין מענטש וואש מען שטייט נאהינט ביי אים · דאש איז ווייל משה איז דעשט מאל נאהינט גוועזן צום הימיל דאש ער האט גיזאלט שטארבין אונ עש האבן זיך אפ גיטאן אלע כוחות פון זיין גוף · אונ ער האט אלץ גיצויגן נאך דר נשמה וואש זיא איז פון דעם הימיל · אונ צו דער ערד האט ער גיזאגט ותשמע הארץ די ערד זאל הערין מיינע רייד גלייך וויא מען זאגט צוא איין מענטשין וואש מען איז ווייט פון אים ווייל ער איז ווייט גיוועזן פון דר ערד · דען די כוחות פון דעם גוף וואש ער איז פון דער ערד האבין זיך פון אים אפ גיטאן · אונ אויך דרום האט ער הימיל אונ ערד צו עדות גינומן כדי אז דיא ישראל וועלין ניט האלטין דיא תורה וועלין קומן הימיל אונ ערד אונ וועלין זיי שטראפין · דר הימיל וועט ניט געבן קיין טויא אונ קיין רעגין אונ די ערד וועט ניט מאכין וואקסין קיין תבואה אונ קיין פירות · נאך איין פשט איז ער האט דרום הימיל אונ ערד גינומען פאר עדות ניט קיין מענטשין ווייל הימיל אונ ערד וועלן אייביג שטיין אבר מענטשן קענן שטארבן אזו וועט קיין עדות ניט זיין · נאך איין פשט איז משה הט גזאגט צו ישראל זעהעט אויב הימיל אונ ערד פאר ענדערין די גיבאט פון גאט זעהעט אויב די זון גייט אנדערש אויף וויא אין מזרח · אונ אויך דיא ערד זעהעט אויב זיא האט פאר ענדרט דאש גיבאט פון גאט · דען אז איינר זייט ווייץ אדר גערשטן אויב עש גייט ניט אויף אזו וויא דר סדר איז · רבי יהודה בן מנסיא זאגט אין דער צייט וואש משה האט גיזאגט צום הימיל פאר נעם מיינע רייד איז דר הימיל שטיל גיבליבן · אונ אין דער צייט אז ער האט גיזאגט צו דר ערד הער מיך צו איז שטיל גיבליבן דיא ערד אונ אלץ וואש אויף איר איז · נאך איין פשט איז דרום הט משה גיזאגט פאר נעמט איר הימיל אונ איך וועל ריידין אונ די ערד וועט הערין די זאג פון מיין מויל · אונ ער האט ניט גיזאגט ושמעי הארץ הער צו דו ערד · נאר דר פשט איז אזו דר הימיל ווייזט דאש גאט האט דיא וועלט

בשאפין דען מען זעהט אלע טאג גייט די זון אויף אין מזרח אונ פאר גייט אין מערב אזו מוז זיין דאש איינער האט זיא בשאפין אונ פירט זיא · אבר אז משה האט די תורה מקבל גיוועזן וואש אין איר שטייט דאש גאט האט די וועלט בשאפין אזו דארף מען שוין ניט דר הימיל זאל זאגין דאש גאט האט די וועלט באשאפין · דרום האט משה גיזאגט האזינו השמים שווייגט שטיל איר הימלען פון צו זאגין דאש גאט האט די וועלט בשאפין ואדברה אונ איך וועל ריידין אין דר תורה דש גאט איז דר בשעפר פון דר גאנצער וועלט · ותשמע הארץ אמרי פי אונ די זייצער פון דר ערד וועלין הערין דיא תורה וואש איך זאג מיט מיין מויל וועלין זייא ווישין דאש גאט האט בשאפין די וועלט · האט דר הימיל גיזאגט צו משה ווארום זאל איך שטיל שווייגין אונ דו זאלשט זאגין דאש גאט איז דר בשעפער פון דר וועלט · האט משה גיענטפערט איר קענט אבר ניט זאגין דעם נאמען פון דעם בשעפער בשיידליך אונ איך וועל יוא זאגין דעם נאמען פון דעם בשעפער באשיידליך · דאש זאגט דר פסוק כי שם יי אקרא הבו גודל לאלהינו דאש איז טייטש איך קען אן רופן דעם נאמן פון גאט בשיידליך · דרום זאלט איר הימלען שווייגין אונ זאלט נאר געבין איין לויב צוא אונזר גאט · נאך איין פשט איז משה זאגט כי שם יי אקרא אז איך וועל רופין דעם נאמען פון גאט אונ וועל איין ברכה מאכן הבו גודל לאלהינו זאלט איר זאגין ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד נאך איטליכר ברכה אין בית המקדש אונ אין גאנצין לאנד זאלט איר נאך איין ברכה זאגין אמן · יערוף כמטר לקחי עש זאל טריפין אזו וויא איין רעגין מיין לערנן · אונ עש זאל רינען אזוא וויא טויא מיין זאג · דאש האט משה תפלה גיטאן דאש די תורה זאל ווערין אן גינומן ביי די לייט אזו וויא איין רעגן אונ איין טויא מאכט אלין וואקסן אזו זאל מיין לערנן זיין אן גינומן ביי לייט · אונ דר מדרש

למר

זאגט יערוף כמטר לקחי אזו וויא איין רעגן מאכט לעבין די גאנצע וועלט אזו אויך דיא תורה מאכט לעבין די גאנצע וועלט · אונ אזו וויא איין טויא מאכט פרייד צו דר גאנצר וועלט אזו אויך דיא תורה מאכט פרייד צו דיא מענטשן · הצור תמים פעלו האטשע גאט איז שטארק דאך אז ער בריינגט איין צרה אויף די רשעים בריינגט ער זיא ניט מיט כעס נאר מיט דין אונ משפט וייל ער איז גאנץ מיט זיינע מעשים · אונ דער צרור המור שרייבט וייל משה האט גיזאגט דיא הימיל אונ ערד זאלין שטיל שטיין אזו וועלין די נארן זאגין וויא איז דאש מיגליך דיא וועלט זאל ניט אונטער גיין ווען דר הימיל מיט דיא מזלות וועלין שטיל שטיין · דרום האט משה גזאגט יערוף כמטר לקחי עש זאל טריפין אזו וויא איין רעגין מיין לערנען כלומר דורך דער תורה וועט די וועלט איין קיום האבן אונ עש וועט גיין רעגין אונ טויא האטשע דיא הימלען וועלין שטיל שטיין דען די גאנצע ליכט פון דעם הימיל איז פון דר תורה · אונ ווען דער צדיק לערינט די תורה אזו איז ער העכער פון די הימלען · דאש זאגט דער פסוק דיא מלאכים זאגין יי אדונינו מה אדיר שמך בכל הארץ וויא גאר שטארק איז דיין נאמן אונזר האר אויף דר ערד · אשר תנה הודך על השמים דאש די לייט פון דר ערד גיבין שיינקייט אונ ליכט אין דעם הימיל מיט זייער תורה לערנן · מפי עוללים ויונקים יסדת עוז פון דר תורה וואש קליינע קינדר לערנן פון דעם קומט איין ליכט אין הימיל · נאך איין פשט שרייבט דער צרור המור יערוף כמטר לקחי משה האט גיזאגט ווען אפילו מיינע רייד אין דר סדרה וועלין זיין גלייך וויא איין גרוישער רעגין וואש רייסט אויש אלע בוימער אונ תבואה אונ טוט פיל שאדין אזוא וועלין זיין מיינע רייד מיט פיל שטראף וואש איך וועל אייך זאגן דאש גאט וועט אייך שטראפין מיט אלע שטראף ווען איר וועט די תורה ניט האלטן דאך תזל כטל

אמרתי

שְׂפָתַי וועט רִינְגען פון דעם שְׁטְרָאפְן אַזוֹ וויא
אַיין טויא וואש ניט שִׂמְחָה צוּ לַייט · כְּלוֹמַר
וועמען גאט האט ליב דעם שְׁטְרָאפְט ער כְּדֵי
ער זָאל זִיךְ דר מָאנֶען פְרוּם צוּ זַיין אוּנ זָאל
קַיין בַּייז נִיט טָאן · כִּשְׂעִירִים עֲלֵי דֶשֶׁא מַיינֶע רייד
זַיינֶען גְלַייךְ אַזוֹ וִויא אַיין שְׁטוּרִים ווינְט קוּמְט
אוֹיף גְרָאז גְלַייךְ וִויא ער וִויל דש אויש רַייסֶן
אָבֶּר אִין אֱמֶת אִיז דֶר ווינְט גוּט פַאר דעם
גְרָאז אוּנ תְּבוּאָה דען דער ווינט מאכט עם
וואקסין אוּנ שְׁטַארְקֶן · נָאר מֶענְטְשֶׁן שְׁרֶעקֶן
זִיךְ פַאר דעם ווינט · אַזוֹ זַיינֶען אוֹיךְ מַיינֶע
רייד לַייט שְׁרֶעקִין זִיךְ מען וועט זֵיי שְׁטְרָאפִין
אַז זֵיי וועלִין שְׁלֶעכְט זַיין · אָבֶּער אִין אֱמֶת
אִיז דָאשׁ אַיין טוֹבָה דען דוּרְךְ דעם וועלִן זֵיי
פְרוּם זַיין אוּנ וועלִן האבִּן בְּרָכָה · דְרוּם זָאגְט
דֶר פָּסוּק כִּי שֵׁם יְיָ אֶקְרָא הָבוּ גוֹדֶל לֵאלֹהֵינוּ אַז אִיךְ
טוּא רוּפִין גָאטְשׁ נָאמֶן אוּנ זָאג אַייךְ עֶפֶּעס
פוּן גָאטְשׁ וועגִין מַייא גוּטְשׁ אָדֶר שְׁלֶעכְטְשׁ
זָאלְט איר אַלֶין גָאט לוֹיבִּן דען עֶשׁ וועט אַייךְ
אַלֶין זַיין אַיין טוֹבָה · נָאךְ אַיין פְּשַׁט שְׁרַייבְּט
דֶר צְרוֹר הַמּוֹר מֹשֶׁה האט גְזָאגְט צוּ יִשְׂרָאֵל
אִיךְ האב אַיין קְלַיינֶע עֲבֵירָה גִיטָאן אִיךְ
האב אַייךְ גִירוּפִין הַמּוֹרִים ווידֶר שְׁפֶּעטֶער
אַזוֹ האט מִיךְ גָאט גִישְׁטְרָאפְט אוּנ פוּן דֶעסְט
וועגִין כִּי שֵׁם יְיָ אֶקְרָא רוּף אִיךְ דעם נָאמֶען פוּן
גָאט אוּנ זָאג דָאשׁ גָאט אִיז גִירֶעכְט מִיט
זַיינֶע מַעֲשִׂים · מִכָּל שֶׁכֵּן אִיר יִשְׂרָאֵל האט
פִיל מָאל עֲבֵירוֹת גִיטָאן דְרוּם הָבוּ גוֹדֶל לֵאלֹהֵינוּ
דֶערְפְט אִיר נָאךְ מֶער גָאט לוֹיבִּין אוּנ זָאלְט
גָאט גִירֶעכְט מַאכִין אוֹיף אַלֶעמֶען וואשׁ ער
טוּט אַייךְ · אוּנ מֹשֶׁה האט פִיר עֲבֵירוֹת
גִטָאן אַנְטְקֶעגִין גָאט אוּנ ער האט אוֹיף אַלֶע
פִיר עֲבֵירוֹת גָאט גִילוֹיבְּט דָאשׁ גָאט האט
אִים רֶעכְט גִישְׁטְרָאפְט · דִי עֶרְשְׁטֶע עֲבֵירָה
אִיז גִיוֶוען גָאט האט אִים גִיוָואלְט שִׁיקִין צוּ
פַּרְעֹה מֶלֶךְ מִצְרַיִם האט מֹשֶׁה גִיזָאגְט לֹא אִישׁ
דְבָרִים אָנֹכִי אִיךְ האב אַיין שְׁווער מוֹיל אוּנ
שְׁווער צוּנְג אִיךְ קָאן נִיט גוּט רֵיידִין ·
[illegible] אִים גִיעֶנְטְפֶערְט וָוער האט

בְּשַׁאפִין אַיין מוֹיל צוּ אַיין מֶענְטְשִׁין דָאשׁ
האב אִיךְ בְּשַׁאפִין · אַזוֹ קֶען אִיךְ מַאכִין דָאשׁ
דוּ וועשְׁט קֶענֶען גוּט רֵיידִין פַאר פַּרְעֹה · אוּנ
ווייל דוּ ווילשְׁט נִיט גֵיין אִין מַיין שְׁלִיחוּת צוּ
פַּרְעֹה דְרוּם וועשְׁטוּ נִיט זוֹכֶה זַיין צוּא פִירִין
דִי יִשְׂרָאֵל קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּא אַיין נֶעמֶען
דִיא אַיין אוּנ דְרַייסִיג מְלָכִים · דְרוּף האט
מֹשֶׁה גִיזָאגְט הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ גָאט אִיז גִירֶעכְט
וואשׁ ער האט מִיךְ גִשְׁטְרָאפְט דען אִיךְ האב
נִיט רֶעכְט גִיטָאן אַנְטְקֶעגִין גָאט וואשׁ אִיךְ
האב גִיזָאגְט אִיךְ קֶען נִיט גוּט רֵיידִין דען
גָאט האט מִיךְ גִיקֶענְט הֵיילִין ער אִיז אַיין
בַּעַל מְלָאכָה אִיבֶּר אַלֶע בַּעֲלֵי מְלָאכוֹת · אוּנ
אַנְטְקֶעגִין דֶער אַנְדֶערֶר עֲבֵירָה וואשׁ מֹשֶׁה
האט גְזָאגְט צוּ גָאט וָוארוּם האשְׁטוּ שְׁלֶעכְטְשׁ
גְטָאן צוּא דִיא יִשְׂרָאֵל דָאשׁ פַּרְעֹה האט נָאךְ
שְׁווערֶער גִימַאכְט דִי אַרְבֶּעט נָאךְ דַיין שִׁיקְן
אוּנ גָאט האט אִים גֶענְטְפֶערְט אִיצוּנְד וועשְׁטוּ
זֶעהֶען דִיא נִסִּים וואשׁ אִיךְ וועל טָאן צוּא
יִשְׂרָאֵל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל · דְרוּף האט מֹשֶׁה
גִיזָאגְט כִּי כָל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט גָאטְשׁ וועגִין זַיינֶען מִיט
מִשְׁפָּט ער אִיז גִירֶעכְט מִיט זַיינֶע מַעֲשִׂים ·
אוּנ אַנְטְקֶעגִין דֶר דְרִיטֶער עֲבֵירָה וואס מֹשֶׁה
האט גִיזָאגְט הַצֹּאן וּבָקָר יִשָּׁחֵט לָהֶם ווען דִיא
וועשְׁט קוֹילִין פוּן וועגִין יִשְׂרָאֵל אַלֶע שָׁאף
אוּנ רִינְדֶער וועט דען זֵיי גִינוּג זַיין מֶען קֶען
זֵיי נִיט גִינוּג פְלֵייש גֶעבִּין · אַזוֹ האט גָאט
גִיזָאגְט האב אִיךְ דען קַיין כֹּחַ נִיט צוּ גֶעבִּן
גִינוּג פְלֵייש צוּא יִשְׂרָאֵל אַז אִיךְ וויל · אִיךְ
האב דָאךְ אַלֶין בְּשַׁאפִין · דֶר פַּר האט אִים
אוֹיךְ גָאט גִיזָאגְט דוּ וועשְׁט נִיט זֶעהֶען דִיא
נִסִּים וואשׁ אִיךְ וועל טָאן צוּא יִשְׂרָאֵל אִין
אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל · דְרוּף האט מֹשֶׁה גִיזָאגְט אֵל
אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל גָאט אִיז גִירֶעכְט אוּנ טוּט קַיין
אוּמְרֶעכְט נִיט וואשׁ ער האט מִיךְ גִשְׁטְרָאפְט
אוּנ אַנְטְקֶעגִין דֶר פֶערְטֶער עֲבֵירָה וואס מֹשֶׁה
האט גִידֶערְפְט רֵיידִין צוּם שְׁטֵיין ער זָאל
גֶעבִּין וואשֶׁער אוּנ ער האט גִישְׁלָאגִין דעם
שְׁטֵיין · אוּנ גָאט האט אִים בַּאשֵׁיידְלֶעךְ

גזאגט דו וועסט ניט קומן קיין ארץ ישראל דוא וועסט שטארבין אין דער מדבר דרויף האט משה גזאגט צדיק וישר הוא גאט איז גרעכט מיט זיין דין אונ משפט וואש ער האט מיר גיטאן · דאש האט משה גיזאגט צו ישראל איר דארפט נאך מער גאט גירעכט מאכין אונ צוא לויבין אים דאש ער האט איך אייערע עבירות מוחל גוועזן · אונ אויך האט דיא תורה דא גיוויזן וואש די ישראל וועלן האבן פון וועגן זייערע עבירות · דאס ערשטע גלות איז בבל דאש איז גיוועזן איין שווערר גלות אזו וויא איין שטארקער שטיין מערער פון גלות מצרים · דרויף האט ער גיזאגט הצור תמים פעלו דאש איז טייטש דר גלות פון בבל וואש איז שטארק אזו וויא איין שטיין אונ שווערער פון גלות מצרים דר מיט איז גאט אויך גירעכט וואש ער האט אונז דר מיט גישטראפט אונ דער נאך זאגט ער כי כל דרכיו משפט דאש איז אויף גלות מדי וואש גאט האט די ישראל דרום גישטראפט וויל זיי האבן זיך גבוקט צום צלם פון נבוכדנצר אונ האבין גיגעסין אויף דער סעודה בייא אחשורוש · אונ דרום האט אסתר גיזאגט וצומו עלי ואל תאכלו ואל תשתו איר זאלט פאסטין אונ זאלט ניט עסין אונ טרינקען · איז קשה ווען זיא זאגט איר זאלט פאסטין ווייס איך דאך וואול דאש מען וועט ניט עסין אונ וואורום האט זיי נאך גיזאגט איר זאלט ניט עסן נאר דר תירוץ איז זיא האט גזאגט איר זאלט ניט עסין וויל איר האט גיגעסין אויף דר סעודה פון אחשורוש · אונ אנטקעגין דעם וואס זיי האבין זיך גיבוקט צום צלם האט זיך מרדכי ניט גיוואלט בוקין צו המן אונ האט זיך אין איין סכנה גיבראכט פון דעסט וועגן · דרויף זאגט ער כי כל דרכיו משפט גאט טוט אלין מדה כנגד מדה אזו וויא ביי אחשורוש · אונ דר נאך זאגט ער אל אמונה ואין עול דאש איז וואס זיי האבין גיוואלט די ישראל פר שטערן פון תורה אונ מצות אונ גאט האט זיינע רייד

מקיים גיוועזן וואש ער האט גיזאגט צוא די כהנים ברך יי חילו גאט האט גיבענטשט זייער כח אונ זייא האבין מלחמה גיהאלטין מיט גרויס כח אנטקעגין דיא אומות · אונ דאש איז גיוועזן אין דיא צייטין פון יוחנן כהן גדול דאש זיינע קינדר די כהנים האבין פיל אומות דער שלאגין · אונ דער נאך זאגט ער צדיק וישר הוא אונ דר בחיי שרייבט הצור תמים פעלו דאש האט משה גיזאגט אנטקעגין אדם הראשון וואש ער האט גיבראכט דיא מיתה אויף דער וועלט · דרום האט משה דאש גיזאגט אין דעם טאג וואש ער האט גזאלט שטארבין הצור תמים פעלו · גאט האט אדם הראשון באשאפן ער זאל פרום זיין אונ זאל אייביג לעבן · אבר וייל ער האט איין עבירה גיטאן איז אויף אים נגזר גיווארן ער זאל שטארבין · דאש האט ער גיזאגט כי כל דרכיו משפט גאט האט רעכט גיטאן וואש ער האט אדם הראשון גיטייט אונ דר נאך זאגט ער וואש איז גיוועזן די עבירה פון אדם הראשון שחת לו לא ער האט פאר דארבין דאש ווארט לא וואש גאט האט צוא אים גיזאגט לא תאכל זאלסט ניט עסין פון דעם עץ הדעת אונ ער האט יוא גיגעסין · אויך האט דיא תורה דא גיוויזן דיא פיר עולמות די וועלט אונ יענע וועלט אונ אז די מתים וועלן לעבעדיג ווערין אונ אז גאט וועט זייא משפטין נאך דעם אז מען וועט זיי לעבעדיג מאכן · אונ מען זאגט דעם פסוק הצור תמים פעלו ווען איין מענטש שטארבט אונ מען ברייגגט אים אויף דעם בית הקברות דאש ער קומט פון איין וועלט אויף דער אנדערר · אונ דער תולדות יצחק שרייבט אויך דאש דר פסוק ווייזט אויף פיר עולמות צום ערשטן אויף דר וועלט וואס מיר זיינען דרינען דאש איין צדיק גייט עש איבל מיט דלות אונ איין רשע גייט עש וואול מיט עשירות דרויף זאגט ער הצור תמים פעלו גאט איז גירעכט מיט זיינע מעשים וואש ער טוט אויף דר וועלט אונ אויף יענער וועלט

יָדעַ דר מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט אַזוּ פִּירְט מֶען דֶעם רָשָׁע וָואשׁ אִיז רַייךְ גִוֶועְן אִין גֵיהִנָם דֶען עֶר הָאט גֵינוּג גוּטְשׁ גִיהַאט אוֹיף דֶר וֶועלְט פַּר זַיין בִּיסִיל מִצְוֹת וָואשׁ עֶר הָאט גִיטָאן · אוּנ דֶער צַדִיק וָואשׁ הָאט גִיהַאט פִיל צָרוֹת אוֹיף דֶר וֶועלְט פַאר זַיין בִּיסִיל עֲבֵירוֹת דֶען עֶשׁ אִיז נִיט מִינְלָאךְ דָאשׁ אַיין מֶענְטְשׁ זָאל קֵיין עֲבֵירוֹת נִיט טָאן אַזוּ וִויא אִין פָּסוּק שְׁטֵייט כִּי אָדָם אֵין צַדִיק בָּאָרֶץ אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה טּוֹב וְלֹא יֶחֱטָא עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין צַדִיקִים וָואשׁ זָאלִין נִיט זִינְדִיגְן דְרוּם הָאט עֶר צָרוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט · אוּנ אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט קוּמְט עֶר בַּאלְד אִין גַן עֵדֶן דָאשׁ זָאגְט דֶער פָּסוּק כִּי כָל דְרָכָיו מִשְׁפָּט אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט קֶען מֶען זֶעהֶן דָאשׁ גָאטְשׁ וֶועגִין זַיינֶען אַלִין מִיט מִשְׁפָּט · דָאשׁ זָאגְט דֶר פָּסוּק מִשְׁפְּטֵי יְיָ אֱמֶת צָדְקוּ יַחְדָיו דִיא מִשְׁפָּטִים פוּן גָאט זַיינֶען אֱמֶת אוּנ גִירֶעכְט וֶוען מֶען וֶועט בַּאהֶעפְטִין בֵּיידֶע וֶועלְטִין בַּיי אַנַאנְדֶר אַזוּ זֶעהְט מֶען דָאשׁ דְרוּם גֵייט עֶס דֶעם צַדִיק אִיבִּיל אוֹיף דֶר וֶועלְט כְּדֵי עֶר זָאל הָאבְּן עוֹלָם הַבָּא אוּנ דֶעם רָשָׁע גֵייט עֶשׁ וואוֹל אוֹיף דֶר וֶועלְט כְּדֵי עֶר זָאל קוּמֶן אִין גֵיהִנָם · אוּנ אוֹיף עוֹלָם הַמָשִׁיחַ זָאגְט עֶר אֵל אֱמוּנָה עֶר אִיז אַיין בַּאגְלַייבְּטֶער גָאט עֶר וֶועט גִיוִוישׁ בְּרֵיינְגְן מָשִׁיחַ · אוּנ אוֹיף דֶעם עוֹלָם זָאגְט עֶר וְאֵין עָוֶל גָאט טוּט נִיט קֵיין אוּם רֶעכְט וָואס עֶר וֶועט אֵיין טֵייל לֶעבְּעדִיג מַאכִין אוּנ אַטֵייל נִיט · אוּנ נָאךְ דֶעם אַז זֵיי וֶועלִין לֶעבְּעדִיג ווערִין אַזוֹא וֶועט גָאט זֵייא מִשְׁפְּטִין אוֹיף זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת · אוּנ אַטֵייל וֶועלִין לֶעבִּין בְּלֵייבְּן מִיט זֵייעֶר גוּף אוּנ נְשָׁמָה דָאשׁ הֵייסְט עוֹלָם הַבָּא אוּנ אַטֵייל וֶועלִין פַּר לָארִין וֶוערִן מִיט זֵייעֶר גוּף אוּנ נְשָׁמָה · דְרוּף זָאגְט דֶער פָּסוּק צַדִיק וְיָשָׁר הוּא עֶר אִיז אַיין צַדִיק וָואשׁ עֶר לָאזְט זֵיי לֶעבִּין וְיָשָׁר אוּנ עֶר אִיז גִירֶעכְט וָואשׁ עֶר הָאט דִי רְשָׁעִים פַאר לָארִין · אוֹיךְ זָאגְט דֶער תּוֹלְדוֹת יִצְחָק דִי חֲכָמִים הָאבְּן סִימָנִים גִיגֶעבִּין אוֹיף דִיא פַּרְשִׁיוֹת וואוּ מֶען זָאל אָן הוֹיבִּין אוּנ וואוּ מֶען זָאל אוֹישׁ לָאזִין וֶוען דֶר חַזָן רוּפְט אוֹיף צוּ דֶר תּוֹרָה · דֶען דֶער חַזָן דַארְף אוֹיף רוּפִין אוּנ זָאל אָן הֵייבִּין מִיט גוּטֶע רֵייד אוּנ זָאל אוֹישׁ לָאזִן מִיט גוּטֶע רֵייד אִין דֶר סֵפֶר תּוֹרָה · אָבֶּר אִין הַאֲזִינוּ שְׁטֵייט אִין מַסֶכֶת מְגִילָה מֶען זָאל דִי פַּרְשִׁיוֹת אוֹישׁ לָאזִין מִיט בֵּייזֶע רֵייד כְּדֵי מֶען זָאל דִי לַייט דֶר שְׁרֶעקִין צוּ טָאן תְּשׁוּבָה · אוּנ מֶען זָאל נִיט צֶערֶענֶען אוֹיף דֶעם חַזָן דֶען דִי חֲכָמִים הָאבְּן גִיצֵייכִינְט וואוּ מֶען זָאל אָן הוֹיבִּן אוּנ וואוּ מֶען זָאל אוֹישׁ לָאזִין אוּנ דֶר סִימָן אִיז הַזִיו לָךְ · וּבִפְרַט עֶשׁ אִיז נָאהֶענְט צוּא יוֹם כִּפּוּר דָאשׁ דֶר מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ בַּאטְרַאכְטִין תְּשׁוּבָה צוּ טָאן · אוּנ דִי פַּרְשָׁה אִיז גִיטֵיילְט אוֹיף זֶעקְס חֲלָקִים דִי עֶרְשְׁטֶע פַּרְשָׁה הֵייבְּט זִיךְ אָן הַאֲזִינוּ דָאשׁ זָאגְט דֶר פָּסוּק דָאס גוּטְשׁ וָואשׁ גָאט הָאט גִיטָאן מִיט יִשְׂרָאֵל וַוייל זֵייא זַיינֶען דָאשׁ בַּאשֶׁעפֶענִשׁ פוּן גָאט דֶען גָאט טוּט חֶסֶד מִיט אִיטְלִיכִין מֶענְטְשׁ אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז נִיט קֵיין יִשְׂרָאֵל · דְרוּם זָאגְט עֶר הֲלֹא הוּא אָבִיךְ קָנֶךָ עֶר הָאט דִיךְ בַּאשַׁאפִן אוּנ טוּט דִיר חֶסֶד דְרוּם אִיז רָאוּי צוּ לוֹיבִּין אִים דִי אַנְדֶערֶע פַּרְשָׁה הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט אַיין זַיין זְכוֹר יְמוֹת עוֹלָם דָאשׁ זָאגְט עֶר דָאשׁ גוּטְשׁ וָואס גָאט הָאט גִיטָאן צוּא יִשְׂרָאֵל אִין דֶער מִדְבָּר וַוייל זֵיי הָאבְּן תּוֹרָה גִילֶערִינְט · דְרוּם שְׁטֵייט אִין דֶר פַּרְשָׁה כִּי חֵלֶק יְיָ עַמּוֹ דִיא יִשְׂרָאֵל זַיינֶען דָאשׁ חֵלֶק פוּן גָאט דְרוּם טוּט עֶר זֵייא פִיל גוּטְשׁ · דִיא דְרִיטֶע פַּרְשָׁה הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט אַיין יוּ״ד יַרְכִּיבֵהוּ דָאשׁ זָאגְט עֶר דָאשׁ גוּטְשׁ וָואשׁ גָאט הָאט גִיטָאן צוּ יִשְׂרָאֵל דְרוּם זָאגְט עֶר יַרְכִּיבֵהוּ עַל בָּמֳתֵי אָרֶץ עֶר הָאט אִים גִימַאכְט רֵייטִין אוֹיף דֶער הוֹיךְ פוּן דֶר עֶרְד דָאשׁ אִיז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואשׁ דָאשׁ אִיז הֶעכֶר פוּן אַלֶע לֶענְדֶער אוּנ עֶס אִיז אַיין גוּט לַאנְד מִיט פִיל מִילְךְ אוּנ הָאנִיק · דִי פֶערְטֶע פַּרְשָׁה הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט אַיין וא״ו וַיַרְא יְיָ וַיִנְאָץ דָאשׁ זָאגְט עֶר דִיא יִשְׂרָאֵל זַיינֶען שְׁלֶעכְט גִיוָוארִן וַוייל זֵייא הָאבִּין פִיל גוּטְשׁ גִיהַאט פוּן גָאט אוּנ הָאבִּין גִיטָאן עֲבֵירוֹת · דְרוּם הָאט גָאט אוֹיף

די גיצערינט אונ האט גיזאגט אסתירה פני מהם איך וועל פאר בארגין מיין פנים פון ישראל אונ וועל זיי ניט העלפין אין זייער נויט · די פינפטע פרשה הויבט זיך אן מיט איין למ"ד לולי כעס אויב דאש זאגט ער האטשע גאט האט צו ישראל גישטראפט אויף זייערע עבירות דאך טוען זיי קיין תשובה ניט דען זיי טראכטן דאש בייז איז ניט פון גאט עש איז איין טרעפונג זיי גישעהן דורך דער נאטור · דרום זאגט ער לו חכמו ישכילו זאת ווען דיא ישראל זאלין קלוג זיין אונ זאלן טראכטין וויא קומט עש דאש איינער יאגט נאך טויזנט פון ישראל אונ צווייא יאגין נאך צעהען טויזנט פון ישראל דאס מוז גיווים זיין דאש גאט טוט עש ער האט אונז איבר גיענטפערט אין דר האנט פון דעם פיינט · דיא זעקסטע פרשה הייבט זיך אן מיט איין כ"ף כי אשא אל שמים ידי דער חזקוני שרייבט הצור תמים פעלו גאט וואש ער ארבעט איז אין גאנצין זיין מעשה · אבער איין מענטש ווען ער מויערט איין מויער האט ער די שטיינער ניט גמאכט נאר זיי זיינן פון לאנג גיוועזן אונ אויך דאש האלץ אדר דיא ליים האט ער ניט גימאכט · שחת לו לא ווען איין מענטש ווערט גישטראפט דאש איז ניט פון גאט נאר זיינע עבירות טוען דאש · הלה' תגמלו זאת זאלט איר דען צו גאט בייז טאן וואש ער האט אייך די אלע טובות גיטאן ער איז דיין רעכטר פאטר ער האט דיך בשאפין · גידיינקט דאס גאט האט גישטראפט די דורות וואש זיינען פאר אייך גיוועזן · פרעגט די נביאים אונ די זקנים וועלן זיי אייך זאגין · צום ערשטין איז גיוועזן דר דור הפלגה וואש האבין איין גרויסן טורים גיבויט ארויף צו גיין אין הימל אזוא וואלט גאט זיי גיקאנט דער טרינקען אין וואשר אדר פאר ברענען אין פייער · נאר ער האט זייא גילאזט לעבין בדי ער זאל פון זייא ארויש ברענגן די צוועלף שבטים פון ישראל · כי חלק ה' עמו די ישראל זיינען דאש חלק פון גאט

אונ זיי זיינן וואָרין גיבארין פון דיא עובדי כוכבים · דרום האט גאט דיא עובדי כוכבים ניט גיטייט · ימצאהו בארץ מדבר גאט האט דיא ישראל גיפונען באגלייבט אין דער מדבר דש ישמעאל אונ עשו האבין ניט גיוואלט די תורה מקבל זיין אונ דיא ישראל האבין דיא תורה מקבל גיוועזן אונ זיינן גיגאנגן נאך גאט אין דער מדבר וואש קיין מענטשן זיינען דארטין ניט אונ גאט האט זייא ארום גרינגילט מיט זיינע גוטע וואלקינש אונ האט זייא גימאכט פיר פאנגען אזוא וויא מלכים פלעגין צו זיין אונ האט זיי גילערינט חכמה אונ תורה אונ האט זיי גיהיט פון שלאנגן אונ חיות אונ פון דיא אומות · אראה מה אחריתם דר ספר כלי יקר שרייבט די ישראל האבין דרייא נעמן ישראל יעקב ישורון דאש זאגט גאט איך זעה דיא הינטערשטע אותיות פון די דריי נעמן איז לבן כלומר פון וועגין דעם זכות יעקב וועט זייערע עבירות וייס ווערין דאש איך וועל זייא מוחל זיין דען לבן איז טייטש וויים · אבר די ישראל טוען עבירות אונ קערין אום דאש ווארט לבן צו נבל דאש איז טייטש שאנד · דאש זאגט דער פסוק כי דור תהפוכות המה דיא ישראל זיינען איין פאלק וואש פר קערין דאש ווארט לבן · כנשר יעיר קנו גאט האט דיא ישראל גיפירט אין דער מדבר אזוא וויא איין אדלער טראגט זיינע קינדער אויף די פליגיל · אונ אז ער קומט צו זיין נעסט קלאפט ער מיט די פליגיל אין די צווייגין פון דיא בוימער צוא אויף וועקין זיינע קינדער זיי זאלין זיך ניט דר שרעקין אונ זאלין אים קענגן דער ליידין · אזו איז אויך גיוועזן גאט ער האט זיך באוויזין אויף דעם בארג סיני מיט פיל מלאכים אונ איז גיקומן פון די פיר זייטין פון דער וועלט צום בארג סיני בדי דיא ישראל זאלין אים קענגן דער ליידין · אונ אזו וויא איין אדלער אז ער טראגט זיינע קינדער פון איין ארט אויף דעם אנדערין טראגט ער זיי אויף די פליגיל דען

ער

אך האט קיין מורא ניט פאר קיין אנדערין פויגיל דאש ער זאל זיא אוועק חאפין ווייל קיין שום פויגל פליט ניט העכר פון אים נאר ער האט מורא מען זאל אים ניט שיסן מיט איין פייל דרום טראגט ער זיי אויף די פליגל אונ זאגט עש איז בעסער די פייל זאל אריין ניין אין מיר ניט אין מיינע קינדער · אבער אנדרע פייגלין נעמן זייערע קינדער צווישין דיא פיס ווייל זיי האבין מורא צוא טראגן זיי אויף דיא פליגיל דאש איין אדלער וואש פליהעט העכער זאל זייערע קינדער ניט אוועק נעמען · אזו אויך אז די ישראל זיינן גיגאנגען פון מצרים אונ די מצרים האבן זיי נאך גיאגט אונ האבין גישאסין מיט פיילן · האט זיך דר וואלקן גשטעלט צווישן ישראל אונ צווישין דיא מצרים אונ האט די פיילין אין זיך אריין גינומען · אונ גאט טוט פיל גוטש מיט ישראל · אונ האט זיי גיגעבן ארץ ישראל וואש דאש איז איין רייך אונ איין פעט לאנד מיט גוטע פירות אונ גוטע שאף אונ ווייך · אונ ווייל זיי האבן פיל גוטש גיהאט זיינען זיי שלעכט גיווארין · אזוא האט גאט גצערינט אויף ישראל אונ האט גזאגט אפאיהם איך וועל זיי פאר שפרייטין אויף אלע עקין פון דער וועלט · די גמרא זאגט אין חלק דרייא גלות האבין די ישראל גיהאט אטייל האט גאט פאר טריבין אונטער דעם טייך סמבטיון · אונ אטייל זיינן אין לאנד אנטיוכם אונ אטייל איז אויף זיי גיקומן איין וואלקין אונ האט זיא צוא גידעקט · כי ידין יי עמו גאט וועט זיך דער בארימן איבער זיין פאלק דאס זייא האבין שוין גינוג צרות גיהאט אני אני הוא ואין אלהים עמדי איך בין דער גאט צוא מאכין גידערין דיא לייט אונ צוא הויך מאכין דיא לייט · אונ עש איז ניט דא קיין גאט וואש זאל מיר קענן ווערין איך האב דיא ישראל גיטייט אונ איך וועל זייא ווידער לעבעדיג מאכין · פון דאנען לערנען מיר אפ דאס גאט וועט דיא טויטע לעבעדיג מאכין אין דיא טעג פון משיח · דר בחיי פרעגט ווארום האט דיא תורה ניט באשיידליך אן גישריבין דאס גאט וועט דיא טויטע לעבעדיג מאכין דער תירוץ איז דיא תורה איז ווארין גיגעבין פאר אלע מענטשין · אונ עש זיינן גיוועזן פראסטע מענטשן וואש קענן ניט אליין פר שטיין בפרט אזו איין חידוש · דרום האט דיא תורה דאש נאר גישטעלט אין איין רמז דאש די חכמים זאלין דר פון פר שטיין · וכפר אדמתו עמו דיא גמרא אין כתובות לערינט אפ פון דעם פסוק ווער עש ווערט באגראבין אין ארץ ישראל דעם איז גאט מוחל זיינע עבירות דען דיא ערד איז מכפר אויף זיין פאלק :

## הפטרת האזינו

ווען נצבים ווילך גייען צוא טיילט זאגט מען צוא האזינו דיא הפטרה :

וידבר דוד ליי את דברי השירה הזאת דוד האט גירעט די שירה צוא גאט אין סוף זיינע טעג אז גאט האט אים מציל גיוועזן פון אלע זיינע פיינט אונ פון דר האנט פון שאול · ויאמר יי סלעי ומצודתי אונ ער האט גיזאגט גאט איז מיין שטארקער שטיין אונ מיין אנטרינער וואש איך האב מיך אין אים גטאן בשיצין פאר מיינע פיינט מגני וקרן ישעי משגבי דוא גאט בישט מיין בשיצער אונ דר הארין פון מיין הילף אונ מיין שטארקייט מהולל אקרא יי גילויבטער הייד טוא איך רופין גאט ווארום איך בין בטוח אין גאט דאש פון מיינע פיינט וועל איך גיהאלפן ווערין · כי אפפוני משברי מות דען עש האבין מיך ארום גרינגילט ברעכינש פון טויט אונ טייכין פון די שלעכטע לייט האבין מיך דר שראקין · בצר לי אקרא יי ווען עש איז מיר איינג רוף איך גאט אונ טוא שרייען צו אים אונ ער נעמט אן מיין תפלה אונ הערט פון דעם הימל מיין קול אונ מיין גישרייא קומט אין זיינע אויערין ותגעש ותרעש הארץ ווען גאט האט גיטאן צערענען אויף די עובדי כוכבים וואש זייא האבין די ישראל וויא גטאן אזו האט גטאן די ערד אונ די גרונד פעסט ציטערין די הימל האבין גטאן ציטערין פון דעם רוגז פון גאט דען עש גייט גלייך אז איין רויך אויש זיין נאז לעביר פאר גרוישין רוגז אונ

פייער

פייער גייט ארויש פון זיין מויל ויט שמים וירד
ווען גאט האט גיטאן איין נקמה אין די מצרים
אונ אין פרעה האט גאט אראפ גינידערט פון
זיין הימיל אונ איין נעפיל איז גיוועזן אונטער
זיינע פיס יקדמוני ביום אידי ויהי יי משען לי דוד זאגט
אז איך בין אנטלאפין גיווארין פאר שאול זיינן
מיר די פיינט פריער אן גילאפין אונ האבין מיך
פאר שאול גמסירת אבר גאט האט מיר גהאלפין
מיט מיין גירעכטיקייט דאש איך בין אים נאך
גיגאנגן אין דר מדבר אונ האב מיך סומך גוועזן
אויף זיין הבטחה · כבור ידי ישיב לי אזו וויא דאש
לויטערקייט פון מיינע הענט זאל ער אום קערין
צו מיר דען איך האב גיהיט די וועגין פון גאט
אונ האב ניט גישולדיגט צוא גאט דען אלע
זיינע משפטים זיינען אנטקעגין מיר אונ איך
האב ניט אפ גיקערט אפילו פון איין גיזעץ עם
חסיד תתחסד מיט אברהם וואש ער איז גיוועזן
איין חסיד טושטו חסד מיט זיינע קינדער אונ
מיט יצחק וואש ער איז גוועזן שטארק אונ גאנץ
אין דיין דינשט טושטו זיינע קינדער אויך
בצאלין גאנץ גוטש עם גבר תתבר ועם עקש תתפל
מיט דעם לויטערין דאש איז יעקב וואש ער איז
גיוועזן לויטער פאר דיר האשטו אויש דר ווילט
דיינע קינדר פון אלע פעלקער אונ האשט זייא
גילייטערט פון זייערע פסולת · אונ מיט דעם
פאר קרימטין דאש איז פרעה האשטו גיטאן
פאר קרימען אונ האשט מבלבל גיוועזן זיינע
בייזע מחשבות וואש ער האט גיטראכט אויף
ישראל · ואת עם עני תושיע אונ דאש ארום פאלק
ישראל האשטו גטאן העלפין ועיניך על רמים תשפיל
אונ דיינע אויגין טושטו אויף די וואש האלטין
זיך הויך דו זאלשט זיי נידעריג מאכין · כי אתה
נרי יי דען דוא גאט בישט מיין ליכט אונ גאט
טוט דר לייכטין מיין פינצטערנעש · כי בכה ארץ
גדוד דען דורך דיין בטחון לויף איך צווישן דעם
חיל פון די עובדי כוכבים אונ דורך דר הילף
פון מיין גאט טוא איך שפרינגען אויף זייערע
מויערין אונ נעם זיי איין האל תמים דרכו גאט זיין
וועג איז גאנץ די זאג פון גאט איז לויטער ער
איז מקיים וואש ער זאגט ער איז איין פאנצר
צו אלע די וואש בשיצין זיך אין אים · כי מי אל
מבלעדי יי דען ווער איז איין גאט חוץ דר גאט
פון ישראל אונ ווער איז איין בשעפער חוץ
אונזער גאט המאזרני חיל גאט האט מיך גשטארקט
מיט כח אונ ער האט גימאכט אוועק שפרינגן
אלע שטרויכלונג פון מיין וועג איך בין גיגאנגן
ביז דאש מיין וועג איז גיבליבין גאנץ משוה
רגלי כאילות ער האט גימאכט גרינג מיינע פיס
אזו וויא די אינדין אונ אויף מיין הויך טוט ער
מיך שטעלין מלמד ידי למלחמה ער לערינט מיינע
הענט צו מלחמה האלטן אונ עש ווערט גיבראכין
דר קופערנער בויגין דורך מיינע ארום דען עש
פלעגין היינגען קופערנע בויגין ביא דוד אין
הויז אונ אז די מלכים פון די אומות פלעגין זיי
זעהען פלעגין זיי זאגין איינער צום אנדרין איר
מיינט דוד קען די בויגין אן ציהען ניין עש איז
ניט מער נאר צו דער שרעקין אונז מיר זאלין
פאר אים מורא האבין אונ אז דוד פלעגט עש
דער הערין פלעגט ער נעמען דיא בויגין אונ
פלעגט זייא אן ציהען פאר זייערע אויגין · ותתן
לי מגן ישעך אונ דוא האשט מיר גיגעבין דיין
הילף וואש זיא איז גלייך אזו וויא איין פאנצער
אונ דיין מדה פון ענוה האשטו גיגרוישט מיט
מיר דאש דו האשט זיך נוהג גיוועזן מיט מיר
מיט פיל ענוה דו האשט גימאכט ברייט מיינע
טריט אונטער מיר כדי איך זאל ניט פאלין אונ
זיי האבין זיך ניט אויש גיגליצט מיינע טריט
ארדפה אויבי ואשמידם איך האב נאך גיאגט מיינע
פיינט אונ האב זיי פאר טיליגט איך האב מיך
ניט אום גיקערט ביז איך האב זיי פאר לענט ·
ותזרני חיל למלחמה אונ דו האשט מיך אן גיגורט
מיט כח צו מלחמה האלטין דו האשט גימאכט
קניען מיינע פיינט אונטער מיר אונ מיינע
פיינט האשטו גימאכט אנטלויפין דאש זייא
קערין זיך צו מיר אום מיט דעם אקין אונ מיינע
פיינט טוא איך פאר שניידין · ישעו ואין מושיע
זיי טוען זיך קערין צו זייערע אפ געטער אבר
עש קען קיינער פון זיי ניט העלפין · נאך דעם
קערין זייא זיך צו גאט אונ ער וויל זייא ניט
ענטפערין · ואשחקם כעפר ארץ איך טוא זייא צו
רייבין אזו וויא די שטוב פון דער ערד אזוא
וויא דיא ליים פון דיא גאסין טוא איך זייא צוא
דינגען אונ צוא טרעטין ותפלטני מריבי עמי דוא
האשט מיך גימאכט אנטרינען פון די קריגערש
פון מיין פאלק דאש איז דואג אונ אחיתופל
אונ שאול אונ די זיפים דו האשט מיך גיהיט
איך זאל זיין איין ראש איבער דיא פעלקער ·
דאש פאלק וואש איך ווייש ניט טוען מיך דינן

בני

בְּנֵי נֵכָר יִתְכַּחֲשׁוּ לִי דיא קינדער פון דיא פרעמדע
אומות זאלין פאר מיר ליגין זאגין פון וועגין
מורא צוא דעם הערין פון דעם אויער וואש
זייא וועלין הערין מיין גיבאט אפילו אונטער
מיינע אויגין זאלין זיי מיר צו הערין בְּנֵי נֵכָר יִבּוֹלוּ
די קינדער פון די פרעמדע אומות זאלין מיד
ווערין אונ זאלין הינקידיג ווערין מחמת דעם
פאר שליסונג וואש איך וועל זיי פאר שליסין ·
חַי יְיָ דער גאט וואש לעבט אייביג דער האט
מיר גיטאן די אלע נסים וּבָרוּךְ צוּרִי אונ גיבענטשט
איז מיין באשעפר וְיָרוּם אֱלֹהֵי צוּר יִשְׁעִי אונ דער
הויבין איז גאט וואש ער איז דר שטארקער
פון מיין הילף · הָאֵל הַנּוֹתֵן נְקָמוֹת לִי דער גאט
וואש גיט נקמות צוא מיר פון מיינע פיינט ·
אונ ער מאכט נידערין פעלקער אונטער מיר
דיא וואש ווילין מיר בייז טאן · אונ ער איז
מיין אויש ציהער פון מיינע פיינט פון דעם
מענטשין וואש וויל מיר בארויבין טושטו מיך
מציל זיין עַל כֵּן אוֹדְךָ יְיָ בַּגּוֹיִם דרום וועל איך
דיך לויבין צווישין דיא פעלקער אונ צוא דיין
נאמען וועל איך זינגען מיט לויב: מַגְדּוֹל יְשׁוּעוֹת
מַלְכּוֹ ער דער גרויסט דיא הילף פון זיין מלך ·
אונ ער טוט חסד צו זיין גיזאלבטין · צוא דוד
אונ צו זיינע קינדער ביז אייביג · דער מדרש
שוחר טוב שרייבט אויף דעם פסוק וַיִּרְכַּב עַל כְּרוּב
וַיָּעֹף דאש איז די צייט אז פרעה האט גיוואלט
נאך יאגין דיא ישראל · רבי אחא זאגט עש איז
איין משל צו איין מלך וואש גזלנים האבין זיין
זון אוועק גינומען אזו זיינען דיא קנעכט באלד
גילאפין אונ האבין דעם מלך אן גיברייט זיין
רייט וואגין מיט פיל פערד צו נאך יאגין דיא
גזלנים · האט דר מלך גיזאגט איידער מען וועט
דעם רייט וואגין מיט די פערד איין שפאנען דר
וויל וועט מיין זון פאר פאלין ווערין · אזו האט
דר מלך גינומען איין פערד פון דעם רייט וואגן
אונ האט גירייטין דרויף צו נאך יאגין די גזלנים
אזוא אויך האט גאט ניט גיוואלט זאמין צוא
רייטין אויף דעם כסא הכבוד מיט די חיות אונ
כרובים · אונ האט גינומען איין כרוב פון דעם
כסא הכבוד אונ האט אויף אים גירייטין צוא
מלחמה האלטין מיט פרעה · דער מדרש רבה
שרייבט פיר מלכים זיינען גיוועזן וואש איטליכר
האט אנדערש גיזאגט צוא גאט · דוד האט
גיזאגט · אֶרְדּוֹף אוֹיְבַי וְאַשְׁמִידֵם לאם איך נאך
יאגין מיינע פיינט אונ לאם איך זיי דר שלאגין
אזו האט גאט זיין תפלה צוא גיהערט אונ ער
האט דער שלאגין זיינע פיינט · אונ דער מלך
אסא האט גיזאגט איך האב קיין כח ניט דיא
פיינט צו דער שלאגין נאר איך וועל זייא נאך
יאגין · אונ דוא גאט זאלשט זיי דער שלאגין ·
האט גאט גיזאגט איך וועל דאש טאן דרום
שטייט ביי אים כִּי נִשְׁבְּרוּ לִפְנֵי יְיָ זיי זיינן גיווארן
דער שלאגין פאר גאט · אונ דר נאך איז גוועזן
דר מלך יהושפט ער האט גיזאגט צו גאט איך
האב קיין כח ניט אפילו נאך צוא יאגין דיא
פיינט נאר איך וועל שירה זאגין אונ דו זאלשט
זייא דער שלאגין האט גאט גיזאגט איך וועל
עש טאן זאג דוא שירה אונ איך וועל דיינע
פיינט דר שלאגין · דער נאך איז גיוועזן חזקיה
המלך ער האט גיזאגט צו גאט · איך קאן ניט
נאך יאגין אונ דער שלאגין מיינע פיינט אונ
קאן קיין שירה אויך ניט זאגין · אונ דוא גאט
זאלשט מיינע פיינט דער שלאגין · האט גאט
גיזאגט איך וועל דאש טאן אזו וויא אין פסוק
שטייט וַיֵּצֵא מַלְאַךְ יְיָ וַיַּךְ בְּמַחֲנֵה אַשּׁוּר עש איז
ארויש גיגאנגען איין מלאך פון גאט ביי
נאכט אונ האט דער שלאגין דיא מחנה פון
אשור · דער תנחומא שרייבט אויף דעם
פסוק וְעַנְוָתְךָ תַּרְבֵּנִי · מען גיפינט ניט אזוא איין
ענו וויא גאט איז · דען איין מענטש זאגט
צוא זיין חבר לאמיר גיין איין כלה משמח זיין
אדער מבקר חולה זיין אדער איין מת מלוה
זיין · ענטפערט דער חבר עש איז פאר מיר
נידעריג איך זאל גיין צוא דער כלה אדער
צוא דעם קראנקין אדער צוא דעם מת ·
אבער גאט האלט זיך ניט הויך ער האט
חוה אליין גיצירט אזוא וויא מען צירט איין
כלה אונ האט זיא גיפירט צוא איר חתן
אדם הראשון · אונ צוא אברהם איז ער
גיקומען מבקר חולה זיין אין דעם דריטין טאג
פון דער מילה דאש ער איז זייער שלאף
גיוועזן אונ משה רבינו האט גאט אליין אים
באגראבין · דרום זאל קיין מענטש קיין גאוה
ניט האבין · אונ זאל מצות מקיים זיין אזוא
וועט משיח קומען · אמן:

האזינו השמים רבי חייא הויבט אן זכאה איז דער חלק פון משה מער פון אלע

קום און זעה ישעיה הנביא האט גיזאגט שמעו שמים והאזיני ארץ דרום וויל ער איז גיוועזן ווייט פון דעם מלך האט ער גיזאגט צו דעם הימיל שמעו הער צו פון ווייטין אבער משה רבינו איז גיוועזן נאהענט האט ער גיזאגט האזינו פאר נעמט:

תאנא בשעת ישעיה האט גיזאגט שמעו שמים זיינען גיקומען מלאכים בעלי דינים און האבין אים גיוואלט צו שפאלטין זיין קאפ עס איז ארויס גיגאנגען איין קול ווער וויל שמורעמען די וועלט ביז ער האט גיזאגט איך זאג דאס ניט נאר כי פי יי דבר השי"ת האט אזוי גיזאגט אבער ביי משה שטייט האזינו השמים ואדברה איך וועל ריידין ניט קיין אנדערער און איך וועל ריידין אן מורא ותשמע הארץ אמרי פי די ערד זאל הערן די ריידין פון מיין מויל און ניט פון קיין אנדערין וואול צו זיין חלק כי שם יי אקרא ער האט מגלה גיוועזן דעם שם יי פון דאנען לערנען מיר אפ וועלכער וואס ער ווייסט די חכמה עליונה אז דער טאג קומט ער זאל שטארבין דארף ער מגלה זיין די חכמה צו די וואס זיינען בעלי רוח הקודש מיר לערנען דאס אפ פון משה רבינו ער זאגט ועתה כתבו לכם את השירה הזאת און אז ער וויל ניט מגלה זיין שטייט אויף אים אל תמנע טוב מבעליו דוא זאלשט ניט פאר מיידין די תורה וואס זיא הייסט טוב פון זיין האר בהיות לאל ידך לעשות איידער דו ווערשט אפ גיטאן פון דער וועלט:

זכור ימות עולם וגו' שאל אביך ויגדך פרעג צוא השי"ת וועט ער דיר זאגין ימצאהו בארץ מדבר ובתהו ילל ישימון פון דער וויסטענעש דאס הייסט פון די קליפות ארויס תרח אבי אברהם ואבי נחור ואקח את אביכם אברהם וגו' און ער האט זיא אליין גיפירט און האט זיך ניט אפ גישייד און פירט זיא מיט רחמים כנשר יעיר קנו וויא איין אדלער איז איין רחמן אויף זיינע קינדער דרום זאגט ער יי בדד ינחנו ואין עמו וגו' ער אליין פירט זיא אזוי וויא משה האט גיזאגט אם אין פניך הולכים אל תעלנו מזה אויך שטייט כי יעקב בחר לו יה ישראל לסגולתו און ווידער שטייט כי לא יטוש יי את עמו בעבור שמו הגדול ער פאר לאזט זיא ניט ווייל זיא זיינען מקושר אין זיין גרויסין נאמען דרום לאזט ער זיא ניט אפ פון זיך וואו זיא זיינען איז ער אויך מיט זיא ימצאהו בארץ מדבר דיא קראנק וואס בדארף צו קומען ווערין גיפונען אויף אים ער איז גלייך וויא דער מלך האט גיהיישין איינעם ביגרין אויב דוא וועסט זאגין ווייל הקב"ה האט אים גישטראפט דארף מען אים שוין ניט העלפין דער פון עס איז ניט אזוי דוד המלך האט גיזאגט אשרי משכיל אל דל ווער איז דער דל דער וואס ליגט שלאף און איינער איז איין רופא נאמן און איז זיך משתדל אים צו העלפין אזוי בענטשט אים השי"ת און אז דער רופא גיפינט אים בארץ מדבר אין זיין שלאפקייט ובתהו ילל ישימון דען דורך דער קראנק ווערט ער פאר וויסט פון אלץ דינג וואס זאל דער רופא טאן יסובבנו זאל ער אים ממציא זיין טובות און רפואות ער זאל קענען אים היילין די קראנק יבוננהו ער כוון גוט פאר שטיין וואס פאר איין קראנק דאס איז דען אז ער פאר שטייט ניט די קראנק וויא אזוי קען ער אים טאן איין רפואה און ער זאל זעהען אז די קראנק זאל זיך ניט שטארקין אויף אים וויא דען יצרנהו כאישון עינו ער זאל אים היטין צו געבין אזעלכע רפואות וואס ער דארף ער זאל זיך ניט טועה זיין ווארום אז ער איז זיך חס ושלום טועה און דער מענטש שטארבט רעכינט אים הקב"ה גלייך וויא ער וואלט אים ממית גיוועזן דען השי"ת איז דן דעם מענטשין הן אויף טויט און הן אויף עונש ער זאל האבין יסורים און זאל אן ווערין פיל געלט דורך דעם אזו ווערט ער שלאף און קען ניט גיהיילט ווערין ביז עס קאסט אים די קראנק וויא פיל עס איז אויף אים נגזר גיווארין און אז עס ווערט נגזר ער זאל שטארבין ער זאל אפילו אוועק געבין דאס גאנצע געלט פון דער וועלט קען ער דער פון ניט פטור ווערין דרום דארף דער רופא חכם זיך משתדל זיין אין אים באטראכטין אים אויב ער קען אים היילין זיין גוף איז גוט און אז ניט זאל ער אים היילין די

נשמה זאגט רבי אלעזר מיר האט גיזאגט איין [illegible] דאש הייסט איין מוחר אז ער האט גיהערט פון זיין פאטער אז אין זיינע צייטין איז גיוועזן איין רופא אז ער האט נאר דער זעהען איין חולה האט ער שוין דער קענט ווער עש וועט לעבין אונ ווער עס וועט שטארבין · מענטשין האבין אויף אים גיזאגט ער איז אגרוישער צדיק אונ אז דער חולה איז גיוועזן איין ארומאן האט ער אים גיהיילט פאר זיינע הוצאות דען זייא האבין אויף אים גיזאגט עש איז ניט פאר האנדרין אזו איין חכם אויף דער וועלט זיין גלייכין אונ דער מוחר האט מיר גיזאגט ער האט גירשת איין ספר פון זיין פאטער אונ דער ספר איז מיוסד אויף סודות התורה אונ אויף אלע רפואות עש איז אין אים גישטאנען דיא שפראך וואש בלעם הרשע האט פאר שפראכין איין חולה איז דער חולה פון דעם גיזונד גיווארין אונ ער האט אלץ פועל גיוועזן פון דעם ספר ער האט גיזאגט דאש איז מותר דאש איז אסור אונ ווער עש איז איין ירא שמים אויף האט ער גיזאגט עש איז פאר האנדרין אזעלכע רפואות וואש היינגען אן אין דער שפראך פון דעם מויל וואש זייא זיינען מצד הנחש אונ מצד הקסם אונ פון אלע וואש מען טאר זייא ניט טאן במעשה · אויך האט ער דארטין גיפונען אויף אזעלכע קריינק וואש מענטשין ווייסין פון זייא דארף מען אזו זאגין אויף דיא ממונים וואש זיינען דרויף גיזעצט אונ עש איז אונז גיוועזן איין גרוישע תמיה רבי אלעזר מיט דער גאנצער חבריא האבין דאש צוא גיהערט אונ מיר האבין זיך זייער גיפרייט · אונ מיר האבין גילערינט רבי אבא זאגט דעם ספר האב איך בייא מיר גיהאלטין צוועלף חדשים אונ האב אין אים גיפונען סודות עליונים אונ אז איך בין גיקומען צו דיא סודות וואש בלעם האט גיטאן האב איך מיך זייער פאר וואונדערט · אמאל האב איך גישפראכין אויף איין ארט זיינען די אותיות ארויף אונ אראפ ביז מען האט מיר גיוויזין אין חלום נאך וואס נייסט דוא אריין אין אזו איין תהום וואש עש גיהער ניט צו דיר אונ דוא דארפשט דאש ניט האב איך מיך אויף גיהאפט אונ עש האט מיר באנק גיטאן אויף דיא סודות וואש דארטין איז גיוועזן האב איך גישיקט צו דעם יהודי וואש ער הייסט רבי יוסי ברבי יהודה אונ האב אים אפ גיגעבין זיין ספר · אונ צווישין די סודות פון בלעם האב איך גיפונען די נעמען פון דיא מלאכים וואש בלק האט גישיקט צוא בלעם אבער זייא זיינען ניט מסודר אויף זייער תיקון וויא עש דארף צו זיין נאר דיא רפואות שטייען דארטין מסודר ומיוסד מיט חסידות אונ תפלות ובקשות צו השי״ת · וועשטו וועלין מיינען ער האט גימאכט דיא רפואות מיט שמות וסודות חס ושלום נייערט ער האט גיזאגט סודות פון דער תורה אונ פון דעם סוד האט ער ארויש גיצויגין דיא רפואות דאש איז אזעלכע זאכין וואש איך האב פאר מיין לעבין ניט גיזעהען האב איך גיזאגט גילויבט איז השי״ת וואש ער האט קלוג גימאכט דיא מענטשין מיט דער חכמה עליונה אונ פון דיא זאכין פון בלעם האב איך גיזעהען אז קיינער איז ניט גיוועזן אזו איין חכם בחרשים ובכשפים אזו וויא בלעם האב איך גיזאגט בריך רחמנא וואש ער האט מבטל גיוועזן דעם כישוף פון דער וועלט כדי דיא מענטשין זאלין זיך ניט טועה זיין אין דעם חס ושלום אפ צו קערין פון יראת השי״ת ויתעלה שמו אמן ·

רבי פנחס מיט רבי יצחק מיט רבי חייא זיינען גיזעסין בייא נאכט אונ האבין גילערינט אין דעם פסוק למנצח על שושן עדות מכתם לדוד ללמד וויא זייא זיצין קומט אראפ איין אדלער אונ נעמט איין רויז פון צווישין זייא אונ איז אוועק גיגאנגען זאגין זייא מיר דארפין גיין אונזער וועג זיינען זייא אוועק גיגאנגען וויא עש איז טאג גיווארין הויבט רבי חייא אויף זיינע אויגן אונ זעהט וויא דיא שטערין לויפין הין אונ הער זאגט ער איך האב שוין וויא פיל מאל גיפרעגט וואס דאש באטייט זאגט רבי פנחס דיא חבריא ווייסין וואול וואש דיא שטערין באווייזין דאש הקב״ה האט בשאפין דיא שטערין קליינע אונ גרוישע אונ זייא אלע לויבין צוא הקב״ה אזו וויא עש שטייט מונה מספר לכוכבים אונ אז עש קומט זייער צייט צוא

זאגין

ואגין שירה רופט זיא הקב"ה ביא זייער נאמען אזו וויא עס שטייט לכולם בשם יקרא אזו טוען זייא לויפין הין אונ הער צו גיין לויבין זייער האר אזו וויא עס שטייט שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה דער ווייל איז רעכט טאג גיווארין זיינען זייא גלייך אוועק גיגאנגען וויא זייא גייען קומט אגרוישער אדלער אונ שטעלט זיך אנידער אונ רינגילט זייא ארום אונ ארום זאגט רבי פנחס בוודאי איז איצונד איין עת רצון דאס איצונד ווערין גיעפינט דיא שערי רחמים צו אלע קראנקע אונ עס איז דיא צייט פון רפואה צו זייא דען דער אדלער איז איין סימן פון רחמים צוא זייא ער הויבט אן צו זאגין כנשר יעיר קנו על גוזליו ירחף עס איז ניט פאר האנדין קיין בעל רחמנות אויף דער וועלט אזו וויא איין אדלער אונ ווייל איצונד איז איין שעת רחמים דרום איז ער גיקומען צו אונז אזו וויא עס שטייט ה' בוקר תשמע קולי דען גאנץ פריא איז דיא צייט פון רחמים מקבל זיין דיא תפלות:

תאנא מיר האבין גילערינט דעם טאג וואס רבי שמעון האט גידארפט אוועק גיין פון דער וועלט האבין זיך איין גיזאמילט דיא גאנצע חבריא אונ רבי שמעון האט פאר דער גאנצער חבריא מסדר גיוועזן זיינע רייד אונ פאר אים איז גיוועזן זיין זון רבי אלעזר מיט רבי אבא אונ דיא איבעריגע חבריא אונ דיא שטוב איז גיווארין פול מיט מענטשין האט רבי שמעון אויף גיהויבין זיינע אויגין אונ האט גיזעהען וויא דיא שטוב איז פול מיט מענטשין האט ער אן גיהויבין צוא וויינען אונ זאגט איין אנדער מאל אז איך בין קראנק גיווארין אונ רבי פנחס בן יאיר איז גיוועזן פאר מיר אונ איידער איך האב מיר אויס גיקליבין איין ארט אין גן עדן האבין זייא אויף מיר גיווארט אונ אז איך בין צוריק גיקומען האט איין פייער ארום גירינגילט פאר מיר אונ עס איז קיין מאל ניט אפ גישייד גיווארין אונ קיין מענטש איז ניט ארין גיגאנגען נאר ברשות אונ היינט זעה איך אז דאס פייער איז ניט דא אונ דיא שטוב איז פול · דער ווייל האט רבי שמעון אויף גיהויבין זיינע אויגין אונ האט גיזעהען וואס ער האט גיזעהען אונ א פייער האט ארום גירינגילט דאס הויז זיינען אלע ארויס גיגאנגען עס איז נאר גיבליבין זיין זון רבי אלעזר אונ רבי אבא מיט דער איבעריגער חבריא זיצין אין דרויסין זאגט רבי שמעון צוא זיין זון רבי אלעזר גייא ארויס אונ זעה אויב רבי יצחק איז דא ווייל איך האב ערב גיוועזן פאר אים אזוא וויא אויבין שטייט אין פרשת וילך זאג אים ער זאל מסדר זיין זיינע דברים אונ זאל זיך זעצין ביא מיר וואול צו זיין חלק · שטייט רבי שמעון אויף אונ זעצט זיך אונ לאכט אונ זאגט וואו זיינען די חבריא שטייט רבי אלעזר אויף אונ האט אריין גירופין דיא גאנצע חברייא זייא זעצין זיך פאר רבי שמעון ער הויבט אויף זיינע הענט אונ איז מתפלל אונ איז זיך משמח אונ זאגט דיא זעלביגע חבריא וואס זיינען גיוועזן מיט מיר אין יענער אידרא קדישא דיא זאלין אלע זיין דא זיינען אלע ארויס גיגאנגען עס אי נאר גיבליבין זיין זון רבי אלעזר אונ רבי אבא ורבי יהודה ורבי יוסי ברבי יעקב ורבי חייא דער ווייל קומט אריין רבי יצחק זאגט רבי שמעון וויא גאר שיין איז דיין חלק וויא פיל שמחה וועט דיר גימערט ווערין דעם טאג אונ רבי אבא האט זיך גיזעצט אונטער זיין אקסיל אונ רבי אלעזר פאר אים זאגט רבי שמעון איצונד איז איין עת רצון דרום וויל איך אריין גיין לעולם הבא אן חרפה אונ דיא הייליגע רייד וואס זייא זיינען נאך ניט אנטפלעקט גיווארין ביז אהער וועל איך זייא היינט אנטפלעקין פאר דער שכינה זיא זאל ניט זאגין אז איך בין אפ גיטאן גיווארין פון דער וועלט בחסרון אונ ביז אהער זיינען אלע מיינע רייד פאר בארגין גיוועזן אין מיין הארצין אבער איצונד וויל איך זייא מגלה זיין מיט דיא סודות צו גיין לעולם הבא אונ אזו בין איך מסדר צו אייך · רבי אבא זאל אלץ שרייבין וואס איך וועל מגלה זיין · אונ רבי אלעזר מיין זון זאל זיך דרינען מיען · אונ דיא אנדערע חברייא זאלין נאר טראכטין אין הארצין · איז רבי אבא אויף גישטאנען פון אונטער זיין אקסיל אונ רבי אלעזר האט זיך דארטין גיזעצט זאגט רבי שמעון שטייא אויף מיין:

מיין קינד אויף דעם אָרט בּראַרף אַנאַנדערער
צו זיצן איז רבי אלעזר אויף געשטאַנען אונ
רבי שמעון איז אַרום געגאַנגען אונ דער
נאך האט ער זיך געזעצט :
פתח ער הויבּט אָן לא המתים יהללויה עס איז
בוודאי אַזוי ווייל השי"ת איז איין חי
אונ ער איז צווישן דיא חיים אונ ניט צווישן
דיא מתים אונ דער סוף פסוק זאגט ולא כל
יורדי דומה אונ ניט דיא רשעים וואס זיינען
אין דיא הענט פון דומה אין גיהנם אָבער
די צדיקים הייסן חיים השי"ת באגערט אין
זייער כבוד · זאגט רבי שמעון וויא גאר איז
פאר ענדערט דיא שעה פון דער ערשטער
אידרא דען דארטין איז אַראָפּ געקומען השם
יתברך מיט זיין מרכבה אליין אָבער איצונד
איז השם יתברך געקומען מיט דיא צדיקים
וואס זיינען אין גן עדן וואס דארטין איז
דאס ניט געוועזן אונ השם יתברך באגערט
אין דעם כבוד פון צדיקים מער וויא אין זיין
כבוד אַזוי וויא מיר געפינען בייא ירבעם אַז ער
האט געדינט עבודת כוכבים אונ האט מקטיר
געוועזן צו איר האט ער אים גאר ניט געטאָן
אונ אַז ער האט אויס געשטרעקט זיין האנט
אנטקעגין דעם נביא איז זיין האנט פאר
טריקנט געווארין אַזו וויא עס שטייט ותיבש
ידו אונ איצונד באגערט השם יתברך אין
דעם כבוד פון דיא צדיקים אונ אַלע קומען
איצונד מיט אים ער זאגט דא איז רב
המנונא סבא אונ מיט אים זיינען זיבּעציג
צדיקים אויס געקריצט אונ אַנטפּלעקט
איטליכער מיט עטרות זייא קומען צו דער
שמחה פון דיא סודות וואס ווערט איצונד
אַנטפּלעקט ווערין וויא ער זיצט אַזו זאגט
ער דא קומט רבי פנחס בן יאיר גרייט אים
אָן איין אָרט דיא חברייא וואס זיינען דארטין
געוועזן זיינען געווארין דער שראָקין זיינען זייא
אויף געשטאַנגען אונ האבין זיך געזעצט נידעריגער
אַראָפּ אין שטוב אונ רבי אלעזר מיט רבי
אבא זיצין פאר רבי שמעון זאגט רבי שמעון
אַז מיר זיינען געוועזן אין יענער אידרא האבין
אַלע געזאגט סודות אונ איך אויך מיט זייא
אונ היינט וועל איך אַליין זאגין אונ איר אַלע
הערט צוא מיינע רייד אונ דיא עליונים
והתחתונים וועלין אויך צוא הערין וואול צוא

מיין חלק היינטיגין טאג :
פתח רבי שמעון הויבּט אָן אני לדודי ועלי
תשוקתו אַלע מיינע טעג בין איך געקניפּט
געווארין בעולם הזה אונ בין געוועזן מקושר אין
הקב"ה מיט איין קשר דרום איצונד אויך ועלי
תשוקתו איז זיין געלוסטיקייט אויף מיר דאס
ער אונ דיא חברותא הקדושה קומען צוא
הערין אין דער שמחה פון די דברים סתומים
אונ דעם שבח פון הקב"ה וואס ער איז נסתר
ונעלם מעיני כל חי דער נאך איז רבי שמעון
מפורש דיא מעלות אונ שבח פון הקב"ה דער
נאך זאגט ער דיא רייד וואס איך האב מגלה
געוועזן איז ניט געגעבין געווארין נאר צוא דיא
קדושים עליונים וואס זייא גייען אַריין במעשה
מרכבה סודות עליונים אונ ווייסן די דברים
פון הקב"ה אונ קערין זיך פון זייא ניט אָפּ
לימין ולשמאל אַזו וויא דער פסוק זאגט כי
ישרים דרכי ה' צדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם
וואול צו דעם מענטשין וואס ער איז זוכה
צו ווישין דיא וועג פון השי"ת אונ קערט ניט
אָפּ פון זייא אונ זאגט גרוישע סודות דער
נאך זאגט ער עס איז גלוי וידוע פאר הקב"ה
אַז איך האב דאס ניט געטאָן פון מיין כבוד
וועגין אָדער פון מיין פאטערש כבוד וועגין
נאר פון וועגין איך זאל ניט אַריין גיין בחרפה
פאר זיין היכל אונ איך האב געזעהען אַז
הקב"ה מיט אַלע צדיקים וואס זיינען דא זיינען
אַלע מסכים מיט מיר דען איך זעה אַז אַלע
זיינען זיך משמח מיט מיין שמחה אַזו וויא
איין חתונה אונ אַלע זיינען אָן געבּרייט לעולם
הבא אין מיין שמחה וואול צוא מיין חלק ·
זאגט רבי אבא אַז דיא הייליגע ליכט רבי
שמעון האט אויס געלאָזט דיא דברים האט
ער אויף געהויבּין דיא הענט אונ וויינט אונ
דער נאך האט ער געלאַכט ער האט געוואָלט
איין זאך מגלה זיין אונ זאגט אויף דער זאך
האב איך מיך מצער געוועזן כל ימי אונ איצונד
וויל מען מיר קיין רשות ניט געבין אַז איך
זאל דאס מגלה זיין · ער טוט זיך שטאַרקין
אונ האט זיך געזעצט אונ רעט מיט דיא
לעפּצין אונ האט זיך געבוקט דרייא מאָל אונ
קיין מענטש האט ניט געקענט זעהען אין זיין
אָרט מכל שכן אויף אים אַליין אונ ער זאגט
מויל מויל דוא האסט זוכה געוועזן צוא דעם

אלים · דיין קוואל איז ניט פאר טריקנט
גיוואָרין דיין קוואל גייט אויף אונ הערט ניט
אויף · אויף דיר איז גיזאגט גיוואָרין דער
פסוק ונהר יוצא מעדן אונ עש שטייט כמוצא
מים אשר לא יכזבו מימיו איצונד בין איך אויף
מיר מעיד אז כל ימי וואש איך בין גיוועזן
אויף דער וועלט האב איך אלץ גילוסט צוא
זעהען דעם טאג דען דער טאג איז גיקריינט
גיוואָרין אונ · איצונד באגער איך מגלה זיין
דברים פאר הקב"ה דען אלע זיינען גיקריינט
אויף מיין קאפ:
אמר רבי שמעון רבי שמעון זאגט כל ימי האב
איך מסתכל גיוועזן אין דעם פסוק בה׳
תתהלל נפשי ישמעו ענוים וישמחו אונ איצונד איז
מקוים גיוואָרין אויף מיר דער פסוק בוודאי
דאש מיין נפש טוט לויבין צו השי"ת אונ איז
אין אים באגריפין אין אים טוט זיא פלאמען
אין אים איז זיא באהעפט אונ מיט דער
השתדלות וואש זיא איז משתדל צוא אים ווערט
זיא עולה זיין אויף איר אָרט ישמעו ענוים וישמחו
אלע צדיקים אונ זכאין וואש זיינען גיקומען מיט
הקב"ה דיא אלע הערין אונ פרייען זיך איצונד
איז דא דיא ישיבה הקדושה אונ דרום שטייט
אויך גדלו לה׳ אתי ונרוממה שמו יחדו ער זאגט
גרוישע סודות אונ זאגט אלע דיא רייד האב
איך אויף גיהאלטין ביז דעם היינטיגין טאג
דער מיט צו גיקריינט ווערין צו הקב"ה אונ
זאגט ווייטער סודות כי שם צוה ה׳ את הברכה חיים
זאגט רבי אבא אז דיא היילינע ליכט רבי
שמעון האט נאר אויש גילאזט דאש וואָרט
חיים זיינען זיינע רייד גישטילט גיוואָרין אונ
איך האב זייא גישריבין אונ ווייטער האב
איך שוין ניט גיוואוסט וואש צו שרייבין האב
איך אויף גיהויבין מיין קאפ דען דאש ליכט איז
זייער גרויש גיוועזן אונ איך האב גאר ניט
גיקענט זעהען אין דעם בין איך זייער דער
שראקין גיוואָרין אונ דער ציטערט גיוואָרן אונ
האב גיהערט איין קול עש האט גיזאגט אורך
ימים ושנות חיים ושלום יוסיפו לך דער נאך האב איך
ווידער גיהערט איין קול וואש האט גיזאגט
חיים שאל ממך נתת לו אורך ימים עולם ועד דעם
גאנצין טאג האט זיך ניט אפ גיטאן דאש פייער
פון דעם הויז אונ עש האט קיינער ניט גיקענט

צוא אים קומען מחמת גרויש ליכטיקייט אונ
פייער וואש איז גיוועזן ארום אים · דעם גאנצין
טאג בין איך גיפאלין אויף דער ערד אונ האב
גישריען דער נאך אז דאש פייער איז אוועק
האב איך גיזעהען אז דער בוצינא קדישא דיא
היילינע ליכט רבי שמעון קודש קדשים איז
אפ גיטאן גיוואָרין פון דער וועלט ער איז
גילעגין אונ זיין פנים לייכט מיט גלאנצקייט
שטייט אויף זיין זון רבי אלעזר אונ נעמט זיינע
הענט אונ קושט אים אונ איך האב גיקושט די
ערד וואש אונטער זיינע פים די חברייא הויבין
אן צו וויינען אונ האבין ניט גיקענט ריידין אונ
רבי אלעזר זיין זון פאלט דרייא מאל אונ קען
ניט עפענען זיין מויל דער נאך הויבט ער
אן אבא אבא איצונד פאר וואגלען דיא חיות
אונ די פויגלען טוען שוועבין אונ ווערין איין
גיטאן בים הגדול אונ דיא חברייא טרינקען
בלוט שטייט אויף רבי חייא אונ זאגט ביז
איצונד האט דער בוצינא קדישא אויף אונז
משתדל גיוועזן אונ היינט איז ניט קיין צייט
נאר מען זאל זיך מיט אים משתדל זיין אין
זיין כבוד זיינען אויף גישטאנען רבי אלעזר
מיט רבי אבא עש איז גיוואָרין דאש הויז פול
מיט גישמאקין ריח זייא האבין אים אויף
גיבראכט אויף איין מטה אונ קיינער האט
אים ניט משמש גיוועזן נייערט רבי אלעזר
מיט רבי אבא עש איז גיוואָרין איין וויכוח
צווישין דיא שטעט וואש ארום אים איטליכער
האט גיוואלט ער זאל בייא זייא ליגין אונ
דיא מטה איז ארויש גיגאנגען אין דער לופטין
אונ ארום אים האט גיפלאמט אגרויש פייער
אונ זייא האבין גיהערט איין קול וואש האט
גישריען זאמילט אייך איין צו דער הייל דער
נאך איז ווידער ארויש גיגאנגען איין קול אונ
האט גישריען דאש איז דער מענטש וואש
ער האט גימאכט שטורעמען דיא ערד אונ
האט גימאכט ציטערין דיא ממלכות וויא פיל
דינים ווערין היינטיגין טאג גישטילט פון וועגין
רבי שמעון בן יוחאי וואול צוא זיין חלק
למעלה ולמטה כמה אוצרות עליונים וואש
זיינען גידיגט אונ פאר בארגין פון זיינט וועגין
אויף אים איז גיזאגט גיוואָרין דער פסוק ואתה
לך לקץ ותנוח ותעמוד לגורלך לקץ הימין:

וזאת הברכה דער בחיי שרייבט שלמה המלך זאגט אין משלי אשת חיל מי ימצא ווער קען איין קלוג ווייב געפינען דאש זיא טוט ארבעטין טאג אונ נאכט אונ האלט אייש איר הויז אונ גיט צדקה צוא עניים אזוא איין אשה איז ראוי צוא לויבין · דען איין אשה קען איר מאן אונ קינדער ברייגגען צו עולם הבא · ווען זיא ארבעט וואש מען באדארף אין הויז אונ דער מאן אונ קינדער קענען זיצין אונ לערנען תורה אונ אזו וויא דער גוף איז וואורין גיגעבין צוא דער נשמה כדי דער מענטש זאל קענען רעכט גאט דינען · אזוא איז אויך דאש ווייב וואורין גיגעבין צום מענטשין זיא זאל אים העלפין ער זאל קענען רעכט גאט דינען · דאש האבן דיא חכמים גיזאגט זכה עזר אז דער מענטש איז זוכה גיט אים גאט איין ווייב דאש זיא העלפט אים ער זאל קענען רעכט גאט דינען · אבער שקר החן והבל היופי עס איז ניט ראוי צוא לויבין דיא אשה ווייל זיא איז שיין נאר זיא איז ראוי צוא לויבין ווען זיא האט גוטע מעשים אין זיך · אונ דער מדרש זאגט אשת חיל מי ימצא דאש מיינט מען די תורה זיא איז גיגליכין צוא איין קלוגע אשה · דען אין דער תורה איז פיל חכמות אונ גוטע מעשים גישריבין דאש מען קען דורך זייא קומען צוא עולם הבא · אונ לייט לויבין דעם מענטשין וואש לערנט תורה אונ בענטשין אים · חאטשע דער מענטש איז גיבענטשט פון גאט · פון דעסט וועגין האט גאט גיגעבין אין דיא הענט פון מענטשין זיי זאלין אויך קענען לייט בענטשין · צום ערשטין האט גאט גבענטשט אדם הראשון אונ נח ביז אברהם איז גיקומן האט גאט אים גיגעבין די ברכה אין האנט ער זאל בענטשין וועמן ער וויל זאל זיין גיבענטשט · דער נאך האט גאט גיגעבין דיא ברכה צוא יצחק אין זיין האנט אונ יצחק האט גיבענטשט צו יעקב אונ יעקב האט גיבענטשט צוא זיינע קינדער פאר זיין טויט · אונ אזוא אויך האט משה גיטאן אונ האט גיבענטשט צו כל ישראל פאר זיין טויט דאש זאגט דער פסוק וזאת הברכה אשר ברך משה דאש איז דיא ברכה וואש משה האט גיבענטשט דיא ישראל פאר זיין טויט · אונ גאט האט גיזאגט בלעם האט גיזאלט בענטשין דיא ישראל מיט זיבין ברכות דער פאר וואש ער האט גיבויט זיבין מזבחות נאר ער האט איין בייז אויג גיהאט אונ האט זיי נאר גיבענטשט מיט דרייא ברכות · דרום זאל קומען משה וואש האט איין גוט הארץ אונ איין גוט אויג אונ זאל דיא ישראל נאך מיט פיר ברכות בענטשין כדי עס זאלין דער פילט ווערין דיא זיבין ברכות · איז קשה דיא פרשה הייבט זיך אן מיט וזאת הברכה דאש איז טייטש דאש איז דיא ברכה וואש משה האט גיבענטשט צוא ישראל אונ דער נאך זאגט ער נאר פיל פסוקים מיט אנדערע רייד איידער ער בענטשט זיי · דער תירוץ איז משה האט זיך נידעריג גהאלטין אונ האט זיך גטראכט וויא קום איך צוא בענטשין ישראל דער סדר איז איין פאטער בענטשט זיינע קינדר אונ איך בין ניט זייער פאטער אונ אויך איין מלך בענטשט זיין פאלק אונ איך בין ניט קיין מלך דרום האט משה גיזאגט יי מסיני בא גאט האט דיא תורה צו ישראל גיגעבין אויף דעם בארג סיני אונ דער נאך זאגט ער ויהי תוט לרגליך דיא ישראל האבין זייערע פים צוא שטויסין אונטער דעם בארג סיני צוא מקבל זיין דיא תורה אונ דער נאך זאגט ער ישא מדברותיך דיא ישראל האבין נאר גיהערט צווייא דבורים פון גאט אנכי יי אלהיך אונ לא יהיה לך אלהים אחרים אונ ווייל דאש קול פון גאט איז זייער שטארק גיוועזן אזו זיינען דיא ישראל

אַלע טויט גיוואָרין אונ האָבין גיזאָגט צו
משה ער זאָל זיא זאָגין דיא אַנדערע
דברות זאָש זאָגט ער תורה צוה לנו משה משה
האָט אונז גילערינט דיא תורה׳ אונ זיי
האָבין אים אויף גינומען פאַר אַיין רבי
דרום איז ראוי ער זאָל בענטשין דיא
ישראל אַזוא וויא אַיין רבי בענטשט זיינע
קינדער דיא תלמידים׳ ויהי בישורון מלך דער
חזקוני שרייבט משה איז גיוועזן אַיין מלך
איבער דיא ישראל בהתאסף ראשי עם וויל
ער האָט אַיין גיזאַמילט מיט טרומייטין
דיא עלצטע פון דעם פאָלק אַזוא וויא
אַיין מלך זאַמילט אַיין דאָש פאָלק צוא
אַנאַנדער דרום איז רעכט ער זאָל בענטשין
דיא ישראל אַזוא וויא אַיין מלך בענטשט
זיין פאָלק׳ אונ רש״י שרייבט ויהי בישורון מלך
מיינט מען גאָט איז אַיין מלך איבר ישראל
נאָך די ביידע פשטים נאָך לערינט אונז
דער פסוק ווען מען נעמט אויף אַיין ראש
הקהל אָדער אַיין דיין מוז מען רעכט נאָך
זעהען אויב ער איז ראוי צוא זיין אַיין
ראש הקהל אָדער אַיין דיין דאָש זאָגט
דער פסוק והביטו אחרי משה זיא האָבין נאָך
גיקוקט נאָך משה אויב ער איז ראוי צו
זיין אַמלך׳ אונ נאָך רש״י זאָגט דער פסוק
ויהי בישורון מלך זיא האָבין גאָט אויף גינומן
פאַר אַיין מלך נאָך דעם נאָך קוקין אונ
פרובין וואָש זיי האָבין אים גיפרובט דען
בישורון איז טייטש קוקין׳ איש האלהים משה
איז וואָרין גירופין אַיין געטליכער מאַן וויל
ער האָט אַלץ גיטאָן דיא מצות פון גאָט׳
אָדער דרום האָט משה גיהייסין איש האלהים
דען משה האָט גיזאָגט צוא גאָט קומה ה׳
שובה ה׳ שטייא אויף גאָט אונ אַז ער האָט
גיוואָלט האָט ער גיזאָגט רוא בייא אונז
גאָט לפני מותו דער מלאך המות איז גישטאַנן
בייא משה צו צו נעמען זיין נשמה אונ
משה האָט אים גיזאַמט אונ האָט גבענטשט
דיא ישראל׳ ה׳ מסיני בא דער תולדות יצחק

שרייבט פון וועגין דעם רמבן משה האָט
פריער גיזאָגט דיא גוטע מעשים פון ישראל
אונ זאָגט גאָט האָט זיך אָן גיהויבין באַווייזין
צו ישראל אויף דעם באַרג סיני אונ דער
נאָך איז דיא שכינה גיקומען אין משכן
אונ איז גיבליבין בייא ישראל׳ אונ דער
מדרש זאָגט גאָט איז גיקומען צוא אַלע
אומות זייא זאָלין מקבל זיין די תורה האָבין
זייא ניט גיוואָלט דיא תורה אָן נעמען
דאָש זאָגט דער פסוק חאַמשע עשו אונ
ישמעאל זיינען דיא קינדער פון אברהם
אונ יצחק האָבין זייא דאָך דיא תורה
ניט גיוואָלט אָן נעמען דרום אף חובב עמים
האָט גאָט צוא ישראל גיגעבין דיא תורה
אונ האָט זייא גירופין מיין גיליבט פאָלק׳
כל קדושיו בידך אַלע דיא וואָש האָבין מקדש
השם גיוועזן זיינען אין דיינע הענט דאָש
איז שבט לוי וואָש האָבין בייא דעם עגל
מקדש השם גיוועזן אונ האָבין זיך מסכן
נפש גיוועזן אונ האָבין גיהרגת דיא וואָש
האָבין גידינט דאָש עגל והם תכו לרגליך אונ
זייא האָבין זיך צוא שטויסין פון דיינט
וועגין כלומר די לוים זיינען אין אַיין גרוישר
סכנה גיקומען וויל זייא פלעגין טראָגין
דעם אָרון אונ אַנדערע כלי הקודש אונ זייא
פלעגין אום קומען ווען זייא פלעגין זייא
ניט רעכט טראָגין ישא מדברותיך אויך האָבין
דיא לוים זייא תורה גילערינט אונ האָבין
דינים גיפסקנת צוא דאָש פאָלק ישראל׳
תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב דיא לוים
זאָגין מיר האָבין מקבל גיוועזן דיא תורה
פון משה פאַר אַיין ירושה וואָש מיר זיינען
דאָש אַיין זאַמלונג פון יעקב׳ אונ דרום
דער מאַנט ער יעקב אונ ניט אברהם אונ
יצחק וויל ישמעאל דער זון פון אברהם
אונ עשו דער זון פון יצחק האָבין ניט
גיוואָלט דיא תורה מקבל זיין אונ דער
פסוק לערינט אונז אויך דאָש פון דער תורה
וועגין איז צוא ישראל וואָרין גיגעבין דאָש

לאנד ארץ ישראל אונ ווען זייא וועלין
דיא תורה ניט האלטין וועלין זייא פאר
טריבין ווערין פון דעם לאנד אזוא וויא
מיר זיינן איצונד פאר טריבין ויהי בישורון
מלך בהתאסף ראשי עם נאט איז איין מלך
צווישין ישראל ווען זיי זיינן איין גיזאמילט
מיט אנאנדער אונ האבין שלום צווישין
זיך דאש קיין קריג איז ניט דא צווישין
זייא · יחי ראובן ואל ימות ראובן זאל לעבין
אויף דער וועלט אונ זאל ניט גישטראפט
ווערין אויף יענער וועלט עש זאל אים ניט
דער מאנט ווערין דאש וואש ער האט פאר
שטערט דאש גילעגער פון זיין פאטער
יעקב אונ ער זאל גציילט ווערין צווישין זיינע
ברידער אונ משה האט פריער גיבענטשט
צוא ראובן ווייל ער איז איין בכור אונ
ראובן האט אויך פריער גינומען איין חלק
אין ארץ ישראל · דער נאך זאגט משה
איין ברכה צוא יהודה ווייל ער האט גינומן
איין חלק נאך ראובן פאר אנדערע שבטים ·
רש"י שרייבט ער זאגט דרום יהודה בייא
ראובן ווייל זייא האבין ביידע מתודה
גיוועזן זייערע עבירות אונ האבין תשובה
גיטאן · אונ ער האט גיבענטשט יהודה ער
זאל שטארק זיין צוא מלחמה האלטן מיט
דיא עובדי כוכבים · דיא גמרא זאגט אין
מכות דאש אלע פערציג יאר וואש דיא
ישראל זיינן גיוועזן אין דער מדבר האבין
זייא מיט זיך גיטראגין די ביינער פון דיא
שבטים איטליכין אין איין באזונדערין ארון
אונ דיא ביינער פון יהודה האבין זיך
גיקייקלט אין ארון אונ האבין ניט רוא
גיהאט ווייל ער האט ערב גיוועזן פאר בנימין
צוא זיין פאטער אונ האט גיזאגט וחטאתי
לאבי כל הימים איך זאל אייביג אין חרם זיין
אויב איך וועל בנימין ניט אפ ברייננען אונ
דיא קללה פון איין חכם אפילו ווען זיא
איז גיזאגט אויף איין תנאי אזוא ווערט
זיא מקוים דאש האט משה גיזאגט ווער

האט גימאכט דאש ראובן האט מתודה
גיוועזן אויף זיינע עבירות דאש האט
יהודה גימאכט ווייל ער האט מתודה גיוועזן
אויף זיינע עבירות אזוא האט ראובן
אויך מתודה גיוועזן אזו באלד האט גאט
די תפלה פון משה אן גינומען אונ האט
באהעפט דיא ביינער פון יהודה איינער צום
אנדערין · נאר מען האט אים ניט גילאזט
גיין אויף דער ישיבה אין הימיל צוא
לערנען תורה · האט משה ווידער תפלה
גיטאן האט מען אים אריין גילאזט אין
דער ישיבה צו לערנן · האט יהודה זיך ניט
גיקענט מפלפל זיין אין לערנען האט משה
דרויף אויך תפלה גיטאן · האט ער קיין
קשיא ניט גיקענט פר ענטפערין אונ האט
קיין הלכה ניט גיוואוסט האט משה דרויף
אויך תפלה גיטאן · וללוי אמר אונ צו לוי האט
ער גיזאגט ווייל זיי האבן דער שלאגין אלע
וואש האבין דאש עגל גידינט אפילו ווען
איין לוי האט גיהאט איין שטיף פאטער איין
ישראל אונ איין ברודער איין ישראל פון איין
מוטר האט ער זיי גיהרגת ווען זייא האבין
דאש עגל גידינט · אויך האט זיך שבט לוי
מל גיוועזן אין דר מדבר אונ כל ישראל האבן
זיך ניט מל גיוועזן אין דער מדבר · אונ זייא
פסקענן דינים צוא ישראל אונ ברייננען
קרבנות · אונ עש איז וואורין גימייט דיא
רשעים פון זיי וואש האבין גיקריגט אויף
דר כהונה אין דר מדבר אויך האט ער נביאות
גזאגט דאש אנטיוכס וועט קומן אויף ישראל
אין דיא טעג פון דיא חשמונאים די קינדר
פון מתתיהו הכהן אונ דיא חשמונאים וועלן
אים דר שלאגין לבנימין אמר דר בחיי שרייבט
ער האט גיוויזן דאש עש וועט זיין דריא
בתי מקדשים צווייא וועט זיין אין חלק פון
בנימין · אונ ווייל בנימין האט זוכה גיוועזן
דיא שכינה זאל רוען אין זיין חלק · דרום
האט ער זוכה גיוועזן דאש קיין ווארים האט
בייא אים ניט גירועט אין זיין קבר · דען

דיא

דיא גמרא זאגט זיבן זיינען וואש קיין
ווערים האבין זייא ניט גינעסין אין קבר
אברהם יצחק יעקב משה אהרן מרים אונ
בנימין · אונ אטייל זאגין דוד המלך
האבין אויך קיין ווערים ניט גינעסין ·
אונ וויל בנימין איז מער גיבענטשט
גיווארין פון אלע שבטים דאש די שכינה
זאל רוען אין זיין חלק · דרום שטייט ניט
קיין ואיו ביא זיין נאמען פון פארינט אזו
וויא ביי אלע שבטים צו ווייזין דאש דיא
ברכה פון בנימין איז באזונדער ניט גלייך
צוא אלע שבטים · וליוסף אמר צוא יוסף האט
ער גיבענטשט דאש אין זיין לאנד זאל
זיין גוטע תבואה אונ פירות אונ פון זיין
ערד ווערט מען גראבין גאלד אונ זילבר ·
דער מדרש זאגט ווארום איז יוסף ווארן
גיבענטשט מיט דר ערד · וויל אדם הראשון
האט זיין ווייב צוא ביזין גיפאלגט אזוא
איז דיא ערד פון זיינט וועגין גישאלטין
גיווארין אבר יוסף האט ניט גיוואלט הערין
זיין הארינש ווייב דרום איז דיא ערד פון
זיינט וועגין גיבענטשט גיווארין · אונ די
תורה האט ביא יוסף אן גישריבן אין
לאנג ווארט תבואתה עש וואלט גינוג גוועזן
עש זאל שטיין תבוא דאש ווייזט אזו וויא
יוסף איז פריער גיקומען קיין מצרים פאר
אלע שבטים אזוא ווערט ער אין די טעג
פון משיח אויך פריער קומען קיין ארץ
ישראל מיט פינף אונ פערציג יאר · רבי
איסריל שרייבט ווארום האט משה ניט
גיבענטשט שבט שמעון אזו וויא ער האט
גיבענטשט אנדרע שבטים דאש איז וויל
דיא גמרא זאגט אין פרק מקום שנהגו דאש פיר
אונ צוואנציג תעניתים האבין דיא אנשי
כנסת הגדולה גיפאסט דאש קיין סופרים
אדער מלמדים זאלין ניט רייך ווערין דען
ווען זיי וועלין רייך ווערין וועלין זיי ניט
וועלין זיין קיין מלמדים אדער סופרים ·
דרום ווען זייא קיין סימן ברכה נית אין

דעם קנעלין אדער אין דעם שרייבין · אונ
דרום אויך האט משה ניט באשיידליך
גיבענטשט צוא שבט שמעון וויל פון דעם
שבט ווערט ארויש קומען מלמדים אונ
סופרים · אונ ער האט אים נאר דר מאנט
ביי שבט יהודה אונ דר אבן שואב שרייבט
וויל יעקב האט גיצערינט אויף שמעון
ולוי נאר לוי האט תשובה גיטאן אונ
האבין פיל גוטש גיטאן אונ האבין תורה
גילערינט צוא ישראל אונ זייא האבין
זייער האלז גישטעלט ביא דעם עגל אונ
האבין גיהרגת דיא וואש האבין דער צוא
גידינט אונ אז דיא ישראל האבין מזנה
גיוועזן מיט דיא טעכטער פון מואב אונ
דער נשיא פון שבט שמעון האט מזנה
גיוועזן מיט דער טאכטער פון דעם מלך
פון מדין איז גיקומען פנחס וואש ער
קומט ארויש פון שבט לוי אונ האט זיין
לעבין איין גישטעלט אונ האט דעם
נשיא מיט דער זונה דר שלאגין אונ
האט אין זיי איין נקמה גיטאן פון גאטש
וועגין · דרום האט משה צוא שבט לוי
גיבענטשט · אבער שמעון האט נאך
גיזינדיגט מיט דיא טעכטער פון מואב ·
דרום אויך האט זייא משה ניט בשיידליך
גיבענטשט · אונ רבי איסעריל פרעגט
ווארום האט משה פריער גיזאגט דעם
שבח פון שבט לוי אונ דער נאך האט
ער אים גיבענטשט אונ ביא אנדערע
שבטים האט ער זייער שבח ניט גיזאגט
פריער דער תירוץ איז משה האט זיך
גיוואלט גירעכט מאכין אנטקעגין דער
וועלט מען זאל ניט זאגין דאש ער חנפת
שבט לוי אונ זיי וועלין זאגין ער בענטשט
ניט צוא שמעון וויל יעקב האט אויף
אים גיצערינט · אונ אויף לוי האט יעקב
אויך גיצערינט אונ משה בענטשט זייא
דאך וויל זייא זיינען זיינע קרובים ·
דרום האט משה פריער גיזאגט דעם שבח

פון שבט לוי צוא זאגין איך טוא זייא
ניט חנפענען נאר זייא זיינען ווערט איך
זאל זייא בענטשין ווייל זייא זיינן פרום
אונ לערנען תורה צוא ישראל פון דאגן
זאל מען אפ לערנען דאש איטליכער
ראש הקהל אדער איין פרנס זאל ניט
חנפענען זיינע קרובים אונ זאל זיך גירעכט
מאכין מען זאל אים ניט חושד זיין · אונ
זאל לייט צו קיין זינד ניט בריינגען דאס
זייא זאלין אים חושד זיין · שמח זבולון
בצאתך משה האט גיבענטשט זבולון זאל
האנדלען אונ זאל שפייזין צו שבט יששכר
דאש זייא וועלין לערנען תורה · אונ
דרום דער מאנט דיא תורה זבולון פאר
יששכר האטשע ער איז דאך אינגער
גיוועזן ווייל זבולון האט גימאכט דאש
שבט יששכר האבין גיקענט לערנן תורה ·
דרום האט אים משה פריער גיבענטשט
פאר זיין עלצטין ברודער יששכר · פון
דאנען לערנען אונזערע חכמים אפ וועו
איין עושר האלט אויש תלמידי חכמים
דיא זאלין קענען זיצין אונ לערנען איז
ער זוכה צוא זעהען דיא שכינה · אונ
משה האט זבולון לאנג גיבענטשט אונ
יששכר האט ער קורץ גיבענטשט ווייל
דיא ברכות פון יששכר זיינען ניט אויף
דעם עולם אליין נייערט אויף דער וועלט
אונ אויף יענער וועלט דרום שטייט ביי
יששכר צווייא שינען אין זיין נאמען
דאש ווייזט אויף צווייא ערלייא שכר
דאש גאט וועט אים געבין אויף דר וועלט
אונ אויף יענער וועלט דען דיא שין ווייזט
אויף שכר · אין פרשת ויחי שטייט זבולון לחוף
ימים ישכון זבולון וועט רוען ביי דעם בארטין
פון דיא ימים · זאגט דר מדרש דרויף דאש
זבולון האט גיזאגט צוא גאט ווארום
האסטו מיין חלק לאנד גיגעבין ביי דיא
ימים אונ צוא אנדערע שבטים האסטו
גיגעבין גוטע פעלדער אונ וויין גערטנער

האט גאט אים גיענטפערט עש וועט
ארויש גיין ווערים פון דעם ים וואש
הייסין חלזון אונ כל ישראל וועלין טייער
צאלין דער פאר צוא פארבין דער מיט
תכלת צוא ציצית · איז קשה זבולון
האט באגערט פעלדער אונ וויין גערטנר
אונ גאט האט אים גיענטפערט ער וועט
אים געבין בלאע וואל דער תירוץ איז
אזוא זבולון האט גיזאגט צוא גאט אלע
טייכין גייען אריין אין ים אונ דר טייך
שטים האט גימאכט אן רייצין דיא לייט
פון סדום צוא זנות · אונ אויך אז די
ישראל זיינען גיקומען צום טייך שטים
האבין זייא מזנה גיוועזן מיט די טעכטר
פון מואב דאש האט זבולון גיזאגט איך
זיין ביי דעם ים אונ דער טייך שטים
קומט אויך אין ים אריין האב איך מורא
איך זאל ניט אן גירייצט ווערין צוא
זנות האט גאט אים גיענטפערט ווייל
דוא וועסט מיט ציצית האנדלען דאש
מען וועט פון דיר תכלת קויפין צוא
ציצית דרום וועסטו ניצול ווערין פון
זנות דען מצות ציצית איז מציל פון
זנות אזוא וויא עס איז גיוועזן איין מעשה
דאש איינער האט גיוואלט ליגן ביי
איין זונה · אונ אז ער האט דער זעהע
דיא ציצית איז ער אנטלאפין גיווארין
פון דער זונה · אבר אז משיח וועט קומן
וועט דער יצר הרע בטל ווערין · אונ
איין טייך וועט ארויש גיין פון דעם בית
המקדש אונ וועט פאר טרינקען דעם
טייך שטים אזוא וויא אין פסוק שטייט
ומעין מבית ה' יצא והשקה את נחל השטים איין
טייך וועט ארויש גיין פון גאטש הויז אונ וועט
פר טרינקען דעם טייך שטים אמן כן יהי רצון:

# הפטרת ברכה

דאש לייענט מען אום שמחת תורה:

ויהי אחרי מות משה עבד ה' אונ עש איז גיוועזן נאך
דעם טויט פון משה דר קנעכט פון גאט
האט

האט גאט גיזאגט צו יהושע מיין קנעכט משה איז גישטארבין אבער וואלט ער גילעבט וואלט איך מיט דיר ניט גירעט דען ער איז גיוועזן מער באגלייבט צו מיר· די חכמים זאגין דאש מען האט איבר דעם אבילות פון משה פאר געסין דרייא טויזינט הלכות· אונ איידער משה איז גישטארבן האט ער גיזאגט צו יהושע חזר איבר די הלכות דו זאלשט זיי ניט פאר געסין האט יהושע צו אים גיזאגט איך האב ביי דיר ערינגסט טאג אונ נאכט תורה גלערינט דארף איך זיי ניט איבר חזרין איך וועל זיי ניט פר געסין· אונ וויל ער האט זיך הויך גיהאלטין אונ האט גיזאגט איך דארף זיי ניט צו חזרין דרום האט ער פאר געסין די הלכות· אזו זיינן גיקומן די ישראל צו יהושע אונ האבין גיזאגט צו אים לערין אונז די הלכות אונ אז ניט וועלין מיר דיך פאר גישט האלטין· האט יהושע גאט גבעטין ער זאל אים זאגין די הלכות האט גאט גיזאגט משה עבדי מת מיין קנעכט משה איז גישטארבין אונ די תורה ווערט גירופן תורת משה אונ ניט תורת יהושע דרום קען איך דיר די הלכות ניט זאגין נייערט שטייא אויף אונ מאך גיין די ישראל אין דער מלחמה אזו וועלן זיי פר געסין אין דיו״ אונ וועלן דיך צו רוא לאזין פון דאנען לערנן מיר אפ ווער עש איז איין בעל גאוה פון דעם טוט זיך אפ די תורה אונ חכמה אזו וויא עש איז גישעהען צו יהושע ועתה קום עבור את הירדן אונ היינט שטייא אויף אונ פאר איבר דעם ירדן דו אונ גאר דאש פאלק צו דעם לאנד וואש איך גיב צו די קינדר ישראל אלע ערטר וואו עש וועט טרעטין דיא טריט פון אייערע פים אפילו חוץ לארץ האב איך גיגעבן צו אייך אזו וויא איך האב גירעט צו משה מהמדבר והלבנון הזה פון דר מדבר קדש אונ דר דאזיגר וואלד אונ ביז דעם גרוישן טייך פרת דאש גאנצע לאנד פון די חתים אונ ביז דעם גרוישן ים וואו די זון גייט אונטר וועט זיין אייער גבול לא יתיצב איש לפניך קיין מענטש וועט זיך אנטקעגין דיר ניט שטעלין דיויל דו וועסט לעבין אזו וויא איך בין גיוועזן מיט משה אזו וועל איך זיין מיט דיר איך וועל דיך ניט שלאף מאכין אונ וועל דיך ניט פר לאזין כי חזק ואמץ

נייערט שטארק דיך אונ קרעפט דיך צו היטין אונ צו טאן אזו וויא גאר דיא תורה וואש מיין קנעכט משה האט דיך גיבאטין דו זאלשט ניט אפ קערין פון דר תורה אויף דר רעכטר זייט אונ אויף דר לינקר זייט כדי דו זאלשט באגליקין אין אלע ערטר וואו דו וועסט גיין הלא צויתיך איך האב דיך נאך לאנג גישאפט נאך אין די טעג פון משה דאש דו זאלשט דיך שטארקין אין דר מלחמה אונ זאלשט פאר קיינעם קיין מורא ניט האבין דען גאט איז מיט דיר אין אלע וועגין וואש דו וועשט גיין ויצו יהושע את שוטרי העם אונ יהושע האט גיבאטין צו די עלצטע פון דעם פאלק אונ האט גיזאגט פארט איבר צווישן דעם פאלק אונ גיביט דעם פאלק זייא זאלין זיך אן ברייטין אלע זאכין וואש מען דארף האבין אין וועג דאש איז כלי זיין דען נאך אין דרייא טעג וועט איר איבר פארין דעם ירדן צו קומן צו ירשנן דאש לאנד וואש אייער גאט גיט עש אייך צו ירשנן ולראובני ולגדי אונ צו שבט ראובן אונ צו שבט גד אונ צום האלבין שבט מנשה האט יהושע גיזאגט איר האט גיזאגט צו משה ער זאל אייך געבין אייער חלק לאנד אין לאנד פון סיחון אונ עוג וייל דרינען איז פיל פאשע פאר בהמות אונ איר האט פיל בהמות אונ איר וועט דרינן בויען שטעט צו אייערע ווייבר אונ קינדר אונ איר וועט גיין פר די ישראל קיין ארץ ישראל צו העלפין זיי איין צו נעמען דאש לאנד דרום זייט היינט מקיים אייער תנאי אונ קומט מיט אונז אונ אייערע ווייבר אונ קינדר זאלין בלייבן אין חוץ לארץ אין די שטעט וואש איר האט גינומן צו אייער חלק ביז מיר וועלין איין נעמן דאש גאנצע לאנד האט גיענטפרט שבט ראובן אונ גד אונ דר האלבר שבט מנשה אלין וואש דו וועשט גיביטין וועלין מיר טאן אונ וואו הין דו וועשט אונז שיקין וועלין מיר גיין אזו וויא מיר האבין גיפאלגט צו משה אזו וועלין מיר פאלגין דיך נאר האלט די מצות פון גאט דאש גאט זאל זיין מיט דיר אזו וויא ער איז גוועזן מיט משה כל איש אשר ימרה את פיך איטליכר מענטש וואש וועט דיך ניט צו הערין זאל ווערין גיטייט נאר שטארק דיך אין תורה אונ אין מעשים טובים אמן:

תמו ונשלמו חמשה חומשי תורה· ונזכה לבוא לבית הבחירה:

ויאמר ה' מסיני בא וזרח משעיר למו הופיע מהר פארן וגו' דער פסוק זאגט ה' בצאתך משעיר בצעדך משדה אדום ארץ רעשה בשעת והקב"ה האט גיוואלט געבין דיא תורה צו דיא ישראל איז ער פריער גיגאנגען צו דיא בני שעיר זייא זאלין זיא מקבל זיין האבין זייא ניט גיוואלט אזו וויא עס שטייט וזרח משעיר למו דער נאך איז ער גיגאנגען צו דיא בני ישמעאל האבין זייא אויך ניט גיוואלט דרום שטייט הופיע מהר פארן דאס מיינט מען דיא בני ישמעאל אז זייא האבין שוין אלע ניט גיוואלט האט ער זיך אום גיקערט צו דיא ישראל איז דאך דיא קשיא צו וועלכין נביא פון זייא האט ער זיך באוויזין אויב דוא וועשט זאגין ער האט זיך צו זייא אנפלעקט מיר גיפינען דאס גאר ניט נייערט ער האט זיך באוויזין צוא דיא ישראל דורך משה רבינו אונ ווידער איז קשה עס וואלט גידארפט שטיין ה' לסיני בא וזרח לשעיר למו הופיע להר פארן דען וואלט דר טייטש גיוועזן ער איז גיקומען צו שעיר אונ צו פארן האט ער גיווארט ביז רבי שמעון איז גיקומען האט ער אים גיפרעגט זאגט ער צו אים אויף דער שאלה איז אזו גיזאגט גיווארין ה' מסיני בא פון דעם בארג סיני איז ער אנטפלעקט גיווארין אויף זייא וזרח משעיר דורך דעם וואס דיא בני שעיר האבין ניט גיוואלט מקבל זיין דיא תורה דורך דעם האט הקב"ה דער לייכט אונ האט מוסיף גיוועזן אויף דיא ישראל דיא הייליגע לייכט אזו מיינט מען אויך מהר פארן דרום שטייט מהר שעיר מהר פארן אונ דאס וואס דוא האשט גיפרעגט דורך וועלכין נביא האט ער זיך צו זייא אנטפלעקט דאס איז אגרוישער סוד אונ דער נאך זאגט ער ער האט גירופין צוא דעם ס"מ אונ האט אים גיפרעגט אויב ער וויל מקבל זיין דיא תורה ענטפערט ער וואס שטייט אין דער תורה אזו האט אים הקב"ה גיזאגט אלע עשרת הדברות וויא באלד ער האט אים גיזאגט עס שטייט לא תרצח ענטפערט ער אונ היבט אים אן צו בעטין אונ זאגט רבש"ע ווען דו ווילשט מיר דיא תורה געבין אזו ווילשטו בייא מיר צוא נעמען מיין ממשלה עס וועט פון מיר אליין בטל ווערין דען מיין ממשלה איז דאך נאר מלחמה האלטין אונ דער סדר פון איין מלחמה

מען זאל הרגנען מענטשין אונ איך בין מושל איבער דעם כוכב וואס הייסט מאדים אונ ער האט גיוואלט איין רכילות מקטרג זיין אויף דיא ישראל זאגט ער רבונו של עולם אויב עס איז דיר ניחא עס איז פאר האנדין דיא בני יעקב צו זייא איז ראוי דיא תורה ער האט נאר גימיינט אז דיא ישראל וועלין מקבל זיין דיא תורה וועלין זייא ניט קענען קיין קיום האבין אונ הקב"ה וועט זייא מעביר זיין פון דער וועלט וועלין זייא קיין שליטה ניט האבין זאגט הקב"ה וויל דוא ווילשט אין איר ניט האבין קיין חלק דרום שייד זיך אפ פון איר אונ זייא זיך פון איר נאר מעביר זאגט ער עס גיפעלט מיר זיך אפ שיידין פון איר אין גאנצין זאגט ווידער הקב"ה צו אים וויל עס איז אזו גיב מיר איין עצה וואס איך זאל טאן צוא דיא בני יעקב זייא זאלין וועלין מקבל זיין דיא תורה זאגט ער רבונו של עולם מען דארף זייא משחד זיין נעם דיא ליכט פון דיא חיילות השמים אונ גיב זיא צו זייא דורך דעם וועלין זייא מקבל זיין דיא תורה אונ מיין ליכט וועל איך געבין צו דעם ערשטין דער ס"מ האט פון זיך אפ גיצויגין די ליכט דאס הייסט דיא קדושה וואס האט באדעקט אויף אים אונ האט זיא אפ גיגעבין צוא הקב"ה ער זאל זיא געבין צו דיא ישראל דרום שטייט וזרח משעיר למו ער האט גימאכט צו דיא ישראל שיינען דיא ליכט פון שעיר דאס איז דער ס"מ אזו וויא עס שטייט ונשא השעיר עליו דער נאך איז ער גיגאנגען צו דיא בני ישמעאל האט הקב"ה גירופין צו זיין שר וואס הייסט רה"ב אונ זאגט צו אים ווילסטו מקבל זיין די תורה זאגט ער וואס שטייט אין איר האט ער אים גיזאגט עס שטייט לא תנאף האט ער גיזאגט ווייא ווייא צוא מיר הקב"ה וויל צוא מיר מאכין פערשעמן דיא בייזע ירושה דען עס וועט ווערין פון מיר אפ גיטאן מיין ממשלה דען איך האב בייא מיר דיא ברכה פון דיא פיש וואס בייא זייא שטייט פרו ורבו אויך שטייט בייא מיר והוא יהיה פרא אדם ער האט אן גיהויבין צוא בעטין פאר הקב"ה אונ זאגט רבונו של עולם אברהם האט דאך גיהאט צווייא קינדער יצחק מיט ישמעאל גיב דיא תורה צו דיא בני יצחק זיא איז ראוי צו זייא זאגט הקדוש ברוך הוא

צו אים איך קען צו זייא ניט געבין דען דוא בישט דער בכור איז דאך צוא דיר ראוי דיא תורה הויבט ער אן בעטין צוא הקב"ה אונ זאגט רבונו של עולם מיין בכורה שיינק איך דיא אונ דעם אור וואש איך האב גירשית פון אברהם מחמת מיין בכורה שיינק איך אויך צו זייא האט השרית אזו גיטאן אזו וויא עש שטייט הופיע מהר פארן אזו האט הקב"ה אויך גירופין צו אלע שרים וממונים איבער אנדערע פעלקער האבין זייא אלע אויך גיענטפערט אז מען זאל דיא תורה געבין צו דיא ישראל אונ אלע האבין גיגעבין מתנות צו די ישראל אליין כדי זייא זאלין מרוצה ווערין מקבל זיין דיא תורה עש איז איין משל צוא איין רופא וואש האט גיהאט איין כלי מיט סם חיים ווער עש עסט דער פון בלייבט ער לעבין האט ער דאס גיוואלט געבין צו זיין זון ער האט אבער גיהאט בייא זיך אין שטוב בייזע קנעכט האט ער מורא גיהאט פאר זייא זייא זאלין זיך אין אים ניט מתקנא זיין וואש ער גיט אים אזו אגרויסע מתנה וועלין זייא אים הרגענען האט ער גינומען אביסיל סם המות אונ רופט זיינע קנעכט אונ זאגט צו זייא איר זייט מיינע נאמנים בכן וועל איך אייך געבין דיא כלי באהאלטין · פרעגין זייא אים וואש איז אין דער כלי זאגט ער אין איר איז סם המות טראכטין זייא זיך ווען ער זאל דאש געבין צו זיין זון ווערט ער בוודאי שטארבין וועלין מיר אין גאנצין ירשענען דאש גוטס פון דעם בעל הבית זאגין זייא צו זייער הער דיא כלי איז מער ניט ראוי נאר צו דיין זון אונ אויב ער וועט דאש ניט וועלין נעם דאש געלט וואש דוא בישט אונז שולדיג שכירות אונ גיב אים שוחד כדי ער זאל דיא כלי מקבל זיין אזו אויך דער רופא חכם איז הקב"ה ער האט גיוואוסט אז ער וועט געבין דיא ישראל דיא תורה אונ וועט דיא ממונים ניט מודיע זיין וועלין דיא ישראל קיין מנוחה ניט האבין דרום האט ער אזו גיטאן אונ אזו גימאכט אז זייא זאלין נאך געבין מתנות צוא דיא ישראל כדי זייא זאלין מקבל זיין דיא תורה אונ אלע מתנות האט משה רבינו למעלה צוא גינומען ער זאל זייא געבין צוא דיא ישראל אזו וויא עש שטייט עלית למרום שבית שבי לקחת מתנות באדם אזו האבין דיא ישראל גירשנת דיא תורה אן קריג אונ אן קטרוג בריך הוא ובריך שמיה לעלם ולעלמי עלמיא קום אונ זעה דיא מתנות זיינען גיוועזן צירונג צו דיא ישראל אונ דרום בשעת מתן תורה האבין זייא גיהאט חירות פון דעם מלאך המות ער מיט דעם צד הטומאה האבין אין זייא ניט שולט גיוועזן אונ ניט גינוג וואש זייא האבין זיא מקבל גיוועזן אן קטרוג נאר זייא האבין נאך מקבל גיוועזן מתנות אונ אז זייא האבין גיזינדיגט מיט דעם עגל שטייט ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורב איז פון דיא מתנות באדם נאר ניט גיבליבין בייא זייא נייערט דער שבי וואש עש שטייט עלית למרום שבית שבי אז זייא האבין אבער דער נאך ווידער גיזינדיגט שטייט וישמע הכנעני מלך ערד וילחם בישראל וישב ממנו שבי · רבי יוסי זאגט בשעת הקדוש ברוך הוא האט מחזיר גיוועזן דיא תורה אונ מען האט זיא ניט גיוואלט נעמען האט דיא וועלט גיציטערט אונ האט זיך גישראקין אונ האט זיך גיוואלט אום קערין צו תוהו ובוהו דען הקב"ה האט אתנאי אויש גינומען בשעת בריאת העולם אז מען וועט ניט מקבל זיין די תורה וועט דיא וועלט ווידער חרוב ווערין דרום האט זיא גימיינט אז קיינער וועט שוין ניט וועלין מקבל זיין דיא תורה דרום ארץ רעשה אבער אז דיא ישראל האבין גיזאגט נעשה ונשמע מיד תיכף איז זיא גישטילט גיווארין דרום שטייט משמים השמעת דין ארץ יראה ושקטה פריער האבין דיא הימיל אונ ערד מורא גיהאט אבער דער נאך ושקטה איז זיא גישטילט גיווארין :

וללוי אמר תומיך ואוריך לאיש חסידך רבי אלעזר זאגט איטליכער כהן ולוי איידער זייא זיינען גיקומען טאן זייער עבודה האט מען זייא פריער בודק גיוועזן אויב זייא זיינען רעכט בקי אין זייערע דינים אונ אזו איז אויך גיוועזן בייא די סנהדרין וואש זייא האבין דן גיוועזן דינים אונ אז דיא כהנים זיינען בקי גיוועזן האט מען זייא אריין גילאזין אין בית המקדש צו טאן דיא עבודה אונ אז ניט איז ער דער צו ניט גיקומען אזו וויא דער פסוק זאגט וללוי אמר תומיך ואוריך לאיש חסידך זאגט ער דער נאך ווארום האט אהרן זוכה גיוועזן צו דיא אורים ותומים אונ צו טאן די עבודה

דרום אשר נסיתו במסה ווייל ער איז גיפרובט געווארין האומר לאביו ולאמו לא ראיתיו וגו' אונ אז ער איז וואול גיפונען אין די מדריגות דען עס שטייט ווייטער יורו משפטיך ליעקב ותורתך לישראל ישימו קטורה באפך וגו' ער קען שטיל מאכין דעם רוגז אונ דעם מדת הדין אונ שלום מאכין אויף דער וועלט וכליל על מזבחך דאש דער מדת הדין ווערט משותף מיט רחמים אזו ווערין אלע ברכות גיפונען אין אלע עולמות דרום שטייט ווייטער ברך יי' חילו ופועל ידיו תרצה: וימת שם משה רבי שמעון זאגט משה איז ניט גישטארבין אויב דוא וועשט פרעגין עס שטייט דאך אבער וימת שם משה עס איז אזו בייא אלע צדיקים שטייט נאר דאש ווארט מיתה אנטקעגין אונז זייא ווערין אפ גיטאן פון אונז למטה דען דער וואש איז בשלימות דאש די אמונה הקדושה היינגט אן אין אים איז בייא אים ניט דא קיין מיתה ואתה אל תירא עבדי יעקב ואל תחת ישראל כי אתך אני זאגט רבי יהודה ווייל עס שטייט כי אתך אני איך בין מיט דיר · לערנען מיר אפ אז ער מוז לעבין · וואול צו דעם חלק וואש דער האר זאגט אים איך בין מיט דיר נים דוא בישט מיט מיר נייערט איך בין מיט דיר דען זיין הער קומט צוא אים וואונען מיט אים · זאגט רבי שמעון רבי יהודה האט רעכט גיזאגט עס שטייט וישב יעקב ושקט ושאנן ואין מחריד וישב יעקב ער וועט זיך ווידער קערין למעלה צו דעם ארט וואו ער איז גינומען געווארין ושקט בעולם הזה ושאנן בעולם הבא ואין מחריד ער איז ניט דער שראקין געווארין פאר דעם מלאך המות · איז דער פון משמע עס איז דאש אליין גיוועזן בייא אים · זאגט רבי יצחק מען האט אויך אין דער גמרא גידרונגען פון דעם פסוק אז ער איז ניט גישטארבין ווייל עס שטייט ואת זרעך אזו וויא זיינע קינדער לעבין דאך אזו ער איז נאך אויך בחיים ער לעבט נאך · והחיים ושלום עלינו ועל כל ישראל אמן:

# סליק ספר נופת צופים